STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05039

# FUN VILNE BIZ YISROEL

Yechiel Burgin

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Bernard & Judith Wolstein*
*in honor of*
*their 44th anniversary*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יחיאל בורגין

# פון ווילנע ביז ישׂראל





יחיאל בורגין

# פון ווילנע ביז ישראל

בלעטלער פון אַ לעבן

אַרויסגעגעבן דורכן מחבר

תל־אביב ✶ 1988 ✶ תשמ״ח

YECHIEL BURGIN

# FUN VILNE BIZ ISROEL

©
Copyright by
Y. Burgin, 3 Rosh Pina Str. entry 5
Holon 58400, Israel

כל הזכויות שמורות למחבר

נדפס בישראל תשמ״ח
Printed in Israel 1988

דפוס אורלי, תל־אביב

## דעם אָנדענק

פון מיינע פרי פאַרשטאָרבענע —

מאַמע **פייגע-הינדע**

שוועסטער **איטע**

ברודער **העניך**;

די אומגעבראַכטע דורך די נאַצי-דייטשן —

מיין טאַטע **נחמיה**

שוועסטער **בלומע**

ברודער **מאיר**

זיין פרוי **חנה**

און זייער 8-חדשימדיק יינגעלע

שוועסטער **שפרה**;

מיין ברודער **משה**,

קרבן פון דער נ.ק.וו.ד. אין קאַראַגאַנדאַ;

מיינע חברים פון „מיַידים" —

**אַהרן באָסטאָמסקי**

**הירש פּאָרודאָמינסקי**

**בענציע מיכטאָם**

**יודל מוט**

און אַלע אַנדערע מיטאַרבעטער פון „מיַידים", אומגעבראַכטע דורך די נאַצי-דייטשן;

מיין פרוי און געטרײַ **סאָניע**, אומגעקומען אין קאַצעט שטוטהאָף,

און מיין פריצייטיק פאַרשטאָרבענער לעבנס-באַגלייטערין **זלאַטע**.

# עטלעכע ווערטער וועגן בוך
# און זיין מחבר

יעדער איינער, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין נאַצי־קלעם און איז על־פּי־נס געבליבן לעבן, האָט וואָס צו דערציילן וועגן דער קאָשמאַרפולער תּקופה אין דער געשיכטע פון ייִדישן פאָלק בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. עס זיינען ביז איצט פּובליקירט געוואָרן ניט ווייניק זכרונות פון אָט די לעבן־געבליבענע. אין זיי געפינען מיר אויך באַשרייבונגען וועגן אויף אייביק פאַרשוווּנדענע ייִדישע שטעט און שטעטלעך.

צווישן די דאָזיקע פאַרשוווּנדענע ייִדישע קהילות פאַרנעמט ווילנע, ירושלים דליטא, אַ באַזונדער אָרט.

בדרך־כּלל ווערט אין די דאָזיקע זכרונות־ביכער באַשריבן דער טרויעריקער עפּילאָג פון די קהילות. די זכרונות פון יחיאל בורגין זיינען אין דעם פאַל אַן אויסנעם. דער מחבר דערציילט אויך וועגן ווילנע און ייִדישן לעבן אין דער שטאָט צווישן ביידע וועלט־מלחמות, ווען דער גלאַנץ פון ירושלים דליטא האָט געלויכטן אין דער גאַנצער ייִדישער וועלט. מיר געפינען אין אָט די זכרונות וועגן דעם מלחמה־פּעריאָד און דער נאַצי־אָקופּאַציע מיט אַלע אירע גרוילן, דערנאָך — וועגן דעם נאָכמלחמה־פּעריאָד אין ווילנע, ביז דער מחבר און זיין משפּחה פאַרלאָזן די שטאָט און דורך פּוילן קומען זיי קיין ישׂראל.

דער מחבר באַשרייבט האַרציק און פאַרביק זיינע שווערע קינדער־ און יוגנט־יאָרן. דעם אָנהייב און די אַנטוויקלונג פון זיין אַרטיסטישער און מוזיקאַלישער טעטיקייט.

מיט אינטערעס לייענט זיך דער פעריאָר פון דער פויליש־דייטשער מלחמה, ווען דער מחבר איז מאָביליזירט געוואָרן אין דער פוילישער אַרמיי און פאַלט אריין אין סאָוועטישער געפאַנגענשאַפט, פון וועלכער ער ווערט נאָך אַ סך מאַטערניש באַפרייט.

יחיאל בורגין באַשרייבט זיינע שווערע איבערלעבונגען אין געטאָ. ער איז אַ מיטגליד פון דער פאַראייניקטער פאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע (פ.פ.אָ.) און שפעטער, אין סעפטעמבער 1943, רייסט ער זיך אַרויס פון הינטער די געטאָ־ווענט און מיט איינער פון די ערשטע גרופעס קעמפער דערגרייכט ער די נאַראָטשער וועלדער, ווו עס באַזירן זיך פאַרטיזאַנישע אָטריאַדן.

אויך וועגן דער פאַרטיזאַנישער תקופה האָט דער מחבר אַ סך וואָס צו דערציילן. און ער טוט עס באַשיידן, ניט סטרויעענדיק זיך פאַר אַ העלד, וואָס פאַקטיש איז עס געווען יעדער ייִדישער קעמפער.

יחיאל בורגין פרעטענדירט ניט צו דערציילן די געשיכטע פון ווילנע, אָדער מאַכן וועלכע עס איז היסטאָרישע עקסקורסן אין איר עבר. זיינע „בלעטלעך פון לעבן", גענומען פון זכרון, זיינען באַשיידן, ניט געקינצלט און אמתדיק. לייענען זיי זיך דעריבער מיט גרויס אינטערעס און שטעלן מיט זיך, בלי ספק, פאַר אַ ביישטייער צו דער מעמואַרן־ליטעראַטור וועגן אונדזער אַמאָליקער רומפולער היימשטאָט ווילנע.

**אלכסנדר (סעניע) רינדזיונסקי,**

פאַרטיזאַן פון ווילנער געטאָ

# פון ווילנע ביז ישראל

...אין לעבן קומט אויסעט
אַזוי פיל אַריבערצוטראָגן, אַזוי
פיל אַריבערצוטראָגן...

משה קולבאַק, „ריסן".

## אַפּשטאַם

דער „פּרך" ווו איך בין געבוירן געוואָרן, הייסט ניי־ווילייקע, זייער נאָענט צו ווילנע. אין ווילנע האָט מען עס גערופן „אַ שטוב מיט אַ קאַמער". געשען איז דאָס אין 1914, עטלעכע חדשים פאַרן אויסבראַך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. געוווינט האָבן מיר אין אַ געדונגענער הילצערנער שטוב, ניט ווייט פון שיינעם טייך ווילענקע, וואָס איז דאָ, איידער זי פאַלט אַריין אין ווילִיע, אין ווילנע, געווען ברייט און ניט באַזונדערש טיף. ניי־ווילייקע איז געווען אַרומגערינגלט מיט פעלדער און וועלדער, מיט לאַנקעס און גרינס. איך בין ניט זיכער, צי איך האָב געהאַט אַ וויגל אָדער אַ בעטעלע, צי אפשר בלויז אַ ווינקל אין אַ גרויסער בעט ביי דער מאַמעס זייט. אַ פאַקט, אַז איך בין געווען דער ניינטער קינד ביי מיינע עלטערן, וואָס זיינען אַהער געקומען אַנהייב יאָרהונדערט פון מאַליאַט, ליטע.

ווי ס'האָבן געהייסן מיינע אַלע ברידער און שוועסטער, ווייס איך ניט, ווייל ביז מיין קומען אויף דער וועלט, זיינען שוין עטלעכע פון זיי געווען אַוועק אין דער אייביקייט. נאָך מיר איז צוגעקומען אַ צענט קינד, אַ יינגל.

מיין מאַמען געדענק איך גאָר ווייניק. ווען זי איז געשטאָרבן בין איך אַלט געווען קאַרגע זעקס יאָר, און ביז דעם איז זי עטלעכע יאָר געלעגן אַ קראַנקע אין בעט. איך האָב בכלל ניט געוווסט דעם טעם פון אַ מאַמעס ליבשאַפט, פון זיצן אויף איר שויס, פון צוטוליען זיך צו איר, פון דער

מאַמעס אַ קוש און אַ גלעט. איך ווייס בלויז, ווי מיין טאַטע פלעגט דערציילן, האָט די מאַמע זייער שיין געזונגען און מיין זינגען קומט בירושה פון איר.

איך געדענק דעם טאָג פון מיין מאַמעס לוויה. מען האָט זי געפירט קיין ווילנע קובר זיין אויפן זאַרעטשער בית־עולם. אונדז, קליינוואַרג, האָט מען איבערגעלאָזן ביי אַ שכנה, זייער אַ האַרציקע און גוטע. איר מאַן איז געווען אַ מעבל־סטאָליער. זיין וואַרשטאַט איז געווען אין מיטן שטוב, ווו עס האָט דאָמינירט דער ריח פון הייסן סטאָליאַרסקן קליי. מיר פלעגן זיך גאַנץ אָפט אַריינכאַפּן אַהין און זיך שפּילן מיט אירע קינדער.

מיין טאַטע איז געווען אַ שניידער, אַ גוטער בעל־מלאָכה, אָבער צוליב דער מלחמה האָט געפעלט אַרבעט. פלעגט מען דאַרפן אָנקומען צו דער הילף פון „דזשאָינט", וואָס האָט אונדז באַזאָרגט מיט גוטע, געדיכטע זופּ. פון „יעקאָפּאָ" פלעגט מען באַקומען פּעקלעך מיט נייטיקע זאַכן.

כאָטש דער פראָנט איז געווען ווייט, פלעגן זיך דאָך הערן אַרטילעריע־שאָסן, און מיר, קינדער, פלעגן זיך פאַרשטעקן אונטער די בעטן, אָדער הינטערן גרויסן בלעכענעם אויוון, וואָס איז געשטאַנען אין ווינקל פון צימער.

אין אַ געוויסן פאַרנאַכט איז געקומען צו מיין טאַטן אַ שכנה און אים דערציילט, אַז עס גייען אַרום קלאַנגען, אַז די פּאָליאַקן האַלטן ביים אָפּטרעטן און עס גרייט זיך אַ פּאָגראָם אויף יידן. דעריבער האָבן די יידן פון ניי־ווילייקע באַשלאָסן זיך צונויפצוקלייבן אין אַ גרויסער קעלערשטוב, וואָס איז ניט באַוווינט. דער טאַטע איז געבליבן אין שטוב מיט דער קראַנקער מאַמען און אונדז, קינדער, האָט ער געשיקט זיך באַהאַלטן אין קעלער. ס'איז געווען אַ גרויסער קעלער־צימער אָן פענצטער, מיט אַן אייזערנעם גרויסן אויוון וואָס שטייט אין הינטערשטן טייל פון צימער, אָפּגערוקט אַ ביסל פון וואַנט. דער קעלער איז געווען פאַרפולט מיט יידן. אויך עטלעכע קריסטן זיינען געקומען אַהער זיך באַהאַלטן. פּלוצלונג האָט זיך אָן עפן געטאָן די טיר און עס זיינען אַריינגעקומען באַוואָפנטע

פוילישע סאָלדאַטן — דאָס זיינען געווען די „האַלערטשיקעס", גענעראַל האַלערס זעלנער. קודם־כל האָבן זיי געהייסן די קריסטן צו פאַרלאָזן דעם קעלער. דערנאָך האָבן זיי גענומען רעווידירן די ייִדן. געלט און ווערטזאַכן האָבן זיי רעקווירירט. דערנאָך האָבן זיי אָנגעשטעלט זייערע ביקסן אויף אונדז אַלעמען. ס'איז אויסגעבראָכן אַ שרעקלעכער געשריי און געוויין. מען האָט אָנגעהויבן זיך באַהאַלטן הינטערן אויוון. מען האָט געהערט שרייען „שמע ישראל!". אין דעם מאָמענט האָט זיך דערהערט אַ מיליטערישער טרומייט — דאָס זיינען געווען געקומען סאָוועטישע סאָלדאַטן און אַרומגערינגלט דעם קעלער. די „האַלערטשיקעס" זיינען מאָמענטאַל אַנטלאָפן און אַזוי האָט זיך געראַטעוועט אַ גאַנצע עדה ייִדן פון אַ זיכערן טויט.

די „האַלערטשיקעס" האָבן פאַרן אָפּטרעטן געבושעוועט און זיך געיאָגט נאָך ייִדן מיט בערד. אויך נאָך מיין טאַטן האָבן זיי זיך געיאָגט, אָבער אין לעצטן מאָמענט האָט ער באַוויזן אַנטרונען צו ווערן פון זייערע הענט. האַרט פאַרן אָפּטרעטן האָבן זיי אונטערגעצונדן אַלע וואַגאָנען, וואָס האָבן זיך געפונען אויף דער באַן־סטאַנציע.

אויף מאָרגן נאָך זייער אָפּטרעטן, ווען איך בין אַרויס פון שטוב אין דערבייַיקן פּרוכטסאַד, האָב איך אָנגעטראָפן אויף אַ סאָוועטישן סאָלדאַט אין אַן אָפּגעריסענעם שינעל און שפּיציקן היטל אויפן קאָפּ, וואָס האָט געזוכט אַן עפּל אויף דיביימער, בכדי צו שטילן זיין הונגער.

## מיין טאַטע

לויטן טאַטנס דערציילונגען זיינען עלטערן ביט געווען קיין פאַרמעגלעכע מענטשן. זיין טאַטע, ס'הייסט מיין זיידע, האָט „געפּעדלט". קיין גרויסער פאַרדינער איז ער ניט געווען, און ס'פלעגט אָפט טרעפן, אַז ס'איז ניט געווען מיט וואָס צו מאַכן שבת. אָבער דאָס האָט געדאַרפט בלייבן אַ סוד. פלעגט מיין באָבע ערב שבת אויסהייצן דעם באַק־אויוון און אַריינשטעלן ליידיקע טעפּ מיט וואַסער. מיין טאַטע האָט, ווי אַלע ייִנגלעך, געלערנט אין אַ חדר. געהאַט אַ גוטן קאָפּ, געווען שפּעטער

גאַנץ פרום. דער טאַטע האָט דערציילט, אַז שוין נאָך דער חתונה פלעגט ער דאַוונען ווי אַ בעל־תפילה און עס פלעגט זיך אים אויסדאַכטן, אַז ער רעדט מיט גאָט. שפּעטער איז אין זיין פרומקייט געקומען אַן איבערבראָך, ווייל ער האָט זיך אָנגעלייענט מיט ביכלעך און אויך מיט טראַצקיס און לעבינס תורה. ער איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון זייערע אידעען: גלייכהייט, גערעכטיקייט צווישן מענטש און מענטש, וואָס זיי האָבן געפּריידיקט. צום סוף איז ער געוואָרן אַן אפּיקורס. איך האָב נאָך געפילט זיין פרומקייט, אָבער כ׳האָב ניט באַמערקט זיין איבערבראָך. דאָס איז קענטיק ניט געקומען מיט איין מאָל. פון מיין באַוווּסטזיניקער קינדהייט געדענק איך מיין טאַטן מיט אַ פּאָליטישער שטעלונג, פאַרכאַפּט פון דער קאָמוניסטישער אידעע. אויף אים האָט געווירקט די אויסזיכטלאָזע און רעכטלאָזע לאַגע פון די יידן אין דעמאָלטיקן פוילן.

אָבער שוין אָפּטרעטנדיק פון זיין פרומקייט, האָט מען פסח געפּראַוועט מיטן גאַנצן קנאַק. מען פלעגט ריין מאַכן די שטוב. דאָס איז געווען מיין אַרבעט. איך פלעג אויסלופטערן די שאַפע מיט די הייליקע ספרים, אויסבעטן מיט ווייסן פּאַפּיר, צוגרייטן די פּסחדיקע כלים און דעם פּרעכטיקן אליהו־הנביא־כּוס, וואָס זיינען געווען באַהאַלטן אַ גאַנץ יאָר אין אַ קאַרב. אויף פּסח פלעגט אונדז דער טאַטע אויפנייען נייע הייזעלעך פון קאָרט, קויפן נייע היטלען. מיר פלעגן גיין מיטן טאַטן קויפן ווייַן און מעד צום סדר. מצה פלעגט מען קויפן אַ וואָך פריִער און עס האַלטן אין אַ ספּעציעלן אָרט.

אין שטוב פלעגט מען פילן די שטימונג פון אַלע יום־טובים. יום־כּיפּור פלעגט דער טאַטע פאַסטן און זיך אַריינכאַפּן אין קלויז, אָבער ניט דאַוונען, נאָר הערן דעם חזן. דער טאַטע האָט אונדז, קינדער, קיין מאָל ניט געצוווּנגען צו גיין אין קלויז. ער האָט אונדז בפירוש אָנגעזאָגט זיך אויפצופירן בפרהסיה אַזוי, אַז מיר זאָלן ניט רייצן די געפילן פון די פרומע יידן. ער האָט אונדז אויך פאַרווערט אָנצורופן אַ ניט־ייד „גוי״, נאָר זאָגן — קריסט, ווייל ער האָט געהאַלטן, אַז „גוי״ איז אַ זידל־וואָרט אַזוי ווי „זשיד״ פאַר יידן.

פון פאַך איז מיין טאַטע, ווי געזאָגט, געווען אַ גוטער מענער־שניידער,

אָבער צום באַדויערן, אויף וויפל איך געדענק, האָט ער קיין מאָל ניט געהאַט געצוג אַרבעט. קיין אַרבעטער האָט ער ניט געהאַלטן, ווייל אַ גוטן אַרבעטער דאַרף מען גוט באַצאָלן, האָט ער אויף דעם ניט פאַרדינט; און האַלטן אַן ערגערן אַרבעטער, וואָלט ער דערנאָך אַליין געדאַרפט פאַרריכטן די אַרבעט. האָט ער בעסער געאַרבעט אַליין.

אין 1920, נאָכן פאַרנעמען ווילנע דורך די פּאָליאַקן, זיינען מיר אויף שטענדיק אַריבערגעפאָרן קיין ווילנע. איך דערמאָן זיך אַ גרויסע פּולגעפּאַקטע פור מיט אונדזערע אָרעמע בעבעכעס. איך מיט מיין קליינעם ברודערל זיינען געזעסן אויבן אויפן פור. דער טאַטע מיטן עלטסטן ברודער זיינען נאָכגעגאַנגען די פור. די איבעריקע קינדער זיינען געפאָרן מיט דער באַן.

מיר האָבן זיך איינגעאָרדנט אין אַ געדונגענער צוויי־צימערדיקער דירה מיט אַ גרויסער קיך אין אַ קריסטלעכן ראַיאָן וואָס הינטערן וואָקזאַל.

אָבער דאָ האָט געטראָפן אַ גרויסע צרה מיט מיין עלטסטער שוועסטער, איטע, וואָס איז קראַנק געוואָרן אויף טובערקוליאָז. אין אַ ווינטערדיקן פראָסטיקן טאָג אין זי געפאָרן אויף די טרעפּלעך פון וואַגאָן, זיך פאַרקילט און אָנגעהויבן קרענקען. דער טאַטע האָט אַלץ געטאָן כדי זי צו ראַטעווען, אָבער צום גרויסן באַדויערן האָט קיין זאַך ניט געהאָלפן און זי איז אַוועק פון אונדז אין עלטער פון 26 יאָר. זי איז געווען שטאַרק ענלעך צו מיין מאַמען, און לויט איר געדענק איך, ווי מיין מאַמע האָט אויסגעזען.

אַזוי זיינען מיר נאָכן אַריבערפאָרן קיין ווילנע געבליבן פינף קינדער מיטן טאַטן. ער האָט זיך געמיט צו פאַרבייטן אויך די מאַמע, אָבער יעדערער פון אונדז באַזונדער האָט אָנגעהויבן זוכן זיין וועג אין לעבן.

## משפּחה

זיך איינגעאָרדנט אין ווילנע, האָט מיך דער טאַטע פאַרשריבן אין אַ רעליגיעזער שול, ניט ווייט פון אָסטראָבראַם־קלויסטער. איך האָב דאָרטן געלערנט עטלעכע וואָכן און דערנאָך אַריבער אין דער יבֿנה־שול

„מפיצי־השכלה" אויף בעלינע גאַס, וואָס האָט זיך געפונען פינף מינוט גאַנג פון אונדזער שטוב. אויך מיין ברודער משה איז אַוועק אַהין לערנען. בלומע איז אַוועק זיך לערנען אין דער קופּערשטיין־שול. דער קליינער מאיר איז געבליבן אין שטוב אונטערן טאַטנס אויפזיכט, ביז בלומע פלעגט זיך אומקערן פון שול. הענעך, מיין עלטסטער ברודער, איז אַוועק אַרבעטן אין פומפּיאַנסקיס אַפּטייק־הורטאַווניע.

שווער, זייער שווער איז געווען די מאַטעריעלע לאַגע אין שטוב. גאַנץ אָפט האָט פאַרפעלט דאָס שטיקל ברויט, און מיר זיינען געווען געצוווּנגען צו לייען עטלעכע זלאָטעס ביי די שכנים. צווישן די שכנים איז אויך געווען די משפחה מאַדייסקער, וואָס האָט פאַרמאָגט דריי מיידלעך. שפּעטער זיינען זיי באַרימט געוואָרן מיט זייער קאָמוניסטישער טעטיקייט. באַזונדערש האָט זיך אויסגעטיילט סאָניע, די מיטלסטע טאָכטער, וואָס איז געפאַלן ווי אַ העלדין אין קאַמף מיט די נאַציס אין ווילנע בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה.

לערנענדיק זיך אין שול, פלעג איך אויף דער גרויסער הפסקה צולויפן אין שטוב, אפשר איז דאָ וואָס צו עסן. אָבער צום גרויסן באַדויערן פלעג איך זיך אומקערן מיט ליידיקן. אין דער פרי פלעג איך גיין אין שול ניט קיין געגעסענער, אָבער אין די יאָרן 1922—23 פלעגט דער „דזשאָינט" געבן אין שול אַ גלאָז קאַקאַאָ מיט אַ בולקע.

ס'האָט קיין מאָל ניט געטראָפן, אַז מיר, קינדער, זאָלן פאָדערן פון טאַטן, ער זאָל אונדז באַזאָרגן מיט אַלעם נייטיקן. מיר האָבן פאַרשטאַנען דעם טאַטנס לאַגע און געוווּסט, אַז ער לעבט איבער אַ סך, וואָס ער קען אונדז ניט געבן דאָס סאַמע נייטיקסטע. ער האָט זיך תמיד געמיט צו באַקומען אַרבעט, צו פאַרדינען, אָבער ס'האָט זיך ניט געווענדט אין אים. ער האָט געהאַט ווייניק קליענטן, ווייל מיר האָבן געלעבט ניט אין קיין „גוטן" ראַיאָן. זיינע הויפּט־קליענטן זיינען געווען פּוילישע באַן־נאַטשאַלניקעס, גרויסע אַנטיסעמיטן, אָבער מיין טאַטן האָבן זיי געשעצט פאַר זיין גוטער אַרבעט און פּינקטלעכקייט. איך פלעג גיין אָפּטראָגן די אַרבעט צו די קליענטן און זיי פלעגן מיר געבן אַ זלאָטע און אויסדריקן זייער באַגייסטערונג פאַר מיין טאַטנס פּינקטלעכקייט. ביז היינטיקן טאָג

האָב איך ניט פאַרלאָרן די ליבע צו מיין טאַטן, כ'האָב קיין מאָל ניט געהאַט קיין טענות צו אים. ער האָט זיין גאַנצן לעבן אָפּגעגעבן פאַר זיינע קינדער, פלעגט אָפּט ניט דערעסן און ניט דערשלאָפן אין זיין זאָרג פאַר אונדז.

## מיין ברודער הענעך

מיין עלטסטער ברודער הענעך האָט, ווי געזאָגט, געאַרבעט אין פּומפּיאַנסקיס אָפּטייק־הורטאָוויניע. ער איז געווען אַ זעלטן גוטער אַרבעטער, געהאַט אַ גוטן קאָפּ, און אויף דער אַרבעט האָט מען אים געשעצט. פון זיין פאַרדינסט פלעגט ער זיך אַליין אויסהאַלטן און דעם טאַטן האָט ער אַפילו ניט געגעבן צושטייער אויף דירה־געלט. ער איז געווען אַ טעטיקער ציוניסט, אַ חלוץ, דער איינציקער אין אונדזער משפחה. אין יאָר 1928 איז ער געפאָרן אויף הכשרה מיט אַ גרופּע חלוצים אין אַ וואַלד הינטער ווילנע. זיי האָבן זיך דאָרטן פאַרנומען מיטן אַראָפּלאָזן ביימער, זעגן און האַקן האָלץ. ווען כ'האָב זיך איין מאָל אויפגעכאַפּט אין דער פרי, האָב איך דערזען לעבן פענצטער זיצן אַ ווילד באַוואַקסענעם מענטש. כ'האָב זיך כמעט ווי דערשראָקן. אַזוי האָט אויסגעזען מיין ברודער קומענדיק פון דער הכשרה. ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך אַ גרויסע האַק, מיט וועלכער ער האָט דאָרטן געאַרבעט. ער האָט מיר דערציילט, אַז זיי האָבן געלעבט אין אַ קאָלעקטיוו אויף אַ פּרימיטיוון אופן. מען פלעגט אַליין צוגרייטן דאָס עסן. דאָס וואַסער איז געווען שטענדיק פול מיט מוראַשקעס.

אין יאָר 1929, בעת די אומרועו אין חברון, האָט הענעך באַקומען אַ סערטיפיקאַט. ער האָט זיך איינגעקויפט די נייטיקסטע זאַכן, וועש, אַ לעדערנעם מאַנטל, אַ טשעמאָדאַן און איז אָוועקגעפאָרן קיין פּאַלעסטינע. ווען ביי פּומפּיאַנסקין אין הורטאָוויניע האָט מען זיך דערוווּסט, אַז הענעך פאָרט אַוועק, האָבן זיי אים פאַרגעלייגט צו פאַרדאָפּלען די שכירות, נאָר ער זאָל בלייבן. ער האָט אויף דער אַרבעט געדענקט אויפן קאָפּ די פּרייזן פון טויזנטער אַרטיקלען. נאָך אין די פריִערדיקע יאָרן האָט מיט אים

געטראָפן אויף דער אַרבעט אַ פֿיינלעכער צופֿאַל. מען האָט געבראַכט פֿון אַ פֿאַבריק זייער אַ סך טינקטורן אין פֿלעשלעך און צייטווייליק האָט מען עס איינגעאָרדנט אין אַ גרויסער קאָרב. צוליב אַן אומפֿאָרזיכטי־קייט האָט הענעך איבערגעקערט די קאָרב מיט די פֿליסיקייטן, און אַ סך פֿלעשלעך האָבן זיך צעבראָכן. דער היזק איז געווען ביי דריי טויזנט זלאָטעס — אַ גרויסע סומע. אָבער פּומפּיאַנסקי האָט אים ניט אָפּגערעכנט קיין איין גראָשן. אַזוי האָבן זיי אים ליב געהאַט פֿאַר זיין איבערגעגעבנקייט צו דער אַרבעט.

מיין ברודער הענעך פֿלעגט מיך צו מאָל מיטנעמען צו דער קליינבאַן, וואָס פֿלעגט גיין פֿון וואָקזאַל ביז דער דירעקציע פֿון די באַנען אויף פּאָהולאַנקע גאַס. די גאַנצע רייזע פֿלעגט געדויערן אַ האַלבע שעה, אָבער פֿאַר מיר איז דאָס געווען אַ גרויס פֿאַרגעניגן.

הענעך האָט מיך אויך צום ערשטן מאָל גענומען אין קינאָ. דער שטומער פֿילם האָט געהייסן „דער סטודענט פֿון פּראָג". כ'האָב ניט פֿאַרשטאַנען דעם פֿילם, אָבער פֿאַר מיר איז דאָס געווען אַ וווּנדער אויף דער וואָר. אין יענער צייט האָט מען געקאָנט זיצן אין קינאָ כאָטש אַ גאַנצן טאָג, ווייל עס זיינען ניט געווען קיין סעאַנסן. זיינען מיר טאָקע געזעסן...

שפּעטער בין איך שוין געוואָרן אַן אָפּטער באַזוכער פֿון קינאָ מיט מיינע חברים. איבערהויפּט פֿלעגן מיר גיין קוקן קינאָ אין גרויסן שטאָטזאַל, ווו די שטומע פֿילמען פֿלעגט באַגלייטן אַן אָרקעסטער מיט אַ זינגער אָדער זינגערין. ביז היינט געדענק איך נאָך דעם באַרימטן פֿילם „רין־טין־טין", ווו אַ גרויסער הונט האָט געשפּילט די הויפּטראָל ביים פֿירן עקספּעדיציעס אין גאָר ווייטע ערטער פֿון צפֿון־פּאָלוס.

אין די דרייסיקער יאָרן האָבן מיר שוין געזען אין קלאַנג־קינאָ די פּרעכטיקע פֿילמען פֿון סאָוועטן־פֿאַרבאַנד „וואָלגאַ־וואָלגאַ" און „בעזפּריזאָרניע" א"אַנד, וועלכע האָבן באַגייסטערט יונג און אַלט.

ווי געזאָגט, איז הענעך אַוועקגעפֿאָרן קיין פּאַלעסטינע. פֿון אָנהייב פֿלעגט ער שרייבן לאַנגע בריוו, פֿון 30—40 זייטן. ווייניק וועגן זיך, אָבער זייער אַ סך וועגן לאַנד, וועגן די פֿלאַנצן און חיות. ער פֿלעגט

אפילו אריינלייגן אין די בריוו געטריקנטע בלומען און בלעטער. שפּעטער האָט ער אויפגעהערט שרייבן. האַרט פאַר דער פויליש־דייטשער מלחמה, אין 1939, איז אָנגעקומען פון אים אַ גאָר קורצער בריוו אויף אַ האַלבן זייטל, ווו ער האָט געשריבן: „שלום, פּאָטער! איך האָב דיר ניט געשריבן, ווייל איך האָב ניט געהאַט וואָס צו שרייבן. איך קען דיר מעלדן, אַז איך האָב חתונה־געהאַט. מיין פרוי הייסט שיינע (יפה) פון ליטווישן שטעטל סיעדאַ. זייט אַלע געזונט. חנוך". מיט דעם האָט זיך געענדיקט דער קאָנטאַקט מיט הענעכן ביז נאָכן סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

## מיין ברודער משה

מיין ברודער משה — אַ בלאָנדער, מיט בלויע אויגן, אין ברילן, אַ זעלטן גוט פּנים — האָט איבערגעריסן זיין לערנען אין „מפיצי־השׂכלה" אין זעקסטן קלאַס. מער האָט ער ניט געוואָלט לערנען. ער איז אַוועק אַרבעטן אין דער אַפּטייק־הורטאָווניע פון גיצעלטער. זיין גאַנצן געהאַלט פלעגט ער אָפּגעבן דעם טאַטן. דאָס האָט אַ סך פאַרלייכטערט די מאַטעריעלע לאַגע אין שטוב. ער איז געוואָרן אַקטיוו אין אונטערערדישע קאָמוניסטישע קרייזלעך. ניט קוקנדיק אויף זיין פּאָליטישער טעטיקייט און איבערצייגונגען, פלעגט ער זיך פון צייט צו צייט אַריינכאַפּן אין דערביייִקן קלויז און זיך צוהערן, ווי ייִדן זיצן און לערנען אַ קאַפּיטל משניות אָדער אַ בלאַט גמרא. איך האָב אים זייער ליב געהאַט און פלעג אים נאָכגיין. ס'פלעגט אויך טרעפן, אַז מיר פלעגן ביידע „אַריינכאַפּן" אַ מעריב־דאַווענען צוזאַמען מיט אַלע ייִדן אין קלויז...

ווי געזאָגט, האָט משה געאַרבעט ביי גיצעלטערן. דאָס איז געווען ניט קיין סימפּאַטישער באַלעבאָס. ער פלעגט עקספּלואַטירן זיינע „מענטשן" און זיך באַציִען גראָב צו זיי. למשל, ער האָט געשיקט משהן אָפּטראָגן אַ שווער פּעקל סחורה צו אַ קרעמער אויף סוף קאַלוואַריסקע גאַס — זייער אַ ווייטער שטאָטטייל. משה האָט עס אַוועקגעטראָגן גייענדיק צו פוס אַהין און צוריק. ווען ער האָט זיך אומגעקערט, האָט אים גיצעלטער

גלייך געשיקט אַפּטראָגן אַ פּעקל אויף סובאַטש־גאַס, אַן אַנדער ווייטער שטאָטטייל. ווען משה האָט אים געבעטן אים לאָזן אַ ביסל זיך אָפּרוען, האָט אים גיצעלטער געענטפערט: „אין קבר וועסטו רוען. איצט נעם דאָס פּעקל און גיי!״

צוליב משהס קאָמוניסטישער טעטיקייט פלעגן פאָרקומען אָפטע רעוויזיעס און די דעפענסיווע־לייט פלעגן איבערקערן די שטוב, אָבער האָבן גאָרניט געפונען. צוליב די רעוויזיעס האָט משה זיך אַרויסגעקליבן אין אַ צימער אויף נאָוויגאָרעד ביי אַ באַקאַנטער פרוי, וואָס איר זון איז אויך געווען אַן אַקטיווער קאָמוניסט. פאַר יעדן ערשטן מיי פלעגט מען משהן אַרעסטירן אין גאַס, אָפט אַפילו ווען ער איז געגאַנגען אַפּטראָגן אַ פּעקל סחורה פון דער אַרבעט. שוין לעבנדיק אויסערן שטוב, פלעגט ער אָפּגעבן דעם טאַטן אַ העלפט פון זיין פאַרדינסט און אַז ער פלעגט צופעליק אָנגעגענען דעם טאַטן אין גאַס, פלעגט ער אים אָפּגעבן דאָס גאַנצע געלט, וואָס ער האָט ביי זיך געהאַט. נאָך העגעכס אַוועקפאָרן קיין פּאַלעסטינע האָט משה פאַרנומען העגעכס פּאָסטן ביי פּומפּיאַנסקין אין הורטאָווניע.

ווען משה האָט נאָך געלעבט מיט אונדז, פלעגט ער זיך אָפט מאָל „אויספוצן״ און אַוועקגיין אין טעליאַטניק — אַ שטאָטישער גאָרטן — זיך טרעפן מיט זיין חבריה, כאילו ער גייט זיך טרעפן מיט זיין געליבטער. גאַנץ אָפט פלעגט ער זיך לאָזן מיט דער באַן אין די שטעטלעך אַרום ווילנע מיט פּעקלעך פאַרווערטע ליטעראַטור. ער פלעגט עס איינפּאַקן אין אַ לוביאַנקע (אַ געפלאָכטן קעסטל פון לוטשינקעס), אָנקלעפּן אויף איר אַן עטיקעט פון דער פירמע, ווו ער האָט געאַרבעט. ער פלעגט אויך מיטנעמען אַ גרויסע פלאַש מיט וואַסער, כאילו ער פירט סחורה פון אַפּטייק־געשעפט. אַזוי פלעגט ער טראַנספּאָרטירן די פאַרווערטע ליטעראַטור.

אחוץ מיין ברודער העגעך, איז אונדזער גאַנצע משפחה, צוזאַמען מיטן טאַטן, געווען סימפּאַטיקער פון קאָמוניזם. ביי אונדז אין שטוב פלעגן גאַנץ אָפט זיך אָפּשטעלן „פּאַדפּאָלשטשיקעס״ (אונטערערדלער). זיי פלעגן

איבערנעכטיקן און פֿאָרן ווייטער. עס פֿלעגן ביי אונדז אין שטוב אויך פֿאָרקומען זיצונגען פֿון „קרייזלעך״. קיינער פֿון אונדז, קינדער, האָט זיך ניט דערוועגט צו דערציילן עמעצן וועגן דעם, אָדער בכלל ריידן וועגן דעם. ס׳איז געווען פֿאַר אונדז יעדערן גאַנץ נאַטירלעך, ווייל מיר האָבן אַלע סימפּאַטיזירט דעם קאָמוניזם.

אין אַ געוויסן טאָג האָט מען משהן אַרעסטירט מיט דער באַשולדיקונג, אַז ער האָט בכוונה אויסגעהאַקט שויבן אין שטאָטישן געריכט. ער איז אָפּגעזעסן אין דער לוקישקער טורמע אַכט וואָכן. איך פֿלעג אים טראָגן פּעקלעך אין טורמע און אויך דער „מאָפּר״ האָט געזאָרגט פֿאַר אים. זיי האָט זיך איינגעגעבן אים אַרויסצונעמען אויף קויציע. דאַן האָט משה באַשלאָסן צו גנבענען די גרענעץ קיין ראַטן־פֿאַרבאַנד. דאָס איז געווען אין 1931. דער טאַטע האָט אים זייער אָפּגערעדט דערפֿון, אָבער ס׳האָט ניט געהאָלפֿן. משה איז באַשטאַנען אויף זיין באַשלוס. געלט אויף צום פֿאָרן האָט ער ניט געהאַט. די שמוגלערס האָבן געפֿאָדערט 20 דאָלאַר. די ווערט פֿון אַ דאָלאַר איז געווען ביין זלאָטעס. האָט זיך משה דעררעדט מיט זיין באַלעבאָס, אַז ער וועט אים אויסלייען די 20 דאָלאַר בתּנאי, אַז איך וועל ביי זיי אַרבעטן. העלפֿט פֿון די שכירות וועלן זיי אַראָפּנעמען אויפֿן חוב און די צווייטע העלפֿט וועל איך באַקומען אויפֿן האַנט. און אַזוי אין טאָקע געווען. די שמוגלערס האָבן איינצייטיק געפֿירט אַ גרויסע גרופּע איבערלויפֿערס. מען האָט זיי צעזעצט אין פֿאַרשיידענע וואַגאָנען. איינער האָט ניט געדאַרפֿט קענען דעם אַנדערן. זיי האָבן געדאַרפֿט דערפֿאָרן ביז נאָענט צו דער סאָוועטישער גרענעץ און פֿון דאָרטן האָט מען זיי געזאָלט אַריבערפֿירן דעם גרענעץ.

דער טאַטע האָט באַגלייט משהן ביזן וואָקזאַל, האָט נאָך געפּרוּווט אין לעצטן מאָמענט אים איבערצייגן, ער זאָל ניט פֿאָרן. אים געקויפֿט אַ שטיקל טאָרט און ביים געזעגענען זיך געזאָגט: „דאָרטן וועסטו קיין טאָרט ניט עסן. וועסט זיין צופֿרידן, אַז דו וועסט האָבן אַ שטיקל ברויט״... און אַזוי האָבן מיר זיך צעשיידט אויף אייביק מיט אונדזער טייערן, האַרציקן ברודער משה...

אויפֿן גרענעץ איז אַלץ דורך בשלום. דער שמוגלער האָט אונדז

געבראַכט דעם אָפּגערעדטן פּאַראָל פון משהן, און דער טאַטע האָט אים באַצאָלט די אָפּגערעדטע סומע.

פון אָנהייב האָט משה געשריבן בריוו פון זלאַטאָוסט וואָס אויף אוראַל, אַז ער האָט זיך איינגעאָרדנט און לערנט אין „ראַבפאַק" (אַרבעטער־אוניווערסיטעט). ער האָט דערנאָך געשריבן, אַז ער האָט געענדיקט זיך לערנען מיט אַן אויסצייכענונג. ער האָט אויך באַקומען אַ פּרעמיע פאַר זיין העלפן די אָפּגעשטאַנענע שילער — אַ נייעם אַנצוג און אַ סומע געלט. נאָך דעם האָט ער אויפגעהערט שרייבן. מיר האָבן זיך שטאַרק באַאומרויִקט, ספּעציעל דער טאַטע. אין די ווינטערדיקע פרייטיק־צו־נאַכטן, ווען דער טאַטע פלעגט זיך זעצן ביים וואַרעמען אייוועלע זיך צו דערוואַרעמען, פלעגט ער גלייך זיך דערמאָנען אין משהן, פלעגט וויינען אויף זיין גורל, ניט וויסנדיק וואָס מיט אים קומט דאָרטן פאָר. אָבער דער טאַטע האָט קיין טעות ניט געהאַט. שפּעטער, שוין נאָך דער שוידערלעכער מלחמה, האָבן מיר זיך דערוווּסט אַלע פּרטים וועגן משהן פון זיין פרוי פעסיע, וואָס האָט געלעבט אין קאַראַגאַנדאַ. מיר האָבן אַ דאַנק אַ צופאַל באַקומען איר אַדרעס און זי האָט אונדז אַלץ אויסגעשריבן.

פעסיע איז אַ טאָכטער פון אַ באַלוטער וועבער אין לאָדזש. אַ פּלימעניצע פון דעם באַוווּסטן פאַרמלחמהדיקן רעוואָ־אַקטיאָר זישע כץ, וואָס איז פאַר דער מלחמה באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. זי איז אויך, אַזוי ווי משה, אַריבערגעלאָפן דעם גרענעץ פון לאָדזש קיין ראַטן־פאַרבאַנד. דאָרטן אויפן „ראַבפאַק" האָבן זיי זיך באַקענט און חתונה־געהאַט. ס'איז ביי זיי געבוירן געוואָרן אַ מיידעלע. מען האָט איר אַ נאָמען געגעבן נאָך קלאַראַ צעטקין. ווען משה האָט באַקומען די פּרעמיע פון „ראַבפאַק", האָט מען אים אין עטלעכע טעג אַרום אַריינגעשיקט אַ פּאַפּיר, אונטער־געשריבן דורך דריי ריכטערס, אַז אַזוי ווי ער האָט זיך פאַרנומען מיט אַנטיסאָוועטישער טעטיקייט, ווערט ער פאַרמישפּט אויף צען יאָר תפיסה... נ.ק.וו.ד. האָט אים גלייך אַרעסטירט. פעסיע איז דאַן געווען אין דריטן חודש שוואַנגערשאַפט. אַזוי ווי זי האָט געאַרבעט, איז זי געווען געצווונגען אָפּצוגעבן איר $1\frac{1}{2}$ יאָריקע קלאַרעלע אין אַ קינדער־אַנשטאַלט. פעסיע

האָט אָנגעהויבן אַרומלויפן פון טורמע צו טורמע זיך צו דערוויסן, ווו עס געפינט זיך איר מאַן. מען האָט זי געשיקט פון איין טורמע צו דער צווייטער, אָבער אָן דערפאָלג. אַזוי איז אַריבער די צייט, ביזן צווייטן געבורט. זי האָט ווידער געבוירן אַ מיידעלע. דאַן איז מען צו איר געקומען פון נ.ק.וו.ד. מיט דער אָנפראַגע, צי זי וויל זען איר מאַן. זי האָט זיך זייער דערפרייט. מען האָט איר געגעבן אונטערצושרייבן אַ פּאַפּיר און נאָכן אונטערשרייבן האָט מען זי אויך פאַרשיקט אין אַ לאַגער אויף 10 יאָר... איר „שטראָף" איז זי אָפּגעזעסן אין לאַגער דאָלינקאַיע, וואָס אין קאַראַגאַנדאַ. דאָס צווייטע קינד האָט מען צוגענומען אין אַ קינדערהיים. זי האָט ווייטער ניט געוווּסט ווו משה געפינט זיך. נאָכן אָפּזיצן צען יאָר אין דאָלינקער לאַגער האָט מען זי רעהאַביליטירט, באַצאָלט פאַר צוויי חדשים אָנטשעדיקונג און געזאָגט, אַז איר מאַן, פאַרן שיסן אים, האָט געזאָגט, אַז זיין ווייב ווייסט ניט פון זיינע חטאים... מען האָט זי באַפרייט, אָבער איר פאַרווערט אַרויסצופאָרן פון קאַראַגאַנדאַ. זי לעבט דאָרטן ביז היינטיקן טאָג מיט אַ צווייטן מאַן. גלייך נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט זי זיך פאַרנומען מיט אויפזוכן אירע קינדער, אָבער אָן דערפאָלג. אַזוי האָט זי פאַרלאָרן איר מאַן און קינדער.

גלייך נאָך דער מלחמה האָב איך אָנגעהויבן זוכן דעם ברודער משה, נאָך איידער איך האָב זיך צונויפגעשריבן מיט פעסיען. געשריבן אין פאַרשיידענע ערטער זיך צו דערוויסן וועגן זיין גורל. אָבער פון אַ סך לאַגערן האָט מיר די נ.ק.וו.ד. געענטפערט, אַז אַזאַ מענטש איז ביי זיי ניט רעגיסטרירט. אין אַ געוויסן טאָג האָב איך באַקומען אַ צעטעלע, געשריבן מיטן האַנט, אַז אויב איך וויל וויסן וועגן ברודער, זאָל איך קומען אין ווילנער נ.ק.וו.ד.־צענטראַלע צו אַ געוויסן נאַטשאַלניק. איך בין אַהין ניט געגאַנגען און מיט דעם האָבן זיך מיינע זוכענישן געענדיקט.

אָט דאָס איז די עפּאָפּעע פון מיין ברודער משה. אַזוי האָט ער אָפּגעגעבן זיין לעבן פאַרן קאָמוניזם, וואָס האָט אים אויס דאַנקבאַרקייט אַראָפּגענומען דעם קאָפּ...

פאַרן אַרויספאָרן פון ווילנע מיט דער צווייטער רעפּאַטריאַציע קיין פּוילן, אָנהייב 1957, איז פעסיע צו אונדז געקומען קיין ווילנע פון

קאָראַגאַנדאַ זיך באַקענען און זיך געזעגענען. זי איז דאָן געפאָרן צו אונדז מער ווי צוויי וואָכן מיט עקספּרעס־צוגן. די באַגעגעניש אונדזערע איז געווען אַ רירנדיקע און אַ האַרציקע.

## מיין שוועסטער בלומע

בלומע, מיין שוועסטער, איז געווען פון מיר עלטער מיט אַ פיר יאָר. שטענדיק איז זי געווען אַן ערנסטע. ניט ספּעציעל קיין שיינע, אָבער אַ סימפּאַטישע. געווען שטענדיק פאַרדאַגהט פון איר שווער לעבן, ווייל נאָך דער מאַמעס טויט איז אויף איר געפאַלן די לאַסט צו פירן די שטוב־ווירטשאַפט. און די באַדינגונגען אין שטוב זיינען ניט געווען קיין לייכטע. דערצו נאָך — דאָס לערנען אין ייִדישן לערער־סעמינאַר, אָבער זי האָט מיט שטאָלץ געטראָגן דעם שווערן עול. נאָכן אָפּלערנען קאַרגע צוויי יאָר אין אים, האָט די פּוילישע מאַכט געשלאָסן דעם סעמינאַר, ווי אַ נעסט פון קאָמוניזם. דאָס איז געווען אַ שווערער קלאַפּ פאַר בלומען. אויך פאַרן גרעסטן טייל פון די סעמינאַריסטן, וואָס זיינען געקומען אַהער לערנען פון אַלע עקן פּוילן. בלומע האָט געהאַט אַן אויסוועג צו לערנען ווייטער אין העברעיִשן לערער־סעמינאַר, אָדער אין העברעיִש־פּוילישן סעמינאַר פון טשאַרנאָ, אָבער בלומע איז געווען אַ פּרינציפּיעלע און געוואָלט לערנען נאָר אין ייִדיש. די עיקרדיקע סיבה איז דאָ געווען קודם־כל די פינאַנסיעלע, ווייל אומעטום האָט מען געדאַרפט צאָלן אַ סך שכר־לימוד. דער ברודער הענעך האָט איר געשריבן פון פּאַלעסטינע, זי זאָל קומען צו אים, אָבער זי האָט אים אָפּגעזאָגט, ווייל דאָס איז געווען קעגן אירע איבערצייגונגען. און אַזוי האָט זי איבערגעריסן דאָס לערנען און האָט אָנגעהויבן זוכן אַ פּאַסיקע אַרבעט.

## מיין ייִנגסטער ברודער מאיר

מאיר, מיין ייִנגסטער ברודער, איז געווען ייִנגער פון מיר מיט בערך צ פינף יאָר. געענדיקט די „מפיצי־השכלה־שול, האָט ער אָנגעהויבן זוכן אַ פּאַסיקע אַרבעט. ער האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט פאָטאָגראַפיע.

קיין פאָטאָ־אַפּאַראַט האָט ער ניט געהאַט. האָט ער אָפּגעקויפט ביי זיינעם אַ לערער אַן אַלטן פאָטאָ־אַפּאַראַט, אים פונאַנדערגענומען, זיך באַקענט מיט דער חכמה, אים צוריק אויפגעשטעלט און אָנגעהויבן פאָטאָגראַפירן. ער האָט באַשלאָסן, אַז דאָס וועט זיין זיין באַשעפטיקונג. אין די זומערדיקע שבתים פלעגט די ווילנער יוגנט אַרויסגיין אויף שפּאַצירן און עקסקורסיעס אין די פּרעכטיקע ערטער אַרום שטאָט, צו די שיינע אָזערעס און ווילִיע־טייך, אין די שיינע, געדיכטע וועלדער. פלעגט ער מיטגיין מיט איינער פון די גרופּעס עקסקורסאַנטן און פאָטאָגראַפירן די חברה. מיט דער צייט האָט ער זיך איינגעשאַפט די נייטיקע כלים אויף צו אַנטוויקלען די פאָטאָגראַפיעס און אָנגעהויבן ניט שלעכט צו פאַרדינען פון פאַרקויפן די פאָטאָגראַפיעס. פון זיינע פאַרדינסטן האָט ער ניט געהאָלפן דעם טאַטן צו טראָגן דעם שווערן עול פון טאָג־טעגלעכער חיונה. ער פלעגט עסן און שלאָפן אין שטוב, אָבער זיך ניט באַטייליקט אין די שטוביקע הוצאות. אַזוי האָט ער זיך געפירט, ביז ער האָט זיך באַקענט מיט אַ טראָקער מיידל און מיט איר חתונה־געהאַט. מיר אין שטוב האָבן אַפילו ניט געוווּסט, ווען און ווו ער האָט געפּראַוועט זיין חתונה.

*

אָנהייב דרייסיקער יאָרן האָט דער טאַטע חתונה געהאַט מיט אַ וויטער קרובה פון אונדזער מאַמען. זי איז געווען בערך פערציק יאָר אַלט. מיר האָבן זי זייער ווייניק געקענט. זי האָט געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ געזונטער, גאַנץ שיינער, פּשוטער פרוי. אין שטוב איז דאָס לעבן געוואָרן אַ ביסל לייכטער, באַזונדערש פאַר בלומען — ס׳איז צוגעקומען אין שטוב אַ פרוי, וואָס האָט געקאָכט און געראַמט. מיר האָבן זיך צו איר באַצויגן זייער קאָרעקט און פריינדלעך. אין אַ געוויסער צייט אַרום האָט זי פאַרשוואַנגערט. אַז ס׳איז געקומען די צייט פון געבוירן, האָט מען זי אַפּגעפירט אין שפּיטאָל. אַזוי ווי דאָס איז ביי איר געווען דער ערשטער געבורט (אין עלטער פון פערציק יאָר), האָט זי ניט אויסגעהאַלטן און ביים געבורט געשטאָרבן. זי האָט אָבער געבוירן אַ מיידעלע. שפרה האָט מען איר אַ נאָמען געגעבן. ווי ס׳האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, איז זי געווען ניט קיין געזונט קינד, האָט געהאַט די „פּאַליקע״. אַזוי איז

צוגעקומען נאָך אַ פּראָבלעם אין שטוב, און דער עיקר — אַ צוגאָב־לאַסט פּאָר מיין שוועסטער בלומע, וואָס האָט זיך געמוזט פּאַרנעמען מיט דער קליינער, זי געהאָדעוועט, געוואַשן, געצערטלט, ביז דער קליינער איז געוואָרן צוויי יאָר — און מען האָט זי איינגעאָרדנט אין אַ קינדער־הויז. אויף שבת פלעגט בלומע ברענגען שפּרהן אַהיים און זיך מיט איר געניאַנטשעט ווי מיט אַן אייגן קינד...

## דער פעטער אידל־מרדכי

פון צייט צו צייט פלעגט קומען צו אונדז אין שטוב מיין טאַטנס אַ ברודער — דער פעטער אידל־מרדכי — אַ הויכער, דאַרער מיט אַ לאַנגער, שיינער שפּיציקער באָרד, געטראָגן האָט ער אַ שוואַרצע קאַפּאָטע און הינטן, אין שפּאַלט פון דער קאַפּאָטע, אַ רויט טיכל. אויפן קאָפּ — אַ קאַשקעטל. ער איז געווען זייער פרום, זיך ניט געמישט אין פּאָליטיק און פּאַרטייען, תמימותדיק געגלייבט אין גאָט און אין זיין תורה. געווען איז ער אַ פּרוש אין אַ קלויז אין אַ שטעטל, 80 ק״מ פון ווילנע, אָלקעניק. ער האָט דאָרטן געלערנט מיט קינדער — דאָס איז געווען זיין פּרנסה, און האָט אויך געלערנט מיט יידן אַ בלאַט גמרא אָדער אַ קאַפּיטל משניות. קומען פלעגט ער צו אונדז אויף חנוכה און פּסח. זעלטן — ביי אַן אַנדער געלעגנהייט. מיר פלעגן זיך זייער פרייען מיט זיין קומען. חנוכה פלעגט ער עפענען זיין „קניפּעלע" און אונדז טיילן חנוכה־געלט לויטן עלטער און לויט דער חשיבות פון אונדז, קינדער. עטלעכע טעג פאַר פּסח פלעגט ער צו אונדז קומען און זיך פאַרנעמען מיט אָפּבאַקן מצה. ער פלעגט שטיין אין „פּאָדריאַד" און אין זיין בייזיין פלעגט מען אים אָפּבאַקן מצה־שמורה. אין טאָג פון ערב פּסח פלעגט ער פאַרפּאַקן זיין פּעקל זאַכן, מיטנעמען די מצה און זיך לאָזן גיין צו פוס קיין ליפּוווקע צום רב, אַ גאַנץ ווייטע פאַרשטאָט פון ווילנע, אויפן וועג קיין אַשמענע. דאָרטן, ביים ליפּוווקער רב, פלעגט ער פּראַווען פּסח און עסן בלויז קאַרטאָפל. פליש האָט ער ניט געגעסן, כנראה אַז ער איז ניט געווען זיכער אין דער כשרות...

גלייך נאָך פסח פלעגט דער פעטער אידל־מרדכי זיך אומקערן צו אונדז און מיך שיקן קויפן ראַזעווע ברויט, אָבער נאָר ביים פּוילישן בעקער וויטקאָווסקי און ניט ביי קיין ייִדן. ער פלעגט עס מאָטיווירן מיט דעם, וואָס אַ ייִדישער בעקער, וואָס פאַרקויפט שוין גלייך אויף מאָרגן נאָך פסח ברויט, האָט מסתּמא געזייערט די ראַשטשינע אום פסח... ווען כ'פלעג אים ברענגען דאָס ברויט, פלעגט ער מיך בעטן צושטעלן אויפקאָכן אַ טשייניק וואַסער, אָבער איך זאָל לאָזן איינקאָכן. ווען איך פלעג אים זאָגן, אַז דאָס וואַסער קאָכט, פלעגט ער מיך בעטן נאָך לאָזן איינקאָכן. ווען איך פלעג אים דערלאַנגען אַ זודיקע גלאָז טיי, פלעגט ער גלייך אַ זופּ טאָן און מיט אַ זיפץ זאָגן, אַז די טיי איז קאַלט, עס האָט מסתּמא ניט געקאָכט...

ביי אונדז אין שטוב פלעגט ער עסן נאָר ברויט מיט וואַסער. ער האָט געוווּסט, אַז זיין ברודער, אונדזער טאַטע, איז ניט פרום און פירט ניט קיין כּשרע שטוב. ער פלעגט אָפט פירן דיסקוסיעס מיט מיין טאַטן אויף רעליגיעזע טעמעס און ס'פלעגט גאַנץ אָפט טרעפן, אַז ער פלעגט מיטן טאַטן מסכּים זיין. דער פעטער איז ניט געווען קיין פאַנאַטיש פרומער. זיך באַצויגן מיט דרך־ארץ צו אַלע מענטשן. ער פלעגט זאָגן, אַז אויב די קינדער זיינען שוואַכע און מען דאַרף זיי העלפן אין געזונט, איז עס פּיקוח־נפש און מען קען זיי געבן שינקע... ספּעציעל האָט ער עס אונטערגעשטראָכן, בעת איטע איז געווען קראַנק. ווען איך האָב זיך דערנענטערט צו בר־מיצווה, האָט מיך דער פעטער געלערנט לייגן תּפילין, אָבער ווען ער האָט געזען, אַז איך האָב ניט צו דעם קיין גרויסן חשק, האָט ער מיך ניט געצוווּנגען און באַפרייט פון לערנען די „מלאָכה". ער האָט דאַן צו מיר געזאָגט: „ווילסט ניט, איז ניט!"...

אין אָנהייב פון זיינע זיבעציקער יאָרן האָט ער זיך שוין אַליין ניט געקאָנט באַדינען און געווען געצוווּנגען זיך איינצואָרדענען אין מושב־זקנים אויף פּאַרטאָווע גאַס. איך פלעג גיין צו אים יעדן פרייטיק מיט אַ פרישער שבתדיקער חלה, ווי אויך מיט די פּראָדוקטן, וואָס זיינע ליפּוווקער פריינד פלעגן אים שיקן. ער איז געשטאָרבן צו 74 יאָר און האַרט פאַרן טויט זיך אָנגעכאַפּט אַן דער האַנט פון דער קריסטלעכער באַדינערין...

מיר האָבן אים ליב געהאַט, געשעצט זיין אָרנטלעכע, תמימתדיקע פרומקייט און מענטשלעכקייט. און שטאַרק באַוויינט זיין טויט.

## מיין קינדהייט

נאָכן צוגרייטן די שטוביקע לעקציעס פאַר דער שול, פלעג איך זיך שפּילן מיט די קינדער אויפן הויף. און אויך אין פוטבאָל. גאַנץ אָפט פלעגט מען מיט דער פּילקע טרעפן אין אַ שויב. מיין ברודער משה איז געווען אַ מומחה אין האַקן שויבן... גלייך פלעגן קומען די געליטענע שכנים צו מיין טאַטן און פאָדערן, ער זאָל באַצאָלן פאַר דער צעבראָכענער שויב. אָבער אויך שפּעטער, ווען משה איז שוין ניט געווען אין שטוב, און אַז מען פלעגט טרעפן אין אַ שויב, פלעגן די שכנים קומען צו מיין טאַטן, ער זאָל באַצאָלן פאַר דער שויב...

גאַנץ אָפט פלעגן מיר זיך שפּילן אין יאַגעניש און זיך גליטשן אויף די פאַרענטשן פון די טרעפּ. האָט געטראָפן, אַ צען־יאָריק מיידעלע פון אַ צווייטן הויף האָט זיך געגליטשט איבער אַ פאַרענטש פון צווייטן עטאַזש, אַראָפּגעפאַלן אויף די שטיינער פון ברוק און געבליבן זיצן. אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי זיך אויפגעהויבן און אַוועק אַהיים, ווי ס'וואָלט גאָרניט געשען...

געווען אויפן הויף אַ ייִנגל, עלטער פון מיר, מיט וועלכן איך האָב זיך געחברט. ער האָט געהאַט זעלטענע פעיִקייטן צו צייכענען. אַרקע גיצעלטער האָט מען אים גערופן. זיין טאַטע איז געווען אַ מעקלער פון פוטער, גאַנץ פאַרמעגלעכע מענטשן. מיר האָבן ביידע באַשלאָסן צו מאַכן אַ קינאָ מיט ליכט־בילדער. צום ערשטן פילם האָבן מיר גענומען די באַרימטע דערציילונג „נעלאָ און פאַטראַש". דאָרטן דערציילט זיך וועגן אַ היימלאָז ייִנגל, וואָס האָט זיך צונויפגעפאָרט מיט אַן עלנטן הונט „פאַטראַש". זיי פלעגן ביידע אַרומבלאָנקען איבערן שטאָט און זוכן עפּעס צום עסן, ביי נאַכט פלעגן ביידע זיך פאַרקלייבן אין אַ קלויסטער אָדער אַן אַנדער אָרט און דאָרטן איבערשלאָפן. אין איינער אַ פראָסטיקער ווינטער־נאַכט, האָבן זיי זיך ביידע פאַרקליבן אין אַ קלויסטער, און אויף מאָרגן

האָט מען זייביידן געפונען פאַרפרוירענע, אַרומגענומען איינער מיטן אַנדערן. די דאָזיקע דערציילונג האָט אויף אונדז ביידן געמאַכט אַ קאָלאָסאַלן איינדרוק און מיר האָבן באַשלאָסן צו מאַכן דערפון אַ פילם. אַרקע האָט געצייכנט אויף האַרטלעכן פּאַפּיר בילדער לויט דער דערציילונג. איך פלעג עס אויסשניידן. דערנאָך האָב איך געמאַכט אַ קליין קעסטל פון קאַרטאָן און עס צוגעריכט אַזוי, מען זאָל קאָנען אַריינשטעלן אַהין די בילדער. הינטערן אויסגעשניטן בילד האָבן מיר אַוועקגעשטעלט אַ ברענענדיקע ליכט. אין צימער האָבן מיר דאָס ליכט פאַרלאָשן און אַזוי האָבן זיך אויפן ווייסן ליילעך, וואָס מיר האָבן אויפגעהאַנגען אויפן וואַנט, אָפּגעשפּיגלט בילדער לויט דער דערציילונג. דערביי פלעג איך געבן דערקלערונגען. אונדזער „קינאָ" פלעגן באַזוכן קינדער און אויך דער־וואַקסענע. דער אַריינגאַנג האָט געקאָסט איין גראָשן. מיר האָבן שפּעטער צוגעגרייט נאָך פילמען און געהאַט דערפאָלג. דאָס האָט זיך געצויגן ביז אַרקעס טאַטע איז געשטאָרבן.

אויף אונדזער הויף פלעגן זיך צונויפקלייבן קינדער אויך פון שכנותדיקע הייף. בשכנות פון אונדזער הויף האָט זיך געפונען אַ גרויסער פּרוכטסאָד, וואָס איז געווען ניט אַרומגעצוימט. אין סעזאָן פלעגן מיר אָנרייסן פּאַרעטשקעס און אַגרעסן און קאָכן דערפון איינגעמאַכטס. העלפן פלעגט אונדז דעם יידישן פּאַרוואַלטערס טאָכטער, וואָס איז געווען אַ סך עלטער פון אונדז.

אין האַרבסט ווען עס פלעגן גיין גרויסע רעגנס, האָב איך ליב געהאַט אַרומצולויפן באָרוועס און לאָזן פּאַפּירענע „שיפן" אין די פולע רינשטאָקן מיט וואַסער. עס איז נאָך ניט געווען קיין קאַנאַליזאַציע און דאָס וואַסער איז גערונען אין טיפע רינשטאָקן לעבן די הילצערנע טראָטואַרן. אונטער די פיס פון פאַרבייגייער פלעגן אויפשפּרינגען די טראָטואַרן און אָפּשפּריצן די מענטשן מיט בלאָטע.

דער ווינטער האָט אויך געהאַט זיין חן. ס'איז געווען אַ מחיה צו גליטשן זיך אויף אַן אויסגעטראָטענעם גליטשוועג. די בעסטע זאַך ז'געווען אַ שליטעלע. אָבער ניט אַלע האָבן עס געהאַט. איך פלעג פּרווון אַליין זיך מאַכן אַ שליטל. און אַז עס פלעגט זיך ניט איינגעבן, פלעג איך זיך

שליטלען אויף אַן אַלטער בלעך, אָדער אַן אַלטער סקאָווראָדע. דער פראָסט פלעגט אָנפּארבן די באַקן אויף רויט, ס׳פלעגט ווערן וואַרעם אין אַלע גלידער, און אַפילו דער הונגער האָט ניט געאַרט. ס׳האָט זיך נאָר געוואָלט גליטשן און גליטשן...

מיר פלעגן אויך מאַכן זייער שיינע שניימענטשן און פירן מלחמות מיט גאָמלקעס. אַנדערע קינדער האָבן אויך געהאַט אייז־גליטשערס, אָבער איך האָב געקאָנט בלויז טרוימען וועגן דעם.

זומער איז געווען די הויפּטשפּיל פוטבאָל. מיר האָבן אָרגאַניזירט אַ פוטבאָל־קאָמאַנדע. איך בין אָפט געווען דער טויערמאַן, ס׳פלעגן זיך אָפט צערייסן די שיך און די זאָקן אין די קני. דער טאַטע פלעגט שרייען אויף מיר, ווייל ס׳איז געווען אַ גרויסע הוצאה, אָבער שווער געווען זיך אָפּצוזאָגן פון אַזאַ פאַרגעניגן. ס׳פלעגט אויך טרעפן, אַז די לעדערנע פילקע פלעגט זיך צערייסן. פלעגן מיר זי אויסשטאָפּן מיט שמאַטעס און ווייטער שפּילן. געשפּילט האָבן מיר אויף אַ פּלעצל לעבן אַ קלויסטער. מיר פלעגן אָפט זיך פאַרמעסטן מיט קאָמאַנדעס פון אַנדערע הייף.

אַ באַזונדער פאַרגעניגן איז געווען דאָס אָראָפּקלאַפּן עפּל פון דערבייאיקע סעדער. מען האָט דערנאָך געדאַרפט אַריבערקריכן דעם פּאַרקאַן און אויפנעמען די עפּל. געדאַרפט האָט מען זיך היטן פאַר אַ בייזן הונט אָדער אַ שומר, וואָס פלעגט גוט אָנברעכן די ביינער. אָבער דאָס איז געווען אַ צוציִענדיקער „ספּאָרט" און ס׳איז שווער געווען דערפון זיך אָפּצוזאָגן...

## אין שול „מפיצי־השׂכּלה"

די שול איז מיר געוואָרן מיין צווייטע היים. עס זיינען געווען גוטע לערער. געווען איינגעשטעלט אַ גוטע דיסציפּלין אַ דאַנק דעם פאַרוואַלטער און מאַטעמאַטיק־לערער ישׂראל גורעוויטש. ער האָט אויך געזאָרגט וועגן דער ריינקייט און פלעגט ביי יעדער געלעגנהייט אונטער־שטרייכן, אַז ס׳איז בעסער צו עסן אַ שטיקל הערינג פון אַ ריינעם טעלער, איידער אַ געבראָטענע גאַנדז פון אַ שמוציקער שיסל.

אויפן שולהויף האָבן געלעבט, אחוץ דעם פוילישן שמש, נאָך אַ פּאָר פּוילישע שכנים, גרויסע אַנטיסעמיטן. זיי פלעגן אָפּט אויך געבן אַ גוטן קלאַפּ און זיך זידלען, אָבער מען האָט זיי פון הויף ניט געקאָנט באַזייטיקן. מיר האָבן אויך געהאַט אַ שולגאָרטן, אויף אַ בערגל, ווו מיר פלעגן אין די זומערן צו מאָל דורכפירן לעקציעס.

ביי דער שול האָט זיך אָרגאַניזירט אַ בלאָז־אָרקעסטער, אַ קינדער־קלוב מיט אַ דראַמקרייז, אַ קאַרטאָנאַזש־סעקציע, סטאָלעריי, ביבליאָטעק.

איך האָב זיך אַקטיוויזירט אין דער קלוב־אַרבעט און קודם־כּל אין דראַמקרייז, מיט וועלכן ס'האָט אָנגעפירט משה פּאַפּיערין, אַ באַגאַבטער רעזשיסער, אָבער ניט קיין פּראָפעסיאָנאַל. ער האָט געאַרבעט ביי גלעמבאָצקין אין ליטאָגראַפיע און רעזשי איז געווען זיין האָבי. איך האָב אויך געהאָלפן אין דער שול־ביבליאָטעקביים אַרויסגעבן ביכער צום לייענען. אַליין האָב איך אַ סך געלייענט. אין אָרקעסטער האָב איך געשפּילט אויף די פּויק־אינסטרומענטן. דער דיריגענט איז פון אָנהייב געווען עלמאַן, דערנאָך איז געקומען ניט קיין ייִד, איינער ראַוזע, אַ גוטער שפּילער אויף אַ טרומייט אָבער אַ גרויסער שיכּור. דער אָרקעסטער האָט אַ סך דערגרייכט אונטער זיין אָנפירונג. מיר פלעגן פון צייט צו צייט אַרויסגיין מיטן אָרקעסטער רעפּעטירן אויף ליפּוווקע, ווו די גאַסן־באַוועגונג איז ניט געווען אַזוי גרויס. אָפּט פלעגן אונדז באַפאַלן פּוילישע יונגלעך מיט שטיינער און זידלערייען, אָבער דער לערער כמיעל, וואָס פלעגט אונדז באַגלייטן, פלעגט זיי פאַרטרייבן. די סטאָלעריי־סעקציע מיטן לערער גאָלאָמב בראש פלעגט זיך בעיקר פאַרנעמען מיט אויסזעגן פון דיכט פאַרשיידענע טיילן פון לייכטער און שטוב־באַפּוצונגען און דערנאָך עס מאָנטירן. אויך האָב איך זיך ספּעציאַליזירט אין דער קאַרטאָנאַזש־סעקציע. מיר פלעגן מאַכן פון פאַרביקע פּאַפּיר שיינע פאַרהאַנגען און באַפּוצט דערמיט די פענצטער פון די שולקלאַסן.

אין יאָר 1924 האָט זיך באַוויזן אין ווילנע דער ראַדיאָ. האָט דער לערער צאַסטראָף — אַ דייטש, וואָס האָט געלערנט ביי אונדז אין שול צייכענען, געבראַכט פון זיין שטוב אין קלוב אַ ראַדיאָ־אַפּאַראַט. דאָס האָט אַלעמען פאַראינטריגירט. צאַסטראָף האָט אונדז אויסגעשטעלט אין

א ריי און יעדערער פון אונדז האָט אויף אַ ווײַלע צוגעלייגט די הערטרייבלעך פון ראַדיאָ־אַפּאַראַט און געהערט די קלאַנגען. אַגב האָב איך ביים לערער צאַסטראָף ניט געהאַט קיין דערפאָלג אין צייכענען. ער פלעגט צו מיר טענהן: „בורגין, אַ דייטשע פאַמיליע, און קענסט ניט צייכענען, באַקומסטו פון מיר אַן ,1.׳״ שפּעטער, ווען דער לערער פון צייכענען איז געוואָרן דער קינסטלער יעקב שער, האָט זיך שוין מיין מערכה פאַרבעסערט און כ׳פלעג באַקומען אַפילו אַ 5 אויף צייכענען...

זייענדיק אַ שילער שוין פון די עלטערע קלאַסן, פלעג איך אָפט אין דער פרייער צייט אַוועקגיין צום וויליע־טייך, זיך אַנשפּאַרן אויף אַ פּאַרענטש און טרוימען וועגן מיין צוקונפט. ס׳איז געווען אַ סך וועגן וואָס צו טראַכטן און קלערן: די לאַגע אין שטוב, די אויסזיכטן אויף ווייטער, וועגן טאַטן, וואָס האָט אַזאַ שווער לעבן און נאָך און נאָך. קיין פּראָבלעמען און דאגות האָבן ניט געפעלט. מיר האָט זיך געוואָלט לערנען שפּילן אויף אַ פידל, אָבער דאָס איז געווען בלויז אַ ווייטער טרוים. און אַזוי פלעג איך דאָרטן אָפּזיצן אַליין און זיך אומקערן צוריק אַהיים אין דער אָרעמער, ענגער דירה... האָב איך דערנאָך באַשלאָסן זיך צו אַקטיוויזירן מערער אין דראַמקרייז. מיך האָט געצויגן צו טעאַטער, צו דער בינע, צום זינגען. ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן פלעג איך אַרויפגיין אויף דער בינע אין קלוב און זינגען. צו אונדזער דראַמקרייז האָבן זיך אויך אַנגעשלאָסן שילערינס פון די מיידל־שולן. צווישן זיי איז געווען סאָניע מוסקאַ, אַ שיין, שלאַנק מיידל. זי איז געווען מיין פאַרטנעאַרשע אין ליבע־ראָלן. איך האָב איר שטילערהייט סימפּאַטיזירט און ליב געהאַט, אָבער קיין מאָל ניט אַנטדעקט איר דעם סוד. שפּעטער, אין געטאָ, איז זי געוואָרן מיין פרוי. אונדזער דראַמקרייז מיט משה פּאַפּיערין האָט צוגעגרייט אַ גאַנץ גרויסן רעפּערטואַר פון קלענערע פּיעסעס, איינאַקטערס, סצענקעס און רעוויו־נומערן.

שפּעטער, נאָכן ענדיקן די שול, האָב איך אויך געשפּילט אין בעסטן דראַמקרייז פון ווילנע אונטער דער רעזשי פון סאַשע קרעמער. אַ סך אָנטיילנעמער פון דאָזיקן דראַמקרייז זיינען שפּעטער געוואָרן פּראָפעסיאָ־נעלע אַקטיאָרן: דבורה ראָזנבלום, יקותיאל רוטנבערג, מיכאל כץ, ראובן

דובינסקי, יוסף ווידעצקי, איך א״אנד. סאַשע קרעמערס דראַמקרייז האָט צווישן אַנדערע אויפגעפירט „דער דיבוק אויף דער לינקער זייט״ — אַ פּאַראָדיע אויפן „דיבוק״. איך האָב דאָרטן מיט יוסף ווידעצקין געשפּילט די בדחנים שבתאי און שמחה; „דער גולם איבערגעגולמט״ — אַ פּאַראָדיע אויף לייוויקס „גולם״, אַן אַקט פון װעוויאָרקעס פּיעסע „האַנענקריי״, אַ ריי רעוויו־נומערן א״אנד. סאַשע קרעמער איז אין אַ געוויסן טאָג געגאַנגען פאַרביי די שטאָטישע האַלעס און געזען, ווי אַ קרעמער פאַרקויפט הערינג און וויקלט זיי איין אין בלעטער פון אַ בוך. ער האָט זיך פאַראינטע־רעסירט מיטן דאָזיקן בוך און דערזען, אַז דאָס איז אַ געדרוקטע פּיעסע פון סאָוועטישן שרייבער וועוויאָרקע אונטערן נאָמען „האַנענקריי״. קרעמער האָט אָפּגעקויפט ביים פאַרקויפער דאָס בוך און אַזוי האָבן מיר מיטן דראַמקרייז אויפגעפירט דעם ערשטן אַקט פון דער פּיעסע. דאָרטן ווערט דערציילט וועגן אַ רייכן יידן, וואָס האָט געהאַט אַ שיין יונג ווייבל, און זי האָט אים פאַרראַטן. דעם גאַנצן סיוזשעט פירן אַ גרופּע קבצנים, וואָס זידלען און שילטן דעם גביר און טרוימען וועגן אַ געבראָטענעם קאַרטאָפל.

אין די ייִנגערע קלאַסן פון שול פלעגט דער לערער ש. באַסטאַמסקי גרייטן מיט אונדז יעדן יאָר אַ פּורים־שפּיל. איבערהויפּט פלעגט עס זיין „מכירת יוסף״. די פּורים־שפּיל האָט געהאַט אַ פאַלקסטימלעכן חן און האָט פאַראינטערעסירט קליין און גרויס. מען פלעגט עס איבערחזרן אַ סך מאָל פאַר די שילער און זייערע עלטערן. איך האָב שטענדיק געשפּילט די ראָלע פון יוספן. ס׳איז געוועזן אַ סך געזאַנג אין דער ראָלע און די פּורים־שפּיל פלעגט זייער אויסנעמען. מיר פלעגן עס שפּילן אין גרויסן זאַל פון שול.

אַ באַזונדערן אינטערעס פלעגט אַרויסרופן דער ייִדישער לערער־סעמינאַר מיט זיינע אָריגינעלע און גוט אויסגעפירטע פּורים־שפּילן, ווי „המן־טאַשן״, „אחשורוש־שפּיל״ א״אנד. יעדן יאָר אַן אַנדער פּורים־שפּיל, אויפגעפירט מיט אַ סך איינפאַל און פריילעכקייט. די קינדער פון אַלע ייִדישע שולן פלעגן אָרגאַניזירטערהייט גיין אָנקוקן די פּורים־שפּילן, וואָס פלעגן אויפגעפירט ווערן אין גרויסן שטאָט־זאַל פון איבער טויזנט

פלעצער. מען פלעגט עס איבערחזרן עטלעכע מאָל ביי פול געפאַקטע זאָלן און געבראַכט דערמיט אַ סך פרייד און הנאה די צושויער.

אויך יעדן חנוכּה פלעגן מיר אין אונדזער שול זיך צונויפקלייבן לויט די קלאַסן. דער לערער גורעוויטש מיט זיין קליינעם זונעלע אויפן האַנט, פלעגט צינדן די חנוכּה־ליכט. דער שולכאַר, אָנגעפירט דורכן לערער סליעפּ, פלעגט זינגען חנוכּה־לידער. מען פלעגט טיילן גוטע זאַכן און ס'איז געווען יומטובדיק, פריילעך און האַרציק.

אין אונדזער שול, ווי אין אַלע איבעריקע שולן מיט ייִדיש אַלס אונטערריכט־שפּראַך, איז געווען אָבליגאַטאָריש דאָס לערנען עברית און תּנך, אָנהייבנדיק פון דריטן קלאַס. מיר האָבן געהאַט גוטע לערערס אויף עברית, מען פלעגט אונדז אַרויסגעבן שטוביקע אַרבעטן און מיר האָבן געדאַרפט לייענען עברית־ביכלעך אין שטוב. פון דריטן קלאַס אָן האָב איך צו גלייך מיט ייִדישע געלייענט אויך עברית־ביכער. ס'איז ניט געווען קיין זילזול צו עברית, ווי דאָ אין ישראל צו ייִדיש. די שילער אין אונדזער שול זיינען געווען נאַציאָנאַל געשטימט. מיר האָבן שטאָלצירט, וואָס מיר זיינען ייִדן, ווייל מען האָט אין אונדז איינגעפלאַנצט די צוגע־העריקייט צום ייִדישן פאָלק. אין אַלע ייִדישע הייזער אין ווילנע, אַפילו אין ניט קיין פרומע, פלעגט מען אָפּמערקן די ייִדישע יום־טובים. די ייִדישע קראָמען זיינען אין די שבתים און ייִדישע יום־טובים געווען געשלאָסן און ס'האָט זיך געפילט דער נאַציאָנאַלער גייסט.

אַגב, זיינען אַלע שילדן אויף די ייִדישע געשעפטן אין ווילנע געווען געשריבן אויף ייִדיש און פויליש, ניט נאָר אין ייִדישן ראַיאָן, נאָר אויך אין די פאָרשטעט פון ווילנע.

די ייִדישע יוגנט, אַפילו ציוניסטישע, האָט גערעדט אין גאַס ייִדיש. אויך קינדער און דערוואַקסענע. אַ גרויסער טייל פון די ייִדישע סטודענטן פון אוניווערסיטעט האָבן גערעדט צווישן זיך ייִדיש. בלויז אַ קליינער טייל, איבערהויפּט ציוניסטן־רעוויזיאָניסטן, אָדער די „גאָלדענע יוגנט" האָט גערעדט צווישן זיך אין גאַס פויליש.

אין ייִדישן צענטער, ווי למשל אויף דייטשע גאַס און אירע דערבייִיקע

געסלעך, איז געווען די באַפעלקערונג דורכויס אַ ייִדישע, אחוץ די שומרים (סטרוזשן) וואָס זיינען געווען פּאָליאַקן.

אונדזערע לערער, ניט קוקנדיק אויף זייער שווערער מאַטעריעלער לאַגע, ווייל זייערע גישטיקע געהאַלטן פלעגן זיי אויך ניט באַקומען רעגולער, האָבן קיין מאָל ניט געשטרייקט. אַזאַ געדאַנק איז זיי קיין מאָל ניט איינגעפאַלן. די לערער האָבן געזען אין זייער אַרבעט אַ הייליקע מיסיע — צו דערציִען זייערע שילער אין נאַציאָנאַלן גייסט און סאָציאַלער גערעכטיקייט.

יעדן יאָר, ל״ג בעומר, איז געווען אַ טראַדיציע פון אַלע ייִדישע שולן אין ווילנע אַרויסצוגיין מיט זייערע פענער אין בעלמאָנטער וואַלד, וואָס אויפן וועג צו ניי־ווילייקע. אויך אונדזער שול בראש מיט אונדזער שול־אָרקעסטער. מען פלעגט שפּילן, זינגען, זיך פאַרווילן, מאַכן פאַר־וועטונגען און שיין און פריילעך פאַרברענגען דעם דאָזיקן טאָג. פאַר נאַכט פלעגט מען זיך אויסשטעלן צו פיר אין אַ ריי, אונדזער אָרקעסטער — פאָרויס, און מאַרשירנדיק אונטער מאַרש־קלאַנגען פון אָרקעסטער פלעגט מען זיך אומקערן אין שטאָט און דערביי אָפּשטאָטן אַ וויזיט דעם בילדונגס־קוראַטאָריום. האָט געטראָפן, אַז אונדזער פאַרוואַלטער, גורעוויטש, האָט דאָרטן געהאַלטן אַ חניפהדיקע רעדע ביים באַגריסן דעם קוראַטאָריום. דאָס איז ניט געפעלן געוואָרן די אָנפירונג פון די צישאָ־שולן און זיי האָבן באַשטימט אַראָפּצונעמען פון דער אַרבעט אונדזער לערער און פאַרוואַלטער גורעוויטש. עס האָבן זיך געשאַפן צוויי מחנות — פון די שילער און פון די עלטערן — פאַר און קעגן. דאָס איז געווען זומער 1928, פאַרן ענדיקן דאָס לערן־יאָר. דער טומל איז געווען גרויס און ס׳איז אויסגעבראָכן אַ שטרייק, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט דעם, וואָס ישראל גורעוויטש איז אַוועק פון שול און געשאַפן אַ נייע שול־אָרגאַניזאַציע מיטן נאָמען „שולקולט״. ער האָט איבערגעצויגן אויף זיין זייט אַ סך שילער און אויך אייניקע לערער. איך בין דאַן געווען אין אַכטן קלאַס און בין געבליבן אין „מפיצי השכלה״. אונדזער קלאַס איז דאַן באַשטאַנען פון בלויז זעקס שילער: נחמן באַראַנטשיק, ברוך פישמאַן, זלמן קאַטשעלניק, נחום קאַגאַנאָוויטש, אליהו פּילניק און איך.

דער נייער פּאַרוואַלטער פון דער שול, דער לערער ברוך לובאַצקי, האָט אָנגענומען אַלע מיטלען צו באַרויִקן די געמיטער און אָנצופירן מיט דער שול. דער עלטערן־קאָמיטעט מיט די לערער האָבן זיך פאַר־פליכטעט איינצואָרדענען אויף אַרבעט די זעקס שילער, וואָס וועלן ענדיקן דעם אַכטן קלאַס. איך האָב זיך דערווייל אָנגעהויבן לערנען בוכהאַלטעריע ביי אונדזער שול־לערער גאַלאַמב, וואָס האָט געלעבט אויפן שול הויף נאָענט פון גאָרטן. די שול האָט אָנגעהויבן אַרבעטן נאָרמאַל. כמעט אַלע לערער פון פריִער זיינען געבליבן אַרבעטן. די מאַטעריעלע לאַגע פון די לערער איז געווען אַ קאַטאַסטראָפאַלע. די עלטערן האָבן געדאַרפט צאָלן פאַר יעדן קינד מינימום איין זלאָטע אַ חודש, אָבער די עלטערן האָבן געצאָלט ניט פּינקטלעך. די ווייניקער פאַרמעגלעכע עלטערן איז געווען אַפילו שווער צו באַצאָלן דעם איינציקן זלאָט. די לערער פלעגן דעריבער קריגן געהאַלט מיט ריזיקע פאַרשפּעטי־קונגען און פלעגן זיך מאַטעריעל זייער מאַטערן. דער איינציקער לערער, וואָס פלעגט באַקומען זיין געהאַלט יעדן ערשטן פון חודש, איז געווען דער דייטשער לערער פון צייכענען צאַסטראָף. אים פלעגט מען יעדן ערשטן אַריינטראָגן אין אַ קאָנווערט זיין געהאַלט, אַפילו אויף דער לעקציע. ער איז, אַגב, געשטאָרבן פאַרן אַריינגיין פון די דייטשן קיין ווילנע, אָנהייב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

דאָס איז געווען אין אַ זוניקן, וואַרעמען פרילינגס־טאָג, ווען מיר האָבן געדאַרפט האָבן אַ לעקציע פון יִדישער געשיכטע מיטן לערער א. י. גאָלדשמידט, אַ שרייבער און איבערזעצער. בדרך כּלל פלעגן זיינע לעקציעס זיין טומלדיקע. ער האָט ניט געקענט איינהאַלטן די דיסציפּלין. שוין ניט קיין יונגער, נידעריקער פון מיטלען וווקס, אַן אַלט, אָפּגעטראָגן בגד, אַ געקרויזטע קאָפּ האָר און פּענסנע אויף די אויגן, פון וועלכע דער שוואַרצער שניר פלעגט אַראָפּהענגען. איך דערמאָן זיך אַ לעקציע פון יִדישער געשיכטע אין זעקסטן קלאַס. דער קלאַס, בערך אַ דרייסיק שילער, האָט געטומלט. גאָלדשמידט פלעגט ווי שטענדיק שרייען: „שטילער, ביים לערער גיסט זיך בלוט פון האַרצן!". אָבער ס'האָט ניט געהאָלפן. ער פלעגט די טומלדיקע שילער קיין מאָל ניט אַרויסשיקן פון קלאַס.

און דאָ, אין גרויסן טומל, האָט אים אַ שילער צוגעטראָגן אַ בילדל פון אַ מאַלפּע, ווי זי טרינקט טיי. דאָס האָט שוין דעם לערער גאָלדשמידט אַרויסגעבראַכט פון די כּלים און ער האָט דעם שילער אַרויסגעטריבן פון קלאַס.

האָבן מיר דאָ, די זעקס שילער פון אַכטן קלאַס, פאַרגעלייגט דעם לערער גאָלדשמידט, אַז מיר זאָלן אויסנוצן דעם שיינעם טאָג און אַרויסגיין לערנען אין גאָרטן. ער האָט מסכּים געווען. דאָס איז שוין געווען זיין צווייטע לעקציע אין יענעם טאָג. מיר זיינען אַרויס אין גאָרטן, זיך אויסגעזעצט און געווען גרייט צו דער לעקציע. פּלוצלונג האָט דער לערער זיך געווענדט צו אונדז: „קינדער, ווער האָט אַ שטיקל ברויט? איך האָב נאָך היינט ניט געגעסן...״ מיר זיינען געבליבן זיצן ווי געפּלעפּטע. איינער פון אונדז האָט אַרויסגענומען פון זיין טאַש אַ „פּוטער־ברויט״ און אים דערלאַנגט. דער לערער האָט אָפּגעגעסן און אָנגעהויבן די לעקציע פון יידישער געשיכטע. איך ווייס ניט, צי אַלע מיינע קלאַס־חברים האָבן פאַרשטאַנען וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. איך, וואָס גיין אַ הונגעריקער אין שול איז געווען פאַר מיר כּמעט אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג, האָב גוט פאַרשטאַנען דעם לערער און אים שטאַרק מיטגעפילט. איך האָב אָבער קיין מאָל ניט געוואָגט צו בעטן ביי מיינע קלאַס־חברים אַ שטיקל ברויט, צוזעענדיק אַפילו ווי אייניקע קענען ניט אויפעסן זייער פרישטיק און וואַרפן עס אַוועק... אויך די איבעריקע לערער זיינען געווען ניט בעסער סיטויִרט. די לערער פון די יידישע שולן זיינען געווען שטילע העלדן, וואָס האָבן אָפּגעגעבן זייערע לעבנס פאַר דער דערציִונג פון יונגן יידישן דור. צום סוף זיינען זיי כּמעט אַלע אומגעקומען אויף פּאַנאַר דורך די היטלעריסטישע רוצחים בעת דער נאַצי־אָקופּאַציע.

אין 1928 איז געקומען צו גאַסט קיין ווילנע דער גרויסער שרייבער און דיכטער אַברהם רייזען. מיר, מיט אונדזער אָרקעסטער, זיינען געגאַנגען צום וואָקזאַל אים באַגעגענען. ער איז אויך געווען געקומען צו גאַסט אין אונדזער שול. אונדזער שול־דראַמקרייז האָט געשפּילט פאַר אים אַ פּאָר סצענקעס אויף זיינע טעקסטן, און איך האָב געזונגען זיין „מאַי קא משמע לן?״. ווען כ׳האָב געענדיקט, האָט ער מיך אַ קוש געטאָן.

אין יאָר פון מיין ענדיקן די שול איז דער ווינטער געווען אַ גאָר שווערער, מיט אַ סך שניי און פרעסט. אין ערשטן קלאַס האָט דאַן געלערנט פרייוויליק די לערערין וויטע לעווין. אירע עלטערן האָבן געהאַט אַ גרויסן האָטעל אַנטקעגן ווילנער באַן־וואָקזאַל. זי פלעגט יעדן טאָג ברענגען מיט זיך פרישטיק פאַר די קינדער, וואָס האָבן ניט געהאַט וואָס צום עסן. זי איז געווען אַ מוסטער פון אַ לערערין. איך פלעג איר אַ סך העלפן ביים אויפנעמען דאָס קליינוואַרג — זיי אויסטאָן די מאַנטעלעך, שפּעטער זיי אָנטאָן און אויך אויפקוקן אויף זיי בעת די הפסקות. די שטאַרקע פרעסט האָבן זיי ניט געשטערט יעדן טאָג צו קומען אין קלאַס.

אין אַ געוויסן ווינטערדיקן אָוונט הער איך אַ קלאַפּ אין אונדזער טיר. איך האָב געעפנט און דערזען די לערערין וויטע לעווין. האָב איך זיך שטאַרק פאַרוווּנדערט. אויף מיין פראַגע וואָס איז געשען, האָט זי מיר אַריינגערוקט אין האַנט אַ בילעט אויף דער פאָרשטעלונג „קידוש־השם" פון שלום אַש אין דער „ווילנער טרופּע", וואָס האָט געשפּילט אין גרויסן פאָלקס־טעאַטער. איך האָב איר באַדאַנקט און זי איז גלייך אַוועק.

אַ דאַנק דער לערערין וויטע לעווין האָב איך צום ערשטן מאָל געזען אַ פאָרשטעלונג, וואָס האָט אויף מיר געמאַכט אַ קאָלאָסאַלן רושם. קודם כל דער אינהאַלט און די שפּיל פון די אַקטיאָרן. דאָס איז געווען אמתע טעאַטער־קונסט. „קידוש־השם" איז געווען אַ פאָרשטעלונג, וווּ יעדער אַקטיאָר באַזונדער און אַלע אַקטיאָרן צוזאַמען זיינען דערגאַנגען צו מייסטערשאַפט. צוזאַמען מיט די אַקטיאָרן האָט דער עולם איבער־געלעבט די גרויליקע עפּאָכע פון באָגדאַן כמעלניצקי מיט זיינע רציחות אויף ייִדן. נאָכן פאַלן פון פאָרהאַנג איז געווען שווער צו פאַרלאָזן דאָס טעאַטער. ס'האָט זיך מיר געוואָלט, אַז דער ספּעקטאַקל זאָל זיך נאָך ציִען, און ציִען, און ס'וואָלט ניט נמאס געוואָרן צו קוקן. אַ לאַנגע צייט בין איך געווען אונטערן רושם פון דאָזיקן ספּעקטאַקל. ס'איז פּשוט געווען אַ יום־טוב צו זען אַ ספּעקטאַקל ביי דער „ווילנער טרופּע". אין איר גלאַנץ־פּעריאָד איז עס געווען דער בעסטער ייִדישער טעאַטער־קאָלעקטיוו, וואָס איז געבליבן ווי אַ מוסטער פון העכסטער טעאַטער־קונסט ביי ייִדן צווישן ביידע וועלט־מלחמות.

✶

אין לעצטן שול־יאָר האָבן מיר מיט אונדזער דראַמקרייז, אָנגעפירט פון משה פּאַפּיערין, צוגעגרייט אַ גרויסן רעפּערטואַר און כמעט יעדן שבת געגעבן אויפטריטן פאַר עלטערן און יוגנט. אין משך פון שול־יאָר האָבן מיר דורך דעם געשאַפן אַ באַדייטנדיקן געלט־פאָנד פאַרן עלטערן־קאָמיטעט און זיינע הצטרחותן. גלייכצייטיק האָבן מיר זיך מער צוגעוווינט צו דער בינע.

דער ווילנער דראַמקרייז פון סאַשע קרעמער האָט באַשטימט אַרויס־צופאָרן מיט אַ רעווי־פּראָגראַם אין אַ ייִדישן ייִשוב אַרום ווילנע. דאָס איז געווען אין אַ פּראַסטיקן שבת. מיין טאַטן האָב איך געזאָגט, אַז מיר פאָרן מיט דער באַן קיין גראָדנע... איך האָב אָנגעטאָן דעם טאַטנס מאַנטל, וויל מיר האָבן געדאַרפט פאָרן מיט שליטנס. מיר זיינען געפאָרן אין דער ריכטונג צו אַשמענע. קאַלט איז געווען, אַ פאַרשנייטער וועג, האָט זיך דער פויער מיטן שליטן אַ לאָז געטאָן גאַלאָפּ און אין אַ ווילדע אַרום זיינען מיר געלעגן אין שניי און אויף אונדז דער שליטן. אָבער דאָס האָט צוגעגעבן בלויז פריילעכקייט, וויל מען איז געווען יונג און ס'האָט זיך געוואָלט שפּילן טעאַטער... פאַרפראָרענע האָבן מיר זיך דערקליבן אין אָנגעמערקטן ייִשוב, זיך אָנגעטרונקען מיט הייסן טיי און פאַרן פאַרזאַמלטן עולם געגעבן אַ שיינע רעווי־פּראָגראַם.

## געענדיקט די שול

און אָט איז געקומען דער טאָג פון סיום — פון ענדיקן די שול „מפיצי השׂכלה", איך בין געווען אָנגעטאָן פשוט: אין קאָרטענע הויזן וואָס כ'האָב ביליק געקויפט, אַ ווייסע בלוזקע — און שוין. מיר האָבן געהאַט פאַר זיך דריי סיומס: „מפיצי השׂכלה", די קופּערשטיין־שול און פּרוג־שול — צוויי מיידל־שולן. די פייערונגען זיינען אין יעדער שול באַזונדער געווען אימפּאָזאַנטע מיטן אָנטייל פון אַלע דריי אַרויסלאָז־קלאַסן, מיט אַ ספּעציעלן פּראָגראַם, מיט אַ צובייס. מען האָט געזונגען, זיך געמאַכט פריילעך. נאָך דער אָפיציעלער טייל זיך געלאָזט שפּאַצירן אין

דער ריכטונג צום בערנאַרדינער גאָרטן, צו דער ווילִיע, צום געדימינאָ־שלאָס — אַלץ פּרעכטיקע ערטער פון ווילנע. מ׳איז געגאַנגען פּאַרווייז, אויך אין גאַנצע כאַפּטעס, און פּאַר טאָג זיינען מיר אַרויף אויפן שלאָס־באַרג באַגעגענען דעם אָנקום פון נייעם טאָג, דאָס אויפגיין פון דער זון... דערנאָך האָט מען זיך אַראָפּגעלאָזט פון באַרג און יעדערער איז אַוועק זיין וועג צו זיך אַהיים.

געענדיקט די שול. 14 יאָר אַלט. איצט דאַרף מען אָנהייבן זוכן אַ תּכלית אין לעבן. גענוג געזעסן אויפן טאַטנס קאַרק. איצט דאַרף מען זיך צופּאַסן אַ באַשעפטיקונג. ביז איצט איז טאַקע דאָס לעבן געווען גאַנץ שווער, אָבער דאָך „זאָרגלאָז" — עס איז געווען די קינדהייט און שול־עלטער. דאָס באַזאָרגן דאָס סאַמע נייטיקסטע איז ביז איצט געלעגן אויפן טאַטנס פּלייצעס. פון איצט אָן — געענדיקט, אַוועק די „גוטע" יאָרן, ווען ס׳איז אָפט ניט געווען קיין שטיקל ברויט, אָבער דאָך יונג, זאָרגלאָז, גליקלעך... און איצט, דריי נעכט ניט דערשלאָפן נאָך די סיומס אין אונדזערע דריי שולן, נאָכן באַגעגענען די זון און דעם נייעם טאָג — און שוין האָט זיך מיר אָנגעהויבן בענקען נאָך די גליקלעכע טעג פון די שוליאָרן. עס האָט זיך מיר דערמאָנט דאָס ליד, וואָס דער לערער סלעפּ האָט מיט אונדז איינגעלערנט אין שולכאָר און אויך אויף די געזאַנג־לעקציעס אין קלאַס — דאָס „האַרבסטליד" פון מענדעלסאָן:

„גליקלעכע טעג —
איר זייט דאָך אַזוי גיך פאַרשוואונדן,
ס׳קומט נאָך דעם פרילינג דערווינטער צוריק,
יוגנט און פרייד,
איר ווערט אַזוי גיך פאַרלאָרן,
צער און אומעט פאַרשטערט אונדזער גליק —
אוי, ווי גיך... אוי, ווי גיך..."

און פון דער גאַנצער סיום־פרייד, פון די דריי ניט־געשלאָפענע נעכט איז געוואָרן אַזוי טרויעריק אויפן האַרצן. ס׳האָבן זיך געענדיקט די גליקלעכע טעג...

אָבער פאַרצווייפלט בין איך ניט געווען. אין די סאַמע שווערסטע מאָמענטן פון מיין לעבן זינגט אין מיר עפּעס אַ ניגון, דערמאָנט זיך מיר אַ ניגון, אַ מעלאָדיע — און דאָס האַלט מיך אויף פון פריסטער קינדהייט ביז היינטיקן טאָג. אַפילו אין געטאָ, ווען דער חלף איז געלעגן אויפן האַלדז, בין איך ניט געווען פאַרצווייפלט און ס׳האָט אין מיר עפּעס געזונגען...

יאָ, געענדיקט די שול, און וואָס ווייטער? וואָס טוט מען? צו וואָס זיך נעמען? דער פאַרוואַלטער פון דער שול האָט מיך געשיקט מיט אַ רעקאָמענדאַציע־בריוו צו אַ בוכהאַלטער פון אַ גרויסער פירמע. אָבער ווען דער בוכהאַלטער האָט דערזען מיין הילוך, האָט ער ניט געוואָלט מיט מיר ריידן און איך בין אַן אומגליקלעכער געקומען צוריק אַהיים. אויסגערונען די האָפענונג...

האָב איך זיך דערווילע גענומען צום געבן לעקציעס. כ׳האָב ביי אונדז אויפן הויף אָנגענומען אַ לעקציע מיט אַ יינגל פון דריטן קלאַס. אַריינקומענדיק צו אים אין שטוב, פלעג איך אים טרעפן ווי ער הוידעט זיך אויף אַ שטרויזאַק, וואָס אויף אַ בעט. זיין טאַטע האָט זיך פאַרנומען מיט פראָדוצירן איריסן און זיי פאַרקויפן אויפן מאַרק.

אין אַ געוויסן טאָג, ווען איך האָב געלערנט מיט מיין שילער, איז זיין טאַטע געקומען אַהיים, אַרויסגעצויגן אַ גרויסע בלעכענע וואַנע פון אונטערן בעט, וווּ דער יינגל האָט זיך געהוידעט. אין וואַנע איז געווען צוגעגרייט די גאַנצע זיסע טייג אויף צו מאַכן די איריסן. די וואַנע איז געווען ניט צוגעדעקט און פון אויבן איז געווען אַ גאַנצער שיכט שטויב און שטרויעלעך, אַרויסגעפאַלענע פון שטרויזאַק. דעם יינגלס טאַטע האָט זיך באַמיט אַראָפּצונעמען דעם שמוץ פון דעם טייג, אויסגעמישט דערנאָך דעם טייג צוזאַמען מיטן איבערגעבליבענעם שמוץ און זיך גענומען צו מאַכן די איריסן און זיי ווויקלען אין שיינע פאַפּירלעך...

איינצייטיק האָב איך אָנגענומען נאָך אַ לעקציע אין אַ צווייטן אָרט און דער פאַרדינסט פוןביידע לעקציעס האָט מיר געקלעקט אויף צו פאָרן מיט אַן עקסקורסיע קיין וואַרשע, וואָס „צישאָ" האָט אָרגאַניזירט. געפירט האָט די עקסקורסיע אַ לערער פון „מפיצי השכלה". דאָס איז געווען מיין

ערשטער גרויסער אַרויספאָר מיט דער באַן, און צום ערשטן מאָל — קיין וואַרשע, סוכּות־צייט, 1929.

וואַרשע האָט אויף מיר געמאַכט אַ קאָלאָסאַלן איינדרוק. די גרויסע אויטאָבוסן און טראַמוויי־באַוועגונג. און דער עיקר — די וואַרשעווער ייִדן מיט זייער ספּעציפֿישן דיאַלעקט, זייער לויפֿן און שמייען, בכדי צו כאַפּן אַ פּאַרדינסטל. די חסידים־שטיבלעך, ווו ביי יעדער געלעגנהייט האָבן זיי געטאַנצט און געזונגען, די ייִדישע גאַסן־הענדלער מיט אויפּס און פֿאַרשיידענע פּרוכטן אויף די וועגעלעך. זיי זיינען געווען אָפֿט געצווונגען צו אַנטלויפֿן פֿון דער פּאָליציי, וואָס האָט זיך נאָך זיי געיאָגט, ווייזט אויס צוליבן האַנדלען אָן אַ פּאַטענט. ווען די פּאָליציי פֿלעגט אָנקומען, האָט זיך שטענדיק געהערט אַ געשריי אויף ייִדיש: „ציי! אַ מענטע!" און אַלע פֿלעגן זיך צעלויפֿן. די ריזיקע וואַרשע מיט דער ווייסל, די גרויסע בריקן איבער איר, די שיינע פּאַרקן און פּרעכטיקע בנינים — דאָס אַלץ איז געווען איבעראַשנדיק אין פֿאַרגלייך מיט דער שטילער ראָמאַנטישער ווילנע. מיר האָבן זיך אומגעקערט פֿון וואַרשע, פֿול מיט איינדרוקן פֿון דער גרויסשטאָט און גרויסן טומל.

## דער ייִדישער דאָרף לייבישאַק

אַ 30 ק״מ פֿון ווילנע האָט זיך געפֿונען אַ ייִדישער דאָרף ערד־אַרבעטער, מיט איבער 50 ייִדישע פּויערים־משפּחות, דער איינציקער אַזאַ צווישן גאָר אַ סך שטעט און שטעטלעך אין ווילנער קאַנט. עס זיינען דאָרטן געווען גאַנץ פֿאַרמעגלעכע, אָבער אויך, ווי אין די פּוילישע דערפֿער, אָרעמע־לייט. אַנדערע פֿלעגן זומערצייט אויך אָרענדירן ביי די אַרומיקע פּריצים סעדער און די פּרוכט פּאַרקויפֿן צו סוחרים אין ווילנע.

אין די זומערדיקע שול־וואַקאַציעס פֿלעג איך אָפֿט אויפֿשטיין גאַנץ פֿרי און זיך אַוועקלאָזן אַליין, אָדער מיט אַ חבר, צו פֿוס קיין לייבישאַק. דאָס גיין האָט געדויערט אַ זעקס שעה. איך האָב זיך דאָרטן באַפֿריינדט מיט דער גרויסער משפּחה קושעל (ביי אַ צען פּערזאָן) און אויך מיט

דער משפחה אַבראַמאָוויטש. קומענדיק קיין לייבישאָק, פלעג איך אָוועקגיין אַרבעטן אויפן פעלד, העלפן קאָסיען, אויפקלייבן די תבואה פון פעלד און אַנדערע דאָרף־אַרבעטן. אין אָוונט, נאָך דער אַרבעט, פלעגן זיך אַלע אויסזעצן ביים טיש און עסן פון איין שיסל הייסע קאַרטאָפל מיט זויערמילך, אָדער סמעטענע. שבת איז געווען אַ רוטאָג, און צו מיטאָג פלעגט מען עסן אַ געוויינלעכן טשאָלנט מיט פלייש, אָדער אויך אַ מילכיקן טשאָלנט, וואָס איז געשטאַנען אַ גאַנצע נאַכט אין אַ הייסן אויוון און געהאַט טעם גן־עדן... די ייִדן פון לייבישאָק זיינען געווען פאַרהעלטנישמעסיק גאַנץ קולטורעל. אַנדערע פלעגן לייענען אַ בוך, זיך אינטערעסירט מיט אַלגע־מיינע און ספּעציעל ייִדישע נייס. פון צייט צו צייט פלעגן קומען אַהין ייִדישע זשורנאַליסטן און שרייבער. איבערהויפּט האָבן זיי זיך באַפריינדט מיטן לערער און שרייבער אַהרן מאַרק און אַנדערע שרייבער. זיי האָבן זיך אויך אינטערעסירט מיטן ייִוואָ און זיך פאַרנומען מיט קלייבן פאָלקלאָר־מאַטעריאַלן. איך פלעג זיך דעררעדן מיט חברים־ליבהאָבער און מיר פלעגן קומען אַהין מיט רעווי־פּראָגראַמען. מיר האָבן רעקווירט אַ גרויסן שייער, געמאַכט אַ פּראָוויזאָרישע בינע. עס פלעגן זיך צונויפזאַמלען כמעט אַלע לייבישקער, קליין און גרויס, און מיר פלעגן פאַר זיי שפּילן און זינגען. ס'איז געווען אַן אמתער פאַרגעניגן צו פאַרברענגען מיט די דאָרפסלייט, וואָס פלעגן אונדז אויפנעמען מיט אַ סך פריינדשאַפט און ליבשאַפט.

אָפט פלעג איך דאָרטן פאַרברענגען עטלעכע וואָכן אָדער מערער, העלפנדיק אין דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט. די משפחה קושעל פלעגט יעדן יאָר אָפּדינגען אַ גרויסן סאָד ביי אַ פּריץ, אַ 30—40 ק״מ פון לייבישאָק. דאָרטן איז אויך געווען ניט ווייט נאָך אַ קליינער ייִדישער דאָרף־ייִשוב, טאָבאַרישקי. אויך דאָרטן פלעגן מיר זיך אַראָפּכאַפּן מיט אַ רעווי־פּראָגראַם פאַרן ביסל ייִדן פון ייִשוב.

מיט קושעלס אַ זון, וואָס אין מיין עלטער, פלעג איך פאָרן אין געדונגענעם סאָד, ווו עס זיינען געווען הונדערטער פרוכטביימער און יעדן טאָג פלעגן מיר אָנקלייבן פודן מיט אַראָפּגעפאַלענע פרוכט פון די ביימער. די דערבייִיקע פויערים און דאָרפסלייט פלעגן קומען אין סאָד מיט זייערע

פראָדוקטן און אויסבייטן עס אויף פאַרשיידענע אַראָפּגעפּאַלענע פּירות. צייטיקע פּרוכט פלעגט מען דאַרפן פּאַקן אין קאַסטנס און דורך נאַכט אָפּפירן קיין ווילנע צו די סוחרים אויפן מאַרק. אויך דאָ פלעג איך מיטגיין צו פוס דורך נאַכט קיין ווילנע. אין סאַד האָבן מיר פאַרזייערט אַ פאַס מיט אוגערקעס. מען פלעגט יעדן פאַרנאַכט אויסגראָבן אויף דעם פריצס פעלדער קאַרטאָפל. מיר פלעגן עס אָפּקאָכן אין אַ טשוגונענעם טאָפּ און דערנאָך עסן מיט זויערע אוגערקעס אָדער מיט זויערמילך. דאָס האָט געהאַט טויזנט טעמען.

ווען נאַצי־דייטשלאַנד האָט אָקופּירט ליטע, האָבן ליטווינער אַרומ־געריגגלט דעם דאָרף און כּמעט אַלעמען אויסגעהרגעט, בלויז געציילטע האָבן זיך באַוויזן צו ראַטעווען. אַזוי האָבן טראַגיש פאַרענדיקט זייערע לעבנס די ייִדישע פּויערים פון לייבישאַק...

✶

זייענדיק אַ שילער פון די ייִנגערע קלאַסן, בין איך ניט געווען קיין גיבור. דאָס שטענדיקע ניט־דערעסן, די שלעכטע לעבנס־באַדינגונגען אין שטוב האָבן ניט צוגעגעבן קיין געזונט. פלעגט מיך דער טאַטע יעדן זומער שיקן אין טאָז־קאָלאָניע אויף דריי וואָכן; ווינטער — צו ד״ר קאָוואַרסקין אין קינדער־קליניק. דאָס האָט מיך געשטעלט אויף די פיס. די טאָז־קאָלאָניע האָט זיך געפונען אין אַ פּרעכטיקן וואַלד אין פּאָספּיעשקער דאַטשע־אָרט לעבן ווילנע. אין איינעם אַ זומער האָט זיך באַוויזן אויפן מאַרק אַ נייע פּרוכט — פּאָמידאָרן. אין קאָלאָניע פאַר די קינדער האָט מען אויסגעקאָכט צו מיטאָג אַ פּאָמידאָרן־זופּ. בלויז פיר קינדער האָבן עס געגעסן און איך צווישן זיי.

דאָס פאַרברענגען אין קאָלאָניע איז געווען פאַר מיר אַ גרויס איבער־לעבעניש און פרייד. שפּילן און עקסקורסיעס זיינען געווען אַ טאָג־טעגלעכע זאַך. נאָכן מיטאָג האָבן די קינדער געדאַרפט שלאָפן אָדער רוען אַ פּאָר שעה. געווען פאַלן, ווען די קינדער האָבן געשטיפט און ניט געוואָלט שלאָפן. פלעגט דער דעזשורנער לערער מיך בעטן, איך זאָל זינגען פאַר די קינדער. איך האָב עס געטאָן און זיי פאַרשלעפערט מיט געזאַנג.

צום סיום פון דער גרופּע פלעגן קומען אַלע עלטערן פון די קינדער. איך בין שטענדיק געווען דער „טשוואָק" פון פּראָגראַם, באַזונדערש פלעגט אויסנעמען מיין „שטערנדל" פון מ. קולבאַק און אַנדערע פאָלקסלידער.

אין די זומער־חדשים פלעגן מיר, קינדער, גיין שפּאַצירן מיטן טאַטן לענג־אויס די באַן־ליניעס ווו מיר האָבן ניט ווייט געלעבט. דאָרטן איז געווען אַ סך גרינס, אַזיערעס, לאָנקעס און בערגלעך. מיר פלעגן פאַר־ברענגען פון שבת אין דער פרי ביז מיטאָג אין פאַרשיידענע שפּילן. דער טאַטע פלעגט כאַפּן אַ דרעמל און זיך אויסרוען פון די טאָג־טעגלעכע זאָרגן.

## ווילנער ייִדישע יוגנט

ווילנע האָט געשמט מיט איר גרויסער ייִדישער יוגנט. אין די זומער־שבתים פלעגן יוגנטלעכע אַרויסגיין אויף אַ גאַנצן טאָג אין די אַרומיקע וועלדער, אין די דערבייִיקע אָזיערעס און דערפער, אָדער צום טייך, אין זיין אייבערשטן לויף, ווייטער פון שטאָט. דאָרטן פלעגט מען פאַרברענגען אַ גאַנצן טאָג אויף פרישער לופט אין די פּרעכטיקע ערטער פון דער נאַטור. שפּעטער איז געוואָרן אַ מאָדע צו גיין דורך נאַכט אין די פרייטיק־צו־נאַכטן צו פוס קיין טראָק, ווו עס האָט זיך געפונען אַ וווּנדערלעכע אָזיערע, אַגב זייער אַ טיפע.

אָנקומענדיק אַהין פאַר טאָג, פלעגט מען קודם־כּל דינגען אַ שיפל מיט וויאָסלעס אויף אַ גאַנצן טאָג און אין אָוונט פלעגט מען גיין אַכט ק"מ צו פוס צו דער באַן אין לאַנדוואַראָווע און זיך אומקערן קיין ווילנע מיטן באַן.

טראָק האָט געשמט מיט אירע געשמאַקע אוגערקעס, וועלכע מען פלעגט באַגיסן מיטן וואַרעמען וואַסער פון דער אָזיערע. געלעבט האָבן אין טראָק אַ סך קאַראַימער. די אוגערקע־פּראָדוקציע איז געווען זייער פּרנסה. אַ גאַנצן טאָג פלעגן חברה זיך שיפלען אויף דער אָזיערע. מען פלעגט זיך אויך פאַרקלייבן אויף אַן אינדזל, ווו מען פלעגט צובייסן און כאַפּן אַ דרעמל. עס פלעגט טרעפן, דער הימל פלעגט זיך פאַרכמאַרען

און גרויסע כוואַליעס פלעגן זיך אויפהייבן אויף דער אָזיערע. מען האָט דאַן געדאַרפט קונציק זיי שניידן, אַניט האָט עס געדראָט דערטרונקען צו ווערן. צווישן די חברה זיינען געווען גוטע שווימער, וואָס פלעגן מאַכן קונצן: אַרויסשפּרינגען פון שיפל אין מיטן אָזיערע און בלייבן זיצן אויפן וואַסער אַזוי ווי אויף אַ שטול...

ביזן היינטיקן טאָג איז שווער צו פאַרגעסן דעם פאַרגעניגן פון פאַרברענגען אויף דער טראָקער אָזיערע.

אין איינעם אַ טאָג פון שבועות האָב איך באַשלאָסן צוזאַמען מיט מיין חברטע סאָניע צו פאָרן קיין טראָק מיט דער באַן. ס'איז געווען אַ הייסער טאָג, כ'האָב זיך אויסגעפּוצט אין אַ נייעם אָנצוג, וואָס מיין טאַטע האָט מיר אויפגענייט, און מיטן רעקל אויפן האַנט בין איך צו צום קאַסע קויפן בילעטן אויף דער באַן. כ'האָב מיין רעקל אויפגעהאָנגען אויף אַ פאַרענטש לעבן קאַסע און אַרויסגענומען געלט צו באַצאָלן. געקויפט די בילעטן און זיך אַרויפגעזעצט אויף דער באַן. אין טראָק האָב איך זיך געכאַפּט, אַז כ'האָב דעם רעקל געלאָזן אין ווילנע ביי דער קאַסע. פאַרשפּאָר איך צו שילדערן מיין עגמת־נפש...

אין די עקסקורסיעס אַרום ווילנע און קיין טראָק פלעגן אָנטיילנעמען הונדערטער יידישע יוגנטלעכע. דאָס האָט מיט דער צייט אָנגענומען אַ מאַסן־כאַראַקטער. עס פלעגן אויך פאָרקומען אין די וועלדער מאַסוווקעס, ווו יידישע אונטערגרונדלער פלעגן רעפערירן וועגן דער פּאָליטישער לאַגע און אַגיטירן פאַרן ראַטן־פאַרבאַנד. עס פלעגט אויך טרעפן, אַז דעפענסיווע־לייט (געהיים־פּאָליציי) פלעגן זיך אַראַפּכאַפּן אויף אַזאַ מאַסוווקע, און חברה פלעגט זיך צעלויפן ווו איינער האָט געקאָנט.

אין די ווינטערדיקע שבתים פלעגן אַ סך יוגנטלעכע גיין צו די פּאָנאַרער בערג זיך שליטלען. איך פלעג אויך גאַנץ אָפט גיין אַהין. מען האָט זיך געשליטלט, ס'פלעגט ווערן וואַרעם אין אַלע גלידער פון שלעפּן צוריק דעם שליטל אַרויף־באַרג, אָבער ס'איז געווען אַן אמתער פאַרגעניגן. מיטאָגצייט פלעגן מיר זיך אַריינכאַפּן אין דער דערביייִקער יידישער קרעטשמע און כאַפּן אַ גלאָז הייסע טיי. ס'איז קיינעם ניט איינגעפאַלן, אַז אין יאָרן אַרום וועט דאָס דאָזיקע אָרט — פּאָנאַר — זיין אַ פאַר־

ניכטונגס־אָרט און ווערן אַ סימבאָל פון טויט און אומקום פאַר די ווילנער ייִדן. אין 1940, ווען ס'איז געקומען קיין ווילנע אַ דייטשישע אָפּיצירן־קאָמיסיע לויטן היטלער־סטאַלין־אָפּמאַך, וועגן בייטן זיך מיט די בירגער פון ביידע זייטן, איז זי אַריין אָנקוקן די גרויסע שול, האָט דער גרויסער ווילנער פּאָעט חיים גראַדע, אין זיינער אַ פּאָעמע, געשריבן וועגן דער גרויסער שול, אַז „אויך דאָס דאַרף אומקומען". ווי אַ נביא האָט ער פאַרויסגעזען דעם אומגליק, וואָס רוקט זיך אָן אויף ווילנער ייִדן און אויפן גאַנצן ייִדישן פאָלק.

✶

אין ווילנע איז געווען פּאָפּולער דער גרויסער פוטבאָל־פּלאַץ פון „מכבי" אויף וויוולסקע גאַס. דאָרטן פלעגן פאָרקומען פאַרשיידענע ספּאָרט־אימפּרעזעס, פאַרוועטונגען, פוטבאָל־מאַטשן. די יוגנט איז געווען „פאַרקאָכט" אין די אַלע ספּאָרט־אימפּרעזעס, און די ווילנער ייִדן פלעגן מאַסנווייז באַזוכן דעם ספּאָרט־פּלאַץ כּמעט אַלע שבת. אַהער פלעגן שטראָמען יונג און אַלט. אָבער ווי גייט מען אַהין אַריין, ווען ס'איז ניטאָ קיין געלט אויף אַ בילעט? האָט די יוגנט געפונען אַן עצה: אָדער אַרויפּ־קריכן אויף אַ דערבייִיִקן בוים, אָדער זיך אונטערגראָבן אונטערן פּאַרקאַן. פלעגן צענדליקער ייִנגלעך דורכקריכן דורך די לעכער... די פּאָליציי פלעגט זיך נאָכיאָגן אויף פערד, אָבער חברה איז געווען פלינק און האָט זיך אַרויסגעדרייט. אַ גרויסער יום־טוב איז געווען דאָס קומען פון ווינער „הכח", וואָס איז געווען אַ גלענצנדיקע קאָמאַנדע, און די מאַטשן מיט איר זענען געווען אַ גרויסע ספּאָרטיווע געשעעניש. עטלעכע מאָל איז געקומען קיין ווילנע דער ייִדישער גיבור זישע ברייטבאַרד און דעמאָנ־סטרירט זיין כח אויפן מכבי־פּלאַץ. צווישן אַנדערן פלעגט ער זיך אָוועקלייגן אויף דר'ערד, מען פלעגט אויף אים אַוועקלייגן אַ הילצערנעם בריקל און אַן אויטאָ פלעגט איבער אים אַריבערפאָרן. אויפן פּלאַץ פלעגן אויך פאָרקומען ספּאָרט־אימפּרעזעס מיטן אָנטייל פון טויזנטער שילער פון די ייִדישע שולן. טויזנטער ייִדן פלעגן קומען פון אַלע עקן שטאָט צו זען די אינטערעסאַנטע ספּאָרט־שפּילן פון די ייִדישע שולקינדער.

✶

ווי שוין געזאָגט, האָב איך נאָכן ענדיקן די שול געזוכט אַ באַשעפטי־קונג. אונדזערער אַ ווייטער קרוב, וואָס האָט געהאַט אַ פאַבריקל פון ראָזעטקעס — באַפּוצונגען צו די באַלקנס און ווענט — האָט מיך גענומען צו דער דאָזיקער אַרבעט. די ראָזעטקעס פלעגט ער אויסאַרבעטן פון גיפּס, און איך פלעג אים העלפן זיי אָנקלאַפּן אויף די באַלקנס און ווענט אין רייכע הייזער. קיין פּרנסה האָב איך אָבער דערפון ניט געהאַט.

האָב איך באַשלאָסן צו נייען לעדערנע הענטשקעס. דאָס איז דאַן געווען אַן עקספּאָרט־אַרטיקל. בין איך אַוועק אין אַ הענטשקע־וואַרשטאַט, ווו ס'האָבן געאַרבעט אַ צוואַנציק מיידלעך, גיך זיך אויסגעלערנט די „תורה" און האָב זיך געמיט ניט אָפּצושטיין פון די געניטע נייערינס.

צווישן די מיידלעך איז אויך געווען אַ טאָכטער פון שטאָט־משוגענעם, איסערסאָן. ער האָט געהאַט, ווי מ'פלעגט דערציילן, סמיכות אויף רבנות און פלעגט האַלטן שיינע דרשות אויף די טרעפּלעך פון דער קברנישער קלויז אויפן שולהויף. עס פלעגט זיך אָנקלייבן אַן עולם צוהערער. ענדיקן די דרשה פלעגט ער מיט אַ רוסישער דרייגאָרנדיקער קללה און אַראָפּגיין פון דער „בינע"... ער האָט ליב געהאַט צו פאָרן אויף דראָשקעס און קומען אויף דייטשע גאַס צו די יידישע סוחרים בעטן אַ זלאָטע. ווער עס פלעגט אים אָפּזאָגן, פלעגט ער אים אויסברעכן די שויבן פון געשעפט. אין אַ געוויסן ווינטערדיקן טאָג האָט מען אים געפונען אַ פאַרפרוירענעם ערגעץ אויף די וועגן אַרום ווילנע.

אַז ס'האָט זיך געענדיקט דער סעזאָן פון די הענטשקעס, בין איך אַוועק זיך לערנען די מלאָכה פון וואַנט־מאַלעריי ביי מיינע קרובים משה און זלמן פרעזמאַ. ס'איז געווען ווינטער, ניט קיין סעזאָן פאַר מאַלעריי. אַ ביסל האָב איך זיך אויסגעלערנט דעם פאַך, אָבער קיין פּרנסה פון דעם ניט געהאַט. בין איך געצווונגען געווען זיך צו זעצן ביים טאַטנס טיש און זיך לערנען שניידעריי.

דער טאַטע האָט ניט געוואָלט, איך זאָל ווערן אַ שניידער, אָבער ס'איז ניט געווען קיין ברירה. כ'האָב אָפּגעאַרבעט ביים טאַטנס טיש איבער אַ יאָר, זיך אויסגעלערנט אויפצונייען אַ פּאָר הויזן, באַנייען דעם לייוונט צו אַ רעקל און אויסנייען לעכלעך. מיין קאָפּ איז אָבער געווען פאַרטאָן

אין טעאַטער, אין דראַמקרייז. פלעג איך גאַנץ אָפט אַנטלויפן פון טאַטנס טיש אויף אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג אָדער אויף אַ פּראָבע אין קרעמערס דראַמקרייז. די פּראָבן פלעגן זיך ענדיקן גאַנץ שפּעט און צען אַזייגער ביי נאַכט פלעגט מען שליסן די טויערן. פאַרן עפענען דעם טויער האָט מען געדאַרפט באַצאָלן דעם סטאַראָזש צען גראָשן. טאָ ווו נעמט מען עס ? פלעגט אויך טרעפן, אַז ס'איז ניט געווען קיין ברירה און מען האָט געדאַרפט קריכן אונטערן טויער.

סוף־סוף האָב איך געקראָגן אַן אַרבעט אין דער קליינער אַפּטייק־הורטאָווניע פון אַנאַליק אויף קוויאַטאָווע גאַס. די הורטאָווניע איז געווען ביי אים אין זיין גרויסער וווינונג, און איך בין געווען דער איינציקער אַנגעשטעלטער. עס האָט אים אויך געהאָלפן זיין שוואָגער, קאַרנגאָלד, אַ ייִד אין די מיטעלע יאָרן מיט אַ שוואַכן זכרון. אַנאַליק פלעגט אַרומפאָרן איבער די אַרומיקע שטעטלעך און אָננעמען באַשטעלונגען אויף סחורות. פאַר איינער אַזאַ רייזע האָט מען געבראַכט אויפן סקלאַד צען בלעכן מיט גליצערין. אַנאַליק האָט געגנוי געדענקט וויפל און וועלכע סחורות ער האָט אויפן סקלאַד. אַז אַנאַליק איז אַוועקגעפאָרן אויף פּראָווינץ, איז געקומען אַן אַפּטייק־קרעמער און געקויפט אויף קרעדיט אַ בלעך גליצערין. אין בייזיין פון קאַרנגאָלדן האָב איך אַרויסגעגעבן דעם קרעמער די סחורה און געבעטן קאַרנגאָלדן, ער זאָל עס פאַרשרייבן אויפן קרעמערס קאָנטע. ער האָט אָבער פאַרגעסן דאָס צו טאָן. ווען אַנאַליק האָט זיך אומגעקערט האָט ער געבעטן אַ באַריכט וועגן די געשעפטן און האָט גלייך געזען, אַז עס פעלט אַ בלעכל גליצערין. איך האָב אים געזאָגט ווער מען האָט עס אַרויסגעגעבן און אַז קאַרנגאָלד האָט עס געדאַרפט פאַרשרייבן. אָבער צום באַדויערן האָט ער עס ניט פאַרשריבן און די שולד איז געפאַלן אויף מיר. איך בין אין דעם מאָמענט געשטאַנען איבער אַ קאַסטן סחורה מיט אַ קליינער האַק, גרייט צו פאַרקלאַפּן דעם דעק. אַנאַליק האָט אַן אויפ־געגטער אַרויסגעכאַפּט פון מיינע הענט די האַק און זיך מיט אַ געשריי געוואָרפן אויף מיר: „אַרויס פון דאַנען, דו צעטיילסט מיין סחורה!"... איך האָב אים רויִקערהייט געזאָגט, אַז איך בין ניט שולדיק און כ'האָב געבעטן, ער זאָל זיך מיט מיר אויסרעכענען. אַזוי האָב איך פאַרלאָרן די אַרבעט.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָט מיין ברודער משה פּאַרלאָזט זיין אַרבעט ביי פּומפּיאַנסקין. ווי כ'האָב שוין דערציילט, האָט ער זיך געגרייט צו גנבענען דעם גרענעץ קיין ראַטן־פאַרבאַנד און באַקומען לויט זייער הסכם אַן אַוואַנס פון 20 דאָלער, און איך האָב געדאַרפט קומען אַרבעטן אויף זיין אָרט און צו ביסלעך אָפּדעקן דעם חוב.

זונטיק דעם ערשטן מאַי 1932 האָב איך זיך געגרייט גיין אויף דער מאַי־דעמאָנסטראַציע, אָבער כ'האָב געמוזט אָנהייבן אַרבעטן. אין די זונטיקן האָט מען געאַרבעט ביי פאַרמאַכטע טירן. אַרבעטנדיק האָב איר ביסלעכווייז אָפּגעצאָלט מיין ברודערס חוב און מיין חלק פאַרדינסט יעדן חודש אָפּגעגעבן דעם טאַטן. די מאַטעריעלע לאַגע אין שטוב האָט זיך אַ ביסל פאַרבעסערט. די געשעפטן ביי פּומפּיאַנסקין זיינען געגאַנגען ניט גוט.

נאָכן אָפּדעקן דעם חוב בין איך אַריבער אַרבעטן אין דער גרויסער אַפּטייק־הורטאָווניע פון ווירשובסקי־טשעסלי, וווּ עס האָבן געאַרבעט ביי 50 אָנגעשטעלטע. דאָס איז געווען אַ ריזיקער געשעפט, וואָס האָט געשיקט סחורות אין פיר וואָיעוואָדשאַפטן. פון אָנהייב האָב איך זיך ספּעציאַליזירט אין פּאַקן די סחורות, וואָס מען פלעגט שיקן צו די קליענטן אין פאַרשיידענע אַפּטייק־געשעפטן אויף פּראָווינץ. די סחורה פלעגט מען פּאַקן אין קעסטלעך פון לוטשינקעס און אויך אין דיקן פּאַפּיר מיט סטרוזשקעס. אויף פליסיקייטן אין פלעשלעך האָט מען געדאַרפט פּאַקן אין פּאַפּיר. איך האָב גיך זיך אויסגעלערנט די דאָזיקע מלאכה און קיין מאָל ניט באַקומען קיין אויסרייד, אַז ס'איז עפּעס צעבראָכן געוואָרן. שפּעטער בין איך אַריבער אין אָפּטייל פון צוגרייטן די סחורות לויט די באַשטעלונגען. די דאָזיקע אַרבעט איז געווען אַן אינטערעסאַנטע, און איך האָב געהאַט די געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט דער ספּעציפיק פון פאַרשיידענע מעדיקאַמענטן, וואָס מען האָט געדאַרפט פונאַנדערגיסן און אויסוועגן. דער הויפּט־באַלעבאָס איז געווען ווירשובסקי. זיינע צוויי זין האָבן געלעבט אין פּאַלעסטינע און פלעגן כּמעט יעדן יאָר באַזוכן זייער פאָטער. זיין שותּף טשעסלי איז געווען פון פאַך אַ פּראָוויזאָר, אַ זון פון אַ פאַרמעגלעכן ייִדן, אַן אײדעם פון דעם באַרימטן אין ווילנע טאַלייקינסקי פון דער וווּרשט־פאַבריק. טשעסלי איז געווען אַ פאַלקסטימלעכער, צוגעלאָ־

זענער און האַרציקער מענטש. ווען ער פלעגט זען, אַז עמעצער עסט טאַלייקינסקיס וורשט, פלעגט ער מיט אַ שמייכל זאָגן, אַז ווען מיר וואָלטן געוווּסט ווי עס ווערט געמאַכט די וורשט, וואָלטן מיר עס ניט געגעסן... אין דער צייט פון געטאָ אין ווילנע איז ער געווען דער צושטעלער פון מעדיקאַמענטן פאַרן געטאָ־שפּיטאָל און האָט געהאַט אַ ספּעציעלע דערלויבעניש צו גיין פריי אין שטאָט. בעת דער ליקווידאַציע פון דער צווייטער געטאָ, האָט ער אַנגעטאָן אַ ווייסן כאַלאַט, גענומען אַ טראָגבעטל און צוזאַמען מיט אַ שותּף געגאַנגען הין און צוריק צו דער צווייטער געטאָ און געטראָגן מענטשן אין געטאָ־שפּיטאָל, כּאילו קראַנקע. אַזוי האָט ער אין משך פון טאָג געראַטעוועט פון אומקום אַ סך מענטשן. ער איז שפּעטער אומגעקומען צוזאַמען מיט אַלע ווילנער ייִדן.

✶

ניי־יאָר 1933. איך בין אַוועק אויף אַ ניי־יאָר־אָוונט. דאָרטן האָט מען מיך באַקענט מיט אַ שיין מיידל, אַ קראַנקן־שוועסטער, אַביטוריענטין פון רעאַל־גימנאַזיע, בתיה ווײַן. אַ קליינינקע, אָבער זייער אַ ליבינקע און אַ שיינינקע. מיר האָבן אָנגעהויבן זיך טרעפן. זי איז געווען פון אַ גאַנץ פאַרמעגלעכער שטוב אויף נאָוויגאַרעד. איך בין דאַן שוין געווען אַרייַנגעטאָן אין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, טעאַטער א״אַנד. זי איז געווען אַ שטוב־זיצערין און האָט געוואָלט, איך זאָל אַלץ אַוועקוואַרפן און איר נאָכטאָן. איך האָב איר קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט און מיר האָבן זיך דערווייטערט. אָבער אין עטלעכע טעג אַרום איז זי געקומען און געזאָגט, אַז זי איז מסכּים אויף אַלץ, נאָר איך זאָל זיך מיט איר חברן. מיר זײַנען ווײַטער געבליבן חברים. אין 1938, זומער, איז זי אַרויסגעפאָרן אויף וואַקאַציעס אין אַ דאָרף וואָס אויף דער ווילִיע, ניט ווייט פון פאַבּאַר. אין די שבתים פלעג איך קומען צו איר און מיר פלעגן צוזאַמען פאַר־ברענגען. בשכנות איז דאָרטן אויך געווען אונדזערס אַ בשותּפותדיקע חברטע. אין אַ געוויסן טאָג, פאַר נאַכט, ווען איך בין אַרויס פון דער אַרבעט, האָב איך באַגעגנט בתיהס אַ פעטער און ער האָט מיר איבערגעגעבן די טרויעריקע ידיעה, אַז בתיה האָט זיך געבאָדן מיט דער חברטע אין

דער ווילדע און זיך דערטרונקען. איך בין גלייך אַוועק צו איר אין וווינונג און די ידיעה האָט זיך באַשטעטיקט. מען האָט זי ערשט אויף מאָרגן אַרויסגעצויגן פון טייך. זי האָט אויסגעזען ווי אַ שלאָפנדיקע בת־מלכּה, אַזוי שיין איז זי געווען... איך האָב לאַנג ניט געקאָנט זיך באַרויִקן. אַלץ געוויינט און געוויינט. כ׳האָב געשפּירט, אַז ס׳טוט מיר וויי דאָס האַרץ, און בין אַוועק צום דאָקטער פון קראַנקן־קאַסע. כ׳האָב דערציילט וועגן מיין איבערלעבונג. האָט דער ד״ר, אַ פרוי, געזאָגט, אַז ווען אַ מענטש ווערט געבאָרן, ווערט אים פון פאָרויס באַשטימט זיין גורל... זי האָט מיר געגעבן אַ רפואה אין אַ פלעשל, אָבער כ׳האָב עס גלייך אויסגעגאָסן אין רינשטאָק...

## קולטור־טעטיקייט

אַ גרויס אָרט אין מיין באַוווּסטזיניקער יוגנט האָט פאַרנומען דער ווילביג־כאָר, אונטער דער אָנפירונג פון פּראָפעסאָר אַבּרהם סלעפּ. אויך מיין שוועסטער, בלומע, האָט געזונגען אין דאָזיקן כאָר. בלומע האָט געהאַט אַ שיינעם אַלט, שיין געזונגען. איך האָב אַ סך געגנאַשט פון אירע האַרציקע פאָלקסלידער. איין ליד פון איר רעפּערטואַר איז מיר ביז היינטיקן טאָג איינגעקריצט אין זכרון און דינט מיר ווי אַ מאָטאָ, סיי אין מיין לידער־פּלאַטע, סיי אין מיינע פּילצאָליקע אויפטריטן מיט ייִדישע לידער. דאָס איז דאָס ליד פון אַבּרהם רייזען „דו פרעגסט מיך, מיין פריינד, ווי אַלט איך בין היינט״.

אין ווילביג־כאָר האָבן געזונגען ביי אַ 70 מענער און פרויען פון פאַרשיידענעם עלטער, אַרבעטנדיקע פאָלקס־מענטשן, וואָס פלעגן זיך צונויפקומען דריי מאָל אין וואָך אויף פּראָבן. יעדע פּראָבע איז געווען אַ געשעעניש און האָט געצויגן ווי אַ מאַגנעט. סלעפּ איז געווען אַ גרויסער מומחה אין איינלערנען אַ ליד, סיי אַ קלאַסישע, סיי פון פאָלקס־כאַראַקטער. ביז היינט קלינגען מיר אין אויער די שיינע פאָלקסלידער און אויסצוגן פון קלאַסישן רעפּערטואַר, ווי „הללויה״ פון הענדעלס אָראַטאָריע „משיח״, „רעקוויעם״ פון מאָצאַרט א״אנד. דער כאָריסטן־מאַטעריאַל איז געווען

פֿאַרשיידן. ס'זיינען געווען פּראָפעסיאָנעלע זינגער מיט גוטע שטימען און אויך זינגער, וואָס האָבן ניט געלייענט קיין נאָטן. סלעפּ פלעגט איינלערנען די פּאַרטיעס פון געהער. ווער ס'האָט געלייענט נאָטן, פלעגט זינגען פון פּאַרטיטור. אַ גרויסן רעפּערטואַר האָט זיך איינגעשאַפּט דער כאָר. מיר האָבן געהאַט גוטע סאָליסטן — פרויען און מענער. איך האָב אויך געזונגען אַ סאָלאָ „ביסטו מיט מיר ברוגז...״

דער כאָר פלעגט אויפטרעטן פון צייט צו צייט אין פוילישן ראַדיאָ מיט גרויס דערפאָלג. מיר פלעגן אויך אויפטרעטן אין באַגלייטונג פון אַ סימפאָנישן אָרקעסטער — צוזאַמען מיטן כאָר ביי 150 מאַן. דאָס פלעגט זיין פאַר מיר אַ גרויסע איבערלעבונג און געבן מוט און האָפענונג אין טאָג־טעגלעכן שווערן לעבן. סלעפּ האָט געהאַט אַן אַבסאָלוטן געהער. איך דערמאָן זיך אַ פּראָבע פון כאָר מיטן אָרקעסטער פאַר אַן אויפטריט. מען האָט געזונגען דאָס פאָלקסליד „שלאָף, מיין טאָכטער, שיינע, פיינע״... אין מיטן דער פּראָבע האָט סלעפּ איבערגעריסן דאָס געזאַנג און אָנגעוויזן אויף אַ טענאָר לעבן מיר, ער זאָל אויפהערן זינגען, ווייל ער זינגט פאַלש. סלעפּ האָט געטראָפן אין פינטל.

אין 1935 איז דער כאָר אַרויסגעפאָרן אויף גאַסטראָלן קיין וואַרשע און לאָדזש. אין וואַרשע זענען מיר אויפגעטראָטן אין גרויסן „נאָוואָסטי״־טעאַטער. איך האָב געפירט די פּראָגראַם. די זאַלן אין וואַרשע און לאָדזש זיינען געווען פאַרפולט פון ברעג ביז ברעג, און אונדזערע קאָנצערטן האָבן געהאַט אַ קאָלאָסאַלן דערפאָלג. אָרגאַניזירט זיי האָט אונדזערער אַ חבר, ווישינאַרעס, אַ טוער אין אַ ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע. ער האָט רעגיסטרירט אַלע כאָריסטן ווי ספּאָרטלער און אויסגענוצט די הנחה־פּרייזן פאַר ספּאָרטלער אויף דער באַן. פאַר די סאָוועטן איז דער כאָר אויך אויפגעטראָטן אין דער קאָוונער ספּאָרט־האַלע אין באַגלייטונג פון אַן אָרקעסטער. דעם קאָנצערט האָט מען פאַרשריבן פאַרן ראַדיאָ. ער איז געשטאַנען אויף אַ הויכן קינסטלערישן ניוואָ.

אָנהייב 1936 האָב איך צוליב פאַרשיידענע סיבות געמוזט פאַרלאָזן דעם כאָר.

רעזיומירנדיק די אַרבעט פון „ווילביג־כאָר״, קען מען מיט זיכערקייט

זאָגן, אַז אַזאַ קינסטלערישער כאָר, ווען ער וואָלט נאָך היינט עקסיסטירט, וואָלט ער געשטאַנען אויף אַ ניוואָ צו גלייך מיט אַלע וועלט־באַרימטע כאָרן אין דער פרייער וועלט.

אין געטאָ האָט זיך דער „ווילביג־כאָר" צוריק אָרגאַניזירט. סלעפּ האָט זיך באַמיט אויפצוקלייבן די כאָריסטן. איך האָב זיך אָפּגעזאָגט אָנטייל צו נעמען. דער כאָר האָט אַ געוויסע צייט געפּירט פּראָבן און געזונגען. דער גורל פון סלעפּן איז צום סוף געווען ווי דער גורל פון אַלע ווילנער ייִדן.

✶

אָנהייב 30ער יאָרן האָט זיך געשאַפן אין ווילנע נאָך אַ כאָר ביי דער געזעלשאַפט „פריינד פון דער ייִדישער רעאַל־גימנאַזיע" אונטער דער לייטונג פון באַקאַנטן און באַליבטן אין ווילנע מוזיק־לערער יעקב גערשטיין.

גערשטיינס כאָר האָט געציילט ביי אַ פופציק זינגער ס'רוב יוגנטלעכע. דער רעפּערטואַר איז באַשטאַנען פון שיין צוגעקליבענע ייִדישע פאָלקס־לידער און אויך פון לייכטער קלאַסיק.

קינסטלעריש האָט דער דאָזיקער כאָר ניט געהאַט אַזאַ ניוואָ ווי דער „ווילביג־כאָר" פון אַ. סלעפּן, אָבער איז געווען פּאָפּולער אין ווילנע, אַ דאַנק דער פּערזאָן פון יעקב גערשטיין.

אין מאַרץ 1939 האָט נאָך גערשטיין באַוויזן אַרויסצוגעבן די צווייטע העפט מיט די טעקסטן און נאָטן פון זיין כאָר־רעפּערטואַר.

אויך די דאָזיקע קולטור־אינסטיטוציע איז אָפּגעמעקט געוואָרן דורך די נאַצישע רוצחים.

יעקב גערשטיין איז געווען אין געטאָ און האָט געהאַט דאָס „גליק" צו שטאַרבן. הונדערטער זיינע פאַרערער, שילער און פריינד האָבן באַגלייט זיין אָרון ביז צום געטאָ־טויער, אויפן וועג צום זאַרעטשער בית־עולם.

✶

ווי שוין געזאָגט, איז די ייִדישע יוגנט אין ווילנע געווען אין גרעסטן טייל אַרבעטסלאָז און אָן אויסזיכטן צו באַקומען אַרבעט אין אַ מלוכישן

אַנשטאַלט. די פּוילישע אַדמיניסטראַציע האָט קיין ייִדן אויף קיין אַרבעט ניט צוגענומען. אַן אויסנעם איז געווען אַ ייִדישער יונגער־מאַן, גערמייזע, וואָס האָט געדענקט אויפן קאָפּ די טעלעפאָן־נומערן פון אַלע אַבאָנענטן אין שטאָט לויט זייערע פאַמיליעס און אַדרעסן. דאָס איז געווען אַ פענאָמענאַלער יונגער־מאַן. די טעלעפאָן־סטאַנציע האָט אים פאַרגעלייגט צו אַרבעטן ביי זיי, אָבער דער לוין איז געווען זייער קליין, און דער ייִדישער פענאָמען האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דאָזיקן פאָרשלאָג.

פאַר ייִדן איז יאָ געווען אַ חוב צו דינען אין מיליטער. ייִדישע מיליטער־פליכטיקע מיט העכערע אָדער גימנאַזיע־בילדונג האָט מען אין דער אָפיצירן־שול ניט אָנגענומען און מ׳האָט זיי בעסער באַפרייט פון מיליטער־דינסט. בלויז געציילטע האָבן זוכה געווען אָנגענומען צו ווערן אין דער אָפיצירן־שול „פּאָדכאָראַזשוווקע״. אין פּריוואַטע ערטער איז אויך קיין סך אַרבעט ניט געווען, איז מען געצוווּנגען געוואָרן משלים צו זיין מיטן גורל. דעריבער האָט אַ גרויסער טייל פון דער יוגנט סימפּאַטיזירט מיטן שכנותדיקן ראַטן־פאַרבאַנד, וואָס האָט פאַרנאַרט מיט זיין פּראָפּאַגאַנדע, לויט וועלכער מען איז געווען זיכער, אַז דאָרטן וואַרט אויף יעדערן גליק...

✶

נאָך דעם ווי די סאָוועטן האָבן געמאָלדן וועגן דער אַנטשטייונג פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט בירא־בידזשאַן, האָבן זיך אַ סך יוגנטלעכע פאַרשריבן צו פאָרן אַהין דורך דער געזעלשאַפט „געזערד״.

אויך מיין קוזין איציק בורגין, פון קאָוונע, איז אַהין אוועקגעפאָרן אין 1932 מיט זיין פרוי און צוויי קינדער.

געקומען אַהין, האָט ער זיך איינגעאָרדנט אין קאָלווירט „וואַלדהיים״, ווו ער איז אַ געוויסע צייט געווען פאָרזיצער.

דאָס לעבן איז דאָרטן געווען גאָר שווער און פּרימיטיוו. די גאַנצע אינדוסטריע פון דער געגנט איז באַשטאַנען פון אַ וועגענער־זאַוואָד.

יעדן האַרבסט און פרילינג פלעגן די בייטייכן פון אַמור, די בירע און בידזשאַן אַרויסגיין פון די ברעגעס און פאַרפלייצן גרויסע שטחים. די אָרטיקע מאַכט האָט וויפל מאָל צוגעזאָגט צו טאָן אַלץ, כדי אויסצומיידן

די פֿאַרפֿלייצונגען, אָבער מען איז געבליבן ביים ריידן... אין די פֿאַרפֿלייצונגען פֿלעגן אױעקשווימען די הילצערנע הייזער מיט אַלץ וואָס אין זיי, צוזאַמען מיטן לעבעדיקן אינווענטאַר. דאָס פֿלעגט זיך איבערחזרן יעדן יאָר.

אין 1936 האָט די נ.ק.וו.ד. אָנגעהויבן צונויפֿנעמען די געקומענע פֿון אַנדערע לענדער און אַ סך פֿון דער אַרטיקער באַפֿעלקערונג און זיי פֿאַרשיקט אין צוואַנגלאַגערן, ווי ניט קיין זיכערער עלעמענט.

צופֿעליק האָט מען מיין קוזין ניט אַרעסטירט. איז ער גלייך אַריבערגעפֿאָרן קיין קאָמסאָמאָלסק, ווו זיין טאָכטער האָט געלערנט אין אַן אינסטיטוט. זיין זון האָט נאָך באַוויזן צו ענדיקן די ייִדישע מיטלשול און מען האָט אים מאָביליזירט. ער איז דורכגעגאַנגען די גאַנצע צווייטע וועלט־מלחמה מיטן ביקס אין האַנט.

אין יאָר 1947 איז איציק מיט זיין משפּחה געקומען צוריק קיין ליטע און זיך איינגעאָרדנט אין ווילנע, ווו ער איז אין 1970 געשטאָרבן. זיין זון מיט זיין פֿאַמיליע געפֿינט זיך איצט אין ישׂראל.

✶

ניט קוקנדיק אויף דער שווערער מאַטעריעלער לאַגע, האָט די ווילנער ייִדישע יוגנט געלעכצט נאָך קולטור, נאָך וויסן, אַ סך געלייענט. עס פֿלעגן זייער גוט באַזוכט ווערן לעקציעס און רעפֿעראַטן פֿון לינקע קולטור־טוער, אַפֿילו אויף פּויליש. איך פֿלעג מיט מיינע חברים באַזוכן ליטעראַרישע אָוונטן, אויך טעאַטער, אויף וויפֿיל עס האָט געסטייעט געלט.

די אַספּיראַנטן פֿון ייִוואָ פֿלעגן אָפֿט געבן אינטערעסאַנטע לעקציעס און שמועסן וועגן ליטעראַטור, פֿאָלקלאָר און צוציִען אַ גרויסן עולם.

אין ווילנע איז שטענדיק געווען אַ געשעעניש די וואָרט־קאָנצערטן פֿון וועלט־באַרימטן וואָרטקינסטלער הערץ גראָסבאַרד, און זיינען זייער שטאַרק באַזוכט געוואָרן. די בילעטן פֿלעגט מען פּשוט אויסכאַפּן. הערץ גראָסבאַרד פֿלעגט אַרויסגיין אויף דער בינע, זיך זעצן ביי אַ טיש מיט אַ שטיי־לאָמפּ און לייענען פֿון אַ בוך אָדער אויף אויסווייניק פּערלדיקע שאַפֿונגען פֿון די ייִדישע קלאַסיקער און שרייבער. זיינע אויפֿטריטן זיינען געווען אַ יום־טובֿ פֿאַר אַלע ליבהאָבער פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור און

קולטור. ער האָט אין ווילנע אַליין אין משך פון עטלעכע יאָר געגעבן איבער 50 אַזעלכע וואָרט־קאָנצערטן.

אין דער יידישער רעאַל־גימנאַזיע פלעגן כּמעט יעדן פרייטיק־צו־נאַכט פאָרקומען ליטעראַריש־קינסטלערישע אָוונטן, וועלכע מען פלעגט אָנרופן „שוואַרצע קאַווע״. עס פלעגן זיך צונויפקלייבן ביי אַ זעקס הונדערט מענטשן, יונג און אַלט, און מען האָט אויסגעהערט רעפעראַטן פון יידישע שרייבער און קולטור־טוער. צום סוף פלעגט ווערן אויסגעפירט אַ קליינע קינסטלערישע פּראָגראַם און דערנאָך אַ — גלעזל שוואַרצע קאַווע אָדער טיי. גאַנץ אָפט פלעגט דער לערער און קינסטלער יעקב שער צוגרייטן ליאַלקעס פון ליים, כאַראַקטעריזירנדיק אונדזערע געזעלשאַפטלעכע טוער און קינסטלער. דער אַקטיאָר און שרייבער פון אַקטועלע טעקסטן כּתריאל ברוידאָ פלעגט צוגרייטן אַזעלכע טעקסטן אויף פאַרשיידענע טעמעס: חברישע סאַטירע אויף ווילנער פּערזענלעכקייטן, ווי ד״ר וויגאָדסקי, קאַפּלאַן־קאַפּלאַנסקי, אַברהם מאָרעווסקי א״אַנד.

יעקב שער האָט איין מאָל געמאַכט פון ליים אַ ליאַלקע פון מאָרעווסקין, דעם באַוווסטן אַקטיאָר, וואָס האָט שטאַרק ליב געהאַט צו עסן. וועגן אים פלעגט מען דערציילן, אַז אַריינקומענדיק צו וועלווקען אין רעסטאָראַן, ווו ס'פלעגט זיך צונויפקלייבן ווילנער באָהעמע, פלעגט ער פרעגן וויפל עס קאָסט אַ שעה עסן... ער פלעגט אויך באַשטעלן אַ האַלבן מעטער געפילטע קישקע... האָט יעקב שער געמאַכט פון אים אַ שווערע ליאַלקע פון ליים מיט אַ גרויסן בויך. איך און נאָך צוויי חברה האָבן מיט די לעצטע כּוחות איינגעהאַלטן די ליאַלקע, בעת ברוידאָ האָט געלייענט אַ סאַטירישן מאָנאָלאָג וועגן מאָרעווסקין...

אין אַ געוויסן אָוונט, נאָך דער פאָרשטעלונג פון שעקספּירס „שטורעם״ מיט מאָרעווסקין אין דער הויפּטראָל, זיינען מיר געזעסן מיט מאָרעווסקין ביי וועלווקען אין רעסטאָראַן ביי אַ טיש און געמיטלעך געשמועסט. האָט זיך פלוצלונג געעפנט די אַריינגאַנג־טיר, און ס'איז אַריינגעקומען דער גאַסטראָלירנדיקער אַקטיאָר בן־ציון וויטלער, וואָס האָט געשפּילט אַ שונד־פּיעסע אין גרויסן פאָלקס־טעאַטער. וויטלער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן מאָרעווסקין מיט די הענט אין די קעשענעס און מיט חוזק געזאָגט:

„נו, מאַרעווסקי, ווער וויל קומען אויף דיינע פּיעסן פון שעקספּיר? מיינע פּיעסן דאַרף מען שפּילן! דאָס איז טעאַטער!" מאַרעווסקי האָט אים ניט געענטפערט און אָפּגעקערט פון אים דעם קאָפּ.

אגב, בעת זיינע פאָרשטעלונגען פלעגט חברה וואַרפן אויף וויטלערן פאַרפוילטע אייער. אויך פּסחקע בורשטיין האָט ביי אונדז ניט געהאַט קיין בעסערע מערכה, בעת ער פלעגט שפּילן שונד-פּיעסעס, כאָטש געווען איז ער טאַלאַנטירט.

אויף אַ „שוואַרצער קאַווע" אין רעאַל-גימנאַזיע האָבן מיר, עטלעכע ליבהאָבער פון קרעמערס דראַמקרייז, צוגעגרייט עטלעכע רעווי-נומערן, וועלכע מיר האָבן געדאַרפט אויספירן נאָך דער לעקציע פון אַ שרייבער. אין זאַל איז געווען טומלדיק און ס'איז שווער געווען צו באַרויִקן דעם עולם. קיין מיקראָפאָנען זיינען דעמאָלט ניט געווען. איז אַרויס ברוידאָ אויף דער בינע און אָנגעהויבן שרייען: „זייער חשובע אינדיאַנער, איך בעט זיך באַרויִקן". דער גאַנצער עולם האָט אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער און זיך באַרויִקט. איך און י. ווידעצקי האָבן אויסגעפירט אַ נומער פון „אַררט", פון משה בראָדערזאָן, „די יִדישע סאָלדאַטן". דער רעפריין זינגט זיך:

„טראַסקע דעוואַ אי טרי טשעטירע,
שטייט מען גלייך שוין ווי אַ ווירע.
גיט אונדז נאָר אַהער דעם שונא,
וועלן מיר אים שיסן"...

אויך האָבן מיר אויפגעפירט אַ פּאַראָדיע פון כּ. ברוידאָ וועגן שפּאַנישן בירגערקריג. ווי באַוווּסט האָבן אינעם בירגערקריג אָנטיילגענומען אַ סך פרייוויליקע פון דער גאַנצער וועלט, צווישן זיי אַ גרויסער פּראָצענט ייִדן, בתוכם אויך פון ווילנע. צוליב דער אַקטועלקייט פון דער טעמע, האָבן זיך אויף די ווילנער הויפן באַוויזן אָרעמע-לייט און געזונגען וועגן שפּאַניע. ברוידאָ האָט אָנגעשריבן אַ טעקסט, וואָס צוויי הויפזינגער פלעגן זינגען אין רעווי-פּראָגראַמען:

„מיר זיינען צוויי עכטע הישפּאַנער
אַט אָקערשט פון נאָדל אַרויס,
ער: מיין טאַטע אַן עכט בראַזיליאַנער,
אַ שמש פון שוסטערשן קלויז.
זי: און איך בין זיין ווייב שרה־חיה
און ער שלמה־יאָסל מיין מאַן,
מיר זיינען צוויי עכטע הישפּאַנער,
געקומען אָקערשט פון אָראַן״...

(אָראַן איז אַ שטאָט אין שפּאַניע און אויך לעבן ווילנע איז פאַראַן אַ שטעטל מיט אַזאַ נאָמען).

בקיצור, די „שוואַרצע קאַוועס״ אין רעאַל־גימנאַזיע זיינען געוואָרן זייער פּאָפּולער צוליבן אָנטייל פון באַוווסטע שרייבער און דיכטער. אויך איציק מאַנגער איז עטלעכע מאָל דאָ אויפגעטראָטן.

אין אַ געוויסן אָוונט איז אויפגעטראָטן משה בראָדערזאָן, דער באַוווסטער דיכטער און אָנפירער פון באַרימטן רעווי־טעאַטער „אַררט״ אין לאָדזש. פון עולם האָט מען אים געגעבן עטלעכע טעמעס, און אין עטלעכע מינוטן אַרום האָט ער געשאַפן לידער אויף די דאָזיקע טעמעס און געלייענט פאַרן עולם.

*

אָנהייב די דרייסיקער יאָרן האָט זיך באַוויזן אין ווילנע אַ נייע צייטונג פון אַ קליינעם פאָרמאַט, ס״ה פיר זייטן, אונטערן נאָמען „קורץ״. איר רעדאַקטאָר איז געווען דער פּאָפּולערער אין ווילנע לינק־געשטימטער זשורנאַליסט און שרייבער מאיר פּופּס. די צייטונג פלעגט זיך באַווייזן אין די פרייטיקן און אַרויסגיין אָן דערלויבעניש פון דער צענזור. דער אינהאַלט איז געווען פּראָ־סאָוועטיש — זייער קורצע, קריטישע אַרטיקלען וועגן פּוילישן רעזשים און אַקטועלע פּראָבלעמען. די צייטונג האָט געקאָסט פינף גראָשן און פלעגט ווערן פאַרשפּרייט דורך לינק־געשטימטע חברה, וואָס האָבן זי פאַרקויפט אין ייִדישן צענטער פון ווילנע. די צייטונג איז געוואָרן פּאָפּולער און פלעגט ממש צעכאַפּט ווערן דורך די לייענער.

ביים פאַרשפּרייטן זי האָט מען זיך געדאַרפט היטן פאַר אַגענטן פון דער „דעפענסיווע". איך האָב אויך אָנטיילגענומען אין פאַרשפּרייטן די צייטונג און האָב מצליח געווען ניט צונויפטרעפן זיך מיט די משגיחים אויף דער פּאָליטישער כשרות. אין אַ יאָר אַרום איז די צייטונג געשלאָסן געוואָרן. „קורץ" האָט געהאַט אַ קורץ לעבן.

*

אַ געוויסע צייט פלעג איך זיך טרעפן מיט אַ שיינער מיידל. אסתר שוטאָשעק האָט זי געהייסן. זי האָט געלעבט אין דורכהויף אויף ייִדישער גאַס אין דער סאַמער אָרעמקייט. זי איז געווען אַרבעטסלאָז, אויסזיכטסלאָז און פאַרביטערט. מיר פלעגן שפּאַצירן מיט איר אין שטילע גאַסן און איינער פאַרן אַנדערן זיך אַראָפּריידן פון האַרצן וועגן פּערזענלעכע ענינים, וועגן אַקטועלע ענינים א. אַנד. אין אַ געוויסער צייט אַרום האָב איך זיך דערוווּסט, אַז זי האָט פאַרענדיקט איר לעבן מיט זעלבסטמאָרד...

## דער „מייִדים"

פאַר פּסח 1933 איז געקומען צו מיר אין שטוב אַהרן (אַרקע) באַסטאָמסקי, אַ זייער פּאָפּולערער יוגנטלעכער אין ווילנע, מיטן פאָרשלאָג צו גרינדן אַ ליאַלקע־טעאַטער, נוסח „מאַדיקאַט", וואָס האָט אין יענער צייט גאַסטראָלירט אין ווילנע מיט אַ קאָלאָסאַלן דערפאָלג. דעם „מאַדיקאַט" האָבן אָנגעפירט צוויי אַמעריקאַנער לינק־געשטימטע ייִדישע שרייבער און קינסטלער — זוני מאָוד און יאָסל קאַטלער. זיי זיינען געפאָרן איבער אייראָפּע צו גאַסט קיין ראַטן־פאַרבאַנד און אויפן וועג געוויזן אין פאַר־שיידענע שטעט זייער פּרעכטיקן ליאַלקעס־טעאַטערל. זיי האָבן געהאַט אַ סך אינטערעסאַנטע און פאַרכאַפּנדע נומערן. מיר האָט זיך איינגעקריצט אין זכרון דער דיאַלאָג צווישן אַ מגיד און אַ שמש, וואָס איז געקומען צום מגיד נאָך זיין דרשה בעטן, ער זאָל בלייבן אויף נאָך אַ שבת. דער מגיד זאָגט אים אָפּ און צום סוף זאָגט ער אים אויס דעם סוד, אַז ביי אים איז די דרשה אַ בת־יחידקע און מער קיין דרשות האָט ער ניט. לערנט אים דאָן דער שמש אויס אַ נייע דרשה, דער מגיד לערנט עס

אויף גיך אויס, און ווען דער שמש האַלט אים נאָך אין איינלערנען די דרשה, ווערט דער מגיד אין כעס און וואַרפט אַראָפּ דעם שמש פון אַלע טרעפּ. דער טעקסט איז אַ קאָמישער און פאַרכאַפּנדיקער. דער „מאַדיקאַט" האָט דעם עולם באַגייסטערט. און דאָ איז געקומען באַסטאָמסקי מיטן געדאַנק מיר זאָלן שאַפן אַזאַ טעאַטערל. איך האָב אים אָנגעקוקט אַ ביסל סקעפּטיש, ווייל וואָס מיט אַ מאָל זיך פאַרנעמען מיט ליאַלקעס? אפשר האָב איך אויך געצווייפלט אין די אייגענע כּוחות? האָב איך קודם־כּל זיך אָפּגעזאָגט, אָבער אין אַ פּאָר טעג אַרום, אַז איך האָב גוט באַטראַכט דעם ענין, בין איך מסכּים געווען. שוין צוליב אהרן באַסטאָמסקין גופא, וואָס איז געווען אַן אינטערעסאַנטער און פעיִקער בחור, אַ ביסל עלטער פון מיר — פון ערשטן אַרויסלאָז „מפיצי השׂכּלה" און איך בין געווען פון ניינטן אַרויסלאָז.

ווער איז געווען אהרן (אַרקע) באַסטאָמסקי?

די אַלטע יידישע ווילנע — ירושלים דליטא — האָט איר קולטור־גייסט, אירע דורות־לאַנגע קולטור־טראַדיציעס איינגעפלאַנצט אין די הערצער פון די יידן, וואָס האָבן זי באַוווינט. אויפן פאָן פון דער דאָזיקער גייסטרייכקייט האָבן זיך דאָ אויף אַלע שטחים פון יידישן קולטור־געזעלשאַפטלעכן און פּאָליטישן לעבן אויפגעהאָדעוועט פּערזאָנען און פּערזענלעכקייטן, געשטאַלטן און טיפּן, וואָס האָבן געצויגן ווייטער די ייִחוס־קייט פון דער יידישער ווילנע.

איינס פון די פּאָפּולערסטע געשטאַלטן פון ווילנער יינגערן דור ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה איז געווען אָן ספק דער טעקסטן־שרייבער און רעזשיסער אהרן באַסטאָמסקי. געבוירן אין 1908, אין אַ משפּחה פון אַרבעטנדיקע פּאָלקסמענטשן. געענדיקט אַ פאָלקשול און ניט האָבנדיק קיין מעגלעכקייט זיך ווייטער צו לערנען, איז ער געווען געצוווּנגען צו העלפן זיין טאַטן אין סטאָלעריי־וואַרשטאַט. דאָס האָט אים ניט געשטערט זיך צו פאַרנעמען מיט אַקטיווער קולטור־געזעלשאַפלעכער טעטיקייט. דער יונגער קלוגער בחור מיטן געקרויזטן קאָפּ און גרויסן שטערן, מיט דער איינגעבוירענער פאָלקסטימלעכקייט און פשטות, האָט שטייענדיק אין וואַרשטאַט ביי די ברעטער, געטרוימט וועגן גאָר אַנדערע זאַכן. אָפט

פלעגט ער פּאַרוואַרפן דעם הובל און מיטן בלייער אין האַנט נעמען פּאַרצייכענען אויף די ברעטער געדאַנקען און מחשבות, אָדער גאָר צונויפ־שטעלן עטלעכע קופּלעטן אויף פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע טעמעס. זיין מאַמע פלעגט זיך טאַקע באַקלאָגן, אַז פון איר אַהרהלען וועט קיין בעל־מלאָכה ניט אויסוואַקסן...

און אָט איז אים פּלוצלונג איינגעפאַלן צו שאַפן אַ ליאַלקע־טעאַטער. אָנגערעגט האָט אים דערצו דער אַמעריקאַנער „מאַדיקאַט".

איז אַהרן געקומען צו מיר, אויך צו אונדזער ביידנס חבר הירש פּאַרודאַמינסקי און צום קינסטלער־גראַפיקער בענציע מיכטאָם מיטן פּלאַן צו שאַפן אַ ליאַלקעס־טעאַטערל.

מיר האָבן דעם פּלאַן אָנגענומען. אַהרן האָט אויסגעבויט אַ פּאַסיקע קליינע בינע, אַליין אויפגעשטעלט דעם ערשטן פּראָגראַם און אויך אָנגעשריבן אַליין דעם רוב טעקסטן אויף אַקטועלע טעמעס מיט אַ בייסיק־סאַטירישן הומאָר. אַהרן האָט אויך רעזשיסירט דעם פּראָגראַם. דער פּרווו איז געלונגען און דערמיט איז צוגעקומען אין ווילנע אַן אָריגינעל טעאַטערל.

פון אָנהייב האָבן מיר געצווייפלט, צי דאָס וועט זיך אונדז איינגעבן, ווייל למעשה האָבן באַסטאַמסקי און מיר, זיינע באַהעלפער, ניט געהאַט קיין טעאַטער־בילדונג, ניט געלערנט אין קיין טעאַטער־סטודיעס אָדער אַ טעאַטער־שול, נאָר געצויגן אונדזער יניקה פון די טעאַטראַלע ליבהאָבער־קרייזן, וואָס האָבן זיך געמערט אין ווילנע ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן. אָבער וואָס שייך טעקסטן, האָט אַהרן מיט זיין קלוגן, שאַרפן קאָפּ אויפגעכאַפּט אַקטועלע פּראָבלעמען פון פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן און דאָס אויס־געדריקט אין דער פאָרעם פון פאָלקסטימלעכער סאַטירע. אונדזער דעוויז איז געוואָרן — לאַכן, אָבער ניט סתם לאַכן. נאָר אויסלאַכן אַלץ, וואָס איז שלעכט און נעגאַטיוו אויף דער יידישער און אויף דער ניט־יידישער גאַס.

מיר האָבן אָנגעהויבן גרייטן דעם ערשטן פּראָגראַם. מיר האָבן אונדזער טעאַטערל אַ נאָמען געגעבן „מייַדים", ווייל אין פאָלק ווערט געזאָגט, אַז „ער איז אַ מייַדים אויף אַלץ!" און אַזוי ווי מיר האָבן אַליין צוגעגרייט

כמעט אַלע טעקסטן, אַליין אויסגעבויט די בינע, אַליין אויסגעפורעמט די ליאַלקעס, אַליין אויפגענייט די מלבושים און זיי אָנגעטאָן, אַליין געשאַפן די פּאַסיקע מוזיק און דעקאָראַציעס — האָבן מיר מיט רעכט זיך צוגעאייגנט דעם נאָמען „מייַדים".

דער מאָלער בענציע מיכטאָם האָט פּראָיעקטירט די ליאַלקעס און דער סקולפּטאָר בער ראַבינאָוויטש האָט זיי געפורעמט, און אויך פּראָיעקטירט. ליאַלקעס האָבן מיר געמאַכט פון פּאַפּיר־מאַסע צוגעמישט מיט מעלקליי. קיין לאָקאַל אויף צוצוגרייטן דעם פּראָגראַם האָבן מיר ניט געהאַט, האָבן מיר זיך איינגעלאָקירט ביי אַהרנס טאַטן אין סטאָלעריי־וואַרשטאַט, צווישן די סטרוזשקעס. מיר פלעגן זיך פאַרקלייבן אין די אָונטן, מאַכן פּראָבן און אויספּוצן די ליאַלקעס און זיי באַאַרבן.

ווי געזאָגט, האָט אַהרן אויפגעשטעלט דעם ערשטן פּראָגראַם און געבראַכט אונדז צו באַשטעטיקן. צווישן אַנדערן איז דאָרטן געווען אַ נומער וועגן טראַנספּער־אָפּמאַך, וועגן אַן אַרבעטסלאָזן, וואָס זינגט וועגן פרילינג וואָס דאַרף קומען אויף דער וועלט פאַר אַלע ליידנדיקע, אַ נומער וועגן זשאַבאָטינסקיס לעגיאָן, וועגן שונד־טעאַטער א"אַנד טעמעס. די פּראָגראַם האָט געהייסן „לאָמיר לאַכן" לויטן טעקסט פון איציק פעפערס אַ ליד. אַהרן האָט אויפגעשטעלט אַ טרעפלעכן קאָנפעראַנס, וועלכן איך האָב געלייענט צוזאַמען מיטן פירן די ליאַלקע פון אַ קאָנפעראַנסיע, אַ פראַנט. אַלס מוזיקער איז געקומען צו אונדז לייבעלע אָגוז, וואָס האָט געלערנט מוזיק. ער איז געווען אַ פריילעכער אָרעמער בחור. זיין טאַטע איז געווען אַ וואַשאָוניק — פלעגט שלעפן קלעצער פון די טראַטוועס פון טייך אין די טאַרטאַקן.

אַלע הוצאות, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיטן שאַפן דאָס טעאַטערל האָבן מיר, אַקטיאָרן און ליאַלקע־פירער, געדעקט פון דער אייגענער קעשענע, מיט דער האָפענונג, אַז נאָכן אָנהייבן שפּילן, וועלן מיר פון דער קאַסע אומקערן יעדערן זיין פּקדון. און אַזוי איז געווען.

בסך־הכל זיינען מיר געווען פיר אויספירער פון ערשטן פּראָגראַם און אַזוי האָבן מיר מוצאי יום־כפור 1933 געשפּילט די פּרעמיערע ביי אַ פול־געפּאַקטן זאַל. ס'איז אונדז געקומען זען און הערן אַן אַרבעטער־

עולם, יונג און אַלט. אונדזער מי איז ניט אַוועק לאיבוד, מיר האָבן באַוויזן, אַז ביי אַ גוטן ווילן קען מען מיט די אייגענע כוחות אַ סך אויפטאָן. די פאַרשטעלונג האָט שטאַרק אויסגענומען. דער „פרילינג" אין מיין אויספירונג איז געוואָרן פאָפולער און מען האָט עס אומעטום געזונגען. דאָס האָט אונדז געגעבן אַ שטויס אָנצוגיין ווייטער מיט אונדזער אַרבעט. אָן קיין שום פינאַנסיעלער אונטערשטיצונג פון וועלכן עס איז געזעלשאַפטלעכן גורם, האָבן מיר ווייטער געבויט אונדזער טעאַטערל און ביסלעכוויז אָנגעהויבן צו פאַרנעמען אַן ערנסטע פּאָזיציע אין ווילנער יידישן קולטור-לעבן און געוואָרן באַוווּסט, ווי אַ פּראָגרעסיווע טעאַטער-אינסטיטוציע.

אַזוי ווי אין סטאָלעריי-וואַרשטאַט איז געוואָרן אוממעגלעך צו פירן די פּראָבן און אויסאַרבעטן די ליאַלקעס, האָבן מיר געדונגען אַ ווינקל אין אַ גרויסן זאַל פון ביאַלאָגורסקיס קינדער-גאָרטן. מיר האָבן אויך באַקומען אַ קעמערל צו האַלטן די ליאַלקעס. אין אַ קורצער צייט אַרום, ווען מיר זיינען געקומען צו אַ פּראָבע, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די מייז האָבן צעגריזשעט אַ טייל ליאַלקעס. האָבן מיר געדאַרפט רעסטאַווּרירן די ליאַלקעס אָדער מאַכן נייע. מיר האָבן אָבער ניט געהאַט קיין ברירה און פאַרגעזעצט דאָרטן אונדזער אַרבעט.

נאָך דער ערשטער פּרעמיערע האָט זיך די פּרעסע וואַרעם אָפּגערופן וועגן אונדז. אויך דער עולם האָט אונדז געליבט און דאָס האָט צוגעגעבן מוט. אונדזער קאָלעקטיוו איז געוואָרן גרעסער, מיר האָבן אָבער ניט אָנגעגעבן אין דער רעקלאַמע די נעמען פון די אָנטיילנעמער. געהאַלטן עס פאַר איבעריק... יעדע ווייטערדיקע פּראָגראַם האָט געשטאַרקט אונדזער פּאָזיציע, ווי אַ טעאַטערל פון פּאָליטישער סאַטירע. דער עולם האָט געוואַרט אויף נייע פּראָגראַמען. און מיט יעדן נייעם פּראָגראַם זיינען מיר געוואַקסן סיי קינסטלעריש, סיי אידעיִש. דאָ האָט זיך אַריינגעמישט די צענזור, וואָס האָט אונדז אָנגעהויבן קאָנטראָלירן אויף שריט און טריט. דער צענזאָר איז געווען אַ ייִד, רפאל וואָלף, דער פאַרוואַלטער פון זיכערהייט-דינסט אין דער סטאַראָסטווע. אין דער פרי האָט ער זיך געפירט ווי אַ ייִד, געגאַנגען דאַווענען און דערנאָך אַוועק אין ביורא זיך פאַרנעמען מיט זיכערהייט-

ענינים פון שטאָט: פּאָליטישע ענינים, ערשטער־מאַי־דעמאָנסטראַציעס... ער פלעגט אַרויסגעבן די דערלויבענישן אויף די דעמאָנסטראַציעס. עס האָט געטראָפן, אַז ער האָט פאַרווערט יידישע אַרבעטער צו דעמאָנסטרירן, ווייל לויטן מאַרשרוט געפינט זיך אויף יעדער גאַס אַ קלויסטער...

אַזוי ווי איך בין געווען אָפיציעל דירעקטאָר פון „מַיִדים", איז אויף מיר אויסגעפאַלן די אויפגאַבע צו באַקומען פון דער צענזור די דערלויבע־נישן צו שפּילן. קודם־כּל האָט ווולץ געפאָדערט, מען זאָל אים צושטעלן אַלע טעקסטן, איבערגעזעצט אויף פּויליש. אַ מייסטער אויף צוצוגרייטן די איבערזעצונגען איז געווען אונדזער ליאָלקע־פירער הירש פאַרודאָמינסקי. ער האָט געענדיקט די יידישע רעאַל־גימנאַזיע, האָט געהאַט אַ גוטן קאָפּ און איז געווען אַ גייענדיקע ענציקלאָפּעדיע. פון פאַך איז ער געווען אַ פוטער־קירזשנער און געאַרבעט ביי זיין טאַטן. הירש פלעגט ביים איבער־זעצן די טעקסטן אַזוי זיי פאַרוואַסערן, אַז ס'איז געווען שווער צו פאַרשטיין זייער אמתן מיין. מיר פלעגט אויסקומען איבערצוגעבן דעם צענזאָר טעקסטן פון דעם נייעם פּראָגראַם, איבערזעצט אויף פּויליש און כ'האָב שטענדיק מורא געהאַט ער זאָל זיך ניט כאַפּן, אַז די טעקסטן זיינען ניט שטאַרק כּשר. שווער געווען צו וויסן, צי ער כאַפּט זיך ניט אויף אונדזערע קאָמבינאַציעס פון צעמישן דעם זין פון די טעקסטן. בדרך־כּלל פלעגט ער די דערלויבענישן מיר אַרויסגעבן אין טאָג פון דער פּרעמיערע, נאָכן קומען קאָנטראָלירן, צי מיר האָבן ניט געמאַכט ליאַלקעס פון היטלערן, געבעלסן, אָדער אַנדערע פּאָליטישע פיגורן. איך פלעג אים זאָגן, אַז מיר לייגן אַריין אַ סך הוצאות אין דער רעקלאַמע און זיינען ניט זיכער, צי ער וועט אונדז דערלויבן שפּילן. פלעגט ער מיר הייסן רעקלאַמירן און אָפּציִען מיט דער דערלויבעניש ביזן לעצטן טאָג.

ס'רוב פלעגן מיר שפּילן אין געוועזענעם זאַל פון קאָנסערוואַטאָריע ביי פלאַסקאָוון. לויט מיין השערה איז געווען פלאַסקאָוו פון דעם צענזאָרס „מענטשן". עס פלעגן שטענדיק קומען אויף אַ פאָרשטעלונג דעם צענזאָרס אַגענטן, צווישן זיי אַ יידישע פרוי וואָס מיר האָבן זי געקענט. אויף יעדער פאָרשטעלונג אונדזערער פלעגט דער זאַל זיין פול איבער די ברעגן. ס'פלעגט טרעפן, אַז אין מיטן דער פאָרשטעלונג פלעגן קומען דעם צענזאָרס אַגענטן.

פלעגט אונדז פלאַסקאָוו וועגן דעם אַנזאָגן אויף דער בינע, מיר זאָלן זיך היטן. דער קאָנפעראַנס איז ביי אונדז שטענדיק געווען אַ געפעפערטער, און איך, דער קאָנפעראַנסיע, האָב זיך געדאַרפט גלייך איבערשליסן און אַ ביסל אַראָפגיין פון דער טעמע. דער עולם האָט עס פאַרשטאַנען, ניט רעאַגירט און אויפגענומען דעם קאָנפעראַנסיע מיט אַפּלאָדיסמענטן.

ביסלעכווייז האָב איך זיך צוגעוווינט צו ווּלצן און שוין ווייניקער מורא געהאַט פאַר אים. איין מאָל האָט ער מיר געעצהט, אַז דער „מיַידים" זאָל אַריבערגיין אויף קינדער־פּראָגראַמען. ער האָט דערציילט, אַז שוין דריי מאָל האָט ער געפירט זיין ייִנגל אויף אונדזער פּראָגראַם פאַר קינדער „קאַרוסעלן", וואָס איז אים זייער געפעלן געוואָרן. דאָס האָט אונדז אַ ביסל באַרויִקט.

ניי־יאָר 1935 האָבן די ייִדישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אין ווילנע אָרגאַניזירט אַ ניי־יאָר־באַגעגעניש. דער זאַל פון פאָלקס־טעאַטער איז געווען פאַרפולט איבער די ברעגעס (ביי אַ דריי טויזנט מאַן). דער „מיַידים" האָט אָנטיילגענומען מיט עטלעכע נומערן. ס'איז געווען נאָך אַן אַמנעסטיע אין פוילן פאַר פּאָליטישע אַרעסטירטע. איך, ווי דער קאָנפעראַנסיע (לויט באַסטאָמסקיס טעקסט), האָב געפרעגט דעם עולם, וואָס איז דאָס אַזוינס „אַמנעסטיע" ? און גלייך אַליין געענטפערט : „אַן אַמנעסטיע איז פּונקט ווי אַן אָדליגע, עס לאָזט אָפּ און ס'קומען ווידער פרעסט"... און נאָך אַ ווערטל האָב איך געזאָגט : „שווייגן איז זילבער און ריידן איז קאָנצענטראַציע־לאַגער"... דער זאַל האָט געשטורעמט, אָבער אויף מאָרגן האָט די דעפענ־סיווע געזוכט, ווער עס האָט אָנגעשריבן דים טעקסט. זיי האָבן אויך געפאָרשט באַסטאָמסקין, אָבער דעם „שולדיקן" האָבן זיי ניט געכאַפּט.

אין איינער פון אונדזערע פּראָגראַמען האָט דער קאָנפעראַנסיע דערציילט וועגן אַן אַרבעטער־טוער פון ווילנע, וואָס האָט אויף אַן אַרבעטער־פאַרזאַמלונג געהאַלטן אַ רעדע און אַריינגעייענדיק אין עקסטאַז אויסגעשריען : „אָ, די בורזשואַזיע, זי זייגט אונדז אויס דעם מאַרך פון די נירן !"... האָט אים איינער פון זאַל געפרעגט : „פּאַניע רעדנער, ווי קומט דער מאַרך אין די נירן ?" האָט אים דער רעדנער געענטפערט : „קען איך ניט קיין אַנאָטאָמיע !"...

אין 1935 האָבן מיר געמאַכט דעם ערשטן אַרויספאָר פון „מײַדים״ אין דער ווילנער פּראָווינץ. געשפּילט אין סווענציאַן צוויי פאָרשטעלונגען אין אַרטיקן פאָלקס־הויז ביי פּולגעפאַקטע זאַלן. די סוועציאַנער יוגנט האָט אונדז פאַרן אָפּפאָר געמאַכט אַ באַנקעט. מיר זיינען אויך אויפגעטראָטן אין אַנדערע שטעטלעך אַרום ווילנע. אין לידע, אַ ציוניסטישע שטאָט, האָט מען פון עולם געוואָרפן אויף אונדזער קליינער בינע שטיינדלעך... דאָס איז געווען בעתן נומער וועגן זשאַבאָטינסקיס לעגיאָן. מיר האָבן אָבער אומעטום געהאַט גרויס דערפאָלג. אַ ליאַלקע־טעאַטער איז געווען אַ נייס פאַרן עולם. אויף מיר איז געלעגן אַ גאַנץ שווערע אַרבעט: ווי דער אַדמיניסטראַטיווער אָנפירער אָרגאַניזירן די אויפטריטן און אויך שפּילן דעם קאָנפעראַנסיע און אַנדערע ראָלן אין דער פּראָגראַם.

מיט דער צייט איז ביי אונדז אויפגעקומען דער געדאַנק אַריבערצוגיין אויף דער שטריקל־סיסטעם. ביז איצט האָבן מיר זיך באַנוצט מיט אַ פּרימיטיווער פאָרעם פון באַוועגן די ליאַלקעס: יעדע ליאַלקע האָט געהאַט אין דער פּלייצע אַן אַרבל, דורך וועלכן מיר פלעגן אַריינרוקן אַ האַנט: איין פינגער אין דער עפענונג פון דעם טעקטורענעם האַלדז, צו איינציקע פינגער אין די טעקטורענע הענטלעך פון דער ליאַלקע. אַריבערצוגיין אויף דער שטריקל־סיסטעם האָט געדאַרפט קאָסטן אַ סך געלט, אָבער מיר האָבן עס מיט אייגענע מיטלען אַליין געמאַכט. נאָך הלוואות פלעג איך זיך ווענדן צו מיין באַלעבאָס אויף דער אַרבעט, טשעסלי, און ער פלעגט מיר שטענדיק לייען געלט פאַרן „מײַדים״. ער פלעגט אויך קומען אויף אונדזערע פאָרשטעלונגען און הנאה האָבן. מיר זיינען געווען אַ חברישער קאָלעקטיוו, כמעט ווי איין משפחה און מיט לייב און לעבן אַריינגעטאָן אין פאַרסירן אונדזער טעאַטער. צו דער נייער סיסטעם האָבן מיר צוגעצויגן פרישע טעכנישע כוחות און אַקטיאָרן. צו אונדז איז צוגעשטאַנען אַלס מוזיקער דער אַבסאָלווענט פון ווילנער קאָנסערוואַטאָריע, עליע טייטעלבוים, אַ באַגאַבטער מוזיקער, כתריאל ברוידאָ אַלס אַקטיאָר, קאַפּלאַן אַלס עלעקטריקער, פּיניע מענדעלסאָן — ליאַלקע־פירער און שפּעטער אויך אויספירער פון ראָלן, חיה טראַקינער און ציליע קאָוונער מיט פרעכטיקע שטימען, יודל מוט אַלס בויער פון די ליאַלקעס, ליזע דייכעס און נאָך און

נאָך. לויט דער שטריקל־סיסטעם האָט יעדע ליאַלקע פאַרמאָגט ביי אַ זעכצן שטריקלעך — דינע, זייער שטאַרקע פעדעם, אָפּהענגיק פון דער אייגנשאַפט פון דער ליאַלקע. די שטריקלעך זיינען געווען צוגעפעסטיקט צו צוויי צונויפגעפּאַרטע ברעטעלעך, וואָס מיר פלעגן אָנרופן פלאַטערלעך. די בינע איז געוואָרן איבערגעבויט און אָנשטאָט, ווי פריִער פון אונטן, זיינען איצט די אַקטיאָרן און ליאַלקע־פירער געשטאַנען אויף אַ באַלקאָן איבערן מיטן פון בינע און פון אויבן האָבן מיר געדאַרפט פירן און באַוועגן די פאַרגרעסערטע ליאַלקעס, וואָס האָבן אָפט מאָל דערגרייכט צו אַ הייך פון אַכציק סאַנטימעטער. די אַרבעט אונדזערע איז געוואָרן אינטערעסאַנטער און צוציִענדיקער. יעדערער האָט זיך געמיט צו געבן פון זיך דעם מאַקסימום און צו באַהערשן די נייע סיסטעם.

די ערשטע פּראָגראַם פון דער שטריקל־סיסטעם האָט זיך גערופן „דער איבעריקער מיליאָן”, געבויט אויף זשאַבאָטינסקיס אַ רעדע אין ווילנע, אין וועלכער ער האָט געזאָגט, אַז אין פוילן איז פאַראַן אַן איבעריקער מיליאָן יִדן און זיי דאַרפן עולה זיין קיין פּאַלעסטינע. מיר האָבן עס אויסגעלאַכט, ווייל מיר האָבן געהאַלטן, אַז דאָ איז אונדזער אָרט און אַז עס קומט די יִדן פולע רעכט, ווי אַלע בירגער אין פוילן.

צו דער פּרעמיערע פון דער שטריקל־סיסטעם האָבן מיר איינגעלאַדן אַן אינסטרומענטאַלן קווינטעט, וואָס האָט באַגלייט די פאַרשטעלונג. די מוזיק האָט אַראַנזשירט און דיריגירט אונדזער עליע טייטעלבוים. מיר האָבן אויך צוגעגרייט אַ קינדער־פּראָגראַם אונטערן נאָמען „שיקישער”, לויט אַ דערציילונג פון משה נאַדיר וועגן אַ שניידער, וואָס האָט געשיקט זיין יִנגל לייען אַ שער ביי אַ שכן און גייענדיק ווערט דאָס יִנגל שיקע אַנטשלאָפן אונטער דער שיין פון דער לבנה. די מוזיק האָט געשריבן עליע, דעם טעקסט פאַר דער בינע און אויך אינטערמעדיעס האָט געשריבן באַסטאָמסקי. עליע איז מיט זיינע קאָמפּאָזיציעס פאַרן „מיִידים” געגאַנגען צום אַרויסלאָז־עקזאַמען אין דער קאָנסערוואַטאָריע און האָט באַקומען אַן אויסצייכענונג.

אויף דער פּרעמיערע פון „איבעריקן מיליאָן” האָבן זיך אַ ביסל געפּלאָנטערט די פעדעם פון די ליאַלקעס, מיר האָבן זיך נערווירט, אָבער

סוף־סוף באהערשט די לאגע. כתריאל ברוידא האט זיך אזוי איבערגענומען דערפון, אז ער האט זיך געכאפּט מיט די הענט פארן קאפּ און געשריִען גוואלד...

וואס ווייטער האבן מיר זיך צוגעוווינט צו דער נייער סיסטעם. ס'האט לאנג ניט געדויערט און מיר האבן פולשטענדיק באהערשט אלע שוועריקייטן. דער איבערגאנג צו דער שטריקל־סיסטעם האט געוויזן, אז מיט ערנסטער באציִונג און ארבעט קען מען שאפן וווּנדערלעכע זאכן — א טעאטער מיט א גוטן נאמען און באליבט ביים עולם. עס האבן אונדז אנגעהויבן באזוכן ניט נאר עמך, נאר אויך סוחרים, פאבריקאנטן, וואס האבן ניט קוקנדיק אויף אונדזער בייסיקער קריטיק פון קאפּיטאליזם, הנאה געהאט פון אונדזערע פּראגראמען.

נאך שפּילנדיק לויט דער אלטער פרימיטיווער סיסטעם, האט מיין חבר משה שווייליך, א סטודיאנט ביי ד"ר ווייכערט אין זיין סטודיע און אקטיאר אין „יונג־טעאטער", מיר געשריבן אין א בריוו, אז דער „יונג־טעאטער" קלייבט זיך אויף גאסטראלן קיין לאדזש, און ד"ר ווייכערט, דער קינסטלערישער אנפירער פון טעאטער, וויל ניט ארײנלאזן אין זייער לאקאל קיין פּראפעסיאנעלן טעאטער, קודם־כל צוליבן שונד־רעפּערטואר, וואס זיי שפּילן. ער האט מיר געשריבן, אז נאך זיין געשפּרעך מיט ווייכערטן, האט ווייכערט מסכים געווען, אז דער „מיידים" זאל קומען שפּילן קיין ווארשע אין לאקאל פון „יונג־טעאטער". איך בין גלייך ארויסגעפארן קיין ווארשע זיך צו דעררײדן וועגן אלע ענינים. געקומען צו ד"ר ווייכערט, האט ער מיך שיין אויפגענומען און זיך דעררעדט וועגן אלע פרטים. באשטימט דעם טאג, ווען מיר הויבן אן די גאסטראלן. צום סוף האב איך פארזיכערט ווייכערטן, אז מיר וועלן טאן אלץ צום דערפאלג פון אונדזערע אויפטריטן און אז מיר וועלן מאכן א פארשטארקטע רעקלאמע. ד"ר ווייכערט האט מיר דאן געזאגט, אז אויפן אפיש דארף מען צוזאגן וואס ווייניקער, אבער אויף דער בינע געבן וואס מערער. די דאזיקע באמערקונג איז מיר ארײן אין מוח און ביז היינטיקן טאג איז עס מיר געבליבן ווי א פּרינציפּ אין טעאטראלער טעטיקייט.

מיט א סך פרייד און האפענונג האב איך זיך אומגעקערט פון ווארשע

קיין ווילנע, און מיר האָבן זיך גענומען ענערגיש גרייטן צו די גאַסטראָלן. אין וואַרשע האָב איך געפונען פאַר אונדז אַ פּאַסיקע דירה ביי הערש לענט, איינער פון די געצײלטע יידישע טראַמוויי־אַרבעטער, אַ לינקער פּועלי־ציון און זייער אַ סימפּאַטישער מענטש. ער מיט זיין פרוי און זונעלע שאַנן זיינען אויף זומער אַרויסגעפאָרן פון וואַרשע, און מיר האָבן געהאַט צו אונדזער דיספּאָזיציע די גאַנצע דירה. אַגב זיינען ביידע, פאָטער און זון, אומגעקומען אויף די באַריקאַדעס בעתן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ.

די גאַסטראָלן האָבן מיר אָנגעהויבן אין וואַרשע דעם 5טן יולי 1935. האָבן פאַר דעם אָפּגעדרוקט פלוג־בלעטלעך און אַליין געגאַנגען עס צעטיילן אויף די גאַסן אַרום טעאַטער־זאַל. מיר האָבן זיך גוט איינגעאָרדנט אין דער געדונגענער דירה, פינף מאַן: באַסטאַמסקי, פּאָרודאָמינסקי, טייבעלע קוריצקי, איך און דער אַקאָמפּאַניאַטאָר־פּיאַניסט קינקולקין. געקומען זיינען מיר מיט די ליאַלקעס פון דער אַלטער סיסטעם. אונדזער ערשטע פּראָגראַם האָט געהייסן „לאָמיר לאַכן". מיר האָבן זיך גיך אַקלימאַטיזירט, געשפּילט טאָג־טעגלעך אין משך פון אַ חודש צייט. דער באַזוך איז געווען בערך 70%. מיר האָבן אויסגענומען ביים עולם, און די פּרעסע האָט זיך גאַנץ גוט אָפּגערופן. אַן אויסנעם איז געווען אַ רעצענזיע אין „מאָמענט", וווּ מען האָט געשריבן, אַז אונדזער טעאַטערל איז אויף אַ געהעריקן קינסטלערישן ניווא, פיינע ליאַלקעס און אַ גוטע אויספירונג, נאָר עס שפּירט זיך, אַז דורכן גאַנצן פּראָגראַם גייט דורך אַ „רויטער פאָדעם" און אַז די אַקטיאָרן פּאַרגלאַצן די אויגן צו יענער זייט... דאָס איז געווען אַ כמעט פּראָוואָקאַטיווע רעצענזיע, און מיר האָבן מורא געהאַט פאַר אירע פאָלגן. צו אונדזער מזל האָט אונדז קיינער ניט געטשעפּעט. נאָכן שפּילן בערך אַ חודש דעם ערשטן פּראָגראַם, האָבן מיר אָנגעהויבן מיט אַ צווייטן פּראָגראַם — „ליאַלקע־פּאַראַד", וואָס מיר האָבן געשפּילט אַ פּאָר וואָכן.

אין דער פרייער צייט אין וואַרשע פלעגט אונדז הערש לענט פירן איבער פאַרשיידענע שטאָטטיילן, בכדי זיך צו באַקענען מיט וואַרשע. ער האָט אונדז אויך באַקענט מיט זיינע חברים — אַ גרופּע סימפּאַטישע

יוגנטלעכע, לינקע פועלי־ציון, מיט וועלכע מיר האָבן זיך זייער גוט צונויפגעחברט און פלעגן צוזאַמען פאַרברענגען.

אין צייט פון אונדזערע גאַסטשפּילן אין וואַרשע איז געקומען צו אונדז אַן אימפּרעסאַריאָ, גאַנצבערג, און אונדז איינגעלאַדן אויף דריי גאַראַנטירטע פאָרשטעלונגען אין אָטוואָצק. נאָכן אָפּשפּילן אין וואַרשע זיינען מיר אַהין אַוועקגעפאָרן. מיר האָבן, פאַרשטייט זיך, אָפּגערעדט מיטן אימפּרעסאַריאָ אַלע באַדינגונגען און באַקומען על־חשבון אַ געוויסע סומע געלט.

אין אָטוואָצק האָט אונדז גאַנצבערג באַגעגנט, אַוועקגעפירט אין „האָטעל" — זייער ריינע צימערן צום נאַכטן אין אַ פּאַרטער־ווױנונג. ער האָט אונדז אַריינגעפירט און ביים טיר האָט ער געזאָגט צו דער ייִדישער באַלעבאָסטע: „אָט האָב איך אייך געבראַכט די אַקטיאָרן. זיי וועלן זיין ביי אייך דריי טעג. איך באַצאָל זיי פאַר זייערע אויפטריטן און האָטעל". לויטן ווילנער דיאַלעקט האָט עס געהייסן „מיט האָטעל", אָבער אַזוי ווי אין וואַרשע איז דער באַדייט פון „און" — „אָן", האָט די באַלעבאָסטע פאַרשטאַנען, אַז פאַר האָטעל דאַרפן מיר אַליין באַצאָלן, אָבער מיט גאַנצבערגן האָבן מיר אָפּגערעדט, אַז אַלע הוצאות, כולל האָטעל, איז אויף זיין חשבון.

די פאָרשטעלונגען זיינען דורך מיט דערפאָלג. דער אימפּרעסאַריאָ האָט צו אונדז ניט צוגעלייגט. אגב, האָבן מיר זיך באַקענט מיטן קאָמפּאָזיטאָר הענעך קאָן, וועלכער האָט דאַן גערוט אין אָטוואָצק, און ער האָט געריסט אונדזער טעאַטערל. אויף מאָרגן נאָכן ענדיקן די גאַסטראָלן האָט זיך גאַנצבערג ניט געוויזן. מיר האָבן געדאַרפט באַקומען פון אים לויטן אָפּמאַך דאָס רעשט געלט און זיך אומקערן קיין וואַרשע. איך האָב פאַראָרדנט די חברים צו פאַרפּאַקן דעם באַגאַזש, זיין גרייט צום פאָרן און אַוועק זוכן גאַנצבערגן. אָבער אין ערגעץ איז ער ניט געווען — ניט אין זיין שטוב, ניט אין טעאַטער־זאַל, ניט אין מאַגיסטראַט. ס'איז געוואָרן האַלבער טאָג, האָבן מיר באַשלאָסן צו רעזיגנירן פון גאַנצבערגן און זיך אומקערן קיין וואַרשע. אָבער דאָ האָט די באַלעבאָסטע פון די צימערן געפאָדערט מיר זאָלן באַצאָלן פאַר „האָטעל" און מיר האָבן געטענהט,

אַז גאָנצבערג האָט איר געזאָגט, אַז ער באַצאָלט עס. זי האָט פאַרשלאָסן די טיר, אַוועקגעזעצט דעם הויף־סטראָזש ביים טיר אונדז צו היטן און אַוועק ברענגען פּאָליציי. דעם באַגאַזש האָבן מיר באַוויזן נאָך פריִער אָנצולאָדן אויף אַ פור, וואָס האָט געוואַרט אויפן הויף. דערווייל האָב איך פאַראָרדנט מיינע חברים אַרויסצוגיין דורך די פענצטער מיט זייער פּערזענלעכן באַגאַזש, און אַזוי האָבן מיר זיך דערקליבן צום וואָקזאַל און זיך צוריקגעקערט קיין וואַרשע מיט דער באַן.

פאַרן פאַרלאָזן וואַרשע האָב איך זיך דעררעדט מיטן אַדמיניסטראַטאָר און אַקטיאָר פון „יונג־טעאַטער", גליקסאָן, אַז ווען זיי וועלן קומען אויף גאַסטראָלן קיין ווילנע, וועל איך זיי העלפן אין דער אַדמיניסטראַציע.

## „יונג־טעאַטער" אין ווילנע

זיי זיינען טאַקע אין פרילינג 1936 געקומען קיין ווילנע און אָנגעהויבן שפּילן אין געוועזענעם קאָנסערוואַטאָריע־זאַל פון פּלאַסקאָוון. אָנגעהויבן האָבן זיי מיט דער פאָרשטעלונג „סאַקאָ און וואַנצעטי". איך האָב זיי געהאָלפן אין דער אַדמיניסטראַציע און אויך געזעסן אין קאַסע ביים בילעטן־פאַרקויף. די בילעטן זיינען געוואָרן אויסגעפאַרקויפט אויף דריי וואָכן פאָרויס. די איבער־פאַרקויפער פון בילעטן האָבן געזוכט מיט אַלע מיטלען אויסצוקויפן אַ גרעסערע צאָל בילעטן און זיי דערנאָך פאַרקויפן צו ספּעקולאַטיווע פרייזן, אָבער איך האָב זיי געקענט און פאַרקויפט בלויז צו עטלעכע בילעטן. זיי זיינען דערפאַר געווען אויף מיר מלאָ־חימה, אָבער איך האָב ניט נאָכגעגעבן. אין אַ געוויסן טאָג איז צוגעקומען צו דער קאַסע דער לערער גערשטיין און מיך געפרעגט וואָס קאָסט אַ בילעט? האָב איך אים געענטפערט — 70 גראָשן מיט „שאָטניע"! האָט ער אָנגעהויבן אויף מיר שרייען: „און קליידער־צימער קענסטו ניט זאָגן אָנשטאָט שאָטניע?" אַזוי האָט ער מקפיד געווען אויף דער ריינקייט פון דער יִדישער שפּראַך...

די פאָרשטעלונגען פון יונג־טעאַטער זיינען געגאַנגען מיט אַ ריזיקן דערפאָלג ביי אויסגעפאַרקויפטע זאַלן. אין ווילנע איז געווען ממש אַ

יום־טובדיקע שטימונג. מען האָט געמאַכט טרעפונגען און באַנקעטן פאַר די אַקטיאָרן. אויך דער „מיידים" האָט געמאַכט פאַר זיי אַן אויפנעם און זיך פאָטאָגראַפירט צוזאַמען מיט די ליאַלקעס.

ווען דער דערפאָלג פון „יונג־טעאַטער" האָט געהאַלטן אין וואַקסן, איז אָנגעקומען אַ ידיעה פון וואַרשע, אַז דער „יונג־טעאַטער" ווערט געשלאָסן פאַר פּאָליטישע חטאים, און די פאַרשטעלונגען אין ווילנע ווערן פאַרווערט. אַזוי ווי אַ דונער האָט געטראָפן די דאָזיקע ידיעה. ס'האָבן ניט געהאָלפן די אינטערווענצן פון דער טעאַטער־געזעלשאַפט און פאַרשיידענע פּערזענלעכקייטן — דער פאַרווער איז געקומען פון וואַרשע און די גאַסטראָלן זיינען איבערגעריסן געוואָרן. די אַקטיאָרן זיינען געבליבן ווי אויפן וואַסער. מען דאַרף יעדן טאָג עסן, באַצאָלן פאַר האָטעל. נאָך עטלעכע וואָכן אַזוי זיצן, האָבן זיך אָנגעהויבן ענדיקן זייערע פינאַנסיעלע רעסורסן. זיי האָבן זיך געווענדט צו דער ווילנער טעאַטער־געזעלשאַפט נאָך מאַטעריעלער הילף. דער פאָרזיצער איז דעמאָלט געווען הירש מאַץ. למעשה איז ער געווען רעדאַקטאָר פון זשורנאַל „פאָלקסגעזונט", ווו איך בין ביי אים געווען אַ געצאָלטער סעקרעטאַר. די ווילנער טעאַטער־געזעלשאַפט האָט באַשלאָסן צו מאַכן אַ געלטזאַמלונג פאַרן „יונג־טעאַטער". מען האָט אויפגעשטעלט רשימות פון גבירים און מעצענאַטן און איך בין געגאַנגען צו זיי לויט די רשימות. די אַקציע איז געגאַנגען ניט שלעכט, און יעדן טאָג פלעג איך קומען צו די אַקטיאָרן אין זייערע האָטעלן, זיי אויסטיילן געלט אויף עסן און אויך באַצאָלן פאַרן האָטעל.

אַזוי האָט זיך עס געצויגן עטלעכע וואָכן, ביז עס האָט זיך איינגעגעבן פאַר אַ געוויסער סומע געלט צו באַקומען אַ דערלויבעניש צו שפּילן אונטער אַן אַנדער נאָמען, ניט „יונג־טעאַטער" נאָר „נייער דראַמאַטישער טעאַטער", און זיי האָבן ווידער אָנגעהויבן שפּילן אין זאַל פון „אונדזער טעאַטער" אויף נאָוואָגראַרד. אָנגעהויבן האָבן זיי מיט „טרופּע טאַנענצאַפּ", לויט גאָלדפאַדען. די פּיעסע האָט געהאַט אַ קאָלאָסאַלן דערפאָלג. יעדן אָוונט פלעגט דער זאַל זיין איבערפולט, אָבער אין קאַסע פלעגט זיין ווייניק געלט. די טייערע בילעטן פלעגן איבערבלייבן, אָבער די ערטער

פלעגן זיין פאַרפולט... גליקסאָן האָט אָנגעהויבן טענהן, אַז דאָ איז עפּעס ניט אין אָרדענונג. איך בין איין מאָל צופעליק אַריין אין קאַסע און דערזען, אַז די קאַסירשע, אַ פרוי פון אַ יאָר פופציק, פאַרקויפט בילעטן פון אַ צווייטן קאָמפּלעט, וועלכן זי האַלט אונטערן קלייד... כ'האָב אָנגענומען די געהעריקע מיטלען. בין אַוועק אין אַ געשעפט פון שטעמפּלען און געקויפט אַ קאָלעקציע פון חיות-שטעמפּלען און יעדן טאָג פלעג איך דעם קאָמפּלעט בילעטן אָפּשטעמפּלען מיט אַן אַנדער חיה. די קאַסירשע האָט שוין מער ניט געקאָנט מאַכן קיין קאָמבינאַציעס מיט אירע בילעטן. איך האָב אויך דערזען, אַז דער קאָנטראָליאָר ביים אַריינגאַנג, חייקל, אַ ייִד מיט אַ גרויסן בויך, וואָס האָט געקאָנט פאַרשטעלן מיט אים די גאַנצע אַריינגאַנג-טיר אין טעאַטער, זעצט אַוועק פאַר אַ ½ זלאָט זיינע „קליענטן" אויף די ערשטע רייען, ערטער וואָס האָבן געקאָסט דריי זלאָטעס. דערפאַר זיינען די דאָזיקע רייען געווען פאַרנומען... אַזוי האָב איך פאַרריכט די מערכה...

די גאַסטראָלן האָבן זיך נאָך פאַרצויגן אַ לענגערע צייט מיט אַן אַלץ וואַקסנדיקן דערפאָלג.

★

דער „מייַדים" האָט, ווי געזאָגט, זיך איבערגעשלאָסן אויף דער שטריקל-סיסטעם, געוואָרן אַ מאַריאָנעטן-טעאַטער. מיט דער צייט האָבן מיר פולשטענדיק באַהערשט די נייע סיסטעם און די קינסטלערישע מעגלעכקייטן האָבן זיך אויסגעברייטערט. מיר האָבן געמאַכט טעכניש פאַרפולקומטע ליאַלקעס וואָס זיינען געוואָרן קינסטלעריש אויסגעפּאַרטיקט, שיינע קאָסטיומען פון נייעם שטאָף, געקויפט אין די געשעפטן. די פּראָגראַמען זיינען געוואָרן רייכערע און אינטערעסאַנטערע. פּאַראַלעל צו די פּראָגראַמען פאַר דערוואַקסענע האָבן מיר געמאַכט אַ ריי פּראָגראַמען און נומערן פאַר קינדער: פּושקינס „דאָס גאָלדענע פישעלע", „קאַרוסעלן", „רויט-היטעלע", און נאָך און נאָך. די דעקאָראַציעס צו „רויט-היטעלע" האָט געמאַכט בענציע מיכטאָם. רויט-היטעלע איז געגאַנגען דורך אַ פּרעכטיקן פעלד פון בלומען, וואָס האָט פאַרכאַפּט דאָס אויג מיט דער פאַרביקייט, באַגלייט דורך זינגעוודיקע פייגעלעך.

אין 1936, בעת די שווערע קאַמפן אין שפּאַניע, האָט א. באָסטאָמסקי אָנגעשריבן אַ טעקסט, געווידמעט די דזשיקע געשעענישן. מיר האָבן עס אויפגעפירט אין אַ פּראָגראַם פון „מײַדים". אַ מעלאָדיע צום דזשיקן ליד האָט צוגעפּאַסט עליע טייטעלבוים לויטן ליד „אוראַל־רעקאַ". די ערשטע סטראָפע קלינגט אַזוי:

פּאָרויס, פּאָרויס, פּאָרויס!
קיין טראָט צוריק!
גרייף אָן אין קאַמף און זיג!
עס לויפן די באַנען און פירן צום פראָנט
אַ חבר, אַ ברודער, אַ פריינד וואָס איז נאָ'נט.
וואַגאָנען, געלאָדן מיט קויל און געווער,
קעגן דעם שונאס פאַרהאַסט מיליטער...

אָבער פּלוצלונג בין איך געווען געצווונגען איבערצורייסן מיין אַרבעט אין „מײַדים". געדאַרפט גיין דינען אין מיליטער.

## מיין מיליטער־דינסט

אין נאָוועמבער 1936 האָב איך זיך צוגעשטעלט צום מיליטער אין לידע, אין 77סטן פּאָלק מיטן בער־אַפּצייכן. מען האָט דערציילט, אַז דאָס איז געווען אַ באַשטראָפטער פּאָלק פאַרן פאַרשפּילן אין דער מלחמה מיט די רוסן אין 1920. אין טאָג פון מיין קומען אין פּאָלק איז שוין געלעגן אַ טיפער שניי, געווען אַ קליין פרעסטל. מען האָט יעדערן אַרויסגעגעבן מיליטערישע זאַכן, אָבער פאַר דעם האָבן די אַלטע, ציווילע זאַכן געדאַרפט דורכגיין אַ דעזינפעקציע. יעדער איינער פון אונדז האָט געדאַרפט זיך אויסטאָן נאַקעט אויפן שניי, אָפּגעבן די ציווילע זאַכן אין פּאַרניק און אַריינגיין אין דער דערבייִיקער באָד. פון באָד האָט מען אונדז, נאַקעטע, אַרויסגעפירט אויפן שניי צום צווייטן פּאַרניק, ווו מען האָט געדאַרפט אָנטאָן די מיליטערישע קליידער און אָפּנעמען דעם פּעקל ציווילע זאַכן. ס'האָט קיינעם ניט געשאַדט דער פראָסט מיטן שניי און מיר זיינען

מיט מזל געוואָרן זעלנער. יעדערער האָט באַקומען זיין אָרט אויפן צווייטן עטאַזש פון אַ גרויסן בנין, צוגעטיילט פאַר אונדזער קאָמפּאַניע, וואָס האָט געציילט 120 מאַן, דער רוב זייערע, פּויערים. דער גרעסטער טייל פון זיי — אַנאַלפאַבעטן. ס'האָט זיך באַוויזן אין קאָרידאָר אַ פּלוטאָנאָווער און געפּרעגט, ווער עס קען גוט שרייבן. איך האָב שוין געוווּסט די „חכמה" און געשוויגן. אַ פּאָר שקצים האָבן זיך אָפּגערופן. האָט זיי דער פּלוטאָנאָווער מיט אַ געלעכטער געגעבן בעזעמער און געשיקט אויס־רייניקן די קלאָזעטן...

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מיך דער דאָזיקער פּלוטאָנאָווער פאַרבעטן צו זיך אין געווער־ און אַמוניציע־סקלאַד. ער איז געווען שוואַך אין „עברי", און איך האָב אים אין משך פון מיין גאַנצער דינסט געדאַרפט אויספילן די ספּעציעלע בלאַנקען וועגן טאָג־טעגלעכן מצב פון געווער און אַמוניציע אין אונדזער קאָמפּאַניע. אָבער מיין „הויפּט־שטעלע" איז געווען אין קאַנצעלאַריע ביים סערזשאַנט גאַפּאַ, אַן עלטערער קריסט פון אַ יאָר 50, זייער אַ צוגעלאָזענער און האַרציקער, ניט קיין אַנטיסעמיט. פלעג איך כמעט יעדן טאָג אַרבעטן ביי אים אין קאַנצעלאַריע. אין דער גאַנצער קאָמפּאַניע זיינען מיר געווען אַכט יידן. ער האָט אויך באַשעפטיקט דעם סאָלדאַט טראַבסקי, פון פאַך אַ שוסטער, ביים פאַרריכטן שיך פאַר די זעלנער פון אונדזער קאָמפּאַניע. צווישן אונדז איז אויך געווען אַ ישיבה־בחור, גאָרעליק, וואָס האָט ניט געגעסן פון קעסל. אויף פרישטיק און אוונטברויט פלעגט ער קויפן ברויט און עפּעס צום ברויט, וואָס האָט ניט געפאָדערט קיין כשרות, צום מיטאָג פלעגט אים די יידישע קהילה אין לידע שיקן כשר עסן.

אַזוי האָט עס זיך געצויגן בערך אַ יאָר צייט. איך פלעג אַרויסגיין מיט דער קאָמפּאַניע אויף איבונגען. וואָך פלעג איך האַלטן זעלטן. אונדזער קאָמפּאַניע איז געווען מחויב צו פאַרזיכערן אַלע אָביעקטן פון פּאָלק. אונדזערע זעלנער פלעגן איין נאַכט וואַכן און די צווייטע נאַכט שלאָפן אין קאַזאַרמע. עס פלעגט מיר אָבער אויסקומען צו זיין דעזשורנער „אָפּיציר" אין גרויסן שלאָפצימער פון דער קאָמפּאַניע, ווו עס זיינען געשטאַנען אייזערנע דריי־עטאַזשיקע בעטן. צווישן די פּוילישע זעלנער

האָט זיך געפונען איינער, וואָס פלעגט זיך כראָניש נעצן. ער איז געלעגן אויף דער צווייטער פּאָלקע און פון זיין שטרוי־זאַק פלעגט שטענדיק רינען אויף דעם אונטערשטן זעלנער. יעדן טאָג פלעגט דער דאָזיקער זעלנער אויסהענגען טריקענען זיין שטרוי־זאַק...

די קאָמפּאַניע איז געווען איינגעטיילט אין פיר דרוזשינעס צו 30 מאַן. דאָרטן פלעגן מיר באַקומען טעאָרעטישע לימודים וועגן ביקס און אַנדערן וואָפן. דער דרוזשינאָוועץ פלעגט מיט אונדז איינלערנען די „תורה", און מיר פלעגן זיצן און דאַרפן דערקלערן וועגן אַלץ, וואָס מיר האָבן געהערט. די דאָרפישע שקצים זיינען אין גרעסטן טייל געווען טעמפּ און ניט פאַרשטאַנען וואָס מען רעדט צו זיי. פאַרן ניט קענען די לעקציע, פלעגט יעדערער פון זיי באַקומען אַ שטראָף — 25 מאָל פאַלן און אויפשטיין אויפן צעמענטענעם דיל. ווער ס'האָט נאָך דעם ווייטער ניט פאַרשטאַנען, האָט ווידער געדאַרפט איבערחזרן די שטראָף. ס'פלעגט זיין זייער קאָמיש: דאָ זיצן מיר און לערנען און הינטער אונדז האַלטן עטלעכע זעלנער אין איין פאַלן און אויפשטיין...

כמעט יעדן טאָג פלעגן מיר נאָך פרישטיק אַרויסגיין אויף פעלד־איבונגען. מיר האָבן געדאַרפט דורכגיין אַ ריזיקן הויף ביזן טויער, וואָס האָט געפירט צום וואַלד. דער אָפיציר אונדזערער, אַנגעטאָן אין אַ שיינעם מונדיר־מאַנטל, מיט ווייסע הענטשקעס אויף די הענט, פלעגט אונדז אָפט אין האַרבסטיקע אָדער ווינטערדיקע טעג אַרויספירן אויף איבונגען.

פון טויער צום וואַלד פלעגן מיר דאַרפן דורכגיין אַ זאַמדיקן וועג, אָפט מיט בלאָטעס און גריבער נאָך אַ שטאַרקן רעגן. איין מאָל, אין אַ האַרבסטיקן רעגנדיקן טאָג זיינען מיר אַרויס מיט אים און קומענדיק צו די בלאָטעס, האָט ער אונדז געהייסן זינגען. איך בין בדרך־כלל געווען דער „זאַפּיעוואַילאָ", אָבער די שקצים האָבן געגעבן אַ קאָמאַנדע ניט צו זינגען. דער אָפיציר שרייט — זינגען! און מיר זיינען שטום. דער אָפיציר ווערט שוין אין כעס און הייבט זיך אָן זידלען, אָבער מיר עפענען ניט די מיילער. האָט ער אָנגעהויבן שרייען מיר זאָלן פאַלן. אָבער ווער וויל דאָס פאַלן אין בלאָטע? דער אָפיציר לאָזט ניט אָפּ. האָבן מיר זיך אַלע אויסגעצויגן אין דער בלאָטע, אָבער געזונגען האָט מען ניט...

געוועזן אַן עלטערער אָפיציר, גראַבאָוויעצקי, זייער אַ סאָלידער און פריילעכער. ער פלעגט אונדז גאַנץ אָפט אַרויספירן אויף פעלד־איבונגען און ביי אים האָבן מיר זיך אַ סך אויסגעלערנט. נאָך די איבונגען פלעגט ער אונדז אַריינפירן צו זיינע באַקאַנטע פריצים און אין זייערע סעדער פלעגן מיר זיך אָנעסן מיט פרעכטיקן אויפס.

געוועזן אויך ביי אונדז אַ פּאָדכאָראַנזשי, אַ „פּאָזנאַנטשיק", אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט גרויסע פאַרדרייטע וואָנצעס. ער פלעגט אונדז אַרויספירן אויף נאַכט־איבונגען אין די דערבייִיקע וועלדער און פלעגט אונדז לערנען ווי צו פאַרגעדענקען אַ וועג. מיט אים האָבן מיר קיין מאָל ניט געבלאָנדזשעט. ער האָט געקענט אַלע וועגן אויסגעצייכנט.

ווינטער זיינען מיר אַרויס אויף מאַנעווערס מיטן גאַנצן פּאָלק. ס'איז געוועזן אַ שנייִקער און פראָסטיקער ווינטער. מען האָט זיך צעטיילט אויף צוויי קעגנזייטיקע לאַגערן און מען האָט „געקעמפט" צווישן זיך מיט הילצערנע קוילן, פאַר וועלכע מען האָט זיך געדאַרפט היטן. נאָך דער „שלאַכט" איז דער „פּאָזנאַנטשיק" געגאַנגען באַקוקן די פּאָזיציעס. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ זעלנער, אַגב, אַ ייִד, וואָס האָט לויט דער לאַגע געדאַרפט זיין „טויט", נאָר פּלוצלונג האָט ער זיך אָנגעהויבן צו באַוועגן. האָט דער פּאָדכאָראַנזשי אָנגעהויבן שרייען: „וואָס באַוועגט איר זיך?! (ער פלעגט ניט זאָגן „דו") איר זייט דאָך טויט! איר זייט אַ חזיר, אַז איר פאַרשטייט עס ניט!"

אין אַ געוויסן טאָג האָב איך געהאַט „סלוזשבע" אויף דער צענטראַלער וואַכטע. פּלוצלונג דערזע איך, אַז מען פירט אַרויס אונטערן ביקס פון אַ צעל אונדזערן אַ ווילנער חבר, מאָטקע גוראַנץ. ער האָט געבעטן, מען זאָל אים פירן אין אָפּטרעט. איך האָב באַקומען די קאָמאַנדע אים צו פירן. כ'האָב אָנגעשטעלט מיין ביקס און מיר זיינען אַוועק. גייענדיק האָט ער מיר דערציילט פאַר וואָס מ'האָט אים אַרעסטירט. ער איז שוין דאָן געוועזן פון די עלטערע סאָלדאַטן, וואָס דאַרפן זיך אין גיכן באַפרייען. האָט מען אים געשיקט אַרבעטן אויפן קיך. דער קוכער, אַ געזונטער חברה־מאַן, האָט אים געהייסן ברענגען פון סקלאַד אַ גרויסן זאַק קאַרטאָפל. האָט זיך מאָטקע אָפּגעזאָגט. אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, מען האָט

זיך צעווערטלט און דער קוכער האָט אָנגעהויבן צו זידלען מאַטקען און שרייען „זשיד פּאַרכאַטי", האָט אים מאַטקע געענטפערט מיט אַ זעץ אין נאָז און פאַרדרייט דעם קוכער די נאָז אויף אַ זייט... דערפאַר האָט מאַטקע באַקומען קאַרצער אויף 15 טעג — ברויט מיט וואַסער און יעדן דריטן טאָג אַ מיטאָג. אָבער דער קוכער האָט געזאָגט, אַז ער וועט אים אָנגעבן אין געריכט און מאַטקען האָט געדראָט ביז דריי יאָר טורמע. האָבן מיר, עטלעכע יידישע זעלנער, זיך באַראָטן וואָס צו טאָן און באַשטימט, אַז מאַטקע דאַרף איינלאַדן דעם קוכער אויף אַ גוטן שנאַפּס מיט אַ צובייס און בעטן מחילה. מאַטקע האָט אַזוי געטאָן, איז דורכגעקומען מיטן שגץ און ניצול געוואָרן פון אַ גרויסער צרה.

מאַטקע איז שוין געווען אַן „אַלטער" סאָלדאַט און מיר, די אַכט יידישע זעלנער פון אונדזער קאָמפּאַניע, זיינען נאָך געווען גאָר „יונגע". האָט אונדז מאַטקע אין אַ געוויסן זומערדיקן פרימאָרגן נאָכן אַפּעל אויסגעשטעלט פּאַרווייז און געפירט דורכן גרויסן מיליטער־הויף אין דער ריכטונג צום וואַלד, כּאילו מיר גייען צוגרייטן בעזעמער. מיר זיינען בשלום דערגאַנגען צום וואַלד און דאָרטן פאַרבראַכט ביז מיטאָג, זיך אָפּגערוט, געשמועסט, זיך דערציילט אַנעקדאָטן און נאָכן צוגרייטן עטלעכע בעזעמער אומגעקערט זיך צוריק אין קאַזאַרמע...

כּמעט פאַר יעדן מיטאָג פלעג איך קויפן אין קאַנטינע אַ האַלבן קילאָ ווייסן ברויט און 5 דעקאָ שינקע, דאָס אויפעסן און דאַן גיין צום מיטאָג. מען פלעגט געבן גוט עסן, איך האָב זיך פאַרריכט און צוגענומען וואָג. דער טאַטע האָט ניט געקענט מיר געבן אַפילו פינף גראָשן פאַרן גיין אין מיליטער, אָבער איך האָב אַליין פאַרדינט פאַר זיך 70 זלאָטעס, אַרבעטנדיק ווי אַ סעקרעטאַר אין זשורנאַל „פּאָלקס־געזונט". אַ דאַנק דעם בין איך געווען פאַרזאָרגט אין מיליטער. איך האָב זיך גוט אויפגעלעבט מיט מיין שעף, וואָס האָט ניט געהאַט קיין עלעמענטאַרע בילדונג, האָב איך אים געהאָלפן זיך גרייטן צו דער פאַלקשול. און ער האָט מצליח געווען.

אַז ס'איז אָפּגעפלויגן אַ יאָר פון אונדזער דינען אין מיליטער, האָט מען אונדזער וואַרטע־קאָמפּאַניע אַריבערגעפירט אויפן לידער מיליטערישן

ערארראם, אכט ק״מ פון שטאָט. דאָ איז געווען אַ זייער שטרענגער רעזשים. פסח און סוכּות פלעגט מען אונדז באַפרייען פון קאַזאַרמע און מיר פלעגן איבערגיין אין רשות פון לידער קהילה. אונדזער שעף גאַפּאַ איז געווען אַ ליבעראַלער מענטש און זיך גוט באַצויגן צו די ייִדישע זעלנער. ס׳האָט געטראָפן, אַז אַ פּוילישער זעלנער האָט אונדז, ייִדן, געזידלט. מיר האָבן עס אים דערציילט, האָט ער גלייך באַפוילן דעם דאָזיקן זעלנער אַרויסצולאָזן פון די וואַסער־באַקן דאָס גאַנצע וואַסער און אָנפּילן זיי צוריק, לויפנדיק מיט פולע עמערס אויפן צווייטן שטאָק. דאָס איז געווען אַ שווערע שטראָף.

די קאַזאַרמעס, אין צענטער פון לידע, ווו מיר זיינען איינגעשטאַנען, זיינען געווען נאָך פון די רוסישע צייטן, מיט פרימיטיווע סאַניטאַציע־איינריכטונגען. דאָס שמוץ פלעגט זיך קלייבן אין די קעלערן אין גרויסע באַקן, וועלכע מען פלעגט אַ פּאָר מאָל אין יאָר אויסרייניקן. פלעגן קומען ספּעציעלע טויכערס, זיך אַראָפּלאָזן אין די קעלערן און דאָס טאָן. אַלע קלאָזעט־טירן האָט מען דאַן פאַרהאַקט מיט טשוועקעס און אָנגעזאָגט די זעלנער זיך ניט צו באַנוצן מיט די אָפּטרעטן. האָט געטראָפן, אַז ווען די טויכערס זיינען געווען אין קעלער, האָט אַ שגץ אויפגעבראָכן אַ טיר, אָפּגעטאָן וואָס ער האָט געדאַרפט און אָנגעמאַכט אַ טויכער אויפן האַלדז... די טויכער פלעגן נאָך עטלעכע שעה אַרבעט מאַכן אַן איבעררייס, אַרויס־קריכן פון קעלער און מיט די שמוציקע הענט אַרויסנעמען פון פּאַפּיר זייער עסן — אַ הערינג מיט ברויט — און זיך זעצן עסן...

אויפן מיליטערישן פליפלאַץ ווו מיר האָבן געדינט, פלעגן פאָרקומען איבונגען פון די פליִער. האָט געטראָפן, אַז אַ פליִער איז אַריבערגעפלויגן דעם גרענעץ קיין רוסלאַנד און דאָרטן געבליבן. ס׳איז ניט געווען באַוווּסט, צי ער האָט עס געטאָן בכּוונה, אָדער דאָס איז געווען אַ צופאַל. איז אָנגעקומען אַ באַפעל צו אונדזער שעף, ער זאָל זיינע אכט ייִדישע זעלנער איבערשיקן צוריק אין דער שטאָטישער לידער קאַזאַרמע. אונדזער שעף האָט אָפּגעצויגן וויפל ער האָט נאָר געקענט מיטן אויספירן דעם דאָזיקן באַפעל. צום סוף האָט ער מיך און דעם ייִדישן שוסטער איבערגעלאָזן און די איבעריקע אָפּגעשיקט קיין לידע. דערנאָך האָט ער אויך אָפּגעשיקט

דעם שוסטער, אָבער אַנשטאָט מיך האָט ער אָוועקגעשיקט דעם זעלנער וואָס נעצט זיך. ס'האָט אָבער ניט געהאָלפן. ער האָט אויך מיך אָפּגעשיקט צוריק אין פּאָלק אַריין.

נאָך פאַר דעם, ווען איך בין אין איינעם אַ זונטיק געווען דעזשורנער „אָפיציר" אין קאָמפּאַניע, האָט זיך נאָך 12 ביי נאַכט אומגעקערט פון שטאָט דער זעלנער טשערניאַק. ער איז אַרויס אויף זיין לעגיטימאַציע, וואָס האָט אים געגעבן רעכט צו זיין פריי נאָר ביז צען אַזייגער. ער האָט מיך פאַרזיכערט, אַז ער האָט זיך ניט אָנגעשטויסן אויף קיין זשאַנדאַרמעריע און געבעטן, איך זאָל ניט דערציילן דעם שעף. איך האָב דעם שעף ניט דערציילט. צו מאָרגנס, ווען איך בין געזעסן אין קאַנצעלאַריע, זיינען אַריין צוויי זשאַנדאַרן און געמאָלדן דעם שעף, אַז נעכטן, נאָך 12 ביי נאַכט, האָבן זיי געטראָפן דעם זעלנער טשערניאַק אין אַ דאָרף שפּילן אין קאָרטן... דער שעף האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר מיט אַ פאַרדעכטיקן שמייכל און מיר געזאָגט, אַז דאָס מאָל וועל איך דאַרפן גיין צום ראַפּאָרט, צום שעף־מאַיאָר פון פליפּלאַץ. ביים ראַפּאָרט האָב איך דערקלערט, אַז איך האָב דעם זעלנער מוחל געווען מיינענדיק, אַז ער וועט ווערן דיס־ציפּלינירטער. דער מאַיאָר האָט מיר געזאָגט, אַז אַזעלכע מעטאָדן ווענדט מען אָן אויף יענער זייט, אין ראַטן־פאַרבאַנד, און מיך באַשטראָפט מיט פינף טעג קאַרצער: אויף ברויט מיט וואַסער און איין מאָל אין דריי טעג — אַ מיטאָג.

דאָס איז געווען פאַר סוכות. דער שעף האָט אויסגעשטעלט אַלע אונדזערע ייִדן אין אַ שורה. אַלעמען האָט ער געגעבן באַפרייונגס־דאָקומענטן אויף גאַנץ סוכות און צו מיר האָט ער געזאָגט: „נעם דיין קאָלדרע און גיי אויף פינף טעג אין האָטעל אַריין..." און מען האָט מיך אָפּגעפירט אין קאַרצער. די דעזשורנע האָבן מיך אויסגעפרעגט מיט וואָס האָב איך זיך פאַרשולדיקט. איך האָב זיי דערציילט. זיי האָבן גלייך געזאָגט, אַז אַ ייִד וועט קיין מאָל ניט אַרויסגעבן. האָבן זיי מיך פאַרזיכערט, אַז זיי וועלן מיר געבן אַלע טאָג עסן פון דאָס בעסטע. טשערניאַק האָט באַקומען צען טעג קאַרצער, אָבער צו אים האָבן זיי קיין מיטאָג ניט געוואָלט צולאָזן, ווען עס האָט אים אַפילו געקומט. אַזוי איז געווען. זיי

האָבן מיך צוגעזען, געבראַכט די בעסטע עסנס, און איך האָב זיך דאָרטן ממש אָפּגערוט. איך האָב, אגב, שטילערהייט צוגעשאַרט טשערניאַקן עפּעס צום עסן.

די זעלנער פון מיין קאָמפּאַניע האָבן געהאַט צו מיר רעספּעקט. די גרעסטע טייל פון זיי זיינען געווען אַנאַלפאַבעטן, און איך פלעג זיי שרייבן ליבעבריוו צו זייערע כּלות. ס׳פלעגט אָבער אויך טרעפן, אַז די קריסטלעכע זעלנער פלעגן אָנהייבן זידלען אונדז, יידן. פלעגן מיר זיי ניט שווייגן און זיי מכבד געווען מיט גאַנץ גוטע קלעפּ. אָבער אין משך פון דער צייט האָבן מיר זיך מער־ווייניקער צוזאַמענגעלעבט.

אין די פרייע טעג, ווען מ׳האָט געמעגט אַרויסגיין אין שטאָט, אָדער ווען איך פלעג נאָכן אָונטיקן אַפּעל אַרויסקריכן דורך אַ פענצטער און אַוועקגיין אַ ביסל אין שטאָט, פלעג איך, בדרך־כּלל, אַוועקגיין צו דעם פאַרוואַלטער פון דער יידישער שול אין לידע, יאַנקל קאַפּלאַן, אַ ווילנער לערער. ער האָט געלעבט אין אַ באַשיידענער דירה מיט זיין פרוי און טעכטערל. איך האָב געהאַט אַ געלעגנהייט צו זיין אין דער געזעלשאַפט פון אַן אינטעליגענטער משפּחה. מען פלעגט מיך דאָרטן גוט אויפנעמען. געלעבט האָבן זיי באַשיידן, אַפילו ניט געהאַט קיין ראַדיאָ־אַפּאַראַט. אין אַ געוויסן טאָג האָב איך ביי זיי געטראָפן אַ לערערין, וואָס האָט געאַרבעט ביי קאַפּלאַנען אין שול. זי איז געווען פון צענטראַל־פּוילן. דאָרטן האָט מען געפּסלט אירע רעכט אויף אַרבעט אַלס לערערין. דאָ, אין לידע, האָט זי זיך איינגעאָרדנט. זי איז נאָך געווען אַ פריילין, עלטער פון מיר און געלעבט אין אַ צימער ביי אַ לידער באַוווּסטן יידישן דאָקטער. אַזוי שמועסנדיק מיט די קאַפּלאַנס, האָב איך אויסגעדריקט מיין ווילן צו הערן ראַדיאָ. האָט זיך אָפּגערופן די לערערין, אַז זי האָט אַ ראַדיאָ אין איר צימער און מיך איינגעלאַדן צו קומען צו איר. אין אַ געוויסן זונטיק בין איך אַוועק צו איר הערן ראַדיאָ. אין דער ווינונג איז דאַן קיינער אַחוץ איר ניט געווען. בין איך אַריין צו איר אין צימער און נאָך ניט באַוויזן צו זאָגן עטלעכע העפלעכקייט־ווערטער, האָט זי זיך פלוצלונג אויסגעטאָן נאַקעט, זיך געלייגט אויפן בעט און מיך איינגעלאַדן צו זיך... דאָס איז געווען אַזוי ספּאָנטאַן, אַזוי פלוצלונגדיק, אַז איך האָב רעאַגירט אויף איר

ארויסרוף גאַנץ משונהדיק, ניט ווי עס פּאַסט פאַר אַ סאָלדאַט, וואָס איז אויסגעהונגערט נאָך אַ פּרוי. זיך אויפגעשטעלט, גענומען מיין היטל און פאַרלאָזן איר צימער. זי האָט מיך איינגעלאַדן ווידער צו קומען, אָבער איך בין מער צו איר ניט געגאַנגען.

ווען איך בין איין מאָל געקומען פון מיליטער אויף אורלויב אַהיים, האָט מיר דער טאַטע דערציילט, אַז פון דער פּאָליציי איז מען עטלעכע מאָל געקומען זוכן מיין ברודער משה. דער טאַטע האָט מיר אויך דערציילט, אַז אָפּרוקנדיק פון אָרט דעם גרויסן אַרבעטס־טיש (אַ בופעט מיט טירן) האָט ער אונטערן טיש געפונען פאָטאָגראַפיעס און צייכענונגען פון די ווילנער קאַזאַרמעס... דאָס האָט זיכער עמעצער פון די פאַרבייפאַרנדיקע אונטערגרונטלער, וואָס פלעגן זיך אָפּשטעלן ביי אונדז אין שטוב, עס אַרונטערגערוקט אונטערן שווערן טיש...

אין סך־הכל האָב איך געהאַט אַ גוטע מיליטער־דינסט און זיך אומגעקערט אַהיים. דער טאַטע איז געווען צופרידן וואָס כאַטש איך, דער איינציקער פון זיינע זין, האָט געדינט אין מיליטער, און דער עיקר איז ער געווען צופרידן וואָס איך בין געזונט און מונטער.

כ'האָב זיך באַפרייט פון מיליטער־דינסט אָנהייב מאַרץ 1938 און זיך אומגעקערט אַרבעטן ביי ווירשובסקי־טשעסלי אין הורטאָווניע. מען האָט מיך דאָרטן פריינדלעך אויפגענומען. כ'האָב זיך אויך אומגעקערט אין „מיידים" און זיך ווידער גענומען צו דער אַרבעט מיט פרישע כוחות.

דער „מיידים" האָט געשאַפן נייע פּראָגראַמען און זיך מער פאַר־פולקומט אין דער שטריקל־סיסטעם. מיר האָבן אויפגעפירט פאַר קינדער „דאָס גאָלדענע פישעלע" לויט פושקין און פאַר דערוואַקסענע האָבן מיר געשפּילט די פּרעמיערע „שיר השירעם", אַקטועל אין יענער צייט וועגן טשעמבערליינס פּאָליטיק כלפּי היטלערן. אין מיין אָפּוועזנהייט זיינען צוגעקומען צום „מיידים" פרישע כוחות: מאיר רודענסקי, זיאַמע זאַגאָרין, סימע שמערקאָוויטש (איצט — סקורקאָוויטש).

אין מאַי 1939 האָט זיך די נייע חברים פאַרוואַלט מאַכן אַ טורנע קיין לאָדזש און צוריקפאָרנדיק זיך אויך אָפּשטעלן אין פאַרשיידענע פּונקטן. איך האָב געהאַלטן, אַז די צייט איז ניט פּאַסיק פאַר גאַסטראָלן און ס'איז

ריזיקאַליש אָנצוהויבן שפּילן פון ווייטסטן אָרט און בעסער איז בהדרגה זיך אָפּצושטעלן אין וועג קיין לאָדזש. זיי האָבן מיר ניט געפאָלגט און אוועקגעפאָרן קיין לאָדזש. דאָרטן האָט דעמאָלט געשפּילט אידאַ קאַמינסקאַ דעם „שעפּסן־קוואַל" און ניט געהאַט קיין מאַטעריעלן דערפאָלג. אויך דער „מיידים" האָט דאָרטן „אָפּגעברענט", און חברה האָבן ניט געהאַט מיט וואָס זיך אומצוקערן קיין ווילנע. דער דירעקטאָר פון לאָדזשער טעאַטער, אָס, האָט ביי זיי רעקווירירט צוויי קאַסטנס מיט ליאַלקעס, בכדי צו דעקן זייער חוב. די „מיידימניקעס" זיינען געווען געצווונגען זיך צו ווענדן צום דיכטער משה בראָדערזאָן נאָך הילף. אָבער ער האָט זיי ווייניק געקאָנט העלפן. דערנאָך האָבן זיי געזוכט גליק אין וואַרשע. אָבער אויך דאָ האָבן זיי ניט מצליח געווען און געדאַרפט אָנקומען צו אומזיסטע מיטאָגן אין אַ קיך... צום סוף האָב איך אַרויסגעשיקט פּערזענלעך אַ ביסל געלט און זיי האָבן זיך מיט מאַטערניש אומגעקערט קיין ווילנע. איך האָב גלייך אָרגאַניזירט אַן אויפטריט אין פּאַדבראַדז און מיר האָבן אָפּגעדעקט אַ גרויסן טייל פון דעפיציט. אַזוי האָט זיך געענדיקט די עפּאָפּעע פון די גאַסטראָלן קיין לאָדזש.

## מאָביליזאַציע

און דאָ זיינען געקומען זייער וויכטיקע געשעענישן פון וועלט־באַדייט. היטלער־דייטשלאַנד האָט אַרויסגעשטעלט גרויסע פאָדערונגען צו פּוילן. עס האָט אָנגעהויבן שמעקן מיט מלחמה. ענגלאַנד און פראַנקרייך האָבן געזאָגט, אַז זיי וועלן פאַרטיידיקן פּוילן. דער ענגלישער פּרעמיער, טשעמבערליין, האָט געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט היטלערן און קאַפּי־טולירט, געבנדיק אים דאָס רעכט אָפּצונעמען געוויסע געביטן ביי טשעכיע.

דעם ערשטן סעפּטעמבער 1939 ברעכט אויס די מלחמה צווישן דייטשלאַנד און פּוילן. דאָס איז געווען דער אָנהייב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

אין אַ שיינעם זוניקן פרימאָרגן פון סוף אויגוסט וועקט מיך דער טאַטע. ער ווייזט מיר אַ מאָביליזאַציע־צעטל. איך טו זיך אָן, מאַך זיך

גרייט און גיי אוועק צום אַנגעוויזענעם מאָביליזאַציע־פּונקט. דאָס איז געווען הינטערן פּיאַטראַ־ און פּאַוולאַ־קלויסטער אויף אַנטאָקאָל. מען האָט אונדז געהאַלטן טאָג און נאַכט אויפן גאַס, צווישן די בערג וואָס אַרום אַנטאָקאָלער קלויסטער. מיר האָבן זיך דאָרטן אָפּגעוואַלגערט ביי אַ צען טעג. שבת בין איך אַוועק צו פוס אין שטוב און געגעסן אַ טשאָלנט, דערנאָך זיך אומגעקערט צוריק.

סוף־סוף האָט מען אונדז אויסגעטיילט ביקסן, אָרגאַניזירט אין פּאָלקן. מיט אונדזער פּאָלק האָט אָנגעפירט אַ יונגער אָפיציר. ס׳איז געקומען אַ קאָמאַנדע, און מען האָט אונדז מיט אַן אָרקעסטער געפירט צום וואָקזאַל. ס׳איז געווען אַ לאַנגער וועג. מיר האָבן געמאַרשירט און די טראָטוארן זיינען געווען איבערפולט פון מענטשן. אין די שכנותדיקע גאַסן פון וואָקזאַל האָב איך דערזען מיין שוועסטער בלומע, וואָס איז געגאַנגען מיך באַגלייטן. אויפן פּראַכט־וואָקזאַל האָבן מיר מיט מאַטערניש אָנגעהויבן לאָדן די שווערע אַרטילעריע־וועגענער אויף די באַן־פּלאַטפאָרמעס. דערנאָך האָבן מיר געלאָדן אין פּראַכט־וואַגאָנען די פערד פון דער אַרטילעריע. ווען אַלץ איז געוואָרן אָנגעלאָדן, האָבן מיר זיך אַליין פאַרלאָדן אין פּראַכט־וואַגאָנען, און דער צוג האָט גערירט.

מיר זיינען זייער לאַנג געפאָרן, ביזן אָנקומען צו דער סטאַנציע אָסטראָלענקאַ, ניט ווייט פון דייטשישן גרענעץ. פון דאַנען גייט בלויז איין באַן־ליניע, און די באַוועגונג איז באַשרענקט. מיט מזל זיינען מיר דערפאָרן צום באַשטימטן פּונקט. האָבן זיך אויסגעלאָדן און זיך איינ־געלאַקירט אין די וועלדער. די ערשטע נאַכט זיינען מיר געזעסן אויף אַ גרויסער גרינער לאָנקע, ווען פּלוצלונג האָבן זיך באַוויזן סטאַדעס פון גרויסע אָפּגעפּאַשעטע גענדז, וואָס זיינען קענטיק געהאָדעוועט געוואָרן אין דערבייאיקן דאָרף. מען האָט אָנגעהויבן כאַפּן די גענדז. אָראָפּגעהאַקט מיט אַ שווערד די קעפּ, אַרומגעקלעפּט די גאַנדז מיט ליים (ס׳איז דאָרטן געווען אַ ליימיקער באָדן) און אויפגעהאַנגען איבער אַ פייער אויף עטלעכע פּראָוויזאָרישע שטענגלעך. עס האָט לאַנג ניט געדויערט און מיר האָבן אַלע געגעסן געבראָטענע גענדז...

מיר זיינען געווען אויף דער דריטער ליניע. קיין ברוקירטע וועגן

זיינען דאָרטן ניט געווען, בלויז זאַמד און זאַמד. ס'זיינען געשטאַנען זייער הייסע טעג. מיר זיינען געגאַנגען צו דער צווייטער ליניע. אין גאַנג פלעגן מיר אויסטרינקען די ברונעמער. די ערשטע האָבן נאָך אַרויסבאַקומען וואַסער, אָבער די לעצטע פלעגן אַרויסשעפּן נאַסן זאַמד. אונדזער קאָמפּאַניע האָט זיך איינגעלאָקירט אין אַ געדיכטן וואַלד. די אָפיצירן האָבן אָנגעהויבן קאָנטראָלירן, אויף וויפל מיר געדענקען ווי זיך צו באַגיין מיטן געווער. זייער ווייניק האָבן געדענקט, ווי מען דאַרף זיך באַגיין מיט אַ ביקס, ווער רעדט שוין, מיט אַ קוילנוואַרפער, וואָס וועגט ביי אַ 30 קילאָ. מען האָט יעדן צוגעטיילט אַ גאַז מאַסקע, געלערנט ווי מיט איר זיך צו באַגיין. איך בין געווען פון די געציילטע, וואָס האָבן זיך געקענט באַגיין מיט מאַשין־געווער.

ביסלעכווייז האָבן מיר זיך דערנענטערט צום פראָנט. די קיכן זיינען פאַרפאַלן געוואָרן און ס'איז ניט געווען וואָס צו עסן. האָבן מיר געגעסן בוריקעס פאַר בהמות, געפונענע אויף די פעלדער, אָדער אַן עפּל, וואָס האָט זיך ערגעץ געוואַלגערט...

זיך דערנענטערנדיק צו דער ערשטער ליניע פון פראָנט, האָבן אונדז אָנגעיאָגט דייטשע באָמבאַרדירער. מיר האָבן זיך אויסגעלייגט צווישן די מצבות פון אַ דערביייִקן בית־עולם. צום גליק האָט קיינעם ניט געשאַדט און מיר האָבן זיך פאַרקליבן אין אַ וואַלד. אָבער דאָ האָבן אונדז די דייטשן באַשאָסן מיט אַ האָגל פון אַרטילעריע. מיר האָבן זיך פאַרגראָבן הינטער דיביימער און געוואַרט די שיסעריי זאָל זיך ענדיקן.

פּלוצלונג האָבן מיר דערזען ווי עטלעכע קי זיינען אַרויס אויף אַ פּאָלאַנקע אין מיטן וואַלד. אייניקע שקצים האָט זיך פאַרוואָלט מילך, און זיינען מיט זייערע קעסעלעך אַרויסגעלאָפן צו די קי און אונטערן האָגל פון די דייטשע קוילן האָבן זיי אָנגעהויבן צו מעלקן...

דערווייל האָבן עטלעכע אונדזערע זעלנער דערשמעקט אין אַ דער־ביייִקער שטוב אַ ריח פון פרישן ברויט. זיינען זיי אונטערן האָגל פון קוילן אַריינגעלאָפן אין דער פויערשער כאַטע. די באַלעבאַטים זיינען געווען אַנטלאָפן פון שטוב. אונדזערע זעלנער האָבן אָפּגעהיט דאָס ברויט זאָל ווערן פאַרטיק, און עס געבראַכט צו אונדז אין וואַלד. מיר האָבן דערמיט

אַ ביסל געשטילט דעם הונגער, ווייל מיר האָבן שוין עטלעכע טעג ניט באַקומען קיין עסן פון אונדזער קיך. ווי געזאָגט, זיינען די קיכן דער־נעענטערנדיק זיך צו דער ערשטער ליניע, פאַרפאַלן געוואָרן, און מיר האָבן פשוט געהונגערט.

גייענדיק ווייטער האָבן מיר געזען ווי עטלעכע פערד זיינען געזונקען אין די דערבייִיקע בלאָטעס און האָבן זיך קיין עצה ניט געקאָנט געבן. ביסלעכווייז זיינען זיי איינגעזונקען אין די בלאָטעס לעבעדיקערהייט...

אין אַ געוויסן פאַרנאַכט האָט אונדז אַן אָפיציר צעטיילט פּאָסט־קאַרטלעך און געהייסן שרייבן אַהיים, אַז אַלץ איז אין בעסטער אָרדענונג. מען האָט דערנאָך צוגענומען פון אונדז די איבעריקע אויסשטאַטונג און געזאָגט, אַז מיר גייען אין קאַמף. מיר וועלן דאַרפן אַריבערגיין צוויי מאָל דעם בוג, וואָס דרייט זיך דאָרטן ווי אַ שלאַנג און איז ניט טיף און מיר מאַכן אַן אַטאַקע אויף די דייטשן, וואָס געפינען זיך הינטערן בוג אין אַ געדיכטן וואַלד. דער עיקר האָט מען אונדז אָנגעזאָגט, מיר זאָלן ניט שרייען, ווייל לויט דעם קען זיך דער שונא אָריענטירן ווו מיר געפינען זיך. אָבער ווען מיר האָבן זיך אַ לאָז געטאָן איבערן בוג, האָבן די שקצים אָנגעהויבן שרייען. מיר האָבן דערזען די דייטשן ביים אַריינגאַנג אין וואַלד. זיי זיינען גלייך אַנטלאָפן, מיר נאָך זיי, אָבער ס׳איז געוואָרן אַלץ טונקעלער און טונקעלער און ס׳איז צוגעפאַלן די נאַכט. מיר זיינען אין וואַלד געגאַנגען פאָרויס. זיך אָנגעשטויסן אויף טויטע דייטשן און טויטע פערד. מיר זיינען דערלאָפן ביזן אַנדערן זייט פון וואַלד, ווו עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרויס פעלד. מיר האָבן זיך גענומען פאַרגראָבן ביים ראַנד פון פעלד, בערך אַ 70—80 מעטער פון וואַלד. אַזוי ווי ביים טראָגן די מאַשין־געווערן פלעגט מען זיך כסדר בייטן, איז מיין מאַשין־געווער אַריינגעפאַלן צו אַ ייִדישן בחור, אַן אַקאָרדעאָניסט, דייכעס. ער איז די גאַנצע צייט געגאַנגען לעבן מיר און געטענהט, אַז ער וועט דאָס ניט איבערלעבן. ער האָט מיך געבעטן צונעמען זיין קמיע מיטן זעקעלע געלט, וואָס אויף זיין האַלדז און אָפּגעבן זיין מאַמען. איך האָב אים געטרייסט און ניט אָפּגעלאָזן פון זיך. איך פלעג אים זאָגן, אַז מיר וועלן זיי אַריבערלעבן. מען דאַרף זיך האַלטן, זיך ניט אונטערגעבן. און דאָ איז

ער געבליבן מיטן מאַשין־געווער אין גרוב. אים איז אָנגעגאַנגען אין דער לופע זאַמד, האָט ער צענומען דאָס געווער און אָנגעהויבן רייניקן. אין דעם דאָזיקן וואַלד האָבן זיך קאָנצענטרירט צענדליקער גרופּעס פון פאַרשיידענע פאַלקן. ס'איז פּלוצלונג געקומען אַ באַפעל, אַז אַלע דאַרפן זיך צוריקציִען און בלויז אונדזער קאָמפּאַניע בלייבט איבער די לעצטע צו שיצן דאָס אָפּטרעטן פון אַלע גרופּעס. איך האָב פון דער ווייטן דערזען פּייערלעך. האָב אויפמערקזאַם געמאַכט וועגן דעם מיין עלטסטן, אָבער ער האָט עס געמאַכט צו נישט. מיר זיינען געבליבן אין אונדזערע פאַר־גראָבונגען און אַלע אַנדערע האָבן זיך צוריקגעצויגן.

ווען ס'האָט אָנגעהויבן שאַריִען אויף טאָג, האָבן די דייטשן געעפנט אויף אונדז אַ מוראדיק פייער. דייכעס איז געבליבן מיטן פונאַנדער־גענומענעם מאַשין־געווער אין גרוב און אַלע האָבן אָנגעהויבן מיט גרויס אימפּעט לויפן אין דער ריכטונג פון וואַלד. איך האָב אַ שלעפּ געטאָן דייכעסן פון גרוב און צוזאַמען זיינען מיר געלאָפן צום וואַלד, וווּ מיר האָבן געקראָגן אַ שוץ קעגן די דייטשע קוילן. דאָ האָבן מיר דערזען, אַז פון אונדזער גאַנצער קאָמפּאַניע זיינען מיר געבליבן לעבן קוים אַ דריטל... מיר האָבן פאָרגעזעצט אונדזער לויפן. אויף אַלע קרייץ־וועגן האָבן מיר זיך צונויפגעטראָפן מיט צענדליקער אַרמיי־גרופּן. ס'איז געווען שרעקלעך שווער אַדורכצוגיין די דאָזיקע קנופּוועגן. בערך הונדערט מעטער איבער אונדזערע קעפּ זיינען פאַמעלעך געפלויגן דייטשישע עראָפּלאַנען און אָבסערווירט די באַוועגונג פון פּוילישן מיליטער. קיין דייטשישן מיליטער האָבן מיר ניט געטראָפן. מיר זיינען יענעם טאָג, כּמעט ווי לויפנדיק, אָן עסן, דערגאַנגען צו אַ געוויסן אָרט און זיך באַהאַלטן אין אַ וואַלד. זיך אָפּגערוט, זיינען מיר געגאַנגען ווייטער און אָנגעטראָפן אויף אַ ריזיקן סאָד פון געלע פלוימען. דאָ האָט מען זיך אָנגעגעסן מיט די פלוימען און נאָך אָנגעלייגט פולע העלמען אויף רעזערוו. אַזוי האָט מען זיך דערשלעפּט צו אַ צווייטן וואַלד. שוין געוואָרן האַלב טונקל, איז געקומען פּלוצלונג די פּעלדקיך. מיר האָבן אָפּגעגעסן, זיך אויסגעשטעלט צו פיר אין אַ ריי און אונדזער אָנפירער, אַ יונגער, העלדישער אָפיציר, האָט אונדז איינ־פאָרמירט, אַז מיר דאַרפן באַלד דורכגיין אַ שטעטל, קאָן זיין, אַז דאָרטן

וועלן זיין שיסערייען, אָבער ניט געפּערלעך. און אַזוי זיינען מיר דערגאַנגען צום שטעטל קאַלושין. ס'איז שוין געוואָרן נאַכט. דאָס גאַנצע שטעטל האָט געברענט, שיסערייען — פון אַלע זייטן. מיר האָבן זיך גערוקט פאָרויס און אַנטיילגענומען אין די קאַמפן. אונדזער יונגער אָפיציר איז געגאַנגען פאָרויס, געוואָרן פאַרוווּנדעט, האָט אָבער ניט געלאָזן מטפל זיין זיך מיט אים און געשריִען מיר זאָלן גיין פאָרויס.

פאַר טאָג זיינען מיר געבליבן קאָנצענטרירט אַרום אַ שטעטעלע, מראַזי. געוואָלט גיין ווייטער, אָבער די שיסעריי האָט ניט אויפגעהערט. מיר האָבן אַוועקגעשיקט אַן אויסשפּיר־אָפּטייל. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אונדזערער אַ טייל האָט עס געשאָסן אויף אונדז מיט אַ טעות. דאַן האָבן זיי זיך באַרויִקט. אין מראַזי זיינען אַלע הייזער געווען פאַרמאַכט. קיין לעבעדיקן מענטש האָט מען ניט געזען. אונדזערע זעלנער האָבן זיך געלאָזט אויפברעכן די טירן פון די הייזער און אַרויסגעשלעפּט, וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזן: עסנוואַרג, שטובזאַכן. אייניקע האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין באַנק און אַרויסגעשלעפּט אַ סך פּאַפּירגעלט, וואָס די פּוילישע רעגירונג האָט אָפּגעדרוקט אין גאַנג פון דער מלחמה.

דער טאָג איז געווען אַ זוניקער, אַ וואַרעמער. צענדליקער גרופּעס זעלנער האָבן זיך דערקליבן צום דערבייִיקן וואַלד. מען האָט זיך צעלייגט אָפּרוען פון דער נעכטיקער שלאַכט. עס זיינען געקומען עטלעכע קיכן. מען האָט אויסגעשפּאַנט די פערד, זיך גענומען קאָכן מיטאָג. אַ סך זעלנער האָבן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די מונדירן, די שיך און זיך געגרייט צו כאַפּן אַ דרעמל. אויך די קאַוואַלעריע האָט זיך סטאַציאָנירט אין וואַלד. דער גאַנצער וואַלד איז געווען פאַרלייגט מיט זעלנער. פּלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ געשריי — „דייטשן גייען!" דאָס האָט אונדזערע אַן אויסשפּיר־גרופּע דערזען פון ווייטן דייטשן. אַנשטאָט אַנצוזאָגן אין דער שטיל, האָבן זיי אָנגעהויבן שרייען איבערן גאַנצן וואַלד. ס'איז, פאַרשטייט זיך, געוואָרן אַ בהלה. מען האָט אָנגעהויבן לויפן פון וואַלד. די ערשטע איז אַנטלאָפן די קאַוואַלעריע. אייניקע אָפיצירן האָבן פאַרנומען פּאָזיציעס ביים ראַנד פון וואַלד און געדראָט מיט רעוואָלווערן צו שיסן אין די

אַנטלויפנדיקע. ס׳האָט אָבער ניט געהאָלפן. מ׳איז געלאָפן ווי משוגעים און ביסלעכווייז האָט זיך אָפּגערייניקט דער וואַלד פון מיליטער.

שפּעטער האָט זיך די לאַגע איינגעשטילט, אָבער ס׳איז שוין ניט געווען, ווער עס זאָל אָרגאַניזירן די זעלנער. אויך איך בין, ווי אַלע, אַרויס פון וואַלד און אָנגעהויבן שפּרייזן אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג. פון ווייטן האָבן זיך געהערט אַרטילעריע־שיסערייען. ס׳איז געוואָרן פינצטער. איך האָב דערזען, אַז פאַרשיידענע גרופּקעס זעלנער אָרדענען זיך איין אויף נאַכט אין די היי־סטויגן, וואָס געפינען זיך אויפן דערבייאיקן פעלד. איך האָב זיך אויך אַריינגערוקט אין אַזאַ סטויג און איבערגעקומען די נאַכט. פאַר טאָג האָבן זיך די זעלנער גענומען אַרויסשאַרן און נעלם ווערן. גאַנץ צופעליק האָב איך דערזען אַ זעלנער, וואָס האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז פון אַ דאָרף, אַ פּאָר הונדערט ק״מ פון ווילנע. ער האָט מיר פאָרגעלייגט צו גיין צוזאַמען מיט אים אין דער ריכטונג צו ווילנע. איך האָב זיך דערפרייט און גלייך צוגעשטימט. כ׳האָב דערזען אַ שותּף צו מיין גורל, און מיר האָבן זיך געלאָזט אין ווייטן וועג.

צו אונדז איז נאָך ניט דערגאַנגען די ידיעה, אַז היטלער מיט סטאַלינען האָבן זיך דערעדט וועגן צעטיילן פּוילן צווישן זיך.

דאָס איז געווען דעם 17טן סעפּטעמבער 1939. איך און מיין שותּף האָבן זיך געלאָזן אין וועג. פאַר אונדז איז געווען אַ וועג פון אַ זיבן־אַכט הונדערט ק״מ. מיר זיינען געגאַנגען דורך זייטיקע וועגן, אויסגעמיטן שאָסייען. מיר זיינען דערגאַנגען צו אַ ריזיקן פעלד, ווו עס זיינען געווען אויסגעלייגט הונדערטער טויטע סאָלדאַטן. אַ שרעקלעך בילד איז געווען פאַר אונדזערע אויגן. מיר האָבן פון זיך אַראָפּגענומען די ביקסן, אַוועקגעלייגט זיי לעבן די ביקסן פון די טויטע און אַוועק ווייטער. אין וועג פלעגן מיר זיך אָפּשטעלן ביי אַ דאָרפישער כאַטע און בעטן עפּעס צום עסן. מען האָט אונדז גערן געגעבן און אַרויסגעוויזן פריינדלעכקייט ווי צו זעלנער, וואָס זיינען געגאַנגען פאַרטיידיקן פּוילן. אויך געלאָזט איבער־נעכטיקן אין אַ שייער.

אַזוי זיינען מיר דערגאַנגען צו אַ קליין שטעטל, ווו עס האָבן זיך איינגעלאָקירט יידישע פּליטים פון וואַרשע. ס׳איז געווען אַרום ראש־השנה.

אין איינעם אַ שטיבל האָט אונדז אַ ייִד געגעבן ברויט און אויך אַן אַדרעס פון זיינעם אַ גוטן ידיד, אַ דאָרפישן פויער, וואָס וועט אונדז באַזאָרגן מיט ציווילע זאַכן און אויך העלפן אַריבערצושיפן זיך דעם נאַרעוו־טייך. מיר האָבן זיך דערקליבן צום דאָזיקן פויער. ער האָט אונדז אַריינגעלאָזט אין אַ שייער, פול מיט היי, מיר זאָלן זיך אויסרוען פון וועג. דערנאָך, שפּעט ביי נאַכט, האָט ער אונדז געבראַכט ציווילע זאַכן, ווייל אין די מיליטערישע קליידער איז ריזיקאַליש צו גיין. ער האָט אויך געבראַכט וועש און שיך. איך האָב זיך איבערגעטאָן, אָבער מיט מיין שותף איז דער ענין צוגעגאַנגען שווער. ער האָט זיך בשום אופן ניט געוואָלט איבערטאָן, ווייל, ווי ער האָט געטענהט, האָט ער קיין מאָל אין לעבן ניט געהאַט אַזעלכע גוטע זאַכן, וועש און שיך. מיר האָבן אים דערקלערט אין וואָס עס גייט. ער איז סוף־כּל־סוף מסכּים געווען צו בייטן די מיליטערישע בגדים, אָבער די אונטערוועש און די שיך האָט ער געלאָזן אויף זיך. איך האָב זיך אָנגעטאָן אין אַן אַלטן ייִדישן בגד מיט אַ קליין חסידיש היטעלע אויפן קאָפּ און אויסגעזען ווי אַ יונגער־מאַן אין עלטער פון אַ יאָר 30—35. דער פויער האָט אונדז דערקלערט, ווי זיך אַריבערצושיפן דעם נאַרעוו.

אַלץ איז געגאַנגען כּשורה. מיר זיינען אַריבער דעם נאַרעוו, אָנגעקומען אין אַ שטעטעלע און זיך פון דאָרטן געלאָזט גיין קיין גראָדנע. אין וועג האָבן מיר געהערט פון די פויערים, אַז פון גראָדנע גייט שוין אַ באַן קיין ווילנע.

ערב יום־כּיפּור זיינען מיר צוגעקומען צו גראָדנע. אין שטאָט איז פאָרגעקומען אַ קאַמף צווישן די סאָוועטישע זעלנער און יונאַקעס, פּוילישע יוגנטלעכע, פרייוויליקע אין דער אַרמיי, גרויסע כוליגאַנעס און אַנטי־סעמיטן. זיי האָבן זיך פאַרבאַריקאַדירט אין אַ גרויסן בנין און זיך ניט געוואָלט אונטערגעבן. צוליב די קאַמפן מיט די יונאַקעס האָט מען אונדז ניט אַריינגעלאָזן אין גראָדנע, און מיר האָבן איבערגענעכטיקט אין אַ פריצישן בנין וואָס איז געשטאַנען ביים אַריינגאַנג אין שטאָט. נאָך אַ סך מענטשן האָבן דאָרטן איבערגענעכטיקט. מיר האָבן זיך די נאַכט אָפּגעוואַלגערט אויפן דיל און אויף מאָרגן פרי אַוועק אין גראָדנע. די יונאַקעס

האָבן זיך סוף־סוף אונטערגעגעבן. מען האָט זיי אויסגעשטעלט פאַרן בנין און די גרעסטע טייל האָבן די נ.ק.וו.ד.־זעלנער דערשאָסן.

מיר זיינען אַריין אין גראָדנע יום־כּיפּור, 1939. ס'איז געווען אַ רעגנדיקער טאָג. מיר האָבן געפרעגט אויפן וועג צום וואָקזאַל. געקומען אויף אַ גאַס, ווו עס געפינט זיך די גראָדנער טורמע. אויפן טראָטואַר זיינען געשטאַנען יידישע חברה מיט רויטע בענדער אויף די אַרבל און געפרעגט ווו מיר גייען. דאָס זיינען געווען געוועזענע פּאָליטישע אַרעס־טירטע, וואָס מען האָט באַפרייט פון טורמע און זיי זיינען געוואָרן אַליין אויפזעער איבער אַנדערע אַרעסטירטע. דערהערט, אַז מיר ווילן פאָרן קיין ווילנע, האָבן זיי אונדז געהייסן אַריינגיין צו זיי אין קאַנצעלאַריע און דאָרטן וועלן מיר באַקומען דערלויבענישן צו פאָרן. מיר זיינען אַהין אַריין און מער האָט מען אונדז ניט אַרויסגעלאָזן. מען האָט אונדז אַרעסטירט, אַריינגעזעצט אין איינעם פון די טורמע־צימערן, ווי געוועזענע זעלנער פון דער פּוילישער אַרמיי. דער צימער איז געווען געפּאַקט מיט געוועזענע פּוילישע זעלנער, אַזעלכע ווי מיר. מען האָט אונדז אָנגעהויבן רעגיסטרירן. מיטאָגצייט האָט מען געבראַכט קעסלען מיט הייסן אַרבעסזופּ. פון אויבן זיינען אַרומגעשווומען ווערעם. איך האָב אויפגעגעסן איין פּאָרציע און געבעטן נאָך, ווייל איך בין געווען אויסגעהונגערט. ווען מיר האָבן געפרעגט די נ.ק.וו.ד.־סאָלדאַטן, צי מיר קאָנען שרייבן בריוו אַהיים, האָבן זיי געזאָגט, אַז מיר וועלן זיך אומקערן גיכער ווי די בריוו וועלן דערגיין. אין אָוונט האָט מען אונדז ווידער רעגיסטרירט און אין מיטן נאַכט אַראָפּגעפירט אויפן הויף, אויסגעשטעלט צו פיר און אָנגעהויבן פירן צום טויער. פּלוצלינג האָבן מיר דערזען, אַז מיר געפינען זיך אין אַ שפּאַלער פון נ.ק.וו.ד.־סאָלדאַטן מיט מאַשין־געווער. מען האָט אַרויס־געפירט דורכן טויער אַ ריזיקע קאָלאָנע פון געוועזענע פּוילישע סאָלדאַטן.

קומענדיק צום וואָקזאַל האָט מען אונדז פאַרפּאַקט אין פראַכט־וואַגאָנען צו 60—70 מאַן, און דערנאָך זיי פאַרפּלאָמבירט. דער גאַנצער עשעלאָן איז געווען גרייט צום פאָרן, אָבער די פּוילישע מאַשיניסטן זיינען בנעלם געוואָרן. ניט געוואָלט פירן די עשעלאָנען. די נ.ק.וו.ד. האָט זיי געזוכט און בכוח געבראַכט צום וואָקזאַל. גאַנץ פרי האָבן מיר זיך

געריירט פון אָרט. קיין עסן און טרינקען האָט מען אונדז ניט באַזאָרגט. דער עשאַלאָן פלעגט זיך אָפּשטעלן כמעט אויף יעדער סטאַנציע, און די אַרטיקע באַפעלקערונג פלעגט אַרויסטראָגן און איבערגעבן דורך די פאַר־קראַטעוועטע פענצטערלעך פאַרשיידענעם אויפס. דאָס האָט אונדז אַ ביסל געזעטיקט. אין אונדזער וואַגאָן זיינען געווען אַ היפּש ביסל יונאַקעס, וואָס האָבן אָנגעהויבן זידלען און שלאָגן די ייִדן. מיר האָבן זיי ניט געשוויגן און געשלאָגן צוריק. די אַטמאָספער איז געווען אָן אָנגעשטרענגטע. מיר האָבן אויסגעקליבן אַ סטאַראָסטע פון וואַגאָן, זייער אַן אָנשטענדיקער שגץ, וואָס האָט געזאָרגט, אַז אַלץ וואָס קומט אַריין אין וואַגאָן זאָל צעטיילט ווערן גלייך צווישן אַלעמען. אַזוי זיינען מיר אָנגעקומען קיין שטויבץ און דאָרטן האָט מען אונדז איבערגעזעצט אין סאָוועטישע וואַגאָנען, וואָס גייען אויף ברייטערע רעלסן. מיר זיינען געפאָרן פאַמעלעך, צו מאָל געקומען צוריק צו דער פריִערדיקער סטאַנציע, ביז דער עשעלאָן איז אָנגעקומען קיין מינסק און געבליבן שטיין אויף אַ זייטיקער ליניע. מיר האָבן אין וואַגאָן געמאַכט אַ גרופּקע פון ווילנער חברה. איך בין אַרויפגעקראָכן צום פאַרקראַטעוועטן פענצטערל און דערזען, ווי עס גייט פאַרביי אַ ייִדישער בחור. אונטערן אָרעם האָט ער געטראָגן אַ פּאָר לעבעלעך ברויט. מיר האָבן אָנגעהויבן זינגען אַ סאָוויעטיש ליד „היי, ווי גייסטו, היי, דו יאַט, יאָסל שוטה?". דער בחור האָט עס דערהערט און מיך געוואָרנט, מיר זאָלן עס ניט זינגען, ס'איז אַ פאַרווערט ליד. איך האָב אים געזאָגט ווער מיר זיינען און געבעטן אַ לעבל ברויט. ער האָט זיך גוט אַרומגעקוקט און מיר איבערגעגעבן אַ לעבעלע ברויט. איך האָב עס גלייך איבערגעגעבן דעם סטאַראָסטע, און ער האָט עס צעטיילט אַלע מיטפאָרער. דער סטאַראָסטע האָט זיך דערוווסט, אַז פּוילישע סאָלדאַטן באַהאַלטן ביי זיך שפּיין, האָט ער אָנגעהויבן קאָנטראָלירן און טאַקע ביי אייניקע געפונען עסנוואַרג. האָט ער עס קאָנפיסקירט און צעטיילט צווישן אַלעמען.

נאָך אַ זיבן־טאָגיקער נסיעה זיינען מיר אָנגעקומען צו דער אָזערע סאַלעגעראַ, פון וואַנען עס הייבט זיך אָן די וואָלגע, אַ ריזיקע אָזערע מיט גרויסע שיפן. מען האָט אונדז איבערגעלאָדן אויף אַ שיף מיט צוגע־

טשעפּעטע פינף באַרזשעס און פּאָר נאַכט זיינען מיר אָנגעקומען אויף אַן אינדזל, אין אַן אַלטן גרויסן מאָנאַסטיר. דער אינדזל געפינט זיך לעבן יישוב אָסטאַשקאָוו, ווו עס פונקציאָנירט אַ קליינע אינדוסטריע פון האָלץ און אַנדערע אויסאַרבעטונגען. אויפן ברעג האָט די נ.ק.וו.ד. אַרויסגעגעבן יעדערן אַ בלעכל מיט אַ נומער און מען האָט אונדז, ביי צען טויזנט געפאַנגענע, איינלאָקירט אין מאָנאַסטיר.

ס'איז געווען אַ רעגנדיקער טאָג. ס'האָט אָנגעהויבן ווערן פינצטער. מיר האָבן זיך גענומען איינאָרדענען אין די צימערן אויף נאַרעס, אָבער ס'האָט ניט געסטייעט קיין אָרט פאַר אַלעמען. האָט מען זיך אויסגעלייגט אין די קאָרידאָרן, אויף די טרעפּ און אויך אין די קלאָזעטן, נאָר ניט צו בלייבן אונטערן רעגן. אַ סך זיינען ממש געבליבן אויפן גאַס. מען האָט אונדז געמאָלדן, אַז באַלד וועלן אָנקומען קעסלען מיט הייסע זופּ און יעדערער וועט קאָנען באַקומען ווייזנדיק זיין בלעכל. איך האָב זיך איינגעאָרדנט אין אַ קליינעם צימער אויף דער נאַרע פון פערטן „עטאַזש".
עס זיינען דאָרטן געווען ביי הונדערט מאַן. די קעסלען מיטן זופּ זיינען טאַקע שפּעטער געקומען צו די אַריינגענג אין די צימערן, אָבער די וואָס זיינען געבליבן אויפן גאַס, האָבן זיך געוואָרפן מיט זייערע קעסעלעך אויף די קיכן און אויסגעשעפּט פון דאָרטן דאָס גאַנצע עסן און פאַר אונדז איז שוין גאָרניט געבליבן. די קוכערס זיינען פאַר שרעק אַנטלאָפן מיט די ליידיקע קיכן. אויף מאָרגן האָט נ.ק.וו.ד. זיך פאַרענטפערט און צוגעזאָגט, אַז מער וועט אַזוינס ניט פאַרקומען.

יעדן פרי, 5 פאַר טאָג, פלעגט קלינגען דער גלאָק צום אויפשטיין. זיך אויפגעכאַפּט, האָט מען געדאַרפט אַראָפּגיין צום ברעג פון אָזערע זיך וואַשן. די ברעגעס פון אָזערע זיינען שוין געווען פאַרפראָרן. מען האָט געדאַרפט אויפברעכן דעם אייז און זיך וואַשן. איך פלעג אַזוי טאָן און זיך אָפּווישן מיט דער שמוציקער, לייזיקער העמד... נאָך דער דאָזיקער פּראָצעדור האָט מען געוואַרט אויפן פרישטיק. יעדער צימער האָט זיך אויסגעקליבן זיין סטאַרשינאַ, וואָס האָט קודם־כל געדאַרפט פאַרנעמען אַ ריי אין קיך. איז ער געווען ספּריטנע, האָט ער באַקומען דאָס עסן פאַרן גאַנצן צימער צו דער צייט. האָט ער אָבער פאַרשפּעטיקט צו פאַרנעמען

די ריי, פלעגט גאַנץ אָפּט טרעפן, אַז דער פרישטיק פלעגט זיין אַזייגער צוויי ביי טאָג... ס׳פלעגט אויך טרעפן, אַז דעם מיטאָג האָט מען געבראַכט אין מיטן נאַכט.

ביי נאַכט פלעגט מען עפענען די פענצטער און זיך לייגן שלאָפן אין די אונטערוועש, אַזוי הייס איז געווען אין דעם ניט־געהייצטן צימער. ברויט האָט מען געבראַכט צו אונדז מיט שיפן. מען פלעגט אַלעמען אַרויספירן צום ברעג, צו פיר אין אַ ריי, און גלייך פון שיף פלעגט יעדע שורה באַקומען אַ לעבל ברויט פאַר פיר פערזאָן. די ערשטע טעג האָט געטראָפן, אַז ס׳האָט פאַרפעלט ברויט, ווייל די ערשטע, וואָס פלעגן שוין באַקומען דעם ברויט, פלעגן זיך ווידער אַריינרוקן אין מיטן דער ריי און באַקומען אַ דאָפּלטע פּאַרציע. נאַטשאַלסטווע האָט זיך געכאַפּט און יעדע פיר וואָס פלעגן באַקומען דאָס לעבל ברויט, האָט מען אָפּגעפירט אין אַ זייט און געהיט, זיי זאָלן זיך ניט שטעלן אַ צווייטן מאָל. די וואָס האָבן געהאַט כוח, האָבן געקאָנט אַרבעטן און באַקומען אַ דריטן מאָל עסן. אין דער פרי פלעגט מען געבן אַ פּישזופּ און אויף מיטאָג אַ פליישזופּ.

איך האָב זיך באַנוגנט מיט די צוויי זופּן און ניט געהאַט קיין כוח צו גיין אַרבעטן. אַ גאַנצן טאָג בין איך געלעגן אויף דער נאַרע און געטרוימט ווי אַ גאַנדז וועגן האָבער... לעבן מיר איז געלעגן אַ ייִדישער בחור פון ביאַליסטאָק, וואָס פלעגט מיר געבן פון זיין רעזערוו אַ שטיקעלע קאָרקע פון חזיר־פלייש און אַ לעפעלע צוקער. איך פלעג עס אַזוי קייען אַ גאַנצן טאָג ווי קיי־גומע און שטילן אַ ביסל דעם הונגער. ס׳האָבן זיך באַוויזן פאַריקמאַכערס, וואָס פלעגן פאַר אַ קליינעם אָפּצאָל אַרומראַזירן און אָפּווישן די בריטווע מיט פוילישן פּאַפּירענעם מלחמה־געלט, וואָס האָט ניט געהאַט קיין שום ווערט.

יעדן פאַרנאַכט פלעגט דער גאַנצער פּלאַץ אויפן אינדזל ווערן באַלויכטן מיט פייערלעך. דאָס האָבן די געפאַנגענע געקאָכט וואַסער אין זייערע קעסעלעך און געטרונקען „טיי”. שפּעטער זיינען די געפאַנגענע געוואָרן „קליגער” — די וואָס האָבן געאַרבעט, האָבן גערדאַרפט אַריבער־טראָגן זעק מיט קאַרטאָפל פון סקלאַד אין קיך אַריין. האָט חברה זיי

אונטערגעשטעלט א „פיסל״, יענע פלעגן פאַלן, די קאַרטאָפל פלעגט זיך אויסשיטן און צעכאַפּט ווערן דורך די אַרעסטירטע, וואָס פלעגן זיי קאָכן. די נ.ק.וו.ד. האָט פון אָנהייב געשטערט צו מאַכן שייטערס און פלעגט פאַרלעשן די פייערן, אָבער ס׳האָט ניט געהאָלפן. מען פלעגט ווייטער קאָכן די קאַרטאָפל. צום סוף האָבן די אויפזעער געכאַפּט עטלעכע ביים אונטערשטעלן א „פיסל״ און זיי געשאָסן אויפן אָרט...

איך האָב אין משך פון דער מלחמה אַנגעריבן א פוס פון די בייע שיך. כ׳האָב אויפן וועג צוגעלייגט פאַרשיידענע בלעטער, וואָס פויערים האָבן געגעבן צוצולייגן, אָבער ס׳האָט ניט געהאָלפן. אויפן אינדזל בין איך געקומען מיט א פוס, פול מיט גנוי, אַרומגעוויקלט מיט א שמאַטע און דעם שוך אונטערן אָרעם. בין איך אַוועק אין דער אַמבולאַטאָריע. די רייען זיינען געווען זייער גרויסע, און מען האָט געדאַרפט שטיין שעהען. וואַרטנדיקע אין דער ריי פלעגן פאַלן אין חלשות. אַגב, זיינען אויפן אינדזל געווען אַרעסטירט נאָר פשוטע זעלנער. די אָפיצירן האָט נ.ק.וו.ד. צוגענומען אין א צווייטן אָרט. ווי ס׳האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, האָט מען זיי געהאַט קאָנצענטרירט אין קאָזין און דערשאָסן.

אַזוי האָט זיך געצויגן די צייט, ניט זעענדיק קיין אויסוועג. אין דרויסן איז געווען קאַלט. א שניי, פראָסט. מען האָט אָנגעהויבן פאַרשן יעדן געפאַנגענעם. אויך מיך האָט מען גערופן, כ׳בין אַריין אין א באַראַק. אַן אָפיצער פון נ.ק.וו.ד. האָט מיך אָנגעהויבן אויספרעגן, צו וועלכער ציוניסטישער גרופּירונג איך געהער. כ׳האָב אים געזאָגט, אַז איך האָב ניט קיין אָנונג פון דעם, ווייל איך בין געווען ווייט פון דעם אַלעם. ער האָט אָנגעהויבן אויסרעכענען צענדליקער ציוניסטישע גרופּירונגען. פאַר מיר איז עס געווען אין גאַנצן ניי, ווייל כ׳האָב באמת ניט געוווּסט, אַז ציוניסטן טיילן זיך אויף אַזוי פיל גרופּירונגען. ער האָט מיר געהייסן גיין.

## צוריקקער קיין ווילנע

אין א פראָסטיקן פרימאָרגן האָט מען אונדז אַלעמען אַרויסגעטריבן אויף א ריזיקן פּלאַץ, וואָס אויפן אינדזל. מיר האָבן דערזען שילדן, אויף

וועלכע ס׳איז געווען געשריבן דער נאָמען פון דער וואַיעוואָדסטווע און די צוגעהעריקע צו איר האָבן געדאַרפט דאָרטן צונויפקלייבן זיך און וואַרטן. מיר, ווילנער, זיינען אַזוי ווי אַלע, אָפּגעשטאַנען אין קעלט און שניי אַ גאַנצן טאָג ביזן פאַרנאַכט, אָן עסן און טרינקען, ביז נאַטשאַלסטווע האָט אונדז צעטיילט אין צוויי גרופּעס. איך בין אַריינגעפאַלן אין דער ערשטער. מען האָט אונדז געזאָגט, אַז מיר קערן זיך אום אַהיים... מיר זיינען געווען ביי 2000 מאַן. ס׳איז געוואָרן פריילעכער אויפן האַרצן, כאָטש עס האָט זיך ניט געגלייבט, אַז זיי וועלן אונדז באַפרייען. מען האָט גענומען קאָנטראָלירן, צי יעדערער האָט געגנוב וואָס אָנצוטאָן. מיר האָט מען געגעבן אַ פּאָר אַלטע, געלאַטעטע קערזענע שטיוול און אויך אַן אַלטן מאַנטל. נאָכן אַלגעמיינעם קאָנטראָל האָט מען אונדז געפירט צו אַ שיף, וואָס איז געשטאַנען ביים ברעג. איך האָב געהאַט מזל און באַקומען אַן אָרט אונטן אין שיף. איז מיר געווען וואַרעמער. ווען די שיף איז פול געוואָרן, האָט מען די איבעריקע אָנגעפּאַקט אין צוגעטשעפּעטע באַרזשעס. די מענטשן זיינען געשטאַנען צוגעפּרעסט איינער צום צווייטן. לויט אַ קאָמאַנדע האָט זיך די שיף גערירט פון ברעג, אָבער אין אַ געוויסער צייט אַרום האָבן מיר דערזען, אַז מיר געפינען זיך אויפן זעלביקן אָרט פון וואַנען מיר זיינען אַרויסגעפאָרן. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עפּעס איז קאַליע געוואָרן אין שיף, און מ׳האָט ווייטער ניט געקאָנט פאָרן. דער קאַפּיטאַן פון אונדזער שיף האָט געבעטן הילף ביי פאַרבייפאָרנדיקע שיפן, אָבער קיינע האָט זיך ניט אָפּגערופן. סוף־סוף האָט אַ פאַרבייפאָרנדיקע שיף אונדז צוגעטשעפּעט צו זיך און מיט מאַטערניש דערשלעפּט צום ברעג. דאָ האָט שוין געוואַרט אַ גרויסער עשעלאָן אויף די באַנרעלסן. בעתן פאָרן מיטן שיף און אויף די באַרזשעס, האָבן די אַרעסטירטע געשריִען, אַז פון פייער האָבן זיי זיך געראַטעוועט און איצט דאַרפן זיי אומקומען פון וואַסער. מען האָט זיך געצלמט און געוויינט.

קומענדיק צום עשעלאָן איז שוין געווען גוט פינצטער. מיר האָבן זיך אַריינגעקליבן אין די פּראַכט־וואַגאָנען. אין יעדן וואַגאָן איז געווען אַ וואַרעמער אייוועלע. יעדערער האָט באַקומען אַ שטיקל ברויט. אין מיטן נאַכט האָט זיך דער עשעלאָן גערירט אין וועג. די האָפענונג, אַז מיר

ווערן באַפרייט, איז כמעט געוואָרן אַ רעאַליטעט. אונדזער עשעלאָן איז געפאָרן פיר טעג, ביז מיר זיינען אָנגעקומען אין ווּיעליקיע לוקי, אַ חרובע, צעוואָרפענע שטאָט אין ווייסרוסלאַנד. אונדזער עשעלאָן האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ זייטיקער ליניע, און מען האָט אונדז גרופּעסווייז געפירט אין אַ סטאָלאָווקע. מיר זיינען אַריין אַהין און געפּלעפט געוואָרן פון די ווייסע טישטעכער אויף די טישן. מיר האָבן זיך אויסגעזעצט, יעדערער האָט באַקומען לעפל און גאָפּל. אויף די טישן איז געווען אָנגעשטעלט אַ סך ברויט. פּלוצלונג האָבן זיך באַוויזן די קעלנערס מיט גרויסע וואַזעס געדיכטע פליישיקע זופּ. מיר האָבן אונדזערע אויגן ניט געגלייבט! מען האָט יעדערן אָנגעגאָסן אַ פולן טעלער זופּ, מיר האָבן אויף גיך אָפּגעגעסן, און מען האָט אונדז אַרויסגעפירט אין דרויסן. דאָ איז געשטאַנען אַן נ.ק.וו.ד.־ניק און מיט סאַרקאַזם געלאַכט פון אונדז: „פּילסודסקי האָט אייך זייער גוט געלערנט, מען האָט אייך געגעבן עסן, האָט איר אַפילו די לעפל צוגעגנבעט! מיט וואָס וועלן די ווייטערדיקע עסן?" די געוווינהייט פון יעדן סאָלדאַט איז קודם־כל אַריינצורוקן אַ לעפל אין שטיוול אָדער שוך, בכדי עס זאָל זיין מיט וואָס צו עסן...

ס'האָט גענומען צייט ביז אַלע האָבן אָפּגעגעסן. מען האָט אונדז צוריק פאַרפּאַקט אין די וואַגאָנען און דער עשעלאָן האָט זיך גערירט אין וועג. ווען מיר זיינען געקומען צו דער טראַסע, וואָס פירט צו ווילנע זיינען מיר געווען געצווּונגען מיט אונדזער עשעלאָן צו וואַרטן, ביז עס וועט זיך באַפרייען די ליניע, ווייל פון ווילנע זיינען געפאָרן מיליטערישע עשעלאָנען, נאָך דעם ווי די סאָוועטן האָבן זיך געגרייט איבערצוגעבן ווילנע צו ליטע.

אין אָסטאַשקאָווער לאַגער האָט מען אונדז געדאַרפט געבן טיי און צוקער, אָבער ס'האָט אויסגעפעלט. האָבן זיי אונטערוועגנס קיין ווילנע אין פּאַלאַצק, באַשלאָסן אונדז עס אָפּצוגעבן. מ'רז יינען אַרויס פון די וואַגאָנען, און מען האָט אָנגעהויבן טיילן יעדערן זיין חלק. די פּעקעלעך טיי האָט מען צעשניטן אויף פיר חלקים און יעדערער האָט באַקומען זיין חלק אין פּאַפּירל. אָבער ווי אַזוי נעמט מען דעם צוקער? האָט איינער

גענומען אין דער פאַלע פון מאַנטל, איינער אין אַ פאַרזשאַווערט בלעכל, איינער אין זיין היטל, אין אַ קעשענע, אין אַ פאַרשמוציקטן נאָזטיכל...

נאָך גרויסע איבעררייסן און וואַרטענישן אויף די באַן־סטאַנציעס האָט זיך אונדזער עשעלאָן נאָך צוויי טעג וואַרטן דערנענטערט צום ווילנער וואָקזאַל. און דאָ זיינען מיר ווידער געבליבן שטיין פאַר אַ פאַרמאַכטן סעמאַפאָר. ס׳איז פאַר נאַכט, דאָס האַרץ קלאַפּט גיכער און פריידיקער, עס ווילט זיך שוין זיין אין שטוב. אָט זע איך שוין די מיר גוט באַקאַנטע ערטער ביי די באַן־ליניעס, ווו איך פלעג, נאָך זייענדיק אַ קינד, שפּאַצירן מיטן טאַטן און מיינע ברידער... האָב איך באַשלאָסן אַראָפּצוגיין פון וואַגאָן און גיין צו פוס אַהיים. איך האָב אויסגעזעהיט ביי זיך דעם שליסל פון אונדזער גאַסיקער טיר, ווו דער טאַטע האָט געהאַט זיין שניידעריי־וואַרשטאַט. ס׳האָט לאַנג ניט געדויערט, ווייל איך בין ניט געגאַנגען, נאָר געפלויגן. און אָט בין איך שוין ביי דער טיר פון אונדזער שטוב. איך נעם אַרויס דעם שליסל, שליס אָפּ די טיר... דער טאַטע איז געזעסן אין צווייטן צימער. איך האָב אַ געשריי געטאָן: „טאַטע, דאָס בין איך, דערשרעק זיך ניט!" ער האָט אויסגעבראָכן אין אַ געוויין: „איצט, אַז דו האָסט זיך אומגעקערט אַ לעבעדיקער, וועל איך שוין קיין מאָל ניט דאגהנען, וועלכע צרות עס זאָלן ניט זיין..." ער האָט מיר גלייך דערציילט, אַז יעדן טאָג פלעגן אָנקומען עשעלאָנען מיט פאַרוווּנדעטע זעלנער, פלעגן ער און מיין שוועסטער לויפן איבער די שפּיטעלער זיך נאָכפרעגן וועגן מיר. איין מאָל האָט דער טאַטע באַגעגנט אַ באַקאַנטן בחור, וואָס איז געווען מאָביליזירט און שוין באַוויזן זיך צוריקצוקערן קיין ווילנע. האָט ער אים געפרעגט וועגן מיר, און יענער האָט געענטפערט: „יחיאלקע? ער איז געהרגעט געוואָרן און איך האָב אים אַליין געטראָגן צום גרוב..." אָט אַזוי בין איך אויפגעשטאַנען תחיית־המתים...

דעם זעלביקן אָוונט האָב איך זיך געלייגט שלאָפן אויף אַ צעבראָכענער טיר פון קליידער־שאַף, אויף דר׳ערד, ווייל איך בין געווען זייער שמוציק און אין שטוב זיינען ניט געווען קיינע מעגלעכקייטן זיך אַרומצוּוואַשן. אויף מאָרגן פרי בין איך מיטן טאַטן אַוועק אין דער שטאָטישער באָד.

כ׳האָב זיך גוט און לאַנג געוואַשן, איבערגעטאָן ריינע זאַכן, די אַלטע — אַרויסגעוואָרפן. אַזוי בין איך געוואָרן צוריק אַ שטיקל מענטש. דער טאַטע פלעגט פאַר מיר ספּעציעל אויסקאָכן יעדן טאָג אַ טעפּל פלייש מיט גרויפּן. איך פלעג עס אויפעסן מיט אַפּעטיט און בין געקומען צו זיך. איך האָב זיך אומגעקערט קיין ווילנע דעם 26סטן אָקטאָבער 1939 און דעם 28סטן פאַר נאַכט האָבן די ליטווינער געזאָלט פאַרנעמען ווילנע.

פאַר דעם האָבן די געשעענישן זיך אַנטוויקלט אַזוי:

דעם 19טן סעפּטעמבער 1939 זיינען די סאָוועטן אַריין אין ליטע און פאַרנומען באַזעס. מען פלעגט זיי זען אין ווילנע, אָבער זיי האָבן זיך ניט געמישט אין די אינעווייניקסטע ענינים. אַפילו בעתן פּאָגראָם פון די ליטווינער נאָכן איבערגעבן זיי ווילנע, האָבן זיי קאַלט צוגעקוקט צו דעם און ניט רעאַגירט. ביים צוריקציִען זיך האָבן די סאָוועטן אַרויסגעפירט עטלעכע גרעסערע ווילנער פאַבריקן מיטן גאַנצן אינווענטאַר, אַפילו אַ צעבראָכן בענקל האָבן זיי מיטגענומען. צווישן אַנדערן האָבן זיי אַרויסגעפירט די ראַדיאָ־פאַבריק און האָבן אַלע אַרבעטער, ס׳רוב ייִדן, עוואַקויִרט קיין מינסק. מיט זיי איז די גרעסטע טייל ווילנער יוגנט אַוועק קיין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

אַזוי ווי די גרעסטע טייל ווילנער ייִדישע יוגנט האָט באַוויזן צו אַנטלויפן צוזאַמען מיט דער אָפּטרעטנדער סאָוועטישער אַרמיי, האָב איך אויסגעדריקט מיין ווילן צו פאַרלאָזן ווילנע. מיין טאַטע האָט מיך אָפּגערעדט דערפון. ער האָט מאָטיווירט, אַז דאָרטן וועל איך זיך ווידער וואַלגערן אָן אַ היים, און דאָ בין איך ביי זיך אין דער היים און מיט די ליטווינער וועלן מיר זיך איינלעבן. ער האָט דערציילט, אַז ער אַליין האָט אַ סך יאָרן געלעבט מיט ליטווינער און ס׳איז ניט געווען אַזוי שלעכט. ער האָט מיך איבערצייגט און איך בין געבליבן.

באַלד האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דערזעענדיק די סאָוועטישע ווירקלעכקייט, האָט די ווילנער ייִדישע יוגנט וואָס איז אַהין געלאָפן, מאַסנווייז אויף פאַרשיידענע אופנים זיך אומגעקערט אַהיים.

מיר האָבן געוואַרט אויף די ליטווינער.

# די ליטווינער אין ווילנע

מאַסן מענטשן, ס׳רוב פּאָליאַקן, זײַנען געשטאַנען אויף די גאַסן, ווו די ליטווינער האָבן געדאַרפט אָנקומען. און אָט האָבן זיי זיך באַוויזן. די ערשטע איז אַריין אַ גרופּע אויף ראָווערן און מאָטאָציקלען. נאָך זיי האָבן זיך באַוויזן צוויי קליינע טאַנקעטקעס. דער עולם צוקוקער האָט גלייך קאָמענטירט, אַז איין טאַנקעטקע האָט מען אויסגעליִען אין לעטלאַנד... דערנאָך זײַנען געקומען ריזיקע בעלגישע פערד, וואָס האָבן געשלעפּט פּורן, באַדעקטע מיט ברעזענט. צום סוף האָט זיך באַוויזן די ליטווישע פּאָליציי. זייער הויכע פּאָליציאַנטן, מען האָט זיי געשאַצט אין אַ מעטער אַכציק די הייך. דערצו האָבן זיי נאָך געהאַט אויף די קעפּ הויכע היט מיט קוקאַרדעס. לויט זייערע מלבושים האָבן זיי אויסגעזען ווי הוסאַרן פון אַן אָפּערעטע...

נאָך זייער אַריינמאַרש איז עפּעס געוואָרן קאַלעמוטנע אויפן האַרצן. זיי האָבן געמאַכט אַ שוואַכן איינדרוק. די פּאָליאַקן האָבן גלייך אויפן אָרט געלאַכט פון זיי.

אויף מאָרגן פרי בין איך אַוועק קויפן ברויט. די בעקער האָבן געבאַקן ברויט און עס פאַרקויפט אין די בעקערייען, ווו עס זײַנען געשטאַנען גרויסע רייען. אויפן צווייטן טאָג האָב איך זיך געשטעלט אין אַ ריי צו אַ בעקעריי, וואָס גרענעצט מיט דייטשער גאַס. פּלוצלונג זײַנען אָנגעקומען יונגע פּאָליאַקן, פונאַנדערגעטריבן דעם עולם, געהייסן פאַרמאַכן די בעקערייען און גערופן אַלעמען צו דעמאָנסטרירן ביים מאַגיסטראַט. איך בין אַוועק אַהיים. ס׳איז דערנאָך באַוווסט געוואָרן, אַז די פּאָליאַקן האָבן אַראָפּגעריסן די ליטווישע פאָן, וואָס איז געהאַנגען אויפן מאַגיסטראַט און אויך אַ טראַנספּאַראַנט פון די ווילנער יִדישע סוחרים. אויפן דריטן טאָג, ווען איך בין שוין אַוועק אַרבעטן צו ווירשובסקי־טשעסלי אויף דייטשע גאַס, האָבן מיך די יִדן אָנגעקוקט ווי אַ משוגענעם. כ׳האָב דערזען, אַז אַלע טויערן זײַנען פאַרמאַכט, יִדן באַהאַלטן זיך הינטער די טויערן. מען האָט צו מיר געשריִען, איך זאָל זיך אויך באַהאַלטן, ווייל עס קומט פאַר אַ פּאָגראָם פון די ליטווינער. איך בין אַרויף צו דער אַרבעט. טשעסלי האָט

זיך מיט מיר צעקושט, מיר געגעבן אַ פּעקל פּראָדוקטן פֿאַרן שטוב. אָבער ס'איז ניט געווען קיין שטימונג צו אַרבעטן. בין איך פֿאַרזיכטיק אַוועק צו מיין חבר פּאַרודאַמינסקי, וועלכער האָט געוווינט אויף דייטשע גאַס, אַנטקעגן פּלומפּעלע אויפֿן ראָג יידישע גאַס. פֿון זיינע פֿענצטער אויפֿן צווייטן עטאַזש האָב איך צוגעזען שוידערלעכע סצענעס, ווי ליטווישע פּאַליציאַנטן און סאָלדאַטן שלאָגן מיט ביקסן איבער קעפּ פֿון דורכגייענדיקע יידן. דער פּאָגראָם האָט געבושעוועט אין יידישן צענטער. מען האָט זיך אָפּגערעכנט מיט די יידן, מיינענדיק די פּאָליאַקן, אָבער מיט זיי האָבן די ליטווינער מורא געהאַט זיך אָנצוהויבן. ווי באַוווּסט, איז צוליב ווילנע געווען אַ גוואַלדיקע שינאה צווישן פּאָליאַקן און ליטווינער. דער פּאָגראָם האָט געדויערט אַ טאָג, און ס'איז דערנאָך קלאָר געוואָרן, אַז עס זיינען געפֿאַלן עטלעכע יידישע קרבנות. די ליטווינער האָבן געוואָרפֿן יידן דורך די פֿענצטער פֿון דריטן עטאַזש...

אַז ס'איז געוואָרן פֿינצטער, בין איך אַוועק צו זיך אין שטוב. מיר האָבן געלעבט אין אַ קריסטלעכער געגנט, איז דאָרטן געווען אַ קלענערע געפֿאַר צו גיין, ווייל די ליטווינער האָבן פּאָגראָמירט אין יידישן צענטער. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָבן זיך די ליטווינער באַרויִקט און געבעטן אין ראַדיאָ מחילה און געזאָגט, אַז אויב מען וועט זיך צו זיי באַציִען לאָיאַל, וועט זיין רויִק, עס וועלן זיין פּראָדוקטן אין די געשעפֿטן, און ס'וועט קיינעם גאָרניט פֿעלן. זיי האָבן געהאַלטן וואָרט. די קראָמען זיינען פֿול געוואָרן מיט שפּייז־פּראָדוקטן, וואָס מען האָט עס ניט אָנגעזען אין ווילנע אַפֿילו פֿאַר דער מלחמה. ס'האָט זיך גענומען איינשטעלן אַ נאָרמאַל לעבן. מען האָט געהערט יידישע אווידיציעס אין ראַדיאָ, ס'האָבן אָנגעהויבן אַרויסצוגיין יידישע צייטונגען.

אונדזער „מיידים" האָט זיך ווידער גענומען צו דער אַרבעט. מיר האָבן גענומען זוכן קאָנטאַקטן מיט די קאָוונער יידן, מיט זייער טעאַטער־געזעלשאַפֿט. ס'האָט לאַנג ניט געדויערט און די קאָוונער טעאַטער־געזעלשאַפֿט האָט אונדז איינגעלאַדן אויף גאַסטראָלן קיין קאָוונע און גאַנץ ליטע. מיר האָבן באַקומען אַן אָפֿיציעלע איינלאַדונג און אַ דער־לויבעניש צו קומען קיין ליטע. אַזוי זיינען מיר געווען דער ערשטער

ווילנער יידישער טעאַטער־קאָלעקטיוו, וואָס איז געפאָרן קיין ליטע. סוף דעצעמבער 1939 זיינען מיר אַרויסגעפאָרן אויף די גאַסטראָלן קיין קאָוונע. אויפן וואָקזאַל אין קאָוונע האָבן אונדז אָפּגעוואַרט מיטגלידער פון דער טעאַטער־געזעלשאַפט, מען האָט אונדז איינגעאָרדנט אין אַ שיינעם האָטעל אין צענטער פון לייסוועס, די הויפטגאַס פון קאָוונע. אונדזער בינע מיטן גאַנצן רעקוויזיט האָבן מיר אָפּגעפירט אין פייערלעשער־זאַל וואָס אויף אַזשעסקענעס־גאַס. נאָך דער פּרעמיערע האָט מען פאַר אונדז געמאַכט אַ שיינעם באַנקעט. מיר זיינען געפעלן געוואָרן דעם עולם און האָבן אָפּגעשפּילט ביי אַ זעקס וואָכן נאָך אַנאַנד די פאָרשטעלונג „שיר השירעם" פאַר דערוואַקסענע, און „שיקישער" — פאַר קינדער. יעדן טאָג צוויי פאָר־שטעלונגען ביי אויספאַרקויפטע זאַלן. די בילעטן זיינען צעכאַפּט געוואָרן. מיר האָבן אַנגאַזשירט אַן אַקטיאָר פון קאָוונער יידישן טעאַטער, סטאָר־קעוויטש, וואָס האָט איינגעאָרדנט אונדזערע פאָרשטעלונגען און מיר זיינען אויסגעפאָרן ליטע פון ברעג ביז ברעג. אומעטום מיט גרויס דערפאָלג, מיט באַנקעטן און אויפנאַמעס. די אָפּרופן אין דער פּרעסע זיינען געווען זייער גוטע. געפאָרן זיינען מיר אין אַ געדונגענעם אויטאָ. פאָרנט זיינען געזעסן אַלע אַקטיאָרן און טעכנישער פּערסאָנאַל און הינטן און אויך אויפן דאַך — אונדזער באַגאַזש. אונדזער שאָפער איז געווען אַ ליטווינער, פלעגט זייער אַ סך טרינקען בראַנפן פאַרן פאָרן. מיר האָבן גאַנץ פיין געציטערט, אָבער ניט קוקנדיק אויף די פאָרשנייטע און פראָסטיקע וועגן, אָפט מאָל ביי 20 גראַד קעלט, זיינען מיר אומעטום געקומען צו דער צייט און געשפּילט מיט גרויס דערפאָלג.

אין איין שטעטל האָבן מיר אָנאָנסירט אונדזער פאָרשטעלונג אויף פרייטיק אָוונט. די בילעטן זיינען צעכאַפּט געוואָרן, אָבער דער אָרטיקער רב האָט ניט מסכים געווען, מיר זאָלן שפּילן פרייטיק־צו־נאַכט און האָט איבערגעקלעפּט די אַפישן מיט אַן אַנדער טאָג און דאַטע. מיר זיינען שוין אַהין ניט געפאָרן.

אַ פרייטיק־צו־נאַכט האָבן מיר געשפּילט אין פלונגע און גלייך נאָך דער פאָרשטעלונג געפאָרן קיין קרעטינגע צו שפּילן שבת ביי נאַכט. מיר זיינען אָנגעקומען קיין קרעטינגע אין מיטן נאַכט, דעם באַגאַזש אָפּגעלאָדן

אין זאַל און אַליין זיך איינגעאָרדנט אין אַ האָטעל. שבת גאַנץ פרי איז געקומען צו אונדז אַ דעלעגאַציע מיטן רבס זון בראש און געטענהט, אַז מיר זיינען געפאָרן אום שבת. מיר האָבן געלייקנט. אַגב, איז דאָ, אין קרעטינגע, געווען אין צענטער שטאָט אַ יידישער פאַבריקמאַכער, וואָס פלעגט שבת האַלטן אָפן זיין פריזירעריי און ביי אים האָט מען פאַרקויפט בילעטן צו אונדזער פאַרשטעלונג. די דעלעגאַציע האָט אונדז געבעטן אָנהייבן די פאָרשטעלונג מיט אַ שעה שפּעטער, ווייל זיי ווילן אויך זען דעם „מיידים״, אָבער מיר האָבן צוליב טעכנישע סיבות ניט געקאָנט אָנהייבן שפּעטער ווי לויט דער געמאָלדענער צייט. מיר האָבן אין אָוונט געשפּילט פאַר אַ גרויסן עולם און אויך דעם רבס זון איז בייגעווען, אָבער איז געקומען מיט אַ פאַרשפּעטיקונג. אין אַ שטעטל לעבן דער לעטישער גרענעץ, זשאַגער, האָבן מיר אָרגאַניזירט אַ באַזוך פון אַ חדר מיט אַ רבין. מיר האָבן פאַר זיי געשפּילט אַ קינדער־פּראָגראַם און אָנגעטאָן זיי אַ גרויסע הנאה.

מיר האָבן באַוויזן צו קומען אַ צווייטן מאָל קיין ליטע ביז דער מלחמה. אין קאָוונע האָבן מיר זיך באַקענט און באַפריינדט מיט אַ גרופּע יידישע סטודענטן פון היגן אוניווערסיטעט און די פרייע צייט פאַרבראַכט מיט זיי. אין גאַס האָבן זיי דעמאָנסטראַטיוו גערעדט ייִדיש און געווען שטאָלץ דערמיט.

## אין ליטע בעת די סאָוועטן

דעם 15טן יוני 1940 פאַרנעמט די סאָוועטישע אַרמיי די באַלטישע לענדער — ליטע, לעטלאַנד און עסטלאַנד. די סאָוועטישע מיליטער־לייט פלעגן פון אָנהייב באַלאַגערן די געשעפטן און קויפן אַלץ וואָס איז געקומען אונטערן האַנט. איך געדענק אַזאַ עפּיזאָד: אין אַ טוך־געשעפט אין ווילנע איז אַריין אַן אוזבעקישער סאָלדאַט און געבעטן אים ווייזן שטאָף. וואָס מען האָט אים נאָר געוויזן, איז אים געפעלן געוואָרן און האָט ניט געוווסט וויפל מען זאָל אים אָפּשניידן. אַלץ וואָס ער האָט איינגעהאַנדלט האָט ער אַריינגערוקט אין אַ גרויסן זאַק. די סאָוועטישע

אָפּיצירן און סאָלדאַטן פלעגן גיין אין די גאַסן און אויפקויפן זייגערלעך. וואָס גרעסער ס׳איז געווען דער זייגער, איז זיי אַלץ מער געפעלן געוואָרן... אין אָוונט האָבן זיי איינגעאָרדנט אַ גרויסן באַל אין פוילישן טעאַטער „רעדוטע" פאַר זיך מיט זייערע פרויען. די פרויען זיינען געווען אָנגעטאָן אין שיינע נאַכט־העמדער, וואָס זיי האָבן איינגעהאַנדלט אָנשטאָט קליידער... זיי האָבן איינגעקויפט אין שטאָט אַ סך שיך, ספּעציעל האָבן זיי אויס־געקויפט די ביליקע שיך, וואָס זיינען געווען באַשטימט פאַר די קאַטוילישע מתים... אָבער דערפאַר האָבן זיי פאַרבלענדט די אויגן מיט זייערע געזאַנג־און טאַנץ־אַנסאַמבלען, ווען זיי פלעגן פּלוצלונג זיך אויסשטעלן אין מיטן גאַס און נעמען ווייזן זייער קונסט. זייערע לידער און טענץ, אין באַגלייטונג פון באַיאַנען און האַרמאָשקעס, האָבן ממש באַצויבערט דעם אַרומיקן עולם, און ס׳איז געווען שווער זיך אָפּצורייסן פון זיי. בדרך כּלל איז זייער אויסזען געווען אויסערלעך אַ נעבעכדיקער, אָבער זיי האָבן געווירקט מיט זייערע טאַנקען, וואָס מיר האָבן אַזעלכע ביז דאַן ניט געזען.

דעם 21סטן יולי 1940 ווערט ליטע אָפיציעל דערקלערט פאַר אַ סאָוועטישער רעפּובליק. די פרייד ביי דער ייִדישער יוגנט איז געווען גרויס. ייִדן זיינען געוואָרן מלוכה־אָנגעשטעלטע, „נאַטשאַלניקעס". דעם 1טן מאַי און „אָקטיאַבערסקע" פלעגן פאָרקומען דעמאָנסטראַציעס. דער „מיידים" פלעגט באַקומען צו זיין דיספּאָזיציע אַ מאַשין, פון וועלכער מיר פלעגן געבן געזאַנג־נומערן צו דערמונטערן די מאַרשירנדיקע. אין קולטור־אָפּטייל פון צ.ק. פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי זיינען געזעסן אונדזערע באַקאַנטע, וואָס מיר האָבן זיי געקענט פון אונדזערע גאַסטראָלן אין קאָוונע און באַקומען פון זיי אינסטרוקציעס. דער צ.ק. האָט אונדז אָנערקענט פאַר אַ מלוכה־טעאַטער און צוגעטיילט אַ ספּעציעלן בודזשעט מיט שכירות פאַר אַלע אַקטיאָרן און טעכנישע מיטאַרבעטער פון „מיידים". אַלס דירעקטאָר איז באַשטימט געוואָרן זלמן זאַגאָרין, אַלס קינסטלערישער לייטער — אַהרן באַסטאָמסקי, קינסטלער — בענציע מיכטאָם, איך — ערשטער אַקטיאָר און פאַרטרעטער פון דירעקטאָר. אַזוי ווי מיר האָבן ניט געזען קיין גרויסן אונטערשייד צווישן קינסטלערישן לייטער, קינסטלער און ערשטן אַקטיאָר, האָבן מיר באַשטימט, אַז מיר

טיילן זיך אויף גלייך אונדזערע שכירות. דאָס האָט ווידער באַשטעטיקט דעם פאַקט, אַז אונדזער קאָלעקטיוו איז געווען ווי איין גאַנצע משפּחה.

מיט באַסטאַמסקין האָבן מיר געהאַט אַ פּראָבלעם. ער איז ביז די סאָוועטן געווען אַן איבערצייגטער בונדיסט. דעריבער האָט ער געהאַלטן, אַז ער קען ניט פאַרנעמען דאָס אָרט פון קינסטלערישן לייטער און באַשלאָסן צו רעזיגנירן פון זיין אַרבעט אין „מיידים". מיר זיינען אַוועק אין קולטור־אָפּטייל פון צ.ק. צו אונדזערע חברים און זיי דערציילט וועגן דעם. זיי האָבן זיך אויסגעלאַכט און געזאָגט, אַז זיי ווייסן גענוי ווער באַסטאַמסקי איז, זיי ווייסן זיין פאַרגאַנגענהייט און ס'איז ניטאָ קיין שום מניעה ער זאָל בלייבן אויף זיין פּאָסטן. אהרן האָט זיך באַרויִקט. מיר האָבן געוויזן „פריי און מונטער", „שיר השירעם" און „רויטער פעפער", וועלכן איך פלעג רעקלאַמירן אין ראַדיאָ לויט באַסטאַמסקיס טעקסט אַזוי:

האַלאָ! האַלאָ! ס'רעדט דער מײַדים!
„רויטער פעפער" ט'איר שוין געזען?
שפּילט דער „מײַדים" „רויטער פעפער",
איז אַזעלכעס ניט געווען!
יעדן טאָג, 8.30 אָוונט
אין אונדזער זאַל אויף אַרקליו 3 —
„רויטער פעפער", גוטער ברודער,
זען אין „מײַדים" איז כּדאַי!"

מיר האָבן באַקומען אַ פּאַסיקן לאָקאַל מיט אַ זאַל אונטערן גרויסן זאַל פון קאָנסערוואַטאָריע, ווו ס'האָט זיך באַזירט דער ייִדישער מלוכה־טעאַטער, אָנגעפירט פון דוד אומרו, אַ שרייבער און קולטור־טוער פון קאָוונע. (אַגב, ליטעראַרישער לייטער פון טעאַטער איז געווען דער פּאָעט חיים גראַדע). מיר האָבן אויך צוגעגרייט אַ קינדער־פאָרשטעלונג „רויט־היטעלע" מיט פּרעכטיקע דעקאָראַציעס, געצייכנט פון בענציע מיכטאָם.

ביסלעכווייז האָבן די סאָוועטן ליקווידירט די ייִדישע קולטור־אינסטי־טוציעס. דער קאָוונער ייִדישער טעאַטער איז צונויפגעגאָסן געוואָרן מיטן ווילנער טעאַטער. די ווילנער און קאָוונער ייִדישע צייטונגען זיינען

ליקווידירט געוואָרן, און ס׳האָט אָנגעהויבן אַרויסגיין בלויז איין צייטונג אין קאָוונע — דער „עמעס״. די העברעיִשע שולן האָבן געמוזט אַריבערגיין אויף ייִדיש. אַלע ייִדישע פּאַרטייען זיינען געשטעלט געוואָרן אויסערן געזעץ. ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן אַרעסטן פון זייערע טוערס. פאַרשיידענע ספּיקות האָבן גענומען נאָגן... אונדזער בענציע מיכטאָם פלעגט טענהן, אַז דאָס וואָס מען זעט טאָג־טעגלעך פליִען עראָפּלאַנען, איז אַ סימן, אַז עס גרייט זיך אַ מלחמה. מיר האָבן אויך געהערט וועגן דעם, וואָס עס קומט פאָר אין וואַרשע און אין אַנדערע ערטער פון פּוילן. די היגע צייטונגען האָבן וועגן דעם ניט געטאָרט שרייבן. אָבער מיר האָבן עס געהערט פון דער גרויסער צאָל פּליטים, איבערהויפּט פון וואַרשע, וואָס האָבן זיך קאָנצענטרירט אין ליטע, באַזונדערש אין ווילנע.

דער בונדישער צענטער פון די פּליטים האָט זיך קאָנצענטרירט אין בנין פון געוועזענעם פּראָזעקטאָריום אויף ראָג נאָוויגראָדסקע און וויווולסקע גאַסן. פון זיי האָט מען זיך געווענדט צו אונדז מיט אַ בקשה אָפּצוקויפן אַ פאַרשטעלונג פון „שיר השירעם״. דאָרטן האָבן מיר אויסגעלאַכט די פּוילישע עמיגראַציע־רעגירונג, באַזונדערש ענגלאַנד, וועלכע האָט צוגעזאָגט צו העלפן פּוילן און ביז היינט גאָרניט געטאָן, און דער עיקר, מיר האָבן אויסגעלאַכט טשעמבערליינס פּאָליטיק. זיי האָבן געבעטן אַרויסצונעמען די אויבנדערמאָנטע קריטיק און ערשט דעמאָלט וועלן זיי קויפן אונדזערע אַ פאַרשטעלונג. מיר האָבן זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט צו ענדערן דעם אינהאַלט פון פּראָגראַם. אַהרן באַסטאָמסקי האָט גענומען אויף זיך צו איבערצייגן זיי אין זייער פאַלשער איינשטעלונג. זיי האָבן אָבער פאַרטיידיקט זייער שטעלונג און פון גאַנצן ענין איז גאָרניט געוואָרן. זיי האָבן געהאַלטן, אַז ענגלאַנד וועט נאָך אַרויסגיין קעמפן לטובת פּוילן...

אונדזער בייע פּרעמיערע „רויטער פעפער״ האָט געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכן דערפאָלג. מיטן ווערן אָנערקענט אַלס מלוכה־טעאַטער האָט זיך אונדזער חשיבות פאַרגרעסערט.

איך האָב געהאַט אַ גוטן געהאַלט און פאַרגעלייגט מיין טאַטן צו פאַרלאָזן זיין שניידעריי־וואַרשטאַט און אַרויספאָרן קיין ליטע זיך זען מיט זיין משפחה און קרובים. אים איז במילא לויטן סאָוועטישן געזעץ

געווען פאָרווערט צו פירן אַן אייגענעם וואַרשטאַט. ער האָט געדאַרפט גיין אַרבעטן אין אַן אַרטעל. זיין וואַרשטאַט האָט געהאַט אַ טיר פון גאַס. מען האָט אָנגעהויבן ברוקירן אונדזער גאַס. אין אַ געוויסן טאָג איז דער טאַטע אַוועק אין שטאָט, פאַרשלאָסן די טיר מיט אַ געוויינלעכן שליסל. ווען ער האָט זיך אומגעקערט, איז די טיר געווען אָפּגעשלאָסן, און ס'האָט געפעלט דער „קאָפּ" פון דער זינגער־מאַשין, מיט וועלכער דער טאַטע האָט זיך באַנוצט צענדליקער יאָרן. אוודאי איז עס געווען אַ שטיקל אַרבעט פון די ברוקירער. דער טאַטע האָט זיך שטאַרק געקלעמט, האָב איך אים געקויפט אַ נייעם „קאָפּ" פון סאָוועטישער פּראָדוקציע. דער „קאָפּ" האָט אָבער ווייניק געטויגט...

בעת דער גרענעץ מיט ליטע איז נאָך געווען פאַרמאַכט, פלעגט דער טאַטע אין ל"ג בעומר פאָרן מיט דער באַן צום גרענעץ אין לינגמיאַן, בכדי זיך צו באַגעגענען מיט זיין שוועסטער פון פּאַנעוועזש. ער פלעגט צוריקקומען מיט אַ סך טרוקענע פּירות, וואָס זיין שוועסטער פלעגט אים מיטגעבן אַלס מתנה פון איר איידעם, וואָס האָט געהאַט דאָרטן אַ גרויסן פרוכטגעשעפט.

דער טאַטע האָט מיר געפאָלגט און געפאָרן זיך זען מיט זיין משפחה אין ליטע. ער האָט דאָרטן פאַרבראַכט עטלעכע וואָכן. צום ערשטן מאַי זיינען זיינע קרובים געקומען צו גאַסט צו אונדז. מיר זיינען מיט זיי אַוועק שפּאַצירן איבער דער שטאָט. מיטאָג־צייט איז אַרויסגעפאַלן אַ געדיכטער שניי, אַ זעלטנהייט אַנהייב מאַי.

דער „מיידים" האָט באַשלאָסן אַרויסצופאָרן אַ צווייטן מאָל קיין קאָוונע און איבער גאַנץ ליטע. ווידער האָבן מיר געשפּילט לאַנג אין קאָוונע און דערנאָך מיט גרויס דערפאָלג איבער שטעט און שטעטלעך פון ליטע. בעתן ערשטן טורנע האָב איך געהאַט די געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט מיינע אַלע קרובים אין ליטע. זיי האָבן מיר אַרויסגעוויזן אַ סך פריינדשאַפט און ביי זיי האָב איך זיך געפילט ווי ביי זיך אין שטוב. זיי האָבן געלעבט אין די צענטראַלע שטעט קאָוונע, שאַוול, פּאַנעוועזש, ווילקאָמיר און אַנדערע.

בעת אונדזערן אַ גאַסטראָל אין איינעם אַ שטעטל פון ליטע איז כּמעט דער גאַנצער עולם אַרויס פון זאַל. מיר זיינען געווען געצוווּנגען איבערצורייסן די פאָרשטעלונג. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ס'איז אויסגעבראָכן אַ שׂרפה אין שטעטל. אין אַ האַלבער שעה אַרום האָט זיך דער עולם צוריקגעקערט און מיר האָבן פאַרגעזעצט די פאָרשטעלונג.

בעת די גאַסטראָלן איבער ליטע האָבן מיר זונטיק, דעם 22סטן יוני 1941, געדאַרפט אויפטרעטן אין פּלונגע, אַ שטעטל נאָענט צום דייטשן גרענעץ. מיר זיינען אַהין אָנגעקומען מיט אַ נאַכט פריִער, אויסגעפּאַקט דעם באַגאַזש אין זאַל און אַליין אָוועק אין האָטעל. פאַר טאָג האָבן מיר זיך אויפגעכאַפּט פון גרויסן טומל אויפן גאַס, אַרויסגעקוקט דורך די פענצטער און געזען ווי ייִדן לויפן מיט פּעק אויף די פּלייצעס אין אַ גרויסער בהלה. זיי האָבן אונדז געזאָגט, אַז ס'איז אויסגעבראָכן אַ מלחמה צווישן דייטשלאַנד און די סאָוועטן.

מיר האָבן זיך אויף גיך פאַרפּאַקט, זיך אַריינגעזעצט אין אונדזער אויטאָ און געפאָרן אין דער ריכטונג צו ווילנע. קומענדיק קיין שאַוול, האָבן מיר אָנגעפרעגט אין דער אָרטיקער פּאָליציי, צי ס'איז טאַקע אַ מלחמה, האָבן זיי אונדז געזאָגט, אַז ס'איז קיין זאַך ניט געשען, און מיר האָבן זיך ניט וואָס צו איילן... מיר זיינען געפאָרן ווייטער. די וועגן זיינען געווען ליידיק פון מאַשינען, בלויז נ.ק.וו.ד. האָט אונדז אָפּט פאַרהאַלטן און קאָנטראָלירט אונדזערע דאָקומענטן. מיר זיינען געפאָרן לויט אַ ספּעציעלער דערלויבעניש פון צ.ק. און זיי האָבן אונדז קיין שוועריקייטן ניט געמאַכט. קומענדיק אין קאָוונע, האָבן מיר דורך די ראַדיאָ־הילכער אויף די גאַסן געהערט מאָלאָטאָווס רעדע, אַז די דייטשן זיינען פאַררעטעריש אָנגעפאַלן אויפן סאָוועטן־פאַרבאַנד און דערקלערט אַ קריג. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז די לאַגע איז זייער ערנסט, און וואָס גיכער געפאָרן קיין ווילנע.

ביי ווילנער פאָרשטאָט פּאָהולאַנקע זיינען אָנגעפלויגן דייטשע עראָפּלאַנען. מיר זיינען אַרויסגעלאָפן פון אויטאָ און זיך באַהאַלטן. צום גליק האָבן זיי דאָ ניט באָמבאַרדירט, און מיר זיינען מיט מזל דערפאָרן צו אונדזער לאָקאַל אויף אַרקליו־גאַס. פאַרן גאַס זיינען געשטאַנען עטלעכע

אַקטיאָרן פון ייִדישן טעאַטער, וועלכע האָבן אונדז באַגעגנט מיט פרייד, וואָס מיר האָבן זיך בשלום צוריקגעקערט.

מיר האָבן אויף גיך אויסגעפּאַקט דעם באַגאַזש און יעדערער איז תיכּף אַוועקגעלאָפן צו זיך אַהיים. איך האָב דאָ אין טעאַטער־זאַל געפונען אַ צעטעלע פון מיין טאַטן, ווו ער שרייבט מיר, איך זאָל וואָס גיכער אַנטלויפן פון ווילנע.

מיטן אויסבראָך פון דער מלחמה איז געווען דער סוף פון „מיידים“. אין דער געטאָ־צייט האָבן כּוליגאַנעס אויפגעבראָכן אונדזער לאָקאַל, צעראַבירט אַלץ וואָס געווען. די ליאַלקעס האָבן זיך שפּעטער געוואַלגערט אויפן גאַס ביי דער טיר פון טעאַטער...

אַזוי האָט דער „מיידים“ עקסיסטירט אַכט יאָר און איז געווען אַ פּאָפּולערער און באַליבטער טעאַטער־אַנסאַמבל אין דער פאַרמלחמהדיקער ווילנע, ווי אויך אויסער אירע גרענעצן. ווען ניט דער גרויסער וועלט־אומגליק וואָלטן מיר צוזאַמען מיט אונדזער קינסטלערישן אָנפירער אַהרן באַסטאַמסקי ווייטער גוט אַנטוויקלט, געהויבן דעם קינסטלערישן ניוואָ און אוודאי דערגרייכט אַ מדרגה פון שלמות. דער דעוויז פון „מיידים“ איז געווען — ניט סתם לאַכן, נאָר מיט שאַרפער פּאָליטישער סאַטירע אויסלאַכן דאָס שלעכטע אין יענער שטורעמדיקער צייט, ווען היטלער איז געקומען צו דער מאַכט אין דייטשלאַנד, ווען עס האָבן זיך געשטאַרקט די רעאַקציאָנערע און אַנטיסעמיטישע כּוחות אין פּוילן. ס׳קען זיין, אַז מיר האָבן פאַרזען און נעגירט די פּאָזיטיווע כּוחות פון פּוילישן ייִדנטום, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז ייִדן דאַרפן בויען זייער אייגן לאַנד. איצט, אין רעטראָספּעקציע, זעען מיר עס איין. אָבער מיר זיינען געווען אָרנטלעך לגבי זיך און אונדזער ווילן צו בויען אַ שיינע און גערעכטע וועלט. דעריבער טאַקע האָבן די פּראָגראַמען פון „מיידים“ געהאַט אַזאַ גרויסן דערפאָלג. מיר האָבן אויך געלערנט אונדזערע באַזוכער ליב צו האָבן אַ גוט ייִדיש טעאַטער. מיר האָבן שטענדיק געטראָפן אין פּינטל, ווען מיר האָבן געמיינט, און דער עולם איז געווען מיט אונדז מסכּים. עס האָבן אונדז באַזוכט אויך די, וועמען מיר האָבן מיט בייסיקער סאַטירע אויסגעלאַכט.

ביי די וואָס געדענקען אים, איז דער „מיידים" פאַרבליבן דער סימבאָל פון קולטורעלן ייִדישן טעאַטער, אַ בכּבודיקע פּאָזיציע אין דער קולטור־געשיכטע פון דער ייִדישער ווילנע.

*

דעם 15טן יוני 1941, אַ וואָך פאַרן היטלעריסטישן אָנפאַל אויפן ראַטן־פאַרבאַנד, האָבן די סאָוועטן גענומען אַרויספירן אויף סיביר די „אומגעוווּנטשענע עלעמענטן", ווי עס האָט ביי זיי געהייסן. מען האָט אַרויסגעפירט אַ סך ליטווינער און ייִדן. אויך מיין קוזין חיים־יענקל פון מאַליאַט האָט מען אַרויסגעפירט. ער האָט אַ סך יאָרן געאַרבעט אין דער קאָוונער ביר־פאַבריק פון וואָלף־ענגעלמאַן. געווען אַ שטילער מענטש און זיך ניט געמישט אין פּאָליטיק.

אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, בעת ליטע האָט געקעמפט פאַר איר אומאָפּהענגיקייט, איז מיין קוזין געווען אַ זעלנער אין דער ליטווישער אַרמיי און געקעמפט פאַר אַן אומאָפּהענגיקער ליטע.

שפּעטער, ווען ליטע איז געוואָרן אַן אומאָפּהענגיקע מדינה און דער פּרעזידענט איז געוואָרן סמעטאָנאַ, האָבן די ליטווישע נאַציאָנאַליסטן אָנגעהויבן אַ פּראָפּאַגאַנדע קעגן די ייִדן, אַז זיי האָבן ניט אָנטיילגענומען אין די שלאַכטן פאַר ליטעס אומאָפּהענגיקייט. סמעטאָנאַ האָט דאַן געגעבן אַ צייכן די ייִדן זיי זאָלן זיך אָרגאַניזירן אין אַ פאַרבאַנד פון געוועזענע ייִדישע קעמפער פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון ליטע. עס האָט זיך אָרגאַניזירט אַזאַ פאַרבאַנד און מיין קוזין איז דאָרטן געווען דער סעקרעטאַר. צוליבן דאָזיקן „חטא" האָבן אים די סאָוועטן אַרויסגעפירט צוזאַמען מיט זיין פרוי און דריי קליינע קינדערלעך.

אים האָט מען צעשיידט מיט זיין משפחה און ער איז געשטאָרבן אין אַ לאַגער. זיין פרוי מיט די קינדער האָט מען אָוועקגעפירט אין אַן אַנדער אָרט, ווו די פרוי איז געשטאָרבן פון הונגער, און די קינדער זיינען געבליבן יתומים. נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן זיי גוטע מענטשן געבראַכט קיין ישראל, ווו זיי האָבן זיך איינגעאָרדנט און פאַרלייגט משפּחות.

פון ווילנע האָט מען אַרויסגעפירט אַ סך ייִדן. צווישן זיי דעם קאָנפעקציע־סוחר פון דייטשע גאַס, בצלאל נאָז. בעת ס׳איז געקומען נ.ק.וו.ד. אים אַרויסצופירן, איז דייטשע גאַס געווען פול מיט ייִדן און בצלאל נאָז האָט אַרויפגייענדיק אויף דעם לאַסטאויטאָ אויסגערופן: „בעסער געבן סטאַלינען די שליסלען, איידער היטלערן דעם קאָפּ!"

ער האָט זיך נאָך דער מלחמה אומגעקערט פריש און געזונט פון פאַרשיקונג און האָט אָנגעהויבן זיין לעבן פון דאָס ניי.

## איך אַנטלויף פון ווילנע

ווי געזאָגט, האָב איך נאָכן אומקערן זיך אין טעאַטער־לאָקאַל געפונען אַ צעטעלע פון מיין טאַטן, וווּ ער שרייבט, איך זאָל וואָס גיכער אַנטלויפן פון ווילנע, ווייל מען וועט מיך זיכער אַרעסטירן. איך בין גיך אַוועק אַהיים און געפונען אונדזער וווינונג פאַרשלאָסן. כ׳האָב פאַרפּאַקט די סאַמע נייטיקסטע זאַכן, איבערגעלאָזן אַ געזעגענונג־בריוול און אַוועקגעלאָפן צו מיין חברטע סאָניע מוסקאָ, מיטן מיין צוזאַמען מיט איר צו אַנטלויפן. זי האָט גלייך מסכּים געווען. אָבער אירע עלטערן האָבן זי ניט געוואָלט אָפּלאָזן, און כ׳האָב שטאַרק זיי געדאַרפט איבערצייגן, אַז זי מוז אויך אַנטלויפן. איך האָב זיי געגעבן מיין ערנוואָרט, אַז איך וועל זי היטן און בין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר איר. סוף־כּל־סוף זיינען זיי מסכּים געווען, און מיר זיינען ביידע אַוועק אין דער ריכטונג פון סמאַרגאָן־מאָלאָדעטשנע. קיין צוגן זיינען שוין ניט געגאַנגען און מיר זיינען געווען געצוווּנגען צו גיין צו פוס. מיר האָבן אויפן וועג אָנגעטראָפן הונדערטער און הונדערטער ייִדישע יוגנטלעכע. ס׳איז געווען אַ הייסער טאָג, שווער צו גיין, אָבער דער דראַנג צו אַנטלויפן פון די דייטשן האָט אונדז געיאָגט פאָרויס. פון צייט צו צייט פלעגן אָפּטרעטנדיקע טיילן פון דער רויטער אַרמיי, אויף לאַסט־מאַשינען אָדער טאַנקען, אַנגעמען קאַמף־פּאָזיציעס און מיר האָבן געמוזט זיך באַהאַלטן אין די דערביי׳קע וועלדער. אַ טייל פון די פּליטים האָט זיך איינגעגעבן אַרויפצוכאַפּן זיך אויף אָפּטרעטנדיקע סאָוועטישע לאַסטאויטאָס. איך און סאָניע האָבן באַוויזן צו דערגיין ביזן

שטעטל לעבעדיעווע, אָבער פלוצלונג דערזען קאָלאָנעס דייטשן און זיינען געווען געצוווּנגען זיך אומצוקערן קיין ווילנע.

אויפן וועג זיינען מיר אַריינגעפאַלן אין סמאָרגאָן אויף אַ פּאָגראָם. מיר האָבן זיך אויסגעבאַהאַלטן אין די ייִדישע הייזער, ווו די פּאָג־ראָמשטשיקעס, אַרטיקע איינוווינער און פון די אַרומיקע דערפער, האָבן שוין געהאַט אַלץ דעמאָלירט און צעראַבעוועט. שפּעטער האָט זיך די לאַגע באַרויִקט. מיר זיינען געווען אַריין צו אַ ייִדישער פרוי מיט עטלעכע קליינע קינדער. איר מאַן איז געווען מאָביליזירט אין דער רויטער אַרמיי. זי האָט אונדז געוויזן שטיקער שאָקאָלאַד, וואָס די באַפעלקערונג האָט צעראַבירט פון די מלוכישע (סאָוועטישע) סקלאַדן. זי האָט דערציילט, אַז פאַרן אָנהייב פון דער מלחמה האָט מען אין סמאָרגאָן ניט אָנגעזען אַ שטיקל שאָקאָלאַד פאַר די קינדער, ס'איז כמעט קיין זאַך ניט געווען צו קויפן, און דאָ זיינען די סקלאַדן געווען אָנגעפּאַקט מיט כּל־טוב...

פון לעבעדיעווע האָבן מיר זיך געלאָזט קיין ווילנע, דער וועג איז געוואָרן זייער ריזיקאַליש. פּוילישע כוליגאַנעס, אויך קאַלכאָזניקעס פון די אַרומיקע קאָלכאָזן, זיינען מיט דער גרעסטער שינאה אָנגעפאַלן אויף די ייִדישע פּליטים, אַרויסגעריסן פון זיי ווערטזאַכן אָדער געלט און פלעגן אויך צולייגן קלעפּ. אונדז האָט אָפּגעגליקט זיך דורכצוגנבענען פאַרביי די כוליגאַנעס. מיר פלעגן גיין מיט אַרומיקע וועגן און בשלום דערגרייכט ווילנע.

געקומען אַהיים, האָט זיך דער טאַטע דערפרייט מיט מיר און פון דער צווייטער זייט באַדויערט, וואָס כ'האָב זיך אומגעקערט... איך בין געזעסן אין שטוב, געווען פאַרטאָן אין לייענען דעם חומש, אין יהואָשעס איבערזעצונג. אין איין פרימאָרגן זיינען געקומען צו אונדז עטלעכע ליטווישע פּאָליציאַנטן און קאָנטראָלירט מיינע דאָקומענטן. זיי האָבן געזוכט אַ בורגין, אַ שאָולער, וואָס איז געווען פאַר די סאָוועטן דער ממונה איבער אַלע טראַנספּאָרט־מיטלען אין ליטע, און מיך אַרעסטירט. איך האָב מיטגענומען מיט זיך דאָס געלט פון „מיידים", וואָס איז ביי מיר געבליבן, מיין האַנט־זייגערל און נאָך עטלעכע ווערטפולע זאַכן. זיי האָבן מיך געבראַכט אין קאָמיסאַריאַט און פאַרשפאַרט אין אַ באַזונדערן קאַרצער.

מיט מיר איז דאָרטן געזעסן אַ פּוילישער יוגנטלעכער. ער האָט מיר דערציילט, אַז בעת די סאָוועטישע אַרמיי איז אָפּגעצויגן פון ווילנע, האָבן זיי איבערגעלאָזן אַ סך ביקסן. די פּאָליאַקן האָבן עס געכאַפּט און באַהאַלטן. די פּאָליציי האָט אים אַרעסטירט נאָך דעם ווי מען האָט ביי אים אונטערן שטרויזאַק געפונען אַ פּאָר ביקסן. מיך האָבן זיי געפּאָרשט, צוגענומען אַלץ וואָס כ׳האָב ביי זיך געהאַט. איך האָב אַ ביסל פאַרשטאַנען ליטוויש און געהערט ווי איין ליטווינער זאָגט צום צווייטן, אַז איך בין ניט דער מענטש, וואָס זיי זוכן. צום סוף האָט מען מיך אין אַ טאָג אַרום באַפרייט, אָפּגעגעבן מיר אַלע מיינע זאַכן און דאָס געלט.

קומענדיק אַהיים האָב איך מיט אַלע מיטלען זיך געמיט צו צעטיילן דאָס געלט די חברים, וואָס זיינען געווען אויף גאַסטראָלן און דערנאָך בין איך ווידער געזעסן אין שטוב. סאָניע פלעגט פון צייט צו צייט קומען צו מיר. ס׳איז געווען אַ ריזיקע צו גיין איבער די גאַסן. ס׳האָבן זיך באַוויזן ליטווישע, אַזוי גערופענע „כאַפּונעס”. זיי פלעגן פאַרהאַלטן ייִדישע מענער, הייסן נעמען אַ האַנטעך מיט אַ שטיקל זייף און אַוועקגיין מיט אים. אויף אַזאַ אופן פלעגן זיי יעדן טאָג אויפנעמען, ווי מען האָט גערעכנט, ביי הונדערט ייִדן. שפּעטער האָט מען זיך דערוווּסט, אַז זיי פירן אַוועק די געכאַפּטע אויף פּאָנאַר און דערשיסן...

די סאָוועטן האָבן ביי דעם באַלעבאָס פון אונדזער הויף בוקשטעלסקי, אַלץ קאָנפיסקירט, באַציאָנאַליזירט זיין הויז. ווען עס זיינען געקומען די דייטשן, האָט ער געזאָגט צו מיין טאַטן, אַז איצט וועט ער צוריק ווערן באַלעבאָס. מיין טאַטע האָט אים געענטפערט, ער זאָל ניט לייגן קיין גרויסע האָפענונגען אויף דעם...

אין דער צייט פון די „כאַפּונעס” איז געגאַנגען הרב פרידס זון אין אונדזער ראַיאָן קלייבן אונטערשריפטן אויף אַ פּעטיציע, מען זאָל ניט כאַפּן קיין ייִדן פון די גאַסן. אין אונדזער הויף האָבן אים באַגעגנט אַ פּאָר דייטשן און איבערגעגעבן געסטאַפּאָ. ער האָט זיך שוין ניט צוריק־געקערט. אויך צו אונדזער באַלעבאָס זיינען געקומען די „כאַפּונעס” און האָבן אים אַוועקגעפירט אויף פּאָנאַר...

די ליטווישע פּאָליציי האָט מיך מיטן טאַטן מאָביליזירט אויף אַרבעט

ביים פליפלאַץ אויף פּאַרובאַנעק. הונדערטער מעטערס צעזעגטע האָלץ האָט מען געדאַרפט אַריבערטראָגן אויפן פליפלאַץ. דייטשע סאָלדאַטן פלעגן אַרויפלייגן אויף יעדן פון אונדז שווערע שטיקער האָלץ און מיר האָבן געדאַרפט לויפנדיק אין איין אָטעם עס אַריבערטראָגן. איך פלעג צונעמען פון מיין טאַטן די אַנגעלאָדענע אויף זיין קאַרק שטיקער האָלץ און עס אַריבערטראָגן, אָבער די דייטשן פלעגן אים ווידער באַלאָדן מיט האָלץ און הייסן לויפן. אַזוי זיינען אַריבער עטלעכע טעג, ביז מען האָט אונדז געמאָלדן, אַז דעם 6טן סעפּטעמבער 1941 דאַרפן אַלע ייִדן אַריינגיין אין געטאָ. מיר האָבן פּאַרפּאַקט די זאַכן, וואָס איז דערלויבט געווען מיטצונעמען מיט זיך. עס איז געקומען צו מיין טאַטן די געוועזענע סאָוועטישע פּאַרוואַלטערין פון אונדזער ראַיאָן און געבעטן, איר אָפּגעבן אַלע שטאָפן און קאָסטיומען, וואָס די קלִיענטן האָבן איבערגעלאָזן. די דייטשן וועלן עס במילא צונעמען. מיין טאַטע האָט איר אָפּגעזאָגט, מאָטיווירנדיק, אַז דאָס זיינען ניט זיינע זאַכן און ער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיי. פאַרן גיין אין געטאָ האָט דער טאַטע דאָס געוואָלט איבערלאָזן ביי אַ קריסטלעכער שכנה, אָבער יענע האָט זיך אָפּגעזאָגט עס צו נעמען.

## אין געטאָ

דעם 6טן סעפּטעמבער 1941 אין דער פרי האָבן זיך אַלע אָנגעהויבן קלייבן צו גיין אין געטאָ. כאָטש מיר האָבן געלעבט אין אַ קריסטלעכן ראַיאָן, האָבן זיך דאָך צונויפגעקליבן ביי עטלעכע הונדערט ייִדן מיט פּעק. די ליטווישע פּאָליציי האָט געגעבן אַ קאָמאַנדע זיך צו רירן אין וועג. מיין שוועסטער בלומע האָט אָנגעהויבן שרייען: „ייִדן, לאָזט ניט אַראָפּ די קעפּ! זייט שטאָלץ ביי זיך, ווייל די שאַנדע איז פאַר זיי!"

מיט שוועריקייטן, מיט די פּעק אויף די פּלייצעס האָבן מיר זיך דערקליבן צו דער געטאָ, וואָס אויף רודניצקער גאַס.

אין געטאָ זיינען שוין די גאַסן געווען פול מיט ייִדן, און אין די הייזער איז שוין שווער געווען צו געפינען אַן אָרט. גייענדיק איבערן גאַס, האָב איך אָנגעטראָפן מיין חברטע סאָניע מוסקאָ. זי האָט זיך זייער דערפרייט

און פֿאַרגעלייגט, מיר זאָלן זיך אַריינקלייבן צו זיי אין דירה, וואָס איז געבליבן אין די גרענעצן פֿון געטאָ, אויף שפּיטאַלנע 2. אַזוי האָבן מיר זיך איינגעקוואַרטירט ביי סאַניען. אַגב, איז מיין טאַטע מיט איר טאַטן געווען אַ מאָל חברים. ביי זיי איז געווען אַ גרויסער סאַלאָן און נאָך דריי קלענערע צימערן מיט אַ גאַר קליינער קיך, אַ פֿאַרשוואַרצטע פֿון רויך. מיר האָבן פֿאַרנומען אַ ווינקל פֿון סאַלאָן און געשלאָפֿן אויף דר׳ערד — מיין טאַטע, בלומע, די קליינע שפּרהלע און איך. מיין ברודער מאיר מיט זיין פֿרוי חנה האָבן זיך איינגעאָרדנט ערגעץ אַנדערש ווו.

יום־כּיפּור, דעם 1טן אָקטאָבער 1941, האָבן אָנגעהויבן גיין איבער אַלע הייזער שליחים פֿון דער געטאָ־פּאָליציי, צווישן זיי אויך עלטערע ייִדן, און אָנגעזאָגט, אַז ס׳איז פֿאַראַן אַ פֿאַראָרדענונג פֿון יודנראַט, אַז די, וועלכע האָבן ניט קיין אַרבעטשיינען, זאָלן אַריבערגיין אין דער צווייטער געטאָ. און מיט כּח אָנגעהויבן צווינגען צו גיין אַהין. איך האָב אָנגעזאָגט מיין טאַטן און בלומען, זיי זאָלן זיך ניט רירן פֿון אָרט. איך בין אַריין אויף אַ ווילע אין אַ צווייטן צימער. האָט מיין שוועסטער ניט אויסגעהאַלטן די דראָונגען פֿון די שליחים און זייענדיק אַ פּרינציפּיעלע, איז זי מיטן טאַטן און שיפֿרהן מיט זייערע פּעקלעך אַוועק צום געטאָ־טויער, בכדי צו גיין אין דער צווייטער געטאָ. אַזוי האָבן מיר זיך צעשיידט. עס האָט זיך אויף מאָרגן אַרויסגעוויזן, אַז מען האָט די דאָזיקע פֿאַרזאַמלטע ביים טויער ניט אָפּגעפֿירט אין דער צווייטער געטאָ, נאָר דירעקט אין לוקישקער טורמע. דאָס איז געווען אַ טריק פֿון דער ייִדישער פּאָליציי. פֿון לוקישקער טורמע האָט מען אַלעמען אָפּגעפֿירט אויף פּאָנאַר.

ס׳איז נאָך דעמאָלט ניט קלאָר געווען, וואָס פּאָנאַר באַטייט. מען האָט גערעדט, אַז דאָרטן געפֿינט זיך אַן אַרבעט־לאַגער. איך האָב געאַרבעט אויפֿן עראָדראָם צוזאַמען מיט אַ גרויסער גרופּע ייִדן פֿון געטאָ. די וואָס האָבן געהאַט געלט, האָבן זיך דערערדט מיט אַ דייטש, אַז פֿאַר אַ גרויסן אָפּצאָל וועט ער גיין אויף לוקישקעס און זיך מיִען צו באַפֿרייען ייִדן. אַ טייל איז אים טאַקע געלונגען צו באַפֿרייען, אַנדערע זיינען שוין געווען אַרויסגעפֿירט אויף פּאָנאַר. ווי פֿרויען האָבן שפּעטער דערציילט, האָט מען אויסגערופֿן אַ נאָמען פֿון אַ פֿרוי צו באַפֿרייען, אָבער זי איז

שוין ניט געווען. האָבן די פרויען פון קאַמער ווו מיין שוועסטער איז געווען, געזאָגט זי זאָל אַרויסגיין אַנשטאָט יענער. אָבער מיין שוועסטער האָט זיך אָפּגעזאָגט אַליין אַרויסצוגיין אָן דער שוועסטערל, שפרה, און אַזוי איז זי מיט דער קליינער אַוועקגעפירט געוואָרן אויף פּאַנאַר... אויך מיין טאַטע האָט זיך ניט צוריקגעקערט. איך האָב זיי פאַרלאָרן אויף אייביק...

ס'איז געווען ווינטער. פראָסטיק, אַ סך שניי. מען האָט געדאַרפט פרי אויפשטיין צו דער אַרבעט אויפן ערָאָדראָם. געפירט האָבן אַהין ייִדישע בריגאַדירן. דער הויפּט-בריגאַדיר איז געווען לייבאָוויטש, געוועזענער באַלעבאָס פון ווילנער לאָמבאַרד. אויפן ערָאָדראָם האָבן געאַרבעט ביי צוויי מיט אַ האַלבן טויזנט מאַן. צו דער אַרבעט האָט מען געדאַרפט גיין טאָג-טעגלעך, אַחוץ זונטיק, בערך אַ 15 ק״מ הין און צוריק. אויפן וועג אַהין, אויף ראַדונסקע גאַס, האָב איך איין מאָל באַמערקט, ביי אַ הילצערן הויז שטייט אַן אַלטינקע קריסטין און לייגט פאַר ברויט צום פאַרקויפן. איך האָב זיך מיט איר פאַרשטענדיקט און יעדן טאָג געקויפט ביי איר אַ 20—25 ק״ג ברויט, וואָס זי פלעגט באַקן. ביים צוריקקערן זיך פון דער אַרבעט, פלעג איך דאָס ביי איר אָפּנעמען, אַריינלייגן אין אַ זאַק און שלעפן אויף זיך אין געטאָ. מען האָט נאָך געמעגט אַריינטראָגן פּראָדוקטן. און אַזוי, גייענדיק צו דער אַרבעט מיט דער גרופּע, פלעג איך זיך אָפּטיילן און אַריינגיין צו דער קריסטין. זי פלעגט מיר געבן אומזיסט אַ גלאָז קאַווע מיט אַ שטיקל ברויט, און כ'פלעג ביי איר באַשטעלן דעם נויטיקן סכום ברויט. ס'האָט געטראָפן, אַז כ'האָב ניט געהאַט קיין געלט צו באַצאָלן, פלעגט זי מיר געבן אויף באָרג. ווען כ'האָב זי אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז איך ווייס ניט וואָס מאָרגן קען זיין, פלעגט זי זאָגן, אַז זי האָט ניט קיין מורא טאָמער וועל איר ניט באַצאָלן... די אַלטיטשקע האָט געלעבט מיט אירן אַ זון, וואָס האָט זיך גוט באַצויגן צו מיר.

סאָניעס טאַטע האָט געהאַט ביז דער מלחמה אַ געשעפט פון שרייב-מאַטעריאַלן. האָט ער באַוויזן איבערצוטראָגן די איבערגעבליבענע סחורה אין געטאָ: בלייערס, מעקערס און אַנדערע שרייב-מאַטעריאַלן. ער האָט

מיך געבעטן, איך זאָל ביי דעם זון פון דער אַלטיטשקער זיך דערוויסן, צי מען קען עפּעס פאַרקויפן. כ׳האָב זיך דעררעדט מיט אים, און ס׳איז אַוועק אַ „געשעפט״. פאַרקויפט די קלענערע זאַכן, האָב איך אים געוויזן מוסטערן פון גאַר גרויסע מעקערס. ער האָט מיר געזאָגט, אַז מען קען פאַר זיי נעמען צו 5 רובל אַ שטיק. סאָניעס טאַטע האָט ניט מסכּים געווען אויפן פּרייז, באַטאַנענדיק אַז אין אַ יאָר אַרום וועלן די מעקערס האָבן אַ גרעסערן ווערט, און ער וועט עס איצט ניט פאַרקויפן... ער האָט זיך ניט פאַרגעשטעלט וואָס עס קען געשען אין אַ יאָר אַרום, ניט זייענדיק זיכער מיטן מאָרגעדיקן טאָג. נאָך אַ סך אַרויספירונגען פון געטאָ איז געווען אַ געוויסע צייט מער־וויייניקער רויק, האָט ער זיך פאַרגעשטעלט, אַז אַזוי וועט מען דערלעבן די גאולה... צום גרויסן באַדויערן האָט ער זיך גענאַרט. בעתן ליקווידירן די געטאָ האָט מען אים מיט זיין משפּחה אַרויסגעפירט צום טויט...

סאָניעס טאַטע איז געווען אַ ספּעציאַליסט פון פאַררעכטן פילפעדערס. פון יודנראַט פלעגט מען אים שיקן פעדערס צום פאַרריכטן. זיצנדיק ביי דער אַרבעט פלעגט ער אָפט זיך אַליין שילטן, ווען די אַרבעט איז ניט געגאַנגען און זאָגן צו זיך: „די הענט זאָלן דיר אָפּדאַרן״, אָדער „ס׳ט געדאַרפט צעברעכן די הענט מיט די פיס, איידער האָסט עס אָנגעהויבן פאַררעכטן״... אָבער צום סוף פלעגט ער גוט פאַרריכטן און באַקומען פאַר זיין טירחה באַצאָלט.

סאָניעס מאַמע פלעגט לייענען שלום־עליכמען און געקענט גאַנץ „טביה״ אויף אויסנווייניק. ביי זיי איז געבליבן נאָך פון פאַר דער מלחמה אַ געל הינטל מיטן נאָמען „רודקע״, וואָס פלעגט שלאָפן ביי דער אַלטער אין בעט. בעת די אַבלאַוועס פלעגט ער זיך פאַרגראָבן אינעם בעטגעוואַנט און ניצול ווערן.

צוריק פון דער אַרבעט פלעג איך אָפט אויך איינקויפן רינדפלייש אָדער גריינס, וואָס איך פלעג פאַרקויפן אין געטאָ און האָבן צו לעבן. אויך ברויט פלעג איך פאַרקויפן מיט אַ ביסל ריווח. אַ געוויסן טייל פּראָדוקטן פלעג איך אַוועקגעבן פאַרן אייגענעם פּרייז. קודם־כּל פאַר סאָניעס מאַמען.

ביי אונדז אין שטוב האָט געלעבט אַ געוועזענער אינספּעקטאָר פון

די שולן אין קאָוונע, אַ הויכגעוויקסיקער מאַן. ער פלעגט פון געטאָ ניט אַרויסגיין און האָט זיך געמאַטערט מיטן קיום. איך האָב אים איין מאָל געבראַכט אַ קילאָ רויטע בוריקעס. ער האָט עס אויסגעקאָכט אָן זאַלץ און אָן פעטס און אויפגעגעסן. ווען כ'האָב אים געפרעגט, צי ער האָט זיך פון דעם אַ ביסל דערזעטיקט, האָט ער געענטפערט, אַז דאָס איז אים גלייך אַראָפּ אין די פיאַטעס און אין בויך איז קיין זאַך ניט געבליבן...

אַזוי ווי סאָניעס מאַמע איז געווען אַ ביסל פרום, האָט זי מיך געבעטן ברענגען אויף ראש־השנה אַ לעבעדיקע הון און זי וועט עס שחטן ביי אַ שוחט אין געטאָ. איך האָב עס איר צוליב געטאָן און געבראַכט די הון אין אַ גרויסער קעשענע אויפן אונטערשלאַק פון מאַנטל. איך האָב איר אויך געבראַכט פּרעכטיקע מערן אויף אַ צימעס...

אין אַ געוויסער צייט אַרום האָט מען פאַרווערט אַריינצוטראָגן אין געטאָ עסנוואַרג. די ייִדישע פּאָליציי ביים טויער מיטן אָנפירער לעוואַס בראַש האָט קאָנטראָלירט די וואָס האָבן זיך צוריקגעקערט פון דער אַרבעט. עס פלעגן אויך קאָנטראָלירן די ליטווישע פּאָליציאַנטן, וואָס ביים טויער. עס פלעגט שטיין ביים טויער אויך דער ממונה איבערן געטאָ פון געביטס־קאָמיסאַר, דער אַכזר מורער. אויך לעוואַס איז געווען ניט בעסער פון אים. ער איז געווען פון שאַוול, ליטע, אַ גרויסער מנוול, וואָס האָט געוואָלט נושא־חן זיין ביי די היטלעריסטן...

כ'האָב אין אַ געווויסן טאָג געבראַכט מיט זיך צום פאַרקויפן אַ האַלבן קילאָ פּוטער. כ'האָב עס גוט באַהאַלטן, אָבער לעוואַס האָט עס געפונען און קאָנפיסקירט. ער האָט געגעבן קלעפּ און אָפּגעפירט מיך און נאָך אַנדערע אין דער געטאָ־טורמע אויף לידסקע גאַס. מען האָט אונדז דאָרטן געהאַלטן ביז פאַרנאַכט און דערנאָך אַרויסגעלאָזן.

די ייִדישע טויער־פּאָליציי האָט זיך צו מאָל באַצויגן ערגער ווי די ליטווישע. ביי אונדז אין וווינונג האָט געלעבט אַ ייִד זעלמאַנאָוויטש מיט אַ 9־יעריק טעכטערל. ער פלעגט גיין צו דער אַרבעט און די קליינע פלעגט פירן די ווירטשאַפט — אויסקאָכן, וואַשן, ראַמען. פון צייט צו צייט פלעגט ער זיך אַרויסכאַפּן פון געטאָ אויפן דערבייִיקן מאַרק און איינקויפן פּראָדוקטן. האָט אים איין מאָל געכאַפּט אַ ייִדישער פּאָליציאַנט און צו־

געזומען ביי אים אַלץ וואָס ער האָט געקויפט, דאָס אַריינגעוואָרפן אין דערביייִקן סקלאַד און אים מכבד געווען מיט קלעפּ. דער דאָזיקער ייִד האָט זיך ניט באַרויִקט, איז צוגעגאַנגען צו אַ ליטווישן פּאָליציאַנט און געבעטן אים אומקערן די פּראָדוקטן. דער ליטווינער האָט אים אַריינגעפירט אין סקלאַד, געהייסן נעמען די פּראָדוקטן און אים אַריינגעפירט אין געטאָ.

גאַנץ אָפט, בעת די קאָנטראָלן ביים געטאָ־טויער, ווען עס פלעגט שטיין מורער, האָב איך געזען שטיין אַנטקעגן געטאָ די ליטווישע פרוי פון ייִדישן פּאָליציי־שעף יעקב גענס, וואָס פלעגט זיך צוקוקן מיט אַ שמייכל צו דעם ספּעקטאַקל ביים טויער. מיט איר פלעגט שטיין איר קליין טעכטערל. וועגן יעקב גענס זיינען געווען פאַרשיידענע מיינונגען. איך האָב איין מאָל אים געזען פאַרבייגיין ביי אַ פאַרטער־פענצטער אין געטאָ, ווו ס'איז געשטאַנען אַ פלאַש מיט בוימל. ער האָט אָנגעקלאַפּט אין פענצטער און פאַראָרדנט מען זאָל די פלאַש צונעמען. צוריקגייענדיק האָט ער געזען שטיין די זעלבע פלאַש. ער האָט ווידער אָנגעקלאַפּט אין פענצטער און געהייסן אים ברענגען די פלאַש. מען האָט עס אים געבראַכט און ער האָט גלייך אויסגעגאָסן דעם בוימל אין רינשטאָק. ער איז געווען אַן אָפיציר אין דער פאַרמלחמהדיקער ליטווישער אַרמיי און זיכער געקאָנט זיך ראַטעווען ביי ליטווינער. אָבער ער האָט באַשלאָסן צו ווערן דער ממונה איבערן געטאָ און געקלערט, אַז ער וועט טאָן אַלץ צו ראַטעווען ייִדן. ווי ער פלעגט זאָגן, פלעגט ער זיך דינגען מיט געסטאַפּאָ וועגן דער צאָל ייִדן, וואָס זיי האָבן געפאָדערט צו שיקן צום טויט, און אין געוויסע פאַלן האָט זיך אים איינגעגעבן צו פאַרקלענערן די געפאָדערטע צאָל. גלייכצייטיק האָט ער געקלערט, אַז דורך איבער־געגעבענער אַרבעט פאַר די דייטשן וועט מען ראַטעווען די געטאָ. ער האָט איינגעפירט אַ שטאַרקע דיסציפּלין און געזאָרגט וועגן האַלץ אויף ווינטער, ריינקייט. דער יודנראַט האָט אויך געזאָרגט וועגן קולטור־לעבן אין געטאָ.

פאַר דער ליקווידאַציע פון געטאָ האָט דער געביטס־קאָמיסאַר פאַררופן צו זיך אין קאַבינעט גענסן און נאָך אַ קורצן ווערטער־אויסטויש אים

דערשאָסן. אין געטאָ האָט מען גערעדט, אַז דער פאַרטרעטער פון גענסן, דעסלער, האָט אים געמסרט, אַז ער, גענס, לאָזט אַרויס ייִדן פון געטאָ אין די וועלדער צו די פּאַרטיזאַנער. די פ.פ.אָ.־חברים זיינען טאַקע אַרויסגעגאַנגען פון געטאָ אין וואַלד מיט דער שטילער הסכמה פון גענסן.

אין אָקטאָבער 1941 האָט זיך אָנגעהויבן דער ענין מיטן אַרויסגעבן „געלע שיינען". אין ערשטן געטאָ זיינען געווען איבער 30 טויזנט ייִדן און שיינען האָט מען געהאַט בדעה אַרויסצוגעבן בלויז פאַר פאַכלייט אויף די אַרבעטס־ערטער אין זייער אַ באַגרענעצטער צאָל. יעדער באַזיצער פון אַ געלן שיין איז געווען באַרעכטיקט צוצושרייבן אַ פרוי (אָדער מאַן) און 2 קינדער.

איך האָב באַקומען אַ געלן שיין און צוגעשריבן מיין חברטע סאָניע אַלס פרוי. זי איז געווען מיין חברטע נאָך פון דעם שול־דראַמקרייז אָן. מיר פלעגן שפּילן סצענקעס און אַקטן פון פאַרשיידענע פּיעסעס, ווו מיין פּאַרטניאָרשע איז געווען סאָניע. אַ שיין מיידל, שלאַנק, אַ ספּאָרטס־מענקע. איך האָב זיך שטילערהייט געליבט אין איר אָן איר וויסן... נאָכן ענדיקן די פּרוג־שול, האָט סאָניע אַ געוויסע צייט געאַרבעט אין אַ געשעפט פון עלעקטרישע מכשירים אַלס פאַרקויפערין און דערנאָך איז זי אַריבער אַרבעטן צו איר פאָטער אין פּאַפּיר־געשעפט, וואָס האָט זיך געפונען אין בנין פון די אַזוי גערופענע „טראָקער באַלוואַנעס". ביים פראָנט פון מויער איז געווען אַ באַלקאָן, וואָס אים האָבן אונטערגעהאַלטן צוויי סקולפּטורן, אַ"ג אַטלאַנטן. האָט מען זיי פאַלקסטימלעך גערופן „די טראָקער באַל־וואַנעס". סאָניעס פאָטער איז אויך געווען אַ שותף צו אַ ליניר־פאַבריק פון העפטן, ווו עס האָט געאַרבעט אַ שיינער בחור פון פינסק, משה בורמאַן. זיינע עלטערן האָבן דאָרטן געהאַט אַ פאַבריק פון ווורשט. ער האָט זיך באַפריינדט מיט סאָניען און זיי האָבן אַפילו באַשלאָסן חתונה צו האָבן. אָבער דאָ האָט מען אים מאָביליזירט אין דער פויליש־דייטשער מלחמה. ער האָט זיך פון דער מלחמה ניט צוריקגעקערט. לויט אַלע סימנים איז ער אַריינגעפאַלן צו די דייטשן אין געפאַנגענשאַפט.

נאָך פאַר דער מלחמה פלעג איך זיך חברן מיט משהן און סאָניען. מיר פלעגן זיך פון צייט צו צייט טרעפן. אַז ס'זיינען אַריין די סאָוועטן

האָב איך זיך גענומען מער חברן מיט סאָניען. מיר פלעגןביידע פאַר־ברענגען צוזאַמען, ביז זי האָט מיר פאַרגעלייגט חתונה צו האָבן. איך בין געווען גרייט אָבער מיט איין באַדינג, אַז פון מיינע פאַרדינסטן דאַרף איך העלפן דעם טאַטן. זי האָט מסכים געווען, און מיר האָבן גענומען זוכן אַ צימער און טאַקע געפונען אין אַ דירה אויף זאַוואַלנע גאַס. דער אויסבראָך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט צעשטערט אונדזערע פּלענער. איצט, אין געטאָ, זיינען מיר געוואָרן מאַן און פרוי, ווען דער טויט איז געהאַנגען איבער אונדז טאָג־טעגלעך. סאָניעס מאַמע האָט געוואָלט, מיר זאָלן ניט אַנדערש מאַכן אַ כתובה ביי אַ רב. איך האָב גענומען אַ לעבל ברויט, געשטעלט אַ חופה ביי אַ רב, און אַזוי זיינען מיר געוואָרן כדת וכדין מאַן און ווייב.

בדרך כלל האָבן מענטשן אין געטאָ געהאַנדלט מיט די „געלע שיינען". אַנדערע האָבן געפאָדערט צענדליקער טויזנטער רובל פאַרן צושרייבן עמעצן. מענטשן האָבן געצאָלט, בכדי צו ראַטעווען דאָס לעבן, ווייל ווי מען האָט גערעדט, זיינען עס געווען שיינען וואָס גאַראַנטירן דאָס לעבן. איידער מיר האָבן געמאַכט די כתובה, האָט מען געדאַרפט דורך נאַכט זיך רעגיסטרירן אין דער געטאָ־פּאָליציי. מיר זיינען מיט סאָניען אַוועק אַהין. ביים רעגיסטרירן איז דאָרטן געזעסן אונדזערע אַ חברטע, וואָס האָט געלערנט צוזאַמען מיט סאָניען. זי האָט קאַטעגאָריש געפאָדערט אַ כתובה און זיך אָפּגעזאָגט אונדז צו רעגיסטרירן. איך האָב געבראַכט די כתובה פון מיין יינגערן ברודער, נאָך פון פאַרן געטאָ, און צוגעגאַנגען צו אַ צווייטן טיש, ווו מען האָט אונדז אָן שוועריקייטן צוגעשריבן...

## די געלע שיינען

אַ באַזונדער קאַפּיטל איז געווען דאָס באַקומען אַ „געלן" שיין. די בריגאַדירן פון אונדזער אַרבעט־איינהייט האָבן צוגעשטעלט אַ רשימה פון 70 פאַכלייט אויף צו באַקומען אַ „געלן" שיין. די קאַנדידאַטן האָבן ניט געוווסט וועלכן פאַך מען האָט זיי צוגעשריבן, ווייל אַ סך זיינען בכלל געווען אָן פאַכן. די בריגאַדירן האָבן די רשימה צוגעשטעלט

דעגענערן, דעם באַלעבאָס פון אונדזער איינהייט אויפן עראָדראָם. דעגענער האָט געהאַט זיין ווינונג און קאַנצעלאַריע ניט ווייט פון עראָדראָם, אין אַ קליינעם מאַיאָנטעק, וואָס האָט געהערט צו אַ פּריץ. פאַר די „געלע" שיינען האָבן אים אונדזערע בריגאַדירן צוגעזאָגט צו ברענגען אַ קאַראַ־קולנעם מאַנטל פאַר זיין געליבטער.

אין איינעם אַ פרימאָרגן פון אָקטאָבער 1941 האָט אונדז דעגענער אויפגעקליבן לעבן זיין וועראַנדע און געזאָגט, אַז ער וועט אונדז אַרויסגעבן די שיינען. ער האָט זיי געהאַלטן אין האַנט און אויסגערופן די פאַמיליעס לויט דער רשימה. יעדערן האָט ער געפרעגט וועלכן פאַך ער האָט, אָבער די גרעסטע טייל האָבן ניט געוווּסט, וועלכן פאַך מען האָט זיי צוגעשריבן. דעגענער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ פיקטיווע רשימה, האָט ער זיך געמאַכט ניט וויסנדיק, געשמייכלט און אַרויסגעגעבן די שיינען. איידער ער האָט באַוויזן אַרויסצוגעבן אַלע 70 שיינען, זיינען די ערשטע, וואָס האָבן שוין באַוויזן צו באַקומען דעם שיין, געשטאַנען פון אַנדער זייט הויז און געטרונקען בראָנפן לכבוד דעם שיין, וואָס גיט רעכט אויף לעבן. צום סוף, ווען דעגענער האָט געענדיקט אויסטיילן די שיינען, האָט ער אָנגעשטעלט זיין פיסטאָלעט אויף אונדז און געזאָגט: „איך צייל ביז דריי. ווער עס וועט בלייבן פאַרן טויער, וועל איך שיסן ווי אַ הונט!" דער טויער פון זיין וועראַנדע איז געווען בערך אַ הונדערט מעטער. איידער ער האָט נאָך באַוויזן צו ענדיקן זיין באַפעל, בין איך שוין געווען אויף יענער זייט טויער, און אויך אַלע איבעריקע האָבן באַוויזן צו אַנטלויפן. בלויז איינער, דער פאַבריקמאַכער אילעוויצקי, אַ ייִד פון אַ יאָר פופציק, וואָס פלעגט גייענדיק צו דער אַרבעט עסן רויע קאַרטאָפל און בוריקעס, האָט זיך ניט געאיילט און רויִק געגאַנגען צום טויער. דעגענער איז צו אים צוגעלאָפן מיט אַ נאַגייקע אין האַנט און געפרעגט, פאַר וואָס ער לויפט ניט. האָט אים אילעוויצקי באַרויִק געפרעגט: „מען דאַרף לויפן? איך ווייס גאָרניט פון דעם"... דעגענער האָט אים געגעבן עטלעכע שמיץ איבערן קאָפּ מיט דער נאַגייקע און אָפּגעלאָזט.

נאָכן צעטיילן די „געלע" שיינען, האָבן די דייטשן פאַראָרדנט, אַז אַלע באַזיצער פון די אַ שיינען, מיט זייערע משפחות, אויך באַזאָרגטע

מיט בלויע און ראָזע שיינען פּאָר פרוי און קינדער, דאַרפן דעם 24סטן אָקטאָבער 1941 אַרויסגיין אויף זייערע אַרבעט־פּלעצער, בכדי אָפּצורייניקן די געטאָ פון מענטשן, וואָס האָבן קיין שיינען ניט געהאַט. אין געטאָ איז געוואָרן אַ מורהדיקע בהלה. סאָניעס עלטערן און זייער קוזינע האָב איך איינגעאָרדנט אין אוביקאַציע־צימערל, וואָס לעבן דער קיך. די קיך איז געווען אַ גאָר קליינע און פאַררויכערטע. די מוסקאָס האָבן מיטגענומען אַ טערמאָס הייסן טיי, אַ ביסל עסנוואַרג און איך האָב זיי פאַרמאַכט אין דער אוביקאַציע, פאַרשלאָסן די טיר און פון קיך־זייט אויפגעהאַנגען אויפן טיר בראָטפּאַנען און פאַרשיידענע קיך־געשיר, אַוועקגעשטעלט אַן עמער מיט מיסט... די טירן פון די וווינונגען האָבן געדאַרפט בלייבן אָפן, ניט פאַרשלאָסן. זיצנדיק האָבן סאָניעס עלטערן געהערט ווי אין קיך האָט זיך באַהאַלטן אַ פרוי. ליטווישע פּאָליציי האָבן זי געכאַפּט און געפירט צום זאַמלפּונקט. זי האָט זיי פאַרגעלייגט איר גאָלדענעם זייגער. זיי האָבן עס צוגענומען און איינער פון זיי האָט איר געזאָגט, אַז במילא וועלן באַלד קומען אַנדערע פּאָליציאַנטן און וועלן זי כאַפּן. און אַזוי איז טאַקע געווען. עס זיינען ווידער אַריין פּאָליציאַנטן, זיך אָנגעטרונקען פון די פלעשער שנאַפּס, וואָס זיי האָבן געפונען אין די שאַפּעס, און האָבן די פרוי אַוועקגעפירט צום זאַמל־פּונקט... נאָך דער אַקציע זיינען סאָניעס עלטערן אַרויס פון דער באַהעלטעניש און באַוויזן צו האַלטן זיך אויף דער געטאָ־אייבערפלאַך ביז דער ענדגילטיקער ליקווידאַציע.

ווען איך מיט סאָניען האָבן זיך אומגעקערט פון דעגענערס איינהייט, האָבן מיר אָנגעטראָפן אַ גרויסע גרופּע יידן, געכאַפּטע אין געטאָ, וואָס מען האָט געפירט אויף פּאָנאַר... לויט דער פאַראָרדענונג זיינען מיר אַוועק אין דער שוין לײדיקער צווייטער געטאָ, ווו מיר האָבן זיך אויפגעהאַלטן פון 3טן ביזן 5טן נאָוועמבער, ביז די אַקציע פון די „געלע" שיינען האָט זיך ענדגילטיק געענדיקט.

דעגענערס אַרבעטער האָבן אין געטאָ געלעבט אין אַ ספּעציעלן בלאָק אויף רודניצקער גאַס. אַזוי ווי אַ סך פלעגן דורכלאָזן די אַרבעט, פלעגט ער זיך אַראָפּכאַפּן אין בלאָק און זוכן זיינע אַרבעטער. ער האָט געזוכט

אין די שאַפעס און אונטער די בעטן און געגעבן קלעפּ, ווען ער האָט געפונען באַהאַלטן.

אויפן וועג צווישן דעגענערס קאַנצעלאַריע און עראַדראָם האָבן זיך געפונען סטאָלערײַ־וואַרשטאַטן. דאָ איז געווען דער באַלעבאָס אַ היטלעריס־טישער רוצח, וואָס פלעגט סתם שלאָגן יעדן אָנגעטראָפענעם ייִדן. דאָרטן, אויפן בויהויף, איז געשטאַנען אַ ריזיקע הילצערנע סטאָדאָלע, וואָס האָט געדינט פאַר אַן עסצימער פאַר אַלע דעגענערס אַרבעטער, וואָס פלעגן באַקומען אין דער האַלבער אָפּרו־שעה אַ שיסל וואַסערדיקע זופּ. דעגענער האָט פאַראָרדנט, אַז אין דער הפסקה זאָל קיינער זיך ניט דערוועגן צו גיין האַנדלען אין דאָרף, און ווען ער וועט כאַפּן, וועט ער שיסן אויפן אָרט. ס׳איז געווען ווינטער, אַ קליינע אָדליגע. איך בין געשטאַנען בײַם טויער און געזען ווי עס דערנעענטערט זיך דעגענערס מאַשין. אין דער רגע האָבן זיך פון דער זײַט פון דאָרף אומגעקערט אַ פיר חברה און איך בין צוזאַמען מיט זיי אַרײַן אין דער סטאָדאָלע. ס׳איז שוין געווען נאָכן „מיטאָג״, אָבער עס האָבן זיך נאָך דאָרטן געפונען בײַ אַ הונדערט אַרבעטער. דעגענער איז אַרײַנגעקומען אין סטאָדאָלע, האָט אַרויסגענומען זײַן פּיסטאָלעט, אַוועקגעלייגט אים אויפן טיש און געזאָגט: „ווער עס איז געווען האַנדלען אין דאָרף, זאָל אַרויסגיין צו מיר״. אַ פּאָר פון די פיר חברה זײַנען געווען זין פון די בריגאַדירן. קיינער איז ניט אַרויס. ס׳איז געוואָרן טויט־שטיל. דעגענער האָט ווידער איבערגעחזרט זײַן באַפעל, אָבער אָן דערפאָלג. מיר אַלע האָבן זיך גענומען קאָנצענטרירן צום סוף פון דער ריזיקער סטאָדאָלע, איינער האָט זיך גענומען פאַרשטעקן הינטערן צווייטן. דעגענער האָט גענומען זײַן וואָפן אין האַנט און ווידער איבער־געחזרט זײַן באַפעל. קיינער איז אָבער ניט אַרויס. צווישן אונדז האָט זיך געפונען אַ בחור, באַרקע חייט, פון פאַר דער מלחמה אַ טראַנספּאָרט־אַרבעטער, אַ זייער געזונטער. האָט ער אָנגעהויבן שרײַען צו אונדז, אַז מיר זאָלן ניט מורא האָבן און אַז די שולדיקע זאָלן אַרויסגיין. ווען קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופן אויף זײַן ווענדונג, איז ער אַליין אַרויס פאַרויס און געזאָגט צו דעגענערן, אַז ער איז איינער פון די פאַרשולדיקטע. דעגענער האָט אים צוגערופן צו זיך, געגעבן עטלעכע שמיץ איבערן קאָפּ

און געזאָגט: „ניט דו ביסט דאָרטן געווען, דאָס זיינען געווען אַנדערע. גיי אויף דיין אָרט". דאַן זיינען אַרויס די פיר חברה, וואָס זיינען געגאַנגען אין דאָרף. ער האָט פון זיי צוגענומען דעם געלן שייך, צעריסן אויף שטיקלעך און אין אַ קופּקעלע אַוועקגעלייגט אויפן טיש. דערנאָך איז ער אַוועק. די בריגאַדירן האָבן אויף מאָרגן אויסגעביטן די צעריסענע געלע שיינען אויף בייע.

דעגענער פלעגט יעדן טאָג פאַר דער אַרבעט דורכפירן אַן אַפּעל אין הויף פאַר זיין קאַנצעלאַריע. מיר פלעגן זיך אויסשטעלן אין צוויי שורות, און ער פלעגט אַרויסגיין מיט זיין הינטל אויפן האַנט און מאַכן דעם אַפּעל. ביי דער זייט פלעגן שטיין די אויפזעער איבער אונדז, מונדירטע ציגיינער. בעתן אַפּעל פלעגט דעגענער מאַכן קאָמישע שטיק, פון וואָס אַנדערע פון אונדז פלעגן לאַכן. פלעגט ער זיי באַשטראָפן מיט קריכן אויף אַלע פיר, אין שניי אָדער אין רעגן און פלעגט געבן אויך שמיץ מיט דער נאַגייקע. אויך נאָך דער אַרבעט פלעגט זיין אַן אַפּעל. אין אַ געוויסן טאָג, ווען מיר זיינען געשטאַנען אויפן אַפּעל, האָט ער באַפוילן, אַז די ציגיינער זאָלן אָפּגעבן זייערע אוניפאָרמען און זיך אויפקלייבן אין אַ באַשטימטן אָרט. ס'איז דעמאָלט געווען געקומען אַ באַפעל פון היטלערן צו ליקווידירן די ציגיינער, אַזוי ווי די ייִדן. מער האָבן מיר שוין די ציגיינער ניט געזען.

## איך ווער קראַנק

זומער 1942 האָט מען אונדזער גרופּע באַשעפטיקט ביים אויסברייטערן דעם עראָדראָם. מען האָט געדאַרפט אַראָפּגראָבן און אויסגלייבן בערגלעך. איך פלעג מיט אַ קירקע אַרויפקריכן גאָר הויך אויפן בערגל, האַקן אין דער האַרטער ערד און מיט די אָפּגעהאַקטע שטיקער זיך אַראָפּלאָזן אונטן, ווו עס זיינען געשטאַנען וואַגאָנעטקעס. מען פלעגט זיי אָנלאָדן מיט דער אָנגעהאַקטער ערד און אַוועקפירן. אַזוי האָב איך געאַרבעט אַ גאַנצן זומער ביזן שפּעטן האַרבסט, פלעג זיך אויסטאָן האַלב נאַקעט, אַראָפּנעמען די שיך. אין אַ קילן טאָג האָב איך דערפילט, אַז איך בין קראַנק. אַוועק צום

דאָקטער. ער האָט מיר געזאָגט, אַז איך בין קראַנק אויף אַ שטרענגער נירן־אָנצינדונג, און דאַרף זיך אָפּליגן אין שפּיטאָל. דאָ בין איך אָפּגעלעגן דריי חדשים. מען האָט ביי מיר געזוכט די סיבה פון דער קרענק. געמאַכט מיר איינשפּריצונגען פון זאַלץ. איך האָב געבעטן סאָניען צו פאַרקויפן מיינס אַן אָנצוג און מיר באַזאָרגן מיט ברויט אָן זאַלץ, אַ ביסל צוקער און האָניק. פאַר געלט האָט מען אין געטאָ אַלץ געקאָנט באַקומען. איך בין געווען געשוואָלן. אַרויס פון שפּיטאָל בין איך זייער אָפּגעשוואַכט, האַלב געשוואָלן און זיך גענדאַרפט שטאַרק היטן. שפּעטער, ווען איך בין אַרויס אין פאַרטיזאַנקע, בין איך ווידער געוואָרן געשוואָלן, אָבער צו ביסלעך זיך באַפרייט פון דער קראַנקהייט.

ליגנדיק אין שפּיטאָל האָב איך זיך דערוווּסט, אַז די ווילנער לערערין טעמע כץ איז אַנטלאָפן פון פּאָנאַר און ס׳איז קלאָר געוואָרן וואָס פּאָנאַר באַדייט. מען האָט זי געהיילט אין שפּיטאָל און געהאַלטן געהיים אין אַ ספּעציעלן צימער. דער פעלדשער שער האָט מיר דערציילט, אַז ער גייט אַרום מיט ציאַנקאַלי אין קעשענע. אין שפּיטאָל האָבן געאַרבעט די בעסטע ווילנער דאָקטוירים. איך דערמאָן זיך ווי ד״ר גירשאָוויטש האָט צוגעלייגט פּשוט זיין אויער צו אַ קראַנקן אויף לונגען־אָנצינדונג און געזאָגט: „אָט הער איך דאָס גערויש פון די לונגען, ווי ס׳וואָלט דאָרטן געווען נאָך אַן אַדליגע״... דער באַרימטער מאָגן־דאָקטער גאָרדאָן פלעגט יעדן טאָג מאַכן אַן איבעררייס אין זיין אַרבעט, אַרויסנעמען אַ קליין שטיקעלע ברויט, איינגעוויקלט אין אַ פּאַפּירל. ער פלעגט מיט קליינע ביסנס עס אויפעסן און דערנאָך מיט אַ קליין בערשטעלע אָפּרייניקן די וואָנסן...

איך בין געווען אַ תושב פון ווילנער געטאָ פון ערשטן טאָג און כמעט ביזן סוף. אַלץ איבערגעלעבט אַזוי ווי אַלע געטאָ־יידן. אָבער אַלץ אויסדערציילן, באַשרייבן איז שווער, זייער שווער און איך קאָן זיך ניט פאַרמעסטן אויף דעם. איך פּרוּוו בלויז אַרויסברענגען געוויסע עפּיזאָדן, מער ווייניק כאַראַקטעריסטישע פאַר דער טאָג־טעגלעכער וואָר אין געטאָ, עפּיזאָדן, מיט וועלכע איך האָב זיך דירעקט אָנגעשטויסן.

פון אָנהייב האָב איך דאָ באַזוכט קורסן פאַר שטוב־מאַלעריי, אַ ביסל זיך אויסגעלערנט דעם פאַך און געאַרבעט ווי אַ מאַלער אין מיליטערישן

שפּיטאָל, אין באָטאַנישן אָפּטייל פון אוניווערסיטעט־בנין אויף זאַקרעטאָווע גאַס. איך האָב דאָרטן קודם־כּל געדאַרפט איבערמאָלן אַ צימער מיט נאַרמאַלע פאַרבן, ווייל ער איז געווען געמאָלן דורכויס אין שוואַרץ. כ׳האָב די דאָזיקע אַרבעט געמאַכט לאַנגזאַם. דער שפּיטאָל איז דעמאָלט געווען פאַרפולט פון ברעג ביז ברעג מיט פאַרוואונדעטע דייטשן פון פראָנט. עס האָבן דאָ געאַרבעט נאָך ייִדן ביי פאַרשיידענע אַרבעטן. דער ממונה איבער אונדז איז געווען ניט קיין שלעכטער דייטש. מיטאָגצייט פלעג איך זיך אַרומדרייען ביים צימער פון די שאָפערן, וואָס פלעגן טראַנספּאָרטירן די קראַנקע. זיי פלעגן צו מאָל איבערלאָזן אַ ביסל זופּ אָדער אַ שטיקל ברויט — פלעג איך שטילן דעם הונגער. זיי פלעגן באַקומען פּעקלעך פון דער היים. איין מאָל האָט אַ שאָפער באַקומען פון דער היים אַ טאָרט, וואָס איז שוין געווען אַ ביסל פאַרשימלט, האָט עס מיר דער שאָפער אַוועקגעגעבן. און איך האָב עס אַריינגעבראַכט אין געטאָ. איך האָב אויך באַקומען פון אַ שאָפער אַ גרינע אוגערקע, האָב איך אין געטאָ געגעבן מיינע שטוביקע צו פאַרזוכן. אַן אוגערקע איז אין יענע צייטן געווען אַ זעלטנהייט...

גאָר שלעכט איז געווען די קינדער אין געטאָ. אין אונדזער דירה האָבן געלעבט ביי 30 מאַן, צעטיילט אין עטלעכע משפּחות. צווישן זיי אַ באָבע מיט אַן אייניקל, אַ מיידעלע פון אַ יאָר זעקס. די באָבע האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַן אַריסטאָקראַטישער פרוי. אָפט פלעגט זי איר אייניקל שיין פאַרקעמען, אָנטאָן אַ שלייף, אַ שיין קליידעלע, און פלעגט זי שיקן צו די מוסקאָס אין צימער פרעגן, „וויפל איז דער זייגער?״ דאָס איז געווען אַ צייט־פאַרטרייב פאַר דער קליינער, וואָס איז אַ גאַנצן טאָג געזעסן מיט דער באָבען אין שטוב.

כ׳האָב צופעליק געטראָפן אין געטאָ דעם אָנפירער פון דזשאַז־אָרקעסטער, ראָזנבערג, מיט וועלכן איך האָב זיך געקענט פון קאָוונע. ער האָט פאַרגעלייגט צו שאַפן אַ טעאַטער־גרופּע פון רעווי־פּראָגראַמען. איך האָב אים אָפּגעזאָגט, ווייל איך האָב געהאַלטן, אַז אין געטאָ דאַרף מען זיך ניט פאַרנעמען מיט טעאַטער, איך האָב אים אָבער צוגעזאָגט אויפצוטרעטן מיט אַ פּאָר נומערן אין דער געטאָ־קאַפע, וואָס האָט עקסיס־

טירט אין גרויסן לאָקאַל פון יענקעלעוויטשעס טוך־געשעפט אויף רודניצקער גאַס.

סאָניעס ברודער, יענקל, האָט אין געטאָ זיך געטראָפן מיט אַ חברטע פון זיין געליבט מיידל פון גלובאָק, אַ שטעטל לעבן ווילנע. די חברטע האָט געהייסן זלאַטע, אויך פון גלובאָק. זלאַטע האָט אים דערציילט, אַז זי האָט פשוט ניט קיין דאַך איבערן קאָפּ. האָט ער זי אַרויפגעפירט צו זיך אין וווינונג. מיר האָבן זיך מיט איר באַקענט און איך מיט סאָניען האָבן מסכים געווען צו מאַכן ביי אונדז אין דורכגאַנג־צימער אַן אָרט פאַר זלאַטען צום שלאָפן. זלאַטע האָט זיך איינגעאָרדנט צו אַרבעטן ווי אַן אויפרוימערין און האַלטן נאַכט־דיזשור אין יתומים־הויז אין אַ געוועזענעם בית־כּנסת, וואָס אויף אונדזער הויף. למעשה איז זלאַטע געווען אַ לערערין, אָבער פאַר אַזאַ איז דאָרטן ניט געווען קיין שום פרייער פּאָסטן. זי פלעגט אין די נעכט וואַשן די דילן, העלפן אין קיך און האַלטן אויפזיכט איבער די שלאָפנדיקע קינדער. זי פלעגט זיך אומקערן אין אונדזער צימער אין דער פרי, ווען איך מיט סאָניען זיינען שוין געווען אַוועק אויף דער אַרבעט.

זלאַטע איז געקומען פון גלובאָק קיין ווילנע מיט איר מאַן, מאָניע קאַטשערגינסקי, און זייערן אַ נאָענטן חבר, אויף ראָווערן, ווי פּאָליאַקן מיט וויסרוסישע פּעסער. זי מיט איר מאַן האָבן געדונגען אַ דירה ביי פּאָליאַקן. זי איז געווען אַ שטוביקע און דער מאַן האָט געאַרבעט ווי אַ שלאָסער אין אַ וואַרשטאַט. נאָכן אָפּלעבן אַ האַלבן יאָר אין ווילנע, האָט מען לויטן געזעץ געדאַרפט בייטן די פּעסער אויף ליטווישע. איר מאַן האָט גענומעןביידנס פּעסער און אַוועק איז געהעריקן אַמט דורכצופירן די פּראָצעדור. דער ליטווינער, וואָס האָט דאָרטן אַמטירט, האָט דערקענט, אַז ער איז פון שטעטל דוקשט, אויך פון ווילנער פּראָווינץ. אין דוקשט איז זיין משפּחה געווען אַ קענטיקע. צו זיי האָט געהערט דער טאַרטאַק, די מיל און די עלעקטראָווניע. ער האָט עס געלייקנט, און דער ליטווינער האָט אים געהייסן קומען אין דריי טעג אַרום. ער האָט אים געקאָנט פאַרהאַלטן אויפן אָרט, אָבער ווייזט אויס האָט ער אים געגעבן צייט צו אַנטלויפן. ער האָט עס דערציילט זלאַטען און זי האָט אים געזאָגט

קאַטעגאָריש, אַז מער זאָל ער אַהין ניט גיין. זיי האָבן אַזוי באַשלאָסן, אָבער ניט קוקנדיק אויף דעם, איז איר מאַן ווידער אַוועק אַהין אין עטלעכע טעג אַרום, און מען האָט אים דאָרטן גלייך איבערגעגעבן אין געסטאַפּאָ. זלאַטע האָט באַוויזן צו אַנטלויפן פון שטוב פון די פּאָליאַקן און אַריינקומען אין ווילנער געטאָ אונטערן נאָמען בתיה שניידער.

זלאַטע האָט שיין געזונגען און איך האָב מיט איר צוגעגרייט עטלעכע דועטן און מיר זיינען אויפגעטראָטן אין דער געטאָ־קאַפע מיט גרויס דערפאָלג. עס זיינען געזעסן מענטשן ביי טישלעך און געטרונקען אַ גלאָז טיי מיט אַ שטיקעלע ראָזעווע ברויט, באַדעקט מיט צריבענע רויטע בוריקעס.

אין עטלעכע טעג אַרום איז מען געקומען צו זלאַטען פון דער געטאָ־פּאָליציי און לויטן פאַרלאַנג פון געסטאַפּאָ האָט מען זי אַריינגעזעצט אין דער געטאָ־טורמע אויף לידסקע גאַס. אין געסטאַפּאָ האָבן זיי קענטיק געוווסט איר געטאָ־נאָמען, בתיה שניידער.

נאָך פאַרן אַרעסט איז אין אַ זונטיקדיקן טאָג געקומען צו איר דער יידישער בריגאַדיר פון דער גרופּע, וואָס האָט געאַרבעט אין געסטאַפּאָ און זיך אָנגעגעבן פאַר אַ גלובאָקער תושב פון פאַר דער מלחמה. זלאַטע האָט געצווייפלט, צי ער איז פון איר שטעטל, ווייל זי האָט אַזאַ ניט געקענט. איך האָב געוואונקען צו זלאַטען, זי זאָל ניט דערציילן פּרטים וועגן זיך. אָבער יענער האָט איר פאַרוואָרפן מיט פראַגעס, און זי האָט אים ביסלעכוויז אויסגעדערציילט אירע לעצטע איבערלעבונגען. אין אַ פּאָר טעג אַרום נאָך דעם בריגאַדירס באַזוך, האָט מען זי אַרעסטירט. זי איז אָפּגעזעסן אין טורמע ביי אַ וואָך צייט. איך פלעג יעדן טאָג גיין צו איר, ברענגען עפּעס צום עסן. זי איז געווען זייער פאַרצווייפלט. איך האָב זי געפּרוּווט טרייסטן. צום סוף האָט מען זי באַפרייט, ווייל אין דער זעלביקער צייט האָט זיך געביטן דער ממונה פון געסטאַפּאָ איבער דער געטאָ, ווייס, און אויף זיין אָרט איז געקומען קיטעל. די געטאָ־פּאָליציי האָט קענטיק אויסגענוצט דעם דאָזיקן מאָמענט און זי באַפרייט.

דער אויספירער פון די אַקציעס אויף פּאָנאַר איז געווען מאַרטין

ווײַס פון געסטאַפּאָ. ער פלעגט זיך באַרימען, אַז ער האָט דעם שליסל פון פּאַנאַר און האָט געוווּסט גענוי צו באַצייכענען די גריבער לויט די אַקציעס, וואָס זיינען דורכגעפירט געוואָרן. שפּעטער איז אויף זיין אָרט געקומען קיטעל, וואָס האָט זיך ספּעציעל פאַרנומען מיט דער ליקווידאַציע פון געטאָ.

זומער, 1943, האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן קלאַנגען, אַז מען וועט פון געטאָ אַרויסשיקן מענטשן אויף אַרבעט קיין עסטאָניע, און דער יודנראַט האָט אַפילו אָנגעהויבן גרייטן רשימות, קודם־כּל פון אייגזאַמע. זלאַטע האָט באַשלאָסן צו אַנטלויפן פון געטאָ אין שטאָט און זוכן ווייטער אַ מעגלעכקייט, ווי אַ פּוילישע, זיך איינאָרדענען אויף אַרבעט. זי איז אַרויס מיט אַן אַרבעט־גרופּע פון געטאָ, זיך אָפּגעטיילט פון איר, אַראָפּ־גענומען די געלע לאַטעס און אַוועק אויפן טראָטואַר מיט איר חבר פון גלובאָק, וואָס זי איז צוזאַמען מיט אים אַרויסגעפאָרן קיין ווילנע. איר חבר, יצחק פרידמאַן, האָט געלעבט ווי אַ טאַטער אין ווילנע אויף פאַלשע דאָקומענטן. זי האָט זיך צוגעטוליעט צו אים און זיי זיינען ביידע ווי פאַרליבטע אַוועק ווייטער... ביז דער באַפרייונג האָב איך זלאַטען מער ניט געזען און בכלל ניט געוווּסט פון איר גורל. זי האָט מיר בלויז פאַרן אַרויסגיין פון געטאָ פאַרטרויט איר סוד, אַז זי פאַרלאָזט די געטאָ.

✶

לויט דער איניציאַטיוו פון געזעלשאַפטלעכן טוער פון פאַר דער מלחמה קאַפּלאַן־קאַפּלאַנסקי, פלעגט מען אין די זונטיקס, אין דער פרי, זיך צונויפקלייבן אין טעאַטער־זאַל פון געטאָ, אין געוועזענעם קליינעם שטאָט־זאַל, ווו עס פלעגן פאָרקומען פרימאַרגנס מיט אַן אינפאָרמאַציע וועגן די לויפנדע ענינים אין געטאָ און ס'פלעגט אויך געגעבן ווערן אַ קינסטלערישע פּראָגראַם. אין איינעם אַזאַ פרימאָרגן האָב איך אויך אָנטייל גענומען. דער זאַל איז געווען איבערפולט פון ברעג ביז ברעג (ביי 600 מאַן). ס'זיינען בייגעווען גענס, שעף פון געטאָ־פּאָליציי, מיט זיין גאַנצער סוויטע פון יודנראַט. אין קינסטלערישן טייל האָבן אָנטיילגענומען פאַרשיידענע טעאַטער־כּוחות. פאַר מיר איז אויפגעטראָטן די באַוווּסטע אין ווילנע פון

פֿאַר דער מלחמה ווונדערקינד־טענצערין, מרים דייכעס. זי האָט אָבער ניט געטאַנצט נאָר געלייענט אַ ליד פֿון אַ דיכטער, וואָס האָט גערופֿן צו זיין שטאָלץ און פֿאַרעקשנט אין לעבן, ווען עס קומט אַ באַדראָענדיקע סיטואַציע. נאָך איר בין איך אַרויף אויף דער בינע און געזונגען דאָס „צייטליד״ פֿון נחום יוד. דאָרטן זינגט זיך צווישן אַנדערן:

„שטיל קומט אום דער אומבאַשיצטער,
אַלע שווייגן, שאַ.
ס'איז אַ דור, אַ בייזער, איצטער
און אַ צייט אַזאַ...״

נאָך דריי סטראָפֿעס און צום סוף:

„נאָר אויב אומקומען איז בעסער
העלדיש צו פֿאַרגיין,
אויסשטרעקן דעם האַלדז צום מעסער —
ניין, אָ, קיין מאָל ניין!״

דער עולם האָט שטורמיש אַפּלאָדירט, און געגנס, אַ צעקאָכטער, איז אויפֿגעשטאַנען און אָנגעהויבן שרייען: „איר וועט נאָך באַלד זינגען דעם אינטערנאַציאָנאַל?! שוין זיך פֿונאַנדערגיין!״ דער עולם איז זיך פֿונאַנדערגעגאַנגען...

ווען מיר פֿאַרגלייכן ווילנער געטאָ מיטן וואַרשעווער געטאָ, צי מיט די פֿאַרניכטונגס־לאַגערן, איז ביי אונדז די לאַגע געווען אומפֿאַרגלייכלעך גרינגער, כאָטש די טאָג־טעגלעכע קאַטאָרגע־אַרבעט, די שטענדיקע נגישות, אַקציעס און אַרויספֿירונגען קיין פּאָנאַר, האָבן דערדריקט דאָס לעבן. עס זיינען אָבער אויך געווען מאָמענטן, ווען מען האָט זיך פֿאַרגעסן ווו מען געפֿינט זיך און מען האָט געמיינט, אַז אַזוי וועט זיך עס ציִען ביז דער באַפֿרייונג פֿון היטלעריסטישן יאָך. פֿאַרגעקומען איז עס אַנדערש. אָנהייב סעפּטעמבער 1943 האָבן זיך אָנגעהויבן די כאַפּענישן פֿון מענער פֿאַר די לאַגערן פֿון עסטאָניע, די א״ג עסטאָנישע אַקציע.

## אַקטיוויזאַציע פון דער פ.פ.אָ.

איך האָב געהערט צו דער פ.פ.אָ. (פאַראייניקטע פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע פון ווילנער געטאָ). מיטן אָנהייב פון דער עסטאָנישער אַקציע האָט מען אונדז תיכּף מאָביליזירט. ערשט דאַן האָב איך זיך דערוווּסט, אַז מוסניק, מיט וועלכן מיר האָבן געלעבט אין איין דירה, געהערט אויך צו דער פ.פ.אָ., אַזוי גוט האָט געאַרבעט די קאָנספּיראַציע פון אונדזער באַוועגונג. די געטאָ איז געוואָרן געשלאָסן, אַרומגערינגלט פון דייטשן און ליטווישע און עסטאָנישע נאַצי־משרתים. לויטן מאָביליזאַציע־באַפעל פון פ.פ.אָ. האָב איך זיך מיט מוסניקן געטראָפן אויפן מאָביליזאַציע־פונקט אין אַשמיאַנסקע געסל. מיר האָבן געוואַרט, מען זאָל אונדז ברענגען דאָס געווער פון אונדזער אַרסענאַל. אָבער איידער וואָס־ווען האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אויף אונדז עסטאָנישע רוצחים, באַוואָפנטע פון קאָפּ ביז די פיס. מיר האָבן זיך געוואָרפן צו די דערבײַיִקע טרעפּ, און זיי — נאָך אונדז. ווען איך האָב דערזען, אַז זיי דערנענטערן זיך, בין איך אַרויפגעקראָכן אויפן דאַך פון הויז, זיך אָנגעהאַלטן אָן די קוימענס און אַזוי געקלעטערט פון דאַך צו דאַך (די הײַזער זײַנען געווען געבויט איינס צום צווייטן) און אַזוי בין איך ניצול געוואָרן פון די עסטאָנישע כאַפּערס. די קריסטלעכע באַפעלקערונג, וואָס האָט געלעבט בשכנות, האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר, סיידן, געמיינט, אַז מען דרייט אַ פילם, ווייל ווי קענען דאָס מענטשן לויפן איבער די דעכער?... צום סוף זײַנען מיר דערלאָפן צו אַ בוידעם און זיך באַהאַלטן. ניט באַוויזן זיך אָפּצורוען פון אונדזער לויף, ווי יִידישע געטאָ־פּאָליציי האָט דערשפּירט, אַז מיר געפינען זיך אויפן בוידעם, און געוואָלט אונדז אַרויסנאַרן פון דאָרטן, בכדי איבערצוגעבן צו די עסטן, וואָס האָבן, בלית־ברירה, רעזיגנירט פון אונדז. מיר האָבן פאַרשטאַנען דעם טריק פון דער פּאָליציי און זיי בכלל ניט געענטפערט. האָבן זיי אונטערגעשיקט צו אונדז יִינגלעך, וואָס זײַנען אַרויפגעקראָכן דורך די בוידעם־לעכער, אָבער מיר האָבן זיי שוין צוריק ניט אַרויסגעלאָזט. אַזוי זײַנען זיי צוזאַמען מיט אונדז אָפּגעזעסן די גאַנצע נאַכט אויפן בוידעם. פאַר טאָג, ווען מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז די אַקציע איז

צייטווייליק אָפּגעשטעלט, זיינען מיר אַראָפּ פון בוידעם און זיך אָנגעשלאָסן צו אַלע פּ.פּ.אָ.־קעמפער, וואָס האָבן זיך קאָנצענטרירט אויפן הויף פון אונדזער שטאַב, ווו ס'איז, אַגב, געווען די געטאָ־באָד מיט אַ סך פאַרגרייטן האָלץ.

סוף אויגוסט, נאָך פאַר דער אַקציע אויף עסטאָניע, האָב איך ווידער געטראָפן דעם דזשאַז־דירעקטאָר ראָזנבערג. ער האָט מיר פאַרגעלייגט צו ווערן געהילף־פּאָליציאַנט און זיך אַזוי אַרום „ראַטעווען". ער האָט מיר געזאָגט, אַז כמעט אַלע אַקטיאָרן פון געטאָ־טעאַטער זיינען געוואָרן געהילף־פּאָליציאַנטן. נאָר ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוווּסט, האָבן זיך ניט אַלע אַקטיאָרן אַנגאַזשירט צו דער דאָזיקער שמוציקער אַרבעט. איך האָב ראָזנבערגן אויפן אָרט געענטפערט, אַז איך בין גרייט צו גיין מיט אַלע יידן אויף פּאָנאַר, אָבער קיין פּאָליציאַנט וועל איך ניט זיין! ער איז אַוועק אַן אַנטוישטער. שפּעטער, בעת דער אַקציע אויף עסטאָניע, האָבן די מאָביליזירטע אַקטיאָרן פון טעאַטער טאַקע געהאָלפן דער פּאָליציי צו כאַפּן די יידן און זיי בכוח אַריינזעצן אין די אויטאָס, וועלכע האָבן זיי אָפּגעפירט צום עשעלאָן אויף דער באַן־סטאַנציע, אָבער צום סוף האָט מען אויך אַלע מיטהעלפער פון די דייטשן אָפּגעטראַנספּאָרטירט קיין עסטאָניע, ווו זיי האָבן געטיילט דעם טרויעריקן גורל פון אַלע געכאַפּטע יידן...

אויפן הויף, סטראַשונאַ 6, איז פון איין זייט געווען די געטאָ־ביבליאָטעק, ווו עס האָט זיך געפונען דער שטאַב פון פּ.פּ.אָ. און פון דער צווייטער זייט — דער בנין פון דער צווייטער געטאָ־באָד. אויפן דאָזיקן הויף האָבן זיך נאָך דעם נעכטיקן שטורמישן טאָג, ווען מען האָט געכאַפּט מענער אויף עסטאָניע, צונויפגעזאַמלט די מיטגלידער פון פּ.פּ.אָ. אויפן הויף איז געווען טומלדיק. מען האָט געוואַרט אויף אינסטרוקציעס. דערווייל האָט מען אין דער אויפגעשטעלטער קיך אויפן הויף געקאָכט עסן אַ טעלער זופּ.

מיר, די גרופּע פּ.פּ.אָ.־מיטגלידער, וואָס זיינען אַ גאַנצע נאַכט אָפּגעלעגן אויפן בוידעם, האָבן אין דער פרי זיך אָנגעשלאָסן צו די חברים, וואָס זיינען געווען אויפן הויף. אין אַ פּאָר שעה אַרום איז ווידער באַוווּסט

געוואָרן, אַז קיטעל האָט מיט זיינע דייטשן און מיט דער הילף פון דער יידישער פּאָליציי באַנייט דאָס זוכן יידישע מענער אויף עסטאָניע. זיי זיינען געגאַנגען פון הויף צו הויף, געזוכט אין די „מאַלינעס". און די געטאָ־פּאָליציי האָט גערופן, מען זאָל אַרויסגיין און געפּרוּווט מיט אַלע מיטלען צו פאַרנאַרן די פאַרשטעקטע יידן.

מיר, פּ.פּ.אָ.־קעמפער, האָבן זיך פאַרבאַריקאַדירט אין דעם הויף אויף סטראַשונאַ 6, פאַרמאַכט דעם טויער. מיטן האַלץ וואָס איז געלעגן גרייט פאַר דער באָד, האָבן מיר פאַרלייגט דעם טויער. מען האָט אונדז צעטיילט דאָס געווער, און יעדערן באַשטימט זיין פּאָזיציע. איך בין געזעסן ביי אַ פענצטער מיט אַ מאַשין־געווער. אַלע האָבן געוואַרט אויף אַ סיגנאַל פון שטאַב ווען אָנצוהייבן דעם קאַמף. לויטן פּלאַן האָבן מיר געדאַרפט אָנהייבן שיסן אין די דייטשן, ווען זיי וועלן זיך דערנענטערן צו אונדזערע פּאָזיציעס; דאַן האָבן מיר לויטן פּלאַן געדאַרפט עפענען די טויערן פון געטאָ, בכדי די יידן זאָלן זיך צעלויפן.

אונדזערע פּ.פּ.אָ.־חברים, וואָס האָבן געדינט אין דער געטאָ־פּאָליציי, האָבן אונדז אַלע ווילע אינפאָרמירט וועגן דער אַלגעמיינער סיטואַציע. פּלוצלונג איז געקומען אַ פאַראָרדענונג פון גענסן, אַז מיר זאָלן תּיכּף עפענען דעם טויער, ווייל די דייטשן ווילן קאָנטראָלירן דעם הויף.

אונדזער שטאַב האָט גלייך אַרויסגעגעבן אַ באַפעל אָפּצורייניקן דעם טויער פון דעם האַלץ. מיר האָבן עס אויף גיך געמאַכט און געעפנט דעם טויער, צוריק פאַרנומען אונדזערע פּאָזיציעס און מיט שפּאַנונג געוואַרט אויפן אָנקום פון די דייטשן. אָבער דאָ האָבן מיר באַקומען אַ ידיעה, אַז די דייטשן האָבן רעזיגנירט פון אַריינגיין אין אונדזער הויף. זיי האָבן קענטיק חושד געווען, אַז אין דעם הויף געפינט זיך אַ באַוואָפנטע גרופּע, און מורא געהאַט פאַר זייערע לעבנס.

אין יולי 1943 איז אויפגעטרייסלט געוואָרן די געטאָ צוליב דער פאַראָרדענונג פון געסטאַפּאָ אַרויסצוגעבן איציק וויטנבערגן, דעם אָנפירער פון פּ.פּ.אָ. איציק איז געווען פאַרבונדן מיט דער אונטערערדישער קאָ־מוניסטישער פּאַרטיי אין ווילנע. דאָס איז געשען נאָך דעם, ווי צוויי קאָמוניסטישע אַקטיוויסטן, ניט קיין יידן, זיינען אַריינגעפאַלן צו דער

געסטאַפּאָ און האָבן, קענטיק, בעת דער אויספאָרשונג אַרויסגעגעבן וויטנ־בערגן. די געטאָ־פּאָליציי האָט אים דאַן אַרעסטירט. אָבער חברים פון דער פ.פ.אָ. האָבן אים אָפּגעשלאָגן פון דער פּאָליציי, און ער האָט זיך באַהאַלטן, איבערטועענדיק זיך אין אַ קלייד.

דער יודנראַט האָט אים אָבער געזוכט. די פּאַרטיי־חברים פון פ.פ.אָ. האָבן נאָך אַ דראַמאַטישער באַראַטונג אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז וויטנבערג דאַרף זיך איבערגעבן דער געסטאַפּאָ, ווייל אויב ניט, דראָט די גאַנצע געטאָ אומצוקומען. די געטאָ־פּאָליציי האָט אַגיטירט, אַז יעדערער דאַרף העלפן צו געפינען וויטנבערגן, אויב זיי ווילן ניט אומקומען. דאָ האָט מען דייטלעך געזען, אַז די געטאָ־איינוואוינער ווילן ניט אָננעמען קיין קאַמף צוליב וויטנבערגן. מען האָט אים אָנגעהויבן זוכן.

פון אָנהייב האָט זיך וויטנבערג קעגנגעשטעלט דעם באַשלוס פון זיינע חברים, אָבער צום סוף באַשלאָסן זיך יאָ אַרויסצוגעבן די הענקערס. ער האָט זיך אויסגעדריקט, אַז ער וויל ניט צוליב אים זאָלן אומקומען צוואַנציק טויזנט...

איציק וויטנבערג איז געקומען צו גענסן אין קאַבינעט. גענס האָט אים צוגעזאָגט, אַז ער וועט טאָן אַלץ אים צו באַפרייען. וויטנבערג איז אַרויס אויפן גאַס. דאָרטן האָט שוין געוואַרט אויף אים די געסטאַפּאָ. אויף מאָרגן האָט מען אים געפונען אין אַ געסטאַפּאָ־קעלער אַ טויטן. מען האָט געמיינט, אַז ער האָט איינגענומען ציאַנקאַלי, וואָס ער זאָל האָבן געהאַט ביי זיך.

✶

די דייטשן זיינען אין אונדזער הויף ניט אַריין. מיר זיינען געבליבן זיצן מיטן געווער. ס'איז געוואָרן נאַכט. אונדזער פ.פ.אָ.־קאָמאַנדיר, אבא קאָוונער, איז אַרויף צו אונדז אויף די פּאָזיציעס, וואָס איבערן באָד, און געמאָלדן, אַז אַזוי ווי מיר האָבן געדאַרפט לויט דעם באַשלוס פון פ.פ.אָ. אָנהויבן אַ קאַמף אין געטאָ, און אַזוי ווי די דייטשן האָבן זיך דערשראָקן און זיינען צו אונדז ניט געקומען, האָט פ.פ.אָ. באַשלאָסן, אַז אונדזער קאַמף ווערט אַריבערגעטראָגן אין וואַלד, צו דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג.

און מיר, פ.פ.אָ.־קעמפער, וועלן אַרויסגיין גרופּעסווייז אין די וועלדער צו דער נאַראָטשער אָזערע.

מען האָט אָנגעהויבן גרייטן די רשימות פון די גרופּעס, וואָס וועלן אַרויסגיין אין וואַלד. קודם־כל האָט מען אין די רשימות אַריינגעשטעלט די מיטגלידער פון פ.פ.אָ. און דערנאָך די וואָס קענען געבן געלט אויף צו קויפן געווער. איך האָב קיין געלט ניט געהאַט און איך האָב געטראַכט, אַז פאַר מיר זיינען ניטאָ קיינע אויסזיכטן אַרויסצוגיין אין וואַלד.

האָב איך דאַן באַשלאָסן, אַז אויב איך וועל בלייבן אין געטאָ און כ׳וועל ווערן אַרויסגעפירט אויף פּאָנאַר, וועל איך גייענדיק מיט דער גרופּע זיך וואַרפן אויף אַ דייטש, אַ באַגלייטער, און אים מיט די הענט דערווערגן, אַלס אַקט פון נקמה...

אָבער דאָ איז מיר געקומען אַן איבערראַשונג — דער שטאַב־מיטגליד פון פ.פ.אָ., יענקל קאַפּלאַן, האָט מיך אַריינגעשטעלט אין דער רשימה פון דער דריטער גרופּע, וועלכע האָט געדאַרפט דעם 13־טן סעפּטעמבער 1943 אַרויסגיין קיין נאַראָטש.

## יענקל קאַפּלאַן

דעם לערער יענקל קאַפּלאַן האָב איך דערקענט אין 1936, אין לידע, ווו איך האָב געדינט אין פּוילישן מיליטער. ער איז געווען פּאַרוואַלטער פון דער יידישער שול. דערנאָך איז ער געווען אַ באַוווסטער, רוטינירטער לערער אין ווילנע.

אָנהייב געטאָ, ווען עס האָט זיך גענומען אָרגאַניזירן דער שול־וועזן, האָט יענקל קאַפּלאַן געלעבט אין בלאָק פון דער פוטער־פאַבריק „קיילים", ווייט פון געטאָ. שפּעטער איז דאָרטן די שול ליקווידירט געוואָרן, און ער איז אַריבער אין אונדזער געטאָ. פון צייט צו צייט פלעגן מיר זיך מיט אים טרעפן. כ׳פלעג אויך אַריינגיין צו אים אין דער וווינונג אויף רודניצקער גאַס. כ׳האָב באַמערקט, אַז ער, זיין פרוי און קליין טעכטערל הונגערן ממש. אַזוי ווי איך האָב שווער געאַרבעט אויפן עראָדראָם, האָב איך באַקומען אַ צוגאָב ברויט־ און פּראָדוקטן־קאַרטל.

מיין צוגאָב־קאַרטל האָב איך אָפּגעגעבן יענקלען. דאָס האָט אים אַ ביסל פאַרלייכטערט דאָס לעבן. אַחוץ דעם, פלעג איך אָפט אים ברענגען ברויט, וואָס איך פלעג קויפן ביי דער אַלטיטשקער קריסטין אויף ראַדונסקע גאַס. ער פלעגט זאָגן, אַז ער האָט ניט מיט וואָס צו באַצאָלן. איז מיין ענטפער געווען, אַז אויב עס וועט נאָך זיין אַ וועלט, וועלן מיר זיך אויסרעכענען... כ׳האָב אים אויך עטלעכע מאָל געבראַכט אַ שטיקל פלייש און אויך גריינס.

איך בין אַרויס אין וואַלד. יענקל איז נאָך מיט זיין משפּחה געבליבן אין געטאָ. בעת דער טאָטאַלער ליקווידאַציע פון געטאָ איז ער אַרויס דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן צוזאַמען מיטן בונדיסט כוואַיניק און דער בונדיסטקע אַסיע ביק. מיט אַ טעות זיינען זיי אַרויס ניט לויטן באַשטימטן פּלאַן, נאָר אין אַ רוישיקן צענטער פון שטאָט, ראָג רודניצקער און דייטשע גאַסן. עס האָט זיי באַמערקט אַ דייטשער פּאַטרול. מען האָט זיך גענומען נאָך זיי יאָגן. זיי האָבן געשאָסן אין די דייטשן און דערהרגעט אַ העכערן געסטאַפּאָ־פונקציאָנאַר. אָבער מען האָט זיי געכאַפּט לעבעדיקע. שפּעטער, ביי דער סאָרטירונג פון די געטאָ־ייִדן אויף ראָסע, שוין נאָך דער ליקווידאַציע, האָט מען אַלע דריי געהאַנגען פאַר די אויגן פון די אַרויסגעפירטע ייִדן פון געטאָ. אויך אַ פּערטן בחור האָבן זיי געהאַנגען.

★

וועגן ווילנער געטאָ האָט מען שוין אַ סך געשריבן און מען וועט נאָך שרייבן. איך האָב בשעתו קיין זאַך ניט פאַרצייכנט און האָב אויך גאַנץ ווייניק שרייבערישע פעיִקייטן צו קענען שילדערן דאָס שרעקלעכע לעבן אין געטאָ, אַזוי אַז איך פאַרמעסט זיך ניט עס צו טאָן. אָבער דאָך איז וויכטיק צו דערמאָנען דעם ממונה איבערן געטאָ פון געביטס־קאָמיסאַר פראַנץ מורער. ער פלעגט עס ברענגען די פאַראָרדענונגען פון געביטס־קאָמיסאַר וועגן די אַקציעס אין געטאָ. יעקב גענס איז געווען מיט אים אין שטענדיקער פאַרבינדונג.

דאָס וואָרט „מורער" האָט אין געטאָ באַדייט טויט. ווען מען האָט דערהערט, אַז מורער איז געקומען אין געטאָ, איז מען זיך פון די גאַסן צעלאָפן אין די הייזער. ווען מורער פלעגט זיך באַווייזן ביים געטאָ־

טויער פלעגט די ייִדישע טויער־פּאָליציי דורך אַ ספּעציעלן גלעקל־צייכן געבן צו וויסן אין יודנראַט, אַז מורער איז אין געטאָ.

מורער פלעגט פון צייט צו צייט זיך שטעלן ביים געטאָ־טויער און קאָנטראָלירן די אומקערנדיקע זיך פון דער אַרבעט, צי זיי טראָגן ניט אַריין קיין פּראָדוקטן. אין אַ געוויסן טאָג האָט ער, שטייענדיק ביים טויער, געפונען ביי דער באַוווסטער ווילנער זינגערין לובאַ לעוויצקאַ אַ קילאָ אַרבעס. ער האָט זי פאַרהאַלטן און אויף מאָרגן האָט מען זי דערשאָסן אויף פּאָנאַר.

מורער פלעגט אָפט מאָל זיך אַריינכאַפּן אין דער פרויען־באָד און פלעגט שמייסן די נאַקעטע פרויען מיט אַ שפּיצרוט.

נאָך פאַר דער ליקווידאַציע פון געטאָ האָט מורער פאַרלאָזן זיין פּאָסטן און, ווי מען האָט דעמאָלט גערעדט, האָט מען אים געשיקט אויפן פראָנט.

## מורערס פּראָצעס

נאָך דער מלחמה, זיך אומקערנדיק פון די נאַצישע פאַרניכטונגס־לאַגערן, האָט דער ווילנער בחור באַמע ראַזמאַוו פלוצלונג דערזען אין דער עסטרייכישער שטאָט לינץ (ענגלישע זאָנע) דעם תּלין פון די ווילנער ייִדן, פראַנץ מורער. ער האָט וועגן דעם גלייך געמאָלדן די געהעריקע אינסטאַנצן. מען האָט מורערן אַרעסטירט און שפּעטער אים אויסגעליפערט צו די סאָוועטן ווי אַ מלחמה־פאַרברעכער.

אין סעפּטעמבער 1948 איז אין ווילנע פאָרגעקומען דער פּראָצעס קעגן מורערן. אין דער ווילנער מיליטערישער־פּראָקוראַטור האָבן זיך אין אַ ניט גרויסן צימער שטייענדיק צונויפגעפּרעסט עטלעכע הונדערט ווילנער ייִדן, געראַטעוועטע פון חורבן, בכדי בייצווויזיין אויפן פּראָצעס. איך בין דאָרטן אויך געווען. צווישן עולם איז געבליבן בלויז אַ שמאָלער דורכגאַנג צום ריכטערטיש.

דער הויפּט־עדות פון דער באַשולדיקונג איז געווען דער געוועזענער פּאַרטיזאַן סעניע (אַלכסנדר) רינדזיונסקי, וועלכער האָט מיט דער גרעסטער

גענויקייט אַרויסגעבראַכט די גרויליקע מעשׂים פון מורערן אין ווילנער געטאָ.

מורער האָט זיך אויפן פּראָצעס געהאַלטן פרעך און אַרויסרופעריש. ער האָט דערציילט, אַז ער איז אַ זון פון אַן עסטרייכישן גוטבאַזיצער, אַז פון דער יוגנט אָן געהערט ער צו דער נאַצישער פּאַרטיי און אין דער מלחמה האָט ער אויסגעפירט אַלע באַפעלן פון זיינע ממונים.

אַזוי ווי טויטשטראָף איז אין ראַטן־פאַרבאַנד נאָך דער מלחמה געוואָרן אָפּגעשאַפט, האָט דאָס געריכט אים צוגעמישפּט די העכסטע שטראָף — 25 יאָר תּפיסה.

דער פאַרזאַמלטער עולם האָט נאָכן אויסהערן דעם אורטייל מיט די גרעסטע שוועריקייטן זיך איינגעהאַלטן פון לינטשן מורערן. ס'איז זיי געבליבן בלויז די מעגלעכקייט צו שפּייען מורערן אין פּנים , בעתן אַרויספירן אים פון געריכטזאַל.

שפּעטער, ווען די גרויסמאַכטן האָבן אונטערגעשריבן מיט דער עסטרייכישער רעגירונג אַ שלום־אָפּמאַך, איז אַריינגעשטעלט געוואָרן אין אָפּמאַך אַ פּונקט, לויט וועלכן די סאָוועטישע רעגירונג וועט מסכּים זיין צו באַטראַכטן אינדיווידועל די בקשות פון די פּאַרמישפּטע עסטרייכישע בירגער, וואָס זיינען ניט קיין מלחמה־פאַרברעכער. און אַזוי האָבן די סאָוועטן דערנאָך געפּסקנט, אַז מורערס פאַרברעכנס זיינען ניט קעגן דער מענטשהייט און נאָך 7 יאָר אָפּזיצן אין תּפיסה, האָבן אים די סאָוועטן, נאָך סטאַלינס טויט, באַפרייט. דאָס וואָס מורער האָט פּלאַנירט און געהאָלפן אויסמאָרדן די ווילנער אַכציק טויזנט ייִדן, האָבן די סאָוועטן ניט געהאַלטן פאַר קיין אויסנעמלעכן פאַרברעכן...

✶

אויף דער בקשה פון ווילנער פאַרבאַנד אין ישׂראל, מיטן ד״ר דוואָרזשעצקי בראָש, האָט מען אין 1965 זיך דערשלאָגן, אַז מורער זאָל פאַר זיינע פאַרברעכנס געשטעלט ווערן צו אַ געריכט אין עסטרייך.

צום מישפּט זיינען אַרויסגעפאָרן פון ישׂראל ביי אַ צענדליק עדות, אָבער זיי האָבן ניט איבערצייגט די נאַצישע עסטרייכישע ריכטער און

מען האָט מורערן באַפּרייט. עס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר עדות־זאָגן די ווילנערין סימע סקורקאָוויטש, וואָס לעבט אין ירושלים. נאָכן אַרויסטראָגן דעם באַפרייונגס־אורטייל, האָט דער עולם אין זאַל פאַרוואָרפן מורערן מיט בלומען...

## מיין אַרויסגיין אין וואַלד

דאָס אַרויסגיין פון דער דריטער גרופּע פ.פ.אָ.־קעמפער איז געוואָרן באַשטימט אויף מאָנטיק, דעם 13טן סעפטעמבער 1943. איך בין געווען צוגעהעריק צו איר. מיר האָבן זיך פאַרזאַמלט אין שטאַב פון פ.פ.אָ. די גרופּע האָט געציילט 30 מאַן, בעיקר מענער. יעדערער האָט באַקומען אַ גלאַנציק קליין פּאַפּירל, ווו ס'איז געווען אָנגעשריבן דער מאַרשרוט. אין פאַל פון אַ דורכפאַל האָט מען געדאַרפט דאָס פּאַפּירל אַראָפּשלינגען. מיר האָבן זיך באַקענט מיט אונדזער פירער, יאַניסקי, וואָס האָט געדאַרפט פירן מיטן קאַבילניקער שאָסיי אין וואַלד. ער איז געווען אַ דאָרטיקער און געקענט דעם וועג זייער גוט.

דער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר דער גאַנצער גרופּע איז געווען אַן אַשמענער יונגערמאַן, זיסקאָוויטש, זייער אַן ערנסטער און גוטער בחור. מען האָט יעדערן צוגעטיילט אַ פּאָר. מיין פּאָר איז געווען מיכאל קאָוונער, דער ברודער פון אַבאַ קאָוונער. מיר האָבן געדאַרפט אַרויסגיין דורכן רעזערוו־טויער פון געטאָ אויף דייטשע גאַס און פון דאָרטן, אָן די געלע לאַטעס, גיין רויק אויפן טראָטואַר אין דער ריכטונג צו זאַרעטשער בית־עולם, ווו מען האָט זיך געדאַרפט צונויפקלייבן.

אונדזער גרופּע האָט געזאָלט אַרויסגיין 8 אָוונט. מיר האָבן זיך צונויפגעקליבן אין אַ וווינונג, נאָענט צום טויער. ס'איז געווען באַשטימט, אַז די פ.פ.אָ.־מיטגלידערין וויטקע וועט אַרויספירן אונדזער גרופּע פון בית־עולם צום אָנהייב שאָסיי, וואָס פירט אויף קאַבילניק.

מיר זיינען געווען באַוואָפנט מיט 15 רעוואָלווערן, אַ געוויסע צאָל האַנט־גראַנאַטן, עטלעכע ביקסן און איין מאַשין־געווער. דאָס קליינע וואָפן האָט יעדערער גענומען מיט זיך. די ביקסן און מאַשין־געווער (איך בין

געוועזן דער שיסער) האָט מען נאָך ביי טאָג אַריינגעלייגט אין קאַסטן, וואָס מען פירט אין אים די מתים אויפן בית־עולם. אַ טייל האָט מען אויך אַריינגעלייגט אין אַ פוטלאַר פון אַ פידל. דאָס אַלץ האָט מען אַרויסגעפירט מיט דער מתים־פור, מיט וועלכער עס זיינען מיטגעפאָרן אַ פּאָר אונדזערע חברים. זיי האָבן זיך באַהאַלטן מיטן געווער אויפן בית־עולם אין אַן אוהל־מצבה. ביי נאַכט האָבן זיי זיך מיטן געווער אָנגעשלאָסן צו אונדזער גרופּע, וואָס האָט זיך צונויפגעקליבן צום ענד פון בית־עולם אויף פּאַליאַווע גאַס. דאָרטן האָב איך אויפגעשטעלט מיין מאַשין־געווער און מיר זיינען געווען גרייט אַרויסצוגיין אין וועג.

נאָך פאַרן אַרויסגיין אין וואַלד האָב איך פאַרגעלייגט סאָניען, זי זאָל מיטגיין מיט מיר. איך וועל זי דורכגנבֿענען דורכן טויער. זי האָט ניט מסכּים געווען. געזאָגט, אַז זי וויל זיך ניט צעשיידן מיט אירע עלטערן. נאָך מער, זי האָט מיך אַגיטירט בלייבן מיט איר משפּחה. איך האָב ניט מסכּים געווען. מיר זיינען געזעסן צוזאַמען עטלעכע שעה, זיך דערמאָנט וועגן אַלץ און אַלעמען, זיך שטאַרק אָנגעוויינט, זיך אויסגעקושט — און אַזוי האָבן מיר זיך צעשיידט אויף אייביק...

אמת, ס'איז געווען שרעקלעך שווער צו דעצידירן זיך וועגן אונדזער גורל, ווייל למעשה האָט קיינער פון אונדזביידן ניט געקענט זיך אויסקלערן, ווי אַזוי וועט זיך עס אַלץ ענדיקן... דאָס וואַרשיינלעכסטע איז געווען דער גרויליקער סוף אויף פּאָנאַר אָדער פאַלן אין די וועלדער פון נאַראָטש מיטן ביקס אין האַנט.

צו דער אָנגעוויזענער צייט פון אָוונט זיינען מיר פאַרוויי אַרויס־געגאַנגען דורכן שמאָלן טויערל פון געטאָ אויף דייטשע גאַס. איך האָב באַמערקט, אַז עמעצער, אַ זייטיקער, ניט פון אונדזער גרופּע, איז אויך אַרויס דורכן טויערל. מיר זיינען זיך רויִק אַוועק לויטן אָנגעוויזענעם מאַרשרוט. אויף זאַוועטשער גאַס האָב איך מיט מיין פּאָר באַמערקט, אַז עמעצער גייט אונדז נאָך. ווען מיר זיינען אַריבער אויפן צווייטן טראָטואַר, איז אויך יענער באַלד אַריבער. דאָס איז אונדז אויסגעקומען זייער פאַרדעכטיק, אָבער ס'האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז געווען

אונדזער וועגפירער יאַניסקי, וועלכן מיר האָבן בלויז איין מאָל געזען און ניט גוט פאַרגעדענקט זיין אויסזען.

אין דער פינצטער האָבן מיר זיך אַלע צונויפגעקליבן אויפן באַשטימטן אָרט הינטערן בית־עולם. נאָכן קאָנטראָלירן אונדזער צאָל האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז מיט אונדז געפינט זיך אַ זייטיקער בחור, יחיאל בורשטיין, וואָס איז אַרויס אויף „גאַפע". ס'פאַרשטייט זיך, אַז ער איז געבליבן מיט אונדז. איך האָב צוזאַמענגעלייגט מיין מאַשין־געווער. יעדערער האָט זיך גענומען זיין געווער און מיר האָבן זיך געלאָזט גיין, ווערנדיק געפירט דורך וויטקען.

מיר זיינען אַוועק דורך די אַנטאָקאָלער בערג, אַריין אין אַ וואַלד, און פּלוצלונג דערהערט אַ שאָס. מיר האָבן זיך באַלד אָפּגעשטעלט, זיך שטיל פאַרהאַלטן און פון וויטן האָבן מיר געזען, אַז עס שטייט אַ וואַלד־שומר און קושט זיך מיט אַ מיידל. מיר זיינען געווען זיכער, אַז דאָס האָט ער געשאָסן, דערהערנדיק דעם שאָרך פון אונדזער גרופּע. נאָך אַ קורצער ווילע האָבן מיר זיך געלאָזט ווייטער אין וועג. אָבער דאָ האָט קענטיק וויטקע פאַרלאָרן דעם ריכטיקן אָריענטיר. מיר האָבן זיך אַזוי אָפּגעדרייט ביז פאַרטאָג און ניט געפונען דעם ריכטיקן וועג.

ס'איז אויפגעגאַנגען די זון און מיר האָבן זיך געפונען אויף אַ בערגל מיט אונדזער געווער און אַרום אונדז האָבן שוין געאַרבעט די פּויערים אויפן פעלד... מיר האָבן זיך גלייך באַהאַלטן אין דערבייִיקע הויכע קוסטעס, און וויטקע איז אַוועק צו די פּויערים זיך דערוויסן ווו מיר געפינען זיך.

מיר זיינען אַזוי אַ גאַנצן טאָג אָפּגעלעגן צווישן די קוסטעס. מיר זיינען געלעגן דאָרשטיקע און הונגעריקע. אייגער אַ געוועזענער פּאָליציאַנט פון פּ.פּ.אָ. וואָס איז געגאַנגען מיט אונדז, האָט אַרויסגענומען אַ פּעקעלע עסנוואַרג, אָבער ער האָט עס אַליין געגעסן אין אונדזער בייזיין, ניט פאַרלייגנדיק קיינעם צו כאַפּן אַ ביס...

פאַר נאַכט האָבן מיר דערהערט וויטקעס קול און אונדזער פּאַראָל „יאַנינאַ". סוף־סוף האָט אונדז וויטקע אַרויסגעפירט אויפן ריכטיקן וועג און יאַניסקי האָט אונדז געפירט ווייטער. געגאַנגען זיינען מיר אין די נעכט און ביי טאָג זיך באַהאַלטן אין געדיכטע וועלדער. שפּייזן פלעגן

מיר זיך מיט יאַגדעס. אין די ערשטע דריי טעג האָבן מיר קיין וואַסער ניט געפונען און זיינען געבליבן דאָרשטיק. דאָס גיין איז ניט געווען שווער, עס האָט געטראָגן דער אימפּעט און דער באַוווסטזיין, אַז מיר דערנענטערן זיך צום ציל — זיך אָנשליסן צו די פּאַרטיזאַנער און צוזאַמען קעמפן קעגן היטלעריסטישן שונא.

ניט ווייט פון ווילנע האָבן מיר געדאַרפט אַריבערגיין די באַן־ליניעס. דאָס אָרט איז געווען ניט ווייט פון אַ באַן־אָפּשטעל. ביי די רעלסן זיינען געווען דייטשע שומרים, וואָס האָבן זיך באַוועגט לענג־אויס די רעלסן. מיר זיינען דערגאַנגען האַרט צו די רעלסן. עס איז פּלוצלונג פאַרביי אַ באַן. מיר האָבן זיך אויסגעלייגט אויף דר'ערד. געוואַרט, אַז דער דייטשער פּאַטרול זאָל זיך דערווייטערן און דאַן האָבן מיר זיך געלאָזט לויפן איבער די רעלסן. אייניקע פון אונדז האָבן פאַרטשעפּעט די באַן־דראָטן, וואָס האָבן אָנגעהויבן קלינגען. מיר זיינען שוין געווען אויף יענער זייט, בעת די דייטשן האָבן געעפנט אויף אונדז אַ שיסעריי. די פינצטערניש און דער געדיכטער וואַלד האָבן אונדז געשיצט.

אונדזער פירער האָט געדאַרפט שטענדיק פּלאַנירן אַזוי, אַז צום שאַריען אויף טאָג, זאָלן מיר דערגיין צו אַ געדיכטן וואַלד זיך צו באַהאַלטן. ניט ווייט פון שטעטל מיאַדזיאָל האָבן מיר ניט באַוויזן צו דערגיין צו אַ וואַלד. באַגינען זיינען מיר געווען געצוווּנגען דורכצוגיין אַ גרויסן דאָרף און דערנאָך זיך באַהאַלטן צווישן הויכע קוסטעס, האַרט ביים ברעג פון דער ווילִיע. מיר האָבן זיך אויסגעלייגט אין די געדיכטע קוסטעס און זיך גענומען אָפּרוען פון נאַכטיקן מאַרש. ס'האָט ניט לאַנג געדויערט און ס'האָבן זיך דערהערט קולות פון פרויען, וואָס זיינען געגאַנגען צום טייך; פון קינדער, וואָס האָבן זיך געהערט זייער נאָענט צו אונדז, ביז מיר האָבן דערזען פאַר אונדזערע אויגן אַן אַלטינקן פּויער. ער האָט זיך דערשראָקן פאַר אונדז, באַוואָפנטע מענטשן, זיך גענומען צלמען און גיין אויף צוריק. אָבער אונדזער קאָמאַנדיר ליאָווע זיסקאָוויטש האָט אים פאַרהאַלטן און גענומען אויספרעגן ווו ער קלייבט זיך צו גיין.

האָט דער פּויער געענטפערט, אַז ער האָט אַ גאַר שטרענגן באַפעל זיך היינט פרי צוצושטעלן צו די דייטשן מיט זיין פערד און וואָגן אויפן

בריק אין מיאַדזיאַל, וואָס געפינט זיך פינף ק״מ פון דאַנען. זיסקאָוויטש האָט אים געזאָגט, אַז פון דאַנען וועט ער ניט אַרויס. דער אַלטינקער האָט אָנגעהויבן שרייען. מיר האָבן אָנגעשטעלט אויף אים אונדזער געווער. האָט ער אָנגעהויבן זיך צלמען און זאָגן אַ תּפילה. פּלוצלונג האָט ער אָנגעהויבן שרייען צו זיינע דאָרפסלייט. זיי האָבן קענטיק דערהערט זיין געשריי. קינדער האָבן פּלוצלונג אָנגעהויבן צו שרייען: — דיעדושקאַ! דיעדושקאַ! דערזעענדיק, אַז דאָ קען אַרויסקומען ניט קיין אָנגענעמע זאַך, האָבן מיר אַרויסגעשיקט אַ פּאָר אונדזערע חברה אין דאָרף אַריין, בכדי זיך צו דערוויסן וועגן דער לאַגע. ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, זיינען די דאָרפסלייט געווען פריינדלעכע מענטשן. דער אַלטיטשקער איז אָבער מיט אונדז געבליבן די גאַנצע צייט. מיר האָבן באַשטעלט אין דאָרף הייסע קאַרטאָפל מיט מילך. זיי האָבן עס אונדז שפּעטער געבראַכט. אַז ס'איז געוואָרן פינצטער, האָבן זיי אונדז אָנגעוויזן ווי אַזוי אַרויסצוגיין פון דאָזיקן אָרט, און מיר האָבן זיך געלאָזט ווייטער גיין. פאַרשטייט זיך, אַז דעם אַלטינקן האָבן מיר באַפרייט.

גייענדיק לויטן מאַרשרוט זיינען מיר אין מיטן נאַכט ווידער אָנגעקומען צו דער ווילִיע און געדאַרפט זיך אַריבערשיפן אויפן צווייטן ברעג. אונדזער פירער יאַניסקי און נאָך אַ פּאָר חברה זיינען אַוועק צום פירער פון פּאַראָם, און אים געבראַכט צום טייך. ער האָט צו ערשט אַריבערגעפירט מיך מיטן מאַשין־געווער און נאָך עטלעכע חברים. מיר האָבן דאָרטן אָנגענומען אַ פּאָזיציע צום ווייטערדיקן מאַרש. דערנאָך איז די גאַנצע גרופּע געקומען און מיר זיינען אַוועק ווייטער. אויפן פרימאָרגן, אַריינגייענדיק אין אַ וואַלד, האָבן מיר געפונען אַ קוואַל, זיך גוט אָנגעטרונקען פאַר דער גאַנצער צייט.

אויפן זיבעטן טאָג זיינען מיר דערגאַנגען צו די פּאַרטיזאַנישע באַזעס. אַריינגייענדיק אין וואַלד, האָט אונדז באַגעגנט אַ פּאַרטיזאַן, וואָס האָט אונדז פאַרגעלייגט זיך אָנצושליסן צו אַ רוסישער גרופּע. זיסקאָוויטש איז אָבער געווען קעגן, ער האָט אונדז געפירט נאָר צו דער באַזע פון ייִדישן אָטריאַד „נקמה״. גייענדיק ווייטער דורך עטלעכע פאַרברענטע דערפער, איז פּלוצלונג אָנגעריטן אויף אַ פערד אַ פּאָליציייסקער אין אַ מונדיר.

מיר האָבן זיך דערשראָקן, אָבער באַלד זיך איבערצייגט, אַז דאָס איז אַ פּאַרטיזאַן, וואָס האָט אונדז געוואָלט איבערשרעקן...

מיר זיינען מיט מזל אָנגעקומען אויף דער באַזע פון אָטריאַד „נקמה". איך האָב פּלוצלונג דערזען פאַר זיך די געטאָ, די ייִדן, וואָס גייען אַרום אין גרופּקעס און שמועסן צווישן זיך אויף ייִדיש. איך האָב דאָרטן געפונען אַ סך באַקאַנטע חברה. מען האָט אונדזער גאַנצע גרופּע צייטווייליק איינגעאָרדנט אין די דערבייִקע ערד־שטיבלעך (זיעמליאַנקעס).

## דער בריגאַדע־קאָמאַנדיר מאַרקאָוו

אין אַ פּאָר טעג אַרום נאָך אונדזער דערגרייכן דעם וואַלד איז געקומען צו אונדז אין אָטריאַד דער קאָמאַנדיר פון דער פּאַרטיזאַנער־בריגאַדע, פיאָדאָר מאַרקאָוו, אַ פּאָלקאָווניק פון דער רויטער אַרמיי, אַ געוועזענער לערער פון אַ שול אין אָלט־סווענציאַן. אָנהייב מלחמה איז ער מיט אַ גרופּע ייִדישע יוגנטלעכע אַנטלאָפן אין די וועלדער ביי דער נאַראָטשער אָזערע, בכדי צו אָרגאַניזירן אַ פּאַרטיזאַנער־מחנה. אויפן וועג האָט ער דערהרגעט דעם היטלעריסטישן ממונה איבערן גאַנצן ראַיאָן, זיך איבערגעטאָן אין יענעמס מונדיר און אַרומגעגאַנגען איבער די דערפער אַגיטירן קעגן די דייטשן. די דייטשן האָבן געמאָלדן פאַר מאַרקאָווס קאָפּ אַ גרויסע סומע, אָבער אים ניט געכאַפּט. אים האָט זיך איינגעגעבן צו אָרגאַניזירן אַ פּאַרטיזאַנער־מחנה, וואָס איז מיט דער צייט אויסגעוואַקסן צו אַ פּאַרטיזאַנער־בריגאַדע אונטער זיין אָנפירונג.

מאַרקאָוו האָט צונויפגערופן אויף דער באַזע אַלעמען פון דעם אָטריאַד „נקמה": יונגע־לייט מיט געווער, אָן געווער, אָבער קאַמפּספּעיִקע, און אויך עלטערע ייִדן, בעלי־מלאכהס און אויך פרויען מיט קליינע קינדער. אויסגעשטעלט אַלעמען אין אַ „חית" און געמאָלדן, אַז ס'איז אָנגעקומען אַ באַפעל פון מאָסקווער פּאַרטיזאַנער־שטאַב, אַז אַלע נאַציאָנאַלע גרופּעס ווערן ליקווידירט. עס וועלן זיין אויסשליסלעך אינטערנאַציאָנאַלע פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן.

ער האָט גלייך געמאָלדן, אַז דער אָטריאַד „נקמה" וועט הייסן

ערשטער אָטריאַד פון קאָמסאָמאָלצעס אויף פערד א״נ פון וואָראָשילאָוו, און אַלס קאָמאַנדיר איז באַשטימט געוואָרן אַ געוויסער וואָלאָדקע סאָולע־וויטש; אָנפירער פון שטאַב — דער ייִדישער בחור פון מינסק, באַמע.

מאַרקאָוו האָט אָפּגעטיילט די פּאַרטיזאַנער מיט ביקסן, פעסטגעשטעלט די קעמפער, וואָס האָבן ניט קיין ביקסן. ער האָט געמאָלדן, אַז עס וועט זיך שאַפן אַ פּראָדוציר־גרופּע פון פאַכמענער, וואָס וועט באַזאָרגן די פּאַרטיזאַנער מיט אַלעם נייטיקן, זיי זאָלן קאָנען קעמפן. די עלטערע לייט, פרויען און קינדער וועט מען איינאָרדענען אין ערד־שטיבלעך, און מיר וועלן זיי דאַרפן העלפן.

תּוך־כּדי־דיבור זײַנען אָנגעקומען רוסישע פּאַרטיזאַנער אויף פורן. אויף דער פאַראָרדענונג פון מאַרקאָוון האָבן זיי מיטגענומען אויף זייערע פורן אַלע פּאַרטיזאַנער מיטן בעסערן געווער. אויך מיך האָבן זיי מיטגענומען מיט מיין מאַשין־געווער. מיר זײַנען דערפאָרן צום דערבייַיקן וואַלד, דאָרטן האָבן אויף אונדז געוואַרט יוגנטלעכע פון די אַרומיקע דערפער, וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן צו די פּאַרטיזאַנער אויס מורא פאַרן אַרויסגעפירט ווערן קיין דייטשלאַנד אויף צוואַנגאַרבעט, אָדער מורא פאַר די סאָוועטן וואָס וועלן זיך צוריקקערן. דאָ האָט מען ביי מיר צוגענומען דאָס מאַשין־געווער און געגעבן אַן אַלטע ביקס. אויך ביי די איבעריקע ייִדישע חברה האָט מען אַוועקגענומען דאָס מיטגעבראַכטע פון געטאָ בעסערע וואָפן, געגעבן אַלטע ביקסן און צוריקגעבראַכט אונדז אויף דער באַזע. שפּעטער זייַנען די רוסן מיט פּאַראַד געקומען צו אונדז, אויסגעפּוצטע מיט אונדזער גוט געווער. אַזוי האָט זיך אויפגעשטעלט דער נייער אָטריאַד. מען האָט אונדז יעדערן צוגעטיילט ערטער אין די ערד־שטיבלעך, און אַ טייל פון אונדז האָט מען געשיקט מיט אַן אויפגאַבע צו ברענגען פערד פאַר אונדזער מחנה און אויך צו אַנטוואָפענען דעם פּוילישן אָטריאַד. איך בין געבליבן אויף דער באַזע.

אויף מאָרגן, גאָר פרי האָט דער שטאַב־אָנפירער, באַמקע, אָנגעהויבן רופן צו זיך אין שטאַב־ביידל איינציקווייז די ייִדישע חברה און געמאָלדן, אַז היות מען דאַרף קויפן געווער, מוזן אַלע זיך באַשטייערן און אָפּגעבן זייערע ווערטפולע זאַכן און בגדים אין שטאַב. ער האָט צוגענומען ביי די

יידישע חברה גוטע לעדערנע מאַנטלען, שטיוול, זייגערס, ווערטפולע זאַכן. אַנשטאָט דעם האָט מען זיי געגעבן אַלטע בגדים.

אויף מאָרגן האָבן מיר דערזען, אַז די שטאַב־מיטגלידער, מיטן קאָמאַנדיר סאָולעוויטש בראָש, גייען אָנגעטאָן אין די רעקווירירטע דורך זיי לעדערנע מאַנטלען און שטיוול, מיט די זייגערס אויפן האַנט. דאָס איז געווען אומגלייבלעך, אָבער אַ פאַקט. ווען חברה האָט גענומען פּראָטעסטירן, האָט מען זיי אָפּגעפּטערט מיט אַ דריי־גאָרנדיקן רוסישן מי־שבירך... אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן שפּירן דער אַנטיסעמיטיזם אין אונדזער מחנה. ביי די יידישע פּאַרטיזאַנער איז געוואָרן אַ געדריקטע שטימונג.

ס'האָבן זיך צוריקגעקערט פון דער אויפגאַבע די יידישע פּאַרטיזאַנער און דערציילט, אַז זיי האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף פּוילישע פּאַרטיזאַנער, די אַזוי גערופענע אַקאַ־סאָלדאַטן („אַרמיאַ קראַיאָווא"), וועלכע לאָזן זיך ניט אַנטוואָפענען און האָבן זיך פאַרבאַריקאַדירט. מאַרקאָוו האָט געשיקט זיינע פּאַרטיזאַנער צו אַנטוואָפענען די פּאַליאַקן. בלויז ביי אייניקע האָט מען צוגענומען דאָס געווער. די גרעסטע טייל פון זיי האָבן זיך אָרגאַניזירט אין אַ באַזונדער גרופּע, די אַזוי גערופענע „ווייס־פּאַליאַקן", וואָס פלעגן אויף די וועגן באַפאַלן אונדזערע פּאַרטיזאַנער. מען האָט זיך מיט זיי דעררעדט, אַז מיר וועלן פירן אונטערהאַנדלונגען צו מאַכן אַ שלום צווישן אונדז. אויף אַ טרעפונג מיט זיי איז אַוועק מירע גאַניאַנסקי, אַ שיין יידיש מיידל, וואָס האָט געקענט שפּראַכן. ווען זי האָט זיך דערנענטערט צום אָפּגערעדטן פּונקט, האָבן די פּאַליאַקן זי דערשאָסן.

אין עטלעכע טעג אַרום איז אַ גרופּע יידישע פּאַרטיזאַנער מיט יוסף גלאַזמאַן בראָש (צווישן זיי איז אויך געווען אבא קאָוונערס ברודער מיכל) אַוועק איבער דער באַן־ליניע, בכדי זיך אָנצושליסן אין אַן אַנדער פּאַרטיזאַנער־גרופּירונג. אָבער די גאַנצע גרופּע איז אַרויפגעפאַלן אויף אַ לויערונג און אומגעקומען.

# די בלאָקאַדע

אין יענע טעג האָט מען אָנגעהויבן ריידן וועגן דעם, אַז די דייטשן און ליטווינער וועלן בלאָקירן דעם וואַלד. די דאָזיקע ידיעה האָבן באַשטעטיקט אונדזערע אויסשפּירער, וואָס האָבן דערציילט, אַז אין אַלע אַרומיקע באַן־סטאַנציעס קאָנצענטרירן זיך גרויסע מיליטער־טיילן, אפשר אַרום 60 טויזנט סאָלדאַטן אין פולער אויסשטאַטונג. זיי גרייטן זיך „דורכצוזיפּן" דעם גאַנצן וואַלד, ווו עס האָבן זיך געפונען ביי אַ 20 טויזנט פּאַרטיזאַנער.

דעם 22סטן סעפּטעמבער 1943 האָט סאָלעוויטש אין מיטן דער נאַכט געגעבן אַ געהיימע קאָמאַנדע, אַז אַלע וואָס האָבן געוועהר, דאַרפן מיט אים תיכּף זיך אַרויסגנבֿענען פון אונדזער באַזע, אַז קיינער זאָל ניט מערקן. אָבער די גאַנצע באַזע, יונג און אַלט, האָבן דערשפּירט, אַז עס גרייט זיך עפּעס אומגעווײנלעכס, און טאַקע אין מיטן דער נאַכט גענומען אונדזער באַוואָפנטע גרופּע נאָכלויפן. סאָלעוויטש האָט זיי געוואָרנט ניט נאָכצולויפן, אָבער ס'האָט ניט געהאָלפן. דאַן האָט ער אויסגעשאָסן אין דער לופטן. די נאָכלויפערס זיינען געבליבן אויפן וועג און מיר האָבן זיך דערקליבן אויף דער אַ"ג טשאַפּייעווסקער באַזע. דאָרטן איז שוין קיינער ניט געווען, ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיר זיינען די לעצטע וואָס טרעטן אָפּ ערב דער בלאָקאַדע.

סאָלעוויטש האָט אויסגעשטעלט די רוסישע פּאַרטיזאַנער אין איין זייט און די ייִדישע — אין דער צווייטער. גענומען בייטן די גוטע ביקסן פון די ייִדישע פּאַרטיזאַנער אויף ערגערע פון די רוסישע פּאַרטיזאַנער. זיינען די ייִדן ווייטער געבליבן מיטן ערגסטן געוועהר. און דערנאָך זיינען מיר אָוועק ווייטער אין וועג. מיר האָבן פּלוצלונג דערהערט אַ גערויש פון מאָטאָרן. זיינען געבליבן שטיין ביי אַ שטעגל. סאָלעוויטש האָט אַרויסגעשיקט אַ פּאָר ייִדישע פּאַרטיזאַנער אויסצופאָרשן די לאַגע. די רוסישע פּאַרטיזאַנער האָט ער אויסגעשטעלט אויף איין זייט שטעגל און די ייִדישע — אויף דער צווייטער זייט, און בפירוש אָנגעזאָגט, מיר זאָלן זיך ניט אויסמישן... די אויסשפּירער האָבן זיך גיך צוריקגעקערט

און געמאַלדן, אַז זיי האָבן זיך כמעט ווי אַנגעשטויסן אויף די דייטשן. האָט סאָלעוויטש געגומען די רוסישע גרופּע און איז מיט איר אַוועק אין אַ צווייטער ריכטונג. ווען מיר האָבן אים געפרעגט ווהין זאָלן מיר גיין, האָט ער געענטפערט, אַז מיר זיינען פריי און קאָנען גיין ווו מיר ווילן...

ס'האָט פלוצלונג אָנגעהויבן צו רעגענען. ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט. מיר האָבן ניט געוווסט ווו צו גיין. מיר האָבן זיך ניט געהאַט ווו צו באַהאַלטן פון רעגן און זיינען געוואָרן דורכגעווייקט ביזן לייב. באין־ברירה האָבן מיר אָנגעהויבן גיין. חברה פון די אַרומיקע שטעטלעך, וואָס זיינען געווען מיט אונדז, האָבן געעצהט צו גיין אין דער ריכטונג פון די נעווערער בלאָטעס. מיר האָבן אָבער דעם וועג ניט געוווסט.

אויף אונדזער מזל האָבן מיר אָנגעטראָפן אויף אַ צווייטער יידישער גרופּע, מיט וועלכער ס'האָט אָנגעפירט אַ פּאַרטיזאַן, אויך פון די אַרומיקע שטעטלעך, שלום האָט ער געהייסן. ער האָט גוט געקענט דעם וועג, און מיר זיינען אונטער זיין אָנפירונג אַוועק אין דער ריכטונג פון די בלאָטעס אויף נעווער. עס איז אויך מיטגעגאַנגען זיין פרוי, וואָס איז אין וועג קראַנק געוואָרן און ניט געקאָנט ווייטער גיין. חברה האָבן געמאַכט פון צווייגן אַ פּראָוויזאָריש טראָגבעטל, זי אַרויפגעלייגט און מיר זיינען אַוועק ווייטער.

די נאַכט איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך פינצטערע. מען האָט ניט געזען ווי צו שטעלן אַ טראָט. דער רעגן האָט געגאָסן. סוף־סוף זיינען מיר דערגאַנגען צו אַן אַלטער גרעבליע — אַ וועג אין בלאָטע, אויסגעלייגט מיט אַראָפּגעזעגטע ביימער אין דער ברייט פון וועג. די גרעבליע איז געווען פול מיט גריבער, און ס'איז געווען סכנותדיק צו גיין איבער איר. אָבער מיר האָבן קיין ברירה ניט געהאַט.

ביים אָנהייב פון דער גרעבליע האָבן מיר געפונען עטלעכע זעק מיט קאַרטאָפל. ווער ס'האָט דאָס איבערגעלאָזן, האָבן מיר ניט געוווסט. פאַרשטייט זיך, האָבן מיר מיטגענומען די קאַרטאָפל און זיינען אַוועק ווייטער. אין מיטן דער גרעבליע איז געווען אַ „גייענדיקע" בלאָטע,

איבערגעלייגט מיט א „בריקל" — א קלאָץ אונטן און ביים זייט כלומרשט א פּאַרענטש. יעדערער האָט געדאַרפט איבער דעם אַריבערגיין אין דער חושכדיקער נאַכט און זיך היטן ניט אַריינצופאַלן אין דער גייענדיקער בלאָטע. אייניקע זיינען טאַקע אַריינגעפאַלן... דער אימפּעט האָט יעדערן געטראָגן אַרויפצוגיין ענדלעך אויפן אינדזל. דאָס איז געווען דער נעווער.

מיט די לעצטע כּוחות זיינען מיר אַרויף אויפן דאָזיקן אינדזל. אָנגעצונדן שייטערס און זיך געזעצט טריקענען די בגדים און זיך א ביסל דערוואַרעמען. פּאַר טאָג זיינען מיר אַראָפּ פון אינדזל און שטייענדיק זיך פאַרשטעקט אין א „גייענדיקער" בלאָטע, וואָס האָט פאַרנומען זייער א גרויסן שטח. אויף דער דאָזיקער בלאָטע זיינען געשטאַנען ווו ניט ווו פּראָוויזאָרישע ביידלעך, אַזוי גערופענע „פּונקעס", ווו עס האָט זיך געטריקנט היי, אָראָפּגעשניטענע פון די בלאָטעס. אַזוי האָבן מיר אין משך פון דער גאַנצער בלאָקאַדע, בערך א צען טעג, ביי טאָג „געשפּאַצירט" אין דער בלאָטע ביזן האַלדז און ביי נאַכט פלעגן מיר אַרויפגיין אויפן אינדזל זיך טריקענען.

אויפן אינדזל האָבן מיר געפונען א פאַרבלאָנדזשעטע קאַלב. חברה קצבים האָבן עס געקוילעט און צוגעגרייט דאָס פלייש צום קאָכן. איך האָב געפונען א גרויסע מילכקאַן. א ביסל קאַרטאָפל איז געווען, האָב איך אָפּגעשאָבן די קאַרטאָפל, אַריינגעבראָקט אין דער קאַן צוזאַמען מיט שטיקער פלייש, אָנגעגאָסן פול וואַסער און צוגעשטעלט קאָכן. עס פלעגט זיך קאָכן עטלעכע שעה און דערנאָך פלעג איך מיט א שטעקן אַרויסבאַקומען דאָס געקעכטס פון קאַן און עס פונאַנדערטיילן צווישן אונדזער גרופּע.

אַזוי האָבן מיר איבערגעלעבט די בלאָקאַדע. מיט אונדז האָט זיך געפונען אַן אַלט פּאָר־פאָלק פון סווענציאַן. ער איז געווען א פישער. פלעגט ער זיך אַראָפּלאָזן דורך דער גרעבליע צו די פּויערים נאָך א ביסל קאַרטאָפל. ער פלעגט עס ברענגען אויף זיינע פּלייצעס. פרייטיק פאַר נאַכט פלעגט די אַלטינקע צודעקן דאָס פּראָוויזאָרישע טישל מיט א ווייס טיכל און זיי פלעגן ביידע פּראָווען קבלת־שבת. דאָס איז געווען רירנדיק. אָבער דער קבלת־שבת איז געווען באַגלייט מיט א געוויין פון

אַ ניי־געבאָרן קינד. דאָס קינד איז געלעגן אין אַ דערבייִיקן ערד־שטיבל און אָפּגעווײנט עטלעכע טעג, ביז עס איז אויסגעגאַנגען...

נאָך דער מלחמה האָב איך, אַגב, דעם אַלטן פישער געטראָפן אין זיין היימשטאָט סווענציאַן.

ווען די בלאָקאַדע האָט זיך געענדיקט, האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז סאָלעוויטש מיט זיין גרופּע האָט זיך באַהאַלטן פון אַנדער זייט נעווער. דאָרטן איז אויך געזעסן דער שטאַב מיט מאַרקאָוון. ווען אונדזערע ייִדישע פּאַרטיזאַנער פלעגן זיך אַראָפּכאַפּן אין דערבייִיקן דאָרף דורך דער גרעבליע, בכדי צו באַקומען ביי די פּויערים אַ ביסל פּראָדוקטן, האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט צו געבן. זיי האָבן געטענהט, אַז ייִדישע פּאַרטיזאַנער האָבן צוגענומען ביי זיי די לעצטע שעפּסן און הינער. דאָס איז געווען קעגן דער פּאַרטיזאַנישער „געזעצגעבונג", וואָס האָט פאַרווערט צוצונעמען די לעצטע פון לעבעדיקן אינווענטאַר ביי די פּויערים. קלאָר, אַז דאָס האָבן געטאָן די רוסישע פּאַרטיזאַנער. עס האָט אָבער אויך געטראָפן, ווען אַ פּאַרטיזאַן האָט אין אַ גרויסן דאָרף צוגענומען ביים ערשטן פּויער אַ פערד און אים פאַרקויפט פאַר אַ ליטער סאַמאָגאָן צו דעם לעצטן פּויער לויט דער ריי פון צווייטן זייט דאָרף, איז עס געווען געזעצלעך... די גערעכטיקייט איז געווען אויפן פּאַרטיזאַנערס זייט.

נאָך דער בלאָקאַדע איז באַוווּסט געוואָרן, אַז עס זיינען אומגעקומען ביי 160 ייִדן, וואָס האָבן ניט געהאָט וווּ זיך צו באַהאַלטן.

## די פּראָדוציר־גרופּע

נאָך דער בלאָקאַדע זיינען מיר אַראָפּ פון נעווער און אַוועק אין דער ריכטונג פון אונדזער מחנה. אָבער ניט קוקנדיק אויף דער פאַר־אָרדענונג זיך צוריקצוקערן אין די פריִערדיקע אָטריאַדן, האָט זיך אונדז זייער ניט געוואָלט זיך אומקערן צו סאָלעוויטשן און מיר האָבן באַשלאָסן צו שאַפן לויט מאַרקאָווס פאָרשלאָג אַ פּראָדוציר־גרופּע, וואָס וועט דאַרפן באַדינען די גאַנצע פּאַרטיזאַנער־בריגאַדע, לויטן מוסטער פון סאָוועטישן הינטערגרונט וואָס האָט געאַרבעט פאַרן פראָנט.

ס'האָט זיך געשאַפן אַ ייִדישע גרופּע פון בערך 50 מאַן. מיר האָבן אויסגעפונען אַ פּאַסיק אָרט, אויסגעבויט אַ גרויס ערד־שטיבל פאַר אַן ערך 70 מאַן. אַ באַזונדער ערד־שטיבל — פאַרן קאָמאַנדיר און אויך צוגאָב־שטיבלעך פאַר אַ בעקעריי, קירזשנעריי און אַנדערע צוועקן.

מיר האָבן אויסגעבויט אַ גרויסן אויוון פאַר דער בעקעריי. ביי אונדז אין דער גרופּע איז געווען אַ בעקער, אַ גרויסער ספּעציאַליסט. מיר האָבן געהאַט אַ היטל־קירזשנער, אַ גאַרבער. שפּעטער האָבן מיר אויך אָנגעהויבן פּראָדוצירן ווורשט.

מיר האָבן אָפּיציעל געמאָלדן אין שטאַב פון דער בריגאַדע, וועגן אונדזער פּראָדוציר־גרופּע. אַלע אַטריאַדן האָבן אָנגעהויבן ברענגען צו אונדז דירעקט פון דער פּאַרטיזאַנער־מיל מעל אויף צו באַקן ברויט. פּאַרטיזאַנער פלעגן באַשטעלן היטלען. די אַטריאַדן פלעגן ברענגען פלייש אויף צו מאַכן פאַר זיי ווורשט. די פעל פון די בהמות פלעגן מיר ווייקן אין גרויסע פעסער מיט דעמבאָוועער קאָרע און פּראָדוצירן לעדער. אַזוי האָט זיך געשאַפן אַ פּראָדוציר־צענטער פאַר דער גאַנצער פּאַרטיזאַנער־בריגאַדע.

דער אָנפירער פון אונדזער גרופּע איז געווען באַשטימט דורכן שטאַב פון דער בריגאַדע. מיר האָבן געהאַט צוגעטיילט אַ זאָנע אויף זיך צו באַזאָרגן מיט פּראָדוקטן פאַר דער גרופּע. בקיצור, מיר זיינען געוואָרן אַ וויכטיקע אינסטיטוציע פאַר דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג. מיר האָבן אויסגעבויט אַ דאָרפישע באָד, קודם־כּל זיך צו וואַשן און צו וויאַנדזלען ווורשט.

אין דער דאָזיקער פּראָדוציר־גרופּע זיינען מיר געווען דריי ווילנער און איינער אַ וואַרשעווער פּליט. מיר זיינען אַלע פיר געוואָרן ווי איין משפּחה, פלעגן צוזאַמען אַרויספאָרן כּמעט יעדע וואָך אין אונדזער ראַיאָן צו שאַפן פּראָדוקטן פאַר דער גרופּע. מיר זיינען אויך געווען די בויער פון באָד, וווּ מיר האָבן אין געהיים אויסגעבויט אַ „מעלינע" פאַר אַ נויטפאַל און דאָרטן אַריינגעלייגט פּראָדוקטן, וואָס האָבן געקאָנט אויס־האַלטן אַ לענגערע צייט און ניט ווערן איבערגעפירט.

ווּמער און ווינטער האָט מען געדאַרפט צוגרייטן האָלץ פאַר דער באָד.

מיר פלעגן דערצו צעזעגן בעריאָזע־ביימלעך און אונטערצינדן דעם אויוון. די שטיינער פלעגן זיך אָנגליִען. פלעגט מען גיסן אויף זיי קאַלט וואַסער. פון דער פּאַרע פלעגט דאָס בעדל ווערן אָנגעהיצט אַזוי, אַז ווינטער־צייט פלעגן מיר נאַקעטע אַנטלויפן פון דער היץ אויפן שניי... דער איינציקער וואָס פלעגט בלייבן ליגן הינטן אויף דער פּאָלקע, איז געווען אונדזער קאָמאַנדיר באַרקאַן. ער פלעגט האַלטן אין איין שרייען, אַז ס׳איז קאַלט, און מיר זאָלן גיסן נאָך וואַסער אויף די הייסע שטיינער...

אין אונדזער גרויסער ערדשטיבל האָבן מיר געמאַכט האָלצנאַרעס פון ביידע זייטן. אין מיטן אַוועקגעשטעלט אַן אייזערנעם אייוועלע. האָלץ האָט ניט געפעלט, און ס׳איז געווען וואַרעם. אין דער פרייער צייט אָדער נאָכן אומקערן זיך פון אַן אויפגאַבע, פלעגן מיר זיך אויסזעצן אויף די נאַרעס. שמועסן וועגן אַקטועלע ענינים און אויך פאַרציִען אַ זמרל. און דאָ פלעג איך אויסזינגען הונדערטער פאָלקס־לידער. חברה פלעגט הנאה האָבן און בעטן נאָך און נאָך...

אין אונדזער פּאַרטיזאַנער־גרופּע איז געווען דער דיכטער אַברהם סוצקעווער, וועלכן מען האָט שפּעטער אַוועקגענומען מיט אַ ספּעציעלן עראָפּלאַן קיין מאָסקווע, ווי אַ וויכטיקן עדות פון די היטלעריסטישע רציחות אין ווילנע.

## ניסל רעזניקס ערדשטיבל

גלייך נאָך דער בלאָקאַדע האָט ניסל רעזניק, דער שטאַב־מיטגליד פון ווילנער פ.פ.אָ., אויפגעקליבן אין אַן ערדשטיבל אַ גרופּע יוגנטלעכע, 14—15־יאָריקע מיידלעך. און אויך צוויי יִינגלעך, וואָס האָבן אַרומגעבלאָנקעט אין וואַלד און ניט געהאַט ווער עס זאָל פאַר זיי זאָרגן. ער מיט זיין פרוי האָבן זיי צוגעטוליעט און געזאָרגט פאַר זייער אויסהאַלטונג. ס׳איז געווען אַ פאַראַנטוואָרטלעכע זאַך, ווייל ניסל האָט ניט געהאַט קיין מעגלעכקייטן צו שאַפן פּראָדוקטן אויפן אָפיציעלן וועג.

מיר, פיר ווילנער, האָבן זיך דערוווסט פון דעם און פאַרנדיק פון אַן אויפגאַבע צו באַזאָרגן שפּייז פאַר אונדזער פּראָדוציר־גרופּע, פלעגן מיר אַריינפאָרן צו ניסלען און אים איבערלאָזן פאַרשיידענע פּראָדוקטן, וואָס

ער האָט נייטיק געהאַט פאַר די יוגנטלעכע. מיר האָבן עס געהאַלטן פאַר אַ חוב און וויפל מיר האָבן געקענט, זיי געהאָלפן. מיר האָבן זיך מיט זיי באַפריינדט, פלעגן קומען צו זיי צו גאַסט און דערמוטיקן.

אגב, האָט דער וואַרשעווער חבר פון אונדזער „פירטל" חתונה געהאַט מיט איינער פון די יוגנטלעכע ביי ניסלען נאָך דער פאַראייניקונג מיט דער רוטער אַרמיי. נאָך אַ מיידל האָט חתונה געהאַט מיטן ייִדישן פאַרטרעטער פון מאַרקאָוון, אַ רוסיש-ייִדישער אינזשעניר, וואָס איז געווען איינער פון די בויער פון מאָסקווער מעטראָ, טשערניאַק. ער פלעגט קומען צו אונדז אין דער פּראָדוציר-גרופּע און דערציילן וועגן אַנטיסעמיטיזם, וואָס הערשט אין פאַרטיזאַנער-שטאַב. ער האָט אונדז אויך דערציילט וועגן אַ ייִדיש מיידל, וואָס די פאַרטיזאַנער האָבן געכאַפּט און באַשולדיקט אין אַרבעטן לטובת געסטאַפּאָ. מען האָט זי געפאַרשט אין שטאַב און באַשלאָסן צו שיסן. טשערניאַק האָט דאַן פאַרגעלייגט, מען זאָל אים דערלויבן אויסצופאָרשן דאָס מיידל. אונטער פיר אויגן האָט זי זיך מודה געווען און מאָטיווירט, אַז זי האָט געוואָלט ראַטעווען איר מאַמען. טשערניאַק אַליין האָט זי דאַן געשאָסן.

✶

די פּראָדוקטן פון אַ פאַרזאָרגונגס-אויפגאַבע פלעגן מיר אָוועקפירן מיט רעקווירירטע פורן, צוזאַמען מיט די באַלעבאַטים. קומענדיק צום דאָרף ביעריעזשניכע, אַ פיר ק"מ פון אונדזער באַזע, פלעגן מיר די באַלעבאַטים פון די פורן דאָרטן איבערלאָזן. זיי האָבן געדאַרפט וואַרטן ביז מיר פלעגן די פּראָדוקטן ברענגען צו זיך אויף דער באַזע און דערנאָך זיי אומקערן צוריק זייערע פערד-און-וועגענער. דאָס פלעגט זיין סיי זומער, סיי ווינטער. אין אונדזער באַזע האָבן מיר די פויערים ניט אַריינגעלאָזן צוליב זיכערקייט-טעמים.

אויף דער באַזע פלעגן מיר אויסלאָדן די געבראַכטע פּראָדוקטן, צובינדן די פערד מיט די פורן אין אַ ריי, איינער הינטערן אַנדערן, און אָפּפירן זיי צו זייערע באַלעבאַטים וואָס האָבן געוואַרט אין דאָרף. איך פלעג אָפט אָפּפירן די פורן און אַליין זיך אומקערן צו פוס אויף דער באַזע. כ'האָב ניט מורא געהאַט צו גיין אַליין, ווייל אונדזער פאַרטיזאַנער-

באַזע האָט זיך אויסגעשפּרייט אויף אַ 100 קוואַדראַט ק"מ, און ביי טאָג האָבן די דייטשן מורא געהאַט אַריינצוגיין אין „אונדזערע" וועלדער.

פאַרנדיק פון דאָרף צו דאָרף אין אונדזער ראַיאָן נאָך פּראָדוקטן פלעגן מיר אונטערוועגנס זיך אָנשטויסן אין פאַרשיידענע קוריאָזן — ערנסטע און צו מאָל אויך קאָמישע. איין מאָל, ווינטערצייט, האָבן מיר רעקווירירט ביי אַ פּויער אַ קו, געבונדן אירע הינטערשטע פיס, אַרויפגעלייגט אויף אַ שליטן און זיינען געפאָרן אין אַ צווייטן דאָרף. דער וועג איז געווען אַ גליטשיקער, דער שליטן האָט זיך געגעבן אַ קער איבער, און די קו איז געלעגן אויף דער ערד. שניי איז געווען ווייניק. מיר האָבן באַפרייט די פיס פון דער קו און געוואָלט זי אויפשטעלן. אונדז איז עס ניט געלונגען. קיינע מיטלען האָבן ניט געהאָלפן. ניט קיין קלעפּ, ניט קיין שלעפּן פאַרן עק. איז אונדז איינגעפאַלן אָנצוצינדן אַ ביסל שטרוי לעבן איר. האָט זי זיך מאָמענטאַל געשטעלט אויף אירע פיס.

אין איינער אַ נאַכט זיינען מיר געפאָרן אין אַ דאָרף וואָס ליגט לעבן דער אָזערע סוויר. ניט ווייט פון דאָרף האָט זיך געפונען אַ ליטווישער פּאָסטן. ווען עס פלעגן קומען אין דאָרף פּאַרטיזאַנער, פלעגן די דאָרפסלייט געבן אַ צייכן צו די ליטווינער, קלינגענדיק אין אַ גלאָק.

מיר זיינען געווען אין יענעם דאָרף און פּלוצלונג דערהערט אַ קלונג. אָבער איידער וואָס־ווען האָבן מיר באַוויזן אַרויסצופאָרן פון דאָרף מיט אונדזערע פּראָדוקטן.

## דער פּאַרטיזאַנער־אַנסאַמבל „האָפּ סאַ סמיקאַם"

דעם ערשטן מאַי 1944 האָבן מיר געפייערט אין דער פּראָדוציר־גרופּע. איך האָב צוגעגרייט עטלעכע לידער מיט אַ גרופּע זינגער. עס זיינען צו אונדז געקומען פאַרשטייער פון דער פּאַרטיי. איך האָב דיריזשירט מיטן כאָר און אויך אַליין געזונגען סאָלאָ. פאַרן געזעגענען זיך האָבן די פּאַרטיי־פאַרשטייער געמאָלדן אונדזער אָנפירער, אַז איך און נאָך צוויי זינגער, יידן, אַ טאַטע מיט אַ טאָכטער, פּאַזנער, דאַרפן אַריבערגיין אין „אַנסאַמבל פון פּאַרטיזאַנישן ליד און טאַנץ".

מיר זיינען אהין אוועק. מען האט אונדז גוט אויפגענומען. דער מוזיקער אנסאמבל האט געציילט ביי א 40 פארטיזאנער — זינגער, שפילער, טענצער. מיר זיינען דא געווען דריי איינציקע יידן. דער אנפירער פון אנסאמבל איז געווען יאגאדזינסקי, א רוס פון קאווקאז, וואס האט דערציילט, אז ער האט דריי ווייבער. דער קינסטלערישער לייטער איז געווען ניקאלייעוו, זייער א סאלידער בחור פון סיביר. ער האט מיר דערציילט, אז ער האט געלייענט א סך ביכער פון די יידישע קלאסיקער אין איבערזעצונג. איך האב געהאט א חשד, אז ער האט א שייכות צו יידן... מיר האבן זיך מיט אים זייער גוט אויפגעלעבט. ער האט מיט מיר איינגעזונגען עטלעכע רוסישע פאלקסלידער, און איך בין געווארן דער סאליסט פון אנסאמבל. דער אנסאמבל פלעגט ארומפארן איבער אלע אטריאדן פון מארקאווס בריגאדע, ווי אויך אין די דערפער פון דער פארטיזאנער־זאנע, אין א גרויסן פייערלעשער־פורגאן און געבן קאנצערטן. מיר פלעגן אבער אויך גיין אויף פארשיידענע קאמף־אויפגאבעס.

אונדזער פארטיזאנער־אנסאמבל האט זיך פאראייניקט מיט דער רויטער ארמיי אין אלט־ווילייקע, אין פעברואר 1945. דאס איז געקומען כמעט ווי פלוצלונג. מיר האבן זיך געקושט מיט די רויט־ארמייער און זיך באזעצט צייטווייליק אין אלט־ווילייקע. די שטאט איז געווען חרוב און ס'איז געווען שווער צו געפינען א וווינארט.

אין אונדזער אנסאמבל איז דאן צוגעקומען א גלענצנדיקער אקארדעאניסט, א בלאנדער, הויכער ווייסרוס פון דער געגנט. אין א געוויסן טאג, גייענדיק מיט אים דורך די חורבות, האט ער פלוצלונג זיך באהאלטן הינטער א בוים. אין דעם מאמענט איז אנגעלאפן א ייד, וואס האט אים דערקענט ווי דעם געוועזענעם פאליציי־קאמענדאנט אין זיין שטעטל בעת די דייטשן. ער האט אים פארהאלטן און איבערגעגעבן דער נ.ק.וו.ד.. מען האט אים געמישפט און אוועקגעזעצט אויף אכט יאר.

פאר אונדזער אטריאד איז געשטאנען די פראגע, צי מיר זאלן גיין אויפן פראנט, אדער בלייבן דא ווי אן אנסאמבל. די גרעסטע טייל פון אונדזערע פארטיזאנער, דער עיקר קאמסאמאלצעס, זיינען געווען פאר דעם, מיר זאלן דא בלייבן ווי אן אנסאמבל. מיר, די צוויי יידן־מענער,

האָבן געזאָגט, אַז מיר זיינען גרייט צו גיין אויפן פראָנט, אָבער די איבערוועגנדיקע מערהייט איז געווען, מיר זאָלן בלייבן ווי אַן אַנסאַמבל.

און אַזוי איז געבליבן. ווי אַ פּאַרטיזאַנער־אַנסאַמבל האָבן מיר באַדינט די באַפעלקערונג פון דער גאַנצער געגנט. מען האָט אונדז אויסגעטיילט ברויט־קאַרטלעך און מיר האָבן אָנגעהויבן קאָנצערטירן.

עטלעכע פון אונדזערע רוסישע פּאַרטיזאַנער זיינען געווען, ווי זיי האָבן אַליין דערציילט, מומחים צו גנבענען זייגערס ביי עלטערע מענטשן, וואָס זיצן אין די שטאָטישע גערטנער. איינער האָט אַפילו דעמאָנסטרירט פאַר אונדז אַ „סעאַנס", ווי ער גנבעט דעם זייגער. עס האָט ניט לאַנג געדויערט און נאָכן צוזעצן זיך לעבן איינעם אין שטאָטישן גאָרטן, האָט דער פּאַרטיזאַנער אונדזערער געהאַט דעם זייגער ביי זיך אין האַנט... אויך אַזוינע „קינסטלער" זיינען געווען אין אונדזער אַנסאַמבל.

אין אַלט־ווילייקע זיינען צו אונדז אַריינגעפאַלן פינף דייטשע געפאַנגענע. אויף מיר איז אויסגעפאַלן זיי צו היטן, בעת זיי האָבן אַ גאַנצן טאָג געריייניקט דעם שטאָטישן גאָרטן. קיין עסן האָב איך פאַר זיי ניט געהאַט. פאַר נאַכט,ביים צוריקקער האָט מען זיי געגעבן עסן. איך האָב זיך אויסגעדריקט, אַז איך וואָלט זיי ניט געגעבן קיין עסן, פּונקט ווי זיי האָבן זיך באַצויגן צו די סאָוועטישע געפאַנגענע, ווי אויך צו ייִדן. אַ רוסישע קאָמסאָמאָלקע פון אונדזער אַנסאַמבל איז אויף מיר אָנגעפאַלן און מיך געזידלט פאַר דעם...

דער אַנסאַמבל אונדזערער איז אַריבערגעפאָרן אין אַ דערבייַיִקן שטעטל פּאָסטאַוו. מיר האָבן דאָרטן קאָנצערטירט עטלעכע מאָל מיט גרויס דערפאָלג. מיר האָבן זיך אַלע פאָטאָגראַפירט און די פאָטאָגראַפיע האָט מען געוויזן דעם פּראָקוראָר פון שטעטל. ווי איינער אַ קאָמסאָמאָלעץ פון אַנסאַמבל האָט מיר דערציילט, האָט דער פּראָקוראָר אָנגעוויזן אויף מיר, אַז איך האַנדל אויפן מאַרק...

געווען איז די זאַך גאַנץ אַנדערש: איך האָב זיך דערעדט מיט מיין מיטזינגער פון אַנסאַמבל, פאַזנער, אַז מיר וועלן, לויט דער ריי, פאָרן קיין ווילנע, איינקויפן שוועבעלעך און שטיינדלעך צו צינד־מאַשינקעס, בכדי עס אויסצובייטן אויף פּראָדוקטן אויפן מאַרק אין פּאָסטאַוו. מיר

האָבן קיין מאָל ניט געהאַנדלט מיט דעם און ניט פאַרקויפט, נאָר עס געביטן ביי די פּויערים אויפן מאַרק אויף שפּייז פאַר זיך.

פון פאָסטאַוו איז דערנאָך דער אַנסאַמבל אַריבערגעפאָרן קיין אָשמענע, אַ שטאָט, 50 ק״מ פון ווילנע.

געפאָרן זיינען מיר פון פאָסטאַוו אויף דורכגייענדיקע משא־אויטאָס. האַרט פאַר אָשמענע האָבן אונדז די שאָפערן געהייסן אַראָפּגיין, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט פאַר די וועג־קאָנטראָלאָרן. אַלע זיינען אַראָפּ און געגאַנגען צו פוס אין שטאָט אַריין.

איך בין אַוועק גלייך צו זלאַטעס שוואָגער, וואָס האָט געלעבט אין דער ערשטער שטוב ביים וועג. ער האָט דאָרטן מלחמה־צייט געשפּילט די ראָלע פון אַ קריסט. געאַרבעט ביי די דייטשן ווי דער הויפּט־וועג־אינזשעניר. קומענדיק אין אָשמענע בין איך אַריין צו אים אין הילצערן שטיבל, וווּ ער האָט געוווינט צוזאַמען מיט זיין שוועסטער און איר 6־יאָריקן יינגעלע. מיר האָבן זיך באַקענט, געזעסן און געשמועסט. זלאַטעס שוועגערין איז אַרויס אויפן הויף צו נעמען עפּעס פון שפּייז־שפּייכלער, האָט זי פּלוצלונג באַמערקט, אַז די טיר איז אויפגעבראָכן און עס פעלט אַ זייטל חזיר־פלייש. זי האָט זיך גלייך אומגעקערט אין שטוב און מיט אַ געשריי דערציילט וועגן דער גנבה. זלאַטעס שוואָגער האָט זיך אַ לאָז געטאָן אויף דער אָשמענער הויפּט־גאַס מיטן ציל צו כאַפּן דעם גנב, און אים טאַקע געכאַפּט טראָגנדיק דאָס פלייש. אין פּאָליציי האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער גנב איז געווען יאַגאָדזינסקי, דער דירעקטאָר פון אונדזער פּאַרטיזאַנער־אַנסאַמבל...

## שלמה קאַטשערגינסקי

ווי געזאָגט, האָט זלאַטעס שוואָגער איבערגעלעבט די מלחמה ווי אַן אַרישער וועג־אינזשעניר אין אָשמענע. זיין שעף איז געווען אַן עלטערער דייטש. שלמה האָט זיך גערופן פאַן קאַטשינסקי, האָט אויסגעזען ווי אַ קריסט און אָפּגעשפּילט זיין ראָלע דריי יאָר. ער איז געווען ממונה אויף עטלעכע צענדליק פּוילישע אַרבעטער. חוץ דעם פלעגן צו אים קומען

יעדן טאָג פון געטאָ פרויען אויף אַרבעט. זיין שעף האָט אים געשעצט פאַר גוטער אַרבעט. ער האָט געהאַט צו זיין דיספּאָזיציע אַ בריטשקע אויף אַרומצופאָרן איבער די אָביעקטן. אין זיין ביוראָ האָבן אויך געאַרבעט ליטווינער. שלמה קאַטשערגינסקי־קאַטשינסקי איז געווען פון שטעטל דוקשט, וווּ צו זיין משפחה האָט געהערט די עלעקטראָווניע, די מיל און דער טאַרטאַק, און געווען די רייכסטע אין שטעטל.

די געטאָ־פרויען, וואָס פלעגן קומען צו אים אויף דער אַרבעט, פלעגן באַקומען אַ טעלער זופּ. אין אַ געוויסן טאָג האָבן זיי געמאָלדן, אַז היינט וועלן זיי ניט עסן, ווייל אין דעם טאָג איז חרוב געוואָרן דער בית־המקדש, און ס'איז אַ תענית. ער האָט זיי געבעטן דערציילן אויספירלעכער וועגן דעם, האָט זיך צוגעהערט און אין האַרצן האָט געברויזט און געקאָכט... אָבער ער האָט געדאַרפט שפּילן די ראָלע.

איין מאָל האָט אַ ליטווינער וואָס האָט ביי אים געאַרבעט, געזאָגט, אַז ער ווייסט פון וואַנען דער אינזשעניר שטאַמט און אַז ער איז אַ ייִד. קאַטשינסקי איז אַן אויפגעקאָכטער געקומען צו זיין שעף, דעם דייטש, און דערציילט, אַז דער ליטווינער האָט אים באַליידיקט, אָנרופנדיק „יודע", און דעריבער בעט ער אים צו באַפרייען פון פּאָסטן. דער דייטש האָט זיך אָנגעהויבן בעטן ביי אים ער זאָל בלייבן. ער האָט אים געראָטן ניט נעמען אין אַכט וואָס דער ליטווינער זאָגט.

שלמה איז דערווייל געבליבן אויפן פּאָסטן, אָבער דער ליטווינער איז אָוועקגעפאָרן קיין דוקשט ברענגען באַווייזן קעגן אים. ער האָט אָבער שוין ניט באַוויזן זיך אומצוקערן. ס'איז צוריקגעקומען די רויטע אַרמיי, און די דייטשן זיינען אַנטלאָפן.

## דער אַנסאַמבל אין אָשמענע

מיר האָבן זיך איינגעאָרדנט אין אָשמענע. איך האָב געפונען אַ צימער ביי אַ ייִדישן מיידל, וואָס האָט זיך געראַטעוועט פון גהינום. דאָרטן האָט אויך געלעבט אַ ייִדישע פרוי, אַ כעמיקערין פון ווילנע.

אין אונדזער אַנסאַמבל איז צוגעקומען אַ נייער יונגער אַקאָרדעאָניסט,

א 17־יאָריקער ווייסרוס. זיין מאַמע איז געווען דעפּוטאַט פון ווייסרוסישן אויבער־ראַט. מיר האָבן רעקווירירט אין אַ דאָרף ביי אַ פּויער אַ גרויסן, זעלטן גוטן אַקאָרדעאָן (144 באַסן) און דער נייער שפּילער האָט גלענצנד געשפּילט אויף אים.

אין איינעם אַ שבת זיינען געקומען צום דירעקטאָר פון אונדזער אַנסאַמבל דריי סאָוועטישע מיליטער־לייט און געבעטן אויסצולייען דעם גרויסן אַקאָרדעאָן צוזאַמען מיטן יונגן שפּילער צו זייערער אַ שימחה. זיי האָבן צוגעזאָגט אומצוקערן דעם שפּילער מיטן אַקאָרדעאָן גלייך נאָך דער „וועטשערינקע״.

זיי האָבן אונדזער שפּילער אַריינגעזעצט אין קאַבינע לעבן שאָפער, דעם אַקאָרדעאָן אַרויפגעלייגט אויבן אויף דער מאַשין און אַוועקגעפאָרן.

ווען מיר האָבן דערזען, אַז דער שפּילער אונדזערער האָט זיך ניט אומגעקערט, אַפילו אויף מאָרגן, זיינען מיר, עטלעכע אַנסאַמבליסטן, אַוועקגעפאָרן אין דער מיליטערישער איינהייט זיך דערוויסן וואָס ס׳איז געשען. און געשען איז פאָלגנדיקס: מען האָט די מאַשין געלאָזן מיט אַ גרויסער שנעלקייט און אין גאַנג אַרויסגעוואָרפן דעם יונגן שפּילער פון קאַבינע און דעם אַקאָרדעאָן האָבן זיי צוגענומען פאַר זיך. דער שפּילער איז געהרגעט געוואָרן און מען האָט אים געבראַכט צו אונדז אַ טויטן קיין אַשמענע. מיר האָבן אַרויסגערופן זיין מאַמען צו דער לוויה. קיין טאַטן האָט ער שוין ניט געהאַט. מיר האָבן אים באַגלייט צו זיין אייביקער רו מיט אַ מיליטער־סאַלוט.

דערנאָך האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז די שולדיקע רויט־אַרמייער האָבן באַקומען זייער שטראָף.

## סוף פון דער מלחמה

אין דער נאַכט פון 8טן אויפן 9טן מאַי 1945 האָט מען אין מיטן שלאָף געקלאַפּט אין די לאָדנס פון די פאַרטער־וווינונגען און אָנגעזאָגט, אַז דייטשלאַנד האָט קאַפּיטולירט און די מלחמה איז געענדיקט. אַלע זיינען פאַר פרייד אַרויס אויף די גאַסן. איך בין אויך אַרויס און אַ גאַנצע

נאַכט ניט געשלאָפֿן. ס'האָט אין מיר געזידט די פֿרייד און גלייכצייטיק דער טרויער. איצט האָב איך שוין געקענט מאַכן דעם לעצטן סך־הכּל. איך האָב דערזען, אַז איך בין געבליבן אַליין, אָן משפּחה, אָן חברים, מיט וועלכע מיר האָבן צוזאַמען אָפּגעאַרבעט אין „מיידים", ממש אָן קיינעם. למעשׂה איז עס געווען אַ טרויער און ניט קיין פֿרייד. ס'איז געווען מוראַדיק שווער זיך צוצוגעוווינען צום געדאַנק, אַז דאָס איז דער ענדגילטיקער סך־הכּל פֿון דער גאַנצער מלחמה און איצט דאַרף מען אָנהייבן דאָס לעבן פֿון דאָס ניי, ווי איך וואָלט אויף ס'ניי געבוירן געוואָרן.

איך האָב זיך דערוווּסט פֿון שמערקע קאַטשערגינסקי, אַז זלאַטע לעבט, און ער האָט מיר געגעבן איר אַדרעס. פֿון פּאַרטיזאַנער־אַנסאַמבל אין אָשמענע בין איך געפֿאָרן זיך זען מיט איר. די טרעפֿונג איז געווען אַ האַרציקע און רירנדיקע. אַז זלאַטע האָט מיך דערזען, האָט זי פֿון גרויס איבערראַשונג אָנגעהויבן שרייען. די פֿאַרוואַלטערין פֿון קינדערהיים איז געקומען צו לויפֿן, מיינענדיק, אַז זלאַטעס מאַן האָט זיך אומגעקערט.

נאָכן אומקום פֿון מיין טאַטן, שוועסטער, ברודער, פֿון קרובים און באַקאַנטע, נאָכן אומקום פֿון מיין פֿרוי סאָניע מיט איר גאַנצער משפּחה, האָב איך זיך דערפֿילט עלנט און צעבראָכן. אָבער די טרעפֿונג מיט זלאַטען אין ליטווישן קינדער־היים האָט מיך דערמוטיקט, און איך האָב איינגעשטעלט מיט איר אַ שטענדיקן קאָנטאַקט. פֿלעג אָפֿט צופֿאָרן אויף פֿאַרבייגייענדיקע לאַסט־אויטאָס קיין ווילנע זיך צו זען מיט איר.

ס'האָט זיך שוין דאַן אָרגאַניזירט אין ווילנע די ייִדישע קינדער־היים, אַ דאַנק דער איניציאַטיוו פֿון ייִדישן פּראָפֿעסאָר, פּאַלקאָוניק רעבעלסקי און דער לערערין צביה ווילדשטיין־נאַבאַזשני. זלאַטע איז אַריבער אַהין אַרבעטן און באַקומען דאָרטן אַ צימער.

## די ייִדישע קינדער־היים

די ייִדישע קינדער־היים האָט זיך אָרגאַניזירט אין אַ בנין אָן טירן און פֿענצטער אויף זיגמונטאָווסקי־גאַס, וואָס ציט זיך לענג־אויס דעם ווילִיע־טייך. פּאַלקאָווניק רעבעלסקי, דער הויפּט־פּסיכיאַטאָר פֿון דריטן

ווייסרוסישן פראָנט, אַ הייסער ייִד, האָט אַלץ געטאָן, בכדי איינצוואָרדענען די קינדער־היים מיט אַלעם נייטיקן. ער האָט געבראַכט זייַנע סאָלדאַטן, וואָס האָבן פאַרריכט די טירן און פענצטער, זיי פאַרגלאָזט. ער איז דערנאָך אַוועקגעפאָרן צום פראָנט און געשיקט פון דאָרטן אַ פּאָר מאָל עטלעכע מאַשינעס מיט בעטגעוואַנט און זאַכן פאַר די קינדער און פערסאָנאַל. ער האָט אַפילו געשיקט פון דייטשלאַנד עטלעכע קי, די קינדער זאָלן האָבן פרישע מילך יעדן טאָג. בקיצור, ער איז געווען ווי אַ טאַטע און מיט וואָס נאָר געקאָנט, געהאָלפן.

רעבעלסקי מיט דער פאַרוואַלטערין צביה ווילדשטיין האָבן געזאָרגט אויסצוגעפינען די ערטער, ווו עס האָבן זיך געפונען די עלנטע קינדער, אויסגעבאַהאַלטענע ביי קריסטן און זיי געבראַכט אין קינדער־היים. דערנאָך איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ ייִדישע שול ביים קינדער־היים. דאָ איז געוואָרן דער קולטור־צענטער פון דער נאָכמלחמהדיקער ווילנע. דאָ פלעגן פאָרקומען פאַרשיידענע קולטור־אימפּרעזעס. ס'פלעגן אויפטרעטן די קינדער מיט געזאַנג און טענץ, וואָס די דערציִערינס האָבן מיט זיי איינגעלערנט. עס פלעגן דאָרטן פאָרקומען רעפעראַטן, לעקציעס, טרעפונגען מיט די ייִדישע שרייבער. עס פלעגן דאָרטן אויפטרעטן אַרטיסטן, זינגער. איך בין אויך עטלעכע מאָל אויפגעטראָטן מיט געזאַנג. בקיצור, דאָס איז געוואָרן אַן אָרט פון טרעפונגען פאַרן הייפעלע פון דער שארית־הפליטה.

עס איז געשאַפן געוואָרן אַ ייִדישער קינדער־גאָרטן אונטער דער אָנפירונג פון דער באַוווסטער פעדאַגאָגין פון קאָוונע, ליבע יאַקאָבסאָן, ביי דער אַקטיווער מיטהילף פון דער יונגער פּרעבעליסטין ריווע ראָזנבלום. מיט גרויס ליבשאַפט און איבערגעבנקייט האָבן זיי געפירט דעם קינדער־גאָרטן ביז דער ליקווידאַציע פון אַלע ייִדישע אַנשטאַלטן אין ווילנע אין יאָר 1949.

אין יענער צייט האָט זיך אויך גענומען אָרגאַניזירן דער ייִדישער מוזיי אין ווילנע. דאָרטן פלעגן פאָרקומען קולטור־פאַראַנשטאַלטונגען. אַהין פלעגן קומען אָנגעזעענע געסט, ווי דער שרייבער ערענבורג, מיכאָעלס, פעפער, זוסקין און אַנדערע. אויך דאָרטן פלעג איך ביי פאַרשיידענע

געלעגנהייטן און טרויער־אַקאַדעמיעס אויפטרעטן מיט געזאַנג פון געטאָ־לידער.

שפּעטער האָט זיך געעפנט אַ ייִדישע פאָלקשול פון 4 קלאַסן. דער פאַרוואַלטער איז געוואָרן דער לערער מלך אַרשאַס, אַ גלענצנדיקער פּעדאַגאָג און דערציִער. זיין פרוי איז געווען אַ לערערין פון טענץ און פלעגט מיט די קינדער איינשטעלן פּראַקטיקע טענץ.

ס'זיינען אָבער געווען ווייניק קינדער אין שול. בין איך מיט אַ געוועזענעם לערער פון די ייִדישע שולן אין קאָווּנע, ראָזענטאַל, געגאַנגען פון שטוב צו שטוב אַגיטירן, מען זאָל שיקן די קינדער אין דער ייִדישער שול. די עלטערן זייערע האָבן זיך ניט געאיילט דאָס צו טאָן צוליב פאַרשיידענע טעמים: דאָס איז נאָר אַ פיר־קלאַסיקע שול און וואָס ווייטער? קיין ייִדישע גימנאַזיע איז ניטאָ און קיין אוניווערסיטעט אוודאי ניט. וואָס וועט זיין מיט רוסיש? בלויז אַ קליינער טייל פון די עלטערן האָט געשיקט זיינע קינדער אין דער ייִדישער שול.

*

דער לערער שמואל ראָזענטאַל האָט מיר דערציילט, אַז געפינענדיק זיך אין קאָוונער געטאָ האָט ער זיך דעררעדט מיט אַ ליטווישער פּויערטע אין אַ דאָרף, זי זאָל באַהאַלטן ביי זיך זיין טעכטערל פון 2 יאָר. ער האָט זי אַרויסגעטראָגן פון געטאָ אין אַ זאַק און איבערגעלאָזן ביי דער פּויערטע.

נאָך דער מלחמה איז ער אַוועק אָפּנעמען זיין קינד. האָט אים די פּויערטע אָפּגעזאָגט אַרויסצוגעבן דאָס מיידעלע. אויך די קליינע האָט זיך באַצויגן מיט שינאה צו איר טאַטן און זיך פון אים באַהאַלטן.

האָט ראָזענטאַל אָנגעגעבן די פּויערטע אין סאָוועטישן געריכט. די ריכטער האָבן צוגעמשפּט, אַז דאָס קינד דאַרף בלייבן ביי דער פּויערטע. אַ קורצע צייט נאָכן פּסק־דין האָט ראָזענטאַל זיך דעררעדט מיט אַ באַקאַנטן ליטווישן מיליציאַנט, ער זאָל אים העלפן אָפּנעמען זיין קינד פון דער פּויערטע. ראָזענטאַל האָט אויסגענוצט אַ צייט, ווען דאָס מיידעלע איז געבליבן אַליין אין שטוב, אַוועק אַהין מיטן מיליציאַנט און געבראַכט

דאָס מיידל צו זיך אין ווילנע. שוין זייענדיק ביים טאַטן האָט זי געוואָלט אַנטלויפן אין דאָרף, אָבער דער טאַטע האָט זי געהיט און ביסלעכווייז, ביסלעכווייז, מיט אַ סך געדולד זי פאַרט איבערצייגט, אַז ער איז איר טאַטע און זי האָט זיך סוף־כל־סוף צוגעוווינט צו דער נייער סיטואַציע און משלים געווען מיט איר גורל...

אין 1949, בעת מען האָט אין מאָסקווע ליקווידירט אַלע ייִדישע אינסטיטוציעס, איז אָנגעקומען אַ פאַראָרדענונג פון ליטווישן בילדונגס־מיניסטעריום, אַז די שול ווערט געשלאָסן און גייט אַריבער אויף רוסיש. דאָס איז געווען אַ שווערער קלאַפּ פאַר די ייִדישע לערער און דערציִער. מען האָט באַשטימט צו גיין אינטערווענירן ביים בילדונגס־מיניסטער. אין דער דעלעגאַציע איז געווען דער ד״ר בליודז, איך און דער געוועזענער לערער פון קאָוונע ראַזענטאַל. מיר האָבן אָבער גאָרניט געפּועלט.

האָבן מיר געשיקט אַ טעלעגראַם צו מיכאָעלסן: „דיין קינד איז זייער קראַנק און דו דאַרפסט העלפן וואָס גיכער״... צו גלייך אויך אָוועקגעשיקט אים אַן אויספירלעכן בריוו. זיין פרוי האָט באַקומען אונדזער טעלעגראַמע און האָט פאַרשטאַנען, אַז מיכאָעלס האָט ערגעץ נאָך אַ קינד... ס׳איז געווען פאַר מיכאָעלסן ניט קיין באַקוועמע סיטואַציע, אָבער מיטן באַקומען אונדזער בריוו, איז אים געוואָרן אַלץ קלאָר. ער האָט טאַקע אינטערווענירט, אָבער אָן פּאָזיטיווע רעזולטאַטן. די שול איז אַריבער לערנען אויף רוסיש. די ייִדישע לערער האָט מען איבערגעפירט לערנען אין רוסישע שולן און דאָ זיינען געקומען רוסישע לערער. מען האָט אַריינגעזעצט אויך אַ נייעם פאַרוואַלטער — אַ ייִדישע פרוי פון אַ רוסישן מאַן, אַ פּאַרטייערין.

די פאַרוואַלטערין פון ייִדישן קינדער־היים, צביה ווילדשטיין האָט נאָך פריִער, אין 1945, באַשלאָסן צו פאָרן מיט דער רעפּאַטריאַציע קיין פוילן. איר ציל איז געווען אָנצוקומען וואָס גיכער קיין ישראל. האָט זי מיט אַ גרופּע ייִדן זיך פאַרבונדן מיט אַ רוסישן פליִער, ער זאָל זיי אַריבערפירן מיטן עראָפּלאַן קיין קאָנסטאַנץ. ער האָט אָבער זיי אַלע אָפּגעפירט אין נ.ק.וו.ד. צביהן האָט מען פאַרמישפּט אויף צען יאָר לאַגער אין קאַלימאַ. זי איז אָפּגעזעסן די צייט און ערשט דאַן איז זי עולה געווען קיין ישראל.

אויף צביהס אָרט אין ייִדישן קינדער־היים איז געקומען אַ לערער, חיים שוחט, אַ פּאַרטייער, וואָס האָט איינגעשטעלט אַ קאַזאַרמע־רעזשים. ער האָט געוואָרנט די קינדער, אַז פֿאָרן ניט פֿאָלגן זיינע פֿאַראָרדענונגען, וועט ער זיי אַריבערשיקן אין די פ.ז.אָ.־שולן, וועלכע זיינען באַוווּסט מיט זייערע שטרענגע רעזשימען. שוחט איז אויך שפּעטער געקומען קיין ישׂראל.

אין יולי 1949 האָט מען אויך דעם ווילנער ייִדישן מוזיי געשלאָסן. זיינע אַלע ווערטפולע עקספּאָנאַטן האָט מען פֿאַרשטעקט אין די קעלערן פֿון די ליטווישע מוזייען. אַזוי זיינען אַלע ייִדישע אינסטיטוציעס ליקווידירט געוואָרן.

## מיין צוריקקער קיין ווילנע

ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט, האָב איך אָנגעהויבן טראַכטן וועגן באַפרייען זיך פֿון פּאַרטיזאַנער־אַנסאַמבל. איך פֿלעג גאַנץ אָפֿט קומען קיין ווילנע בכדי זיך צו טרעפֿן קודם־כּל מיט זלאַטען. זינט מיין באַגעגעניש מיט איר אין ליטווישן קינדער־היים און נאָך דעם, ווי מיר איז קלאָר געוואָרן, אַז איך בין געבליבן אַליין אָן משפּחה און פֿריינט, האָט מיך געדריקט די עלנטקייט און עס האָט מיך געצויגן צו איר.

נאָך מיינע באַזוכן ביי איר, פֿלעגט זי מיך באַגלייטן צום וועג, וואָס פֿירט אויף אַשמענע. דאָס איז געווען אַ וווייטער מהלך פֿון איר קינדער־היים, אָבער אויך זי האָט געזען אין מיר אַ נייע ווענדונג אין לעבן און מיר זיינען געוואָרן אַלץ מער צוגעבונדן איינער צום אַנדערן.

אין איינעם פֿון מיינע באַזוכן אין ווילנע האָב איך זיך געטראָפֿן מיט אַ געוועזענעם מיטאַרבעטער פֿון „מיידים״, וואָס האָט זיך אומגעקערט פֿון עוואַקואַציע קיין ווילנע און אַרבעט אַלס פּאַרטרעטער פֿון דירעקטאָר פֿון ווילנער מלוכישער פֿילהאַרמאָניע. מיר האָבן זיך מיט אים דערערדט, אַז איך קום אַרבעטן אַלס אַדמיניסטראַטאָר אין פֿילהאַרמאָניע. ער האָט מיר וועגן דעם געגעבן אַ בריוו צום קינסטלערישן לייטער פֿון אַנסאַמבל, ניקאָלייעוו.

ניט לייכט איז מיר אָנגעקומען דאָס באַפרייען זיך פון אַנסאַמבל, וואָס האָט זיך געגרייט אויפצוטרעטן מיט דער ווייסרוסישער דעקאַדע פון קונסט און ליטעראַטור אין מאָסקווע. מיר איז אויסגעקומען אַ סך אַרייַנ־צוטענהן און איבערצייַגן ניקאָלייעוון, ער זאָל מיך באַפרייען. צום סוף האָב איך אים געזאָגט, אַז פאַר דער מלחמה בין איך געווען אַ ייִדישער קולטור טוער און ערשטער אַקטיאָר אין „מיידים"־טעאַטער, און איצט וויל איך צוריק נעמען אַנטייל אין אויפבוי פון דער ייִדישער קולטור, וואָס איז צעשטערט געוואָרן דורך די נאַציס.

איך האָב אים סוף־כל־סוף איבערצייַגט, און ער האָט מיר געגעבן זייער אַ גוטע שריפטלעכע כאַראַקטעריסטיק. מיין פּאַרטיזאַנער־מעדאַל האָב איך שוין געהאַט אָפּגענומען אין מינסקער פּאַרטיזאַנער־שטאַב, און אַזוי בין איך צוריק געוואָרן אַ ווילנער בירגער און אַ מיטאַרבעטער פון פילהאַרמאָניע.

נאָך איידער איך האָב זיך צוריקגעקערט אויף שטענדיק קיין ווילנע, האָט מיר זלאַטע אויף אונדזערע באַגעגענישן דערציילט, אַז מיין וואַרשעווער חבר פון דער פּאַרטיזאַנקע איז אַראָפּגעקומען צו איר און זי געבעטן צו האַלטן ביי זיך איין נאַכט אַ סומע געלט. מאָרגן פרי וועט ער עס אָפּנעמען. זלאַטע איז אַוועק צו אים אין זיין צימער אויף ווענגלאָווע גאַס. ער האָט גענומען אַ גרויסן רוקזאַק, געעפנט אַ גרויסע טאַכטע, וואָס איז געווען פשוט אָנגעשטאָפּט מיט „טשערוואָנצעס". ער האָט ניט ציילנדיק אַרייַנגעפּאַקט אין רוקזאַק וויפל ס'איז אַריין און איר געגעבן דעם רוקזאַק. זלאַטע איז מיט דעם אַוועק צו זיך אין קינדער־היים.

ווי זלאַטע האָט מיר דערציילט, האָט זי אָנגעהויבן טראַכטן, אַז אַזוי ווי דאָס געלט איז ניט קיין געציילטע, וועט זי נעמען פון דאָרטן איין „טשערוואָניעץ" און וועט זיך קויפן אַ ברויט, ווייל צו זאַט איז זי אין קינדער־היים ניט געווען. זי האָט זיך אָבער ניט געקאָנט באַשליסן, ווייל ס'איז פאָרט ניט עטיש צו טאָן אַזאַ זאַך. זי האָט צוליב דעם דאָזיקן געדאַנק ניט געשלאָפן די נאַכט, ביז אין פריִען פרימאָרגן איז געקומען מיין חבר און צוגענומען דעם רוקזאַק מיט די געלט. ער האָט איר פאַר דער טרחה איבערגעלאָזן אַ פּאָר זאַקן...

איין מאָל האָט דער חבר מײנער מיר דערציילט, אַז עמעצער פון זײנע מיטהעלפער איז דורכגעפאַלן און איז פאַרהאַלטן געוואָרן אין נ.ק.וו.ד. ס'איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז ביי דער אויספאָרשונג זאָל ער ניט אַרויסגעבן זײנע חברים. דעריבער האָט ער באַשלאָסן צו פאַרלאָזן ווילנע און אַריבער־פאָרן קיין לאָדזש, ווו עס האָט זיך געפונען זיין פרוי. ער האָט באַשלאָסן מיר איבערצוגעבן זיין צימער. מיר זײנען אַוועק צום פאַרוואַלטער פון הויז און איבערגעשריבן דעם צימער אויף מיין נאָמען. מיין חבר האָט מיר אויך איבערגעלאָזן די אויסשטאַטונג וואָס אין צימער. דאָס איז געווען פאַר מיר אַ גרויסע זאַך, ווייל ס'איז געווען זייער שווער צו באַקומען אַ וווינאָרט.

פאַר זיין אַרויספאָרן פון ווילנע, האָט מיר מיין חבר איבערגעלאָזן אַן אויפגאַבע איינצומאָנען בי אַ ליטווישן מײדל, מיט וועלכער ער האָט געהאַט געשעפטלעכע ענינים, פערציק טויזנט רובל און עס אַוועקפירן קיין מאָסקווע צו זײנעם אַ שותף, מיט וועלכן ער האָט זיך דערנאָך געדאַרפט טרעפן אין לאָדזש.

אויף מאָרגן, גאַנץ פרי, האָב איך מיין חבר געקויפט אַ באַנבילעט, אים באַגלייט צום וואַגאָן און אַזוי האָבן מיר זיך צעשיידט.

נאָך זיין אַוועקפאָרן האָב איך זיך אַרײנגעקליבן אין זיין צימער און בין צוריק געוואָרן אַ ווילנער בירגער.

איך האָב אָנגעהויבן אַרבעטן אַלס אַדמיניסטראַטאָר אין פילהאַרמאָניע פאַר 600 רובל אַ חודש ברוטאָ און 450 — נעטאָ. איך פלעג גאַנץ אָפט קומען צו זלאַטען אין קינדער־היים און מיר האָבן אָנגעהויבן ריידן וועגן חתונה האָבן. איך האָב געשטעלט אַ בפירושן תנאַי, אַז ביז איך וועל ניט באַקומען אַ ריכטיקע ידיעה וועגן גורל פון מיין סאָניען, וועל איך זיך מיט איר ניט „אָפּשרייבן".

מיט דער צייט האָב איך באַקומען אַן אויטענטישע ידיעה פון אַ באַקאַנטער פרוי, וואָס איז צוזאַמען מיט סאָניען און איר שוועסטער פּאָליע געווען אין שטוטהאָף. די דאָזיקע פרוי האָט מיר דערציילט, אַז סאָניע און איר שוועסטער זײנען פאַרבדיק אויף אַ שיף, וואָס האָט

עוואַקויִרט יִדישע געפאַנגענע פרויען קיין דייטשלאַנד, קראַנק געוואָרן אויף טיפוס און געשטאָרבן. מען האָט זיי פון שיף אַריינגעוואָרפן אין ים.

נאָכן באַקומען די דאָזיקע טרויעריקע ידיעה, בין איך אוועק מיט זלאַטען אין „זאַגס" זיך פאַרשרייבן. דאָס איז געווען דעם 1טן פעברואַר 1945. מיר האָבן זיך ביידע געטראָפן אין „זאַגס", ווייל מיר זיינען געקומען פון דער אַרבעט. איך האָב איר געקויפט אַ שטיקל טאָרט, און מיר האָבן זיך צוריקגעקערט יעדערער צו זיין אַרבעט. זלאַטע איז געקומען אָנגעטאָן גאַנץ פשוט מיט גרויסע געניצטע וואַליקעס אויף די פיס.

די וואַליקעס אירע האָבן אַ ספּעציעלע געשיכטע: איך האָב אין פּאַרטיזאַנער־אַנסאַמבל באַקומען אַ פּאָר נייע אַמעריקאַנער שיך. אויף איינע פון אונדזערע פריִערדיקע טרעפונגען האָב איך איר געגעבן די שיך, זי זאָל עס פאַרקויפן און זיך קויפן אַ פּאָר טופל. זי האָט די שיך ניט גענומען, ווייל זי האָט געזען אין וועלכע אָפּגעטראָגענע שיך איך גיי. האָב איך עס איבערגעלאָזן פאַר איר ביי שמערקע קאַטשערגינסקי און ער האָט עס איר איבערגעגעבן. זי האָט זיך דאָן געקויפט אויפן מאַרק די וואַליקעס און אויך אַ שטיקל זומער איז זי געגאַנגען אין זיי, ווייל זי האָט ניט געהאַט קיין געלט צו קויפן זיך אַ פּאָר טופל...

## משפחה־לעבן

ווי געזאָגט, איז זלאַטע נאָכן גרינדן די יִדישע שול אַריבער אַרבעטן אַהין און פאַרלאָזן די קינדער־היים. ביזן אָנפילן די קינדער־היים מיט ניט־יִדישע קינדער, האָט זלאַטע דאָרטן נאָך געהאַט איר צימער. נאָכן שליסן די יִדישע שול האָט מען זלאַטען אַריבערגעפירט אין אַ רוסישער שול אויף שערמוקשניו־גאַס.

פון אָנהייב איז איר געווען גאַנץ שווער צו לערנען אין רוסיש, אָבער מיט דער צייט האָט זי באַהערשט די שפּראַך און איז געוואָרן איינע פון די בעסטע לערערינס אין שול און שפּעטער אַפילו געוואָרן די מעטאָדיסטקע פון שול. אַלע קינדער, רוסישע אָדער יִדישע, האָבן זי ליב געהאַט און זי האָט געפונען אַ סאַטיספאַקציע אין איר אַרבעט.

דאָס פאַרלאָזן די ייִדישע שול האָט איר שטאַרק ווײ געטאָן, אָבער ס'איז קיין ברירה ניט געווען. זי האָט שוין, אַגב, דאַן געשוואַנגערט, כאָטש זי איז ניט שטאַרק מסכּים געווען צו געבוירן אַ ניי קינד, נאָך דעם ווי איר ייִנגעלע פון ערשטן מאַן, מאַניע קאָטשערגינסקי, איז אומ־געקומען צוזאַמען מיט אירע עלטערן אין די פלאַמען פון גלובאָקער געטאָ. זי האָט זיך קעגנגעשטעלט, אָבער נאָכגעגעבן צוליב דער איינשטעלונג, אַז די שארית־הפליטה דאַרף זיך מיִען וואָס גיכער צו פאַרמערן אונדזער פאָלק צו להכעיס די שונאים. דערצו האָט זיך מיר זייער געוואָלט זיין אַ טאַטע פון קינדער.

*

אין 1945 האָט זיך אָנגעהויבן די רעפּאַטריאַציע פון די געוועזענע פּוילישע בירגער קיין פּוילן. אויך ייִדן האָבן געמעגט אַרויספאָרן. פּראָפ. טשעזשאָווסקי מיט זיין פרוי און טעכטערל, ביי וועמען זלאַטע האָט זיך געראַטעוועט, אַרבעטנדיק ווי אַ דינסט, האָט זיך געקליבן צו פאָרן. זיי האָבן פאָרגעשלאָגן זלאַטען, זי זאָל מיט זיי מיטפאָרן ווי אַ משפּחה־מיטגליד. זלאַטע האָט זיי אָפּגעזאָגט. ביי אַ געלעגנהייט האָב איך זיך באַקאַנט מיט דער משפּחה טשעזשאָווסקי.

צום סוף זיינען זיי אַוועקגעפאָרן קיין פּוילן, און זלאַטע האָט פאַרלאָרן מיט זיי יעדן קאָנטאַקט און ניט געוווּסט ווו זיי געפינען זיך.

און אָט איז געקומען די צייט און דעם 22סטן יולי 1946 האָט זלאַטע געבוירן אַ ייִנגל. אונדזער פרייד איז געווען גרויס. זלאַטע האָט געהאַט שטאַרקע ווייטיקן פאַרן געבורט. און אין דער לעצטער רגע האָט זי געגעבן אַ געשריי: „אָ, יעזוס". די צייט פון אויסבאַהאַלטן זיך ווי אַ פּאָלקע איז ניט אַוועק אָן אַ שפּור...

נאָך דעם געבורט האָט זי געוואָלט עסן, און איך בין געווען געקומען מיט ליידיקע הענט. ס'איז געווען נאָכמלחמה־צייט און אין שפּיטאָל האָט מען געגעבן זייער ווייניק עסן. בין איך געלאָפן ברענגען איר וואָס צום עסן. דערנאָך האָב איך זיך צוגעלייגט אויפן גראָז אויפן ברעג פון דער ווילִיע און געשוועבט אין די הימלען פון גליק. געטראַכט ווי אַזוי איינ־

צוּאַרדענען אונדזער ווייטערדיק לעבן. אונדזער ייִנגעלע האָט די ערשטע צוויי טעג ניט געמאַכט קיין „פּיפּי". האָט זיך זלאַטע דערשראָקן און געהייסן רופן צו אים דעם באַוווסטן ווילנער קינדער־דאָקטער פייגנבערג. ער איז געקומען, אָנגעטאָן אַ ווייסן כאַלאַט און בלויז צורירנדיק זיך צום ייִנגל, האָט ער גלייך געמאַכט „פּיפּי" אויפן ד"ר...

דאָן האָט זיך אָנגעהויבן אַ נײַ פּראָבלעם — מל־זיין דאָס קינד. דאָ איז שוין זלאַטע געווען זייער תּקיף און שטאַרק זיך קעגנגעשטעלט, מאָטיווירנדיק, אַז איר ערשטער קינד איז געווען געמלעט און צוליב דעם האָט מען אים ניט געקאָנט ראַטעווען; אַז זי האָט ניט קיין משפּחה פּאַר וועמען יוצא צו זיין און אַז דאָס מלע־זיין איז באַרבאַריש.

דער ד"ר פייגנבערג האָט געזאָגט, אַז מען קען זיך ניט אָפּזונדערן פון ייִדישן פאָלק, אויב דאָס איז דער סימן פון ייִד. אָבער זלאַטע איז געווען קאַטעגאָריש קעגן, און איך האָב איר נאָכגעגעבן. אונדזער ייִנגעלע האָבן מיר אַ נאָמען געגעבן נאָך מיין טאַטן — נחמיה.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ גאַנץ שווערע צייט; סיי מאַטעריעל, סיי פיזיש. מיר האָבן געוווינט אין אַן איינציקן ניט גרויסן צימער אויף ווענגלאָווע גאַס. ס'איז געווען דער צימער, וואָס מיין חבר האָט מיר איבערגעגעבן. איך האָב אָנגעהויבן זוכן אַ דירה. דאָס איז דאָן געווען ניט פון די לייכטע זאַכן. אַלץ, וואָס איז געבליבן גאַנץ פון דער מלחמה, איז געווען פאַרנומען. ווילנע איז געווען שטאַרק צעשטערט, איבערהויפּט דער ייִדישער קוואַרטאַל אין צענטער שטאָט. האָב איך געפונען אַ ליידיקע דירה פון דריי צימערן אויף העטמאַנסקע גאַס. ס'האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז די דירה איז אַ פייכטע. אַלע זאַכן וואָס מיר פלעגן אויפהענגען, פלעגן ווערן פאַרשימלט.

אַ גליק פאַר אונדז איז געווען מיינע אַ מומע, העסיע, וואָס האָט זיך אומגעקערט פון עוואַקואַציע. זי איז בעתן אויסבראָך פון דער מלחמה אַנטלאָפן פון אַ פּאַלאַנגענער קינדער־לאַגער מיט אירע צוויי אייניקלעך קיין טיף רוסלאַנד. דאָס קלענערע איז געשטאָרבן פון אַ מענינגיט און די עלטערע, שרה'לע, האָט זי אַריינגעגעבן אין אַן עוואַקוירטן פון קאָוונע קינדער־היים. די קינדער־היים האָט זיך נאָך דער מלחמה צוריקגעקערט

קיין ווילנע און אויך שרהלע שוסטער, דער מומע העסיעס אייניקל, האָט זיך מיט זיי צוריקגעקערט. זי פלעגט גאַנץ אָפט קומען צו אונדז און דער עיקר צו איר באָבען.

שרהלעס טאַטע, בענציע שוסטער, האָט זיך גלייך מיטן אויסבראָך פון דער מלחמה, אין 1941טן יאָר, מאָביליזירט אין דער רויטער אַרמיי. ער איז געווען אַן אַקטיווער קאָמוניסט. מיטן אַנטשטיין פון דער ליטווישער דיוויזיע איז ער ווי אַ ליטווישער בירגער אַריבער אַהין און געקעמפט מיטן ביקס אין האַנט.

אין 1944 האָב איך געלייענט זיינס אַ קאַרטל, וואָס ער האָט צוגעשיקט צו זיין שרהלען: „מיין טייערע שרהלע, ווי מיר זעען, דערנעענטערט זיך דער סוף פון דער שוידערלעכער מלחמה קעגן דער היטלעריסטישער חיה. איך האָף, אַז גאָר אין גיכן וועלן מיר זיך זען און מיר וועלן צוריק אויפשטעלן אַ היים. איך בענק זייער נאָך דיר און איך וואַרט אויף דער גליקלעכער מינוט זיך צו זען מיט דיר!"

אין אַ קורצער צייט אַרום איז אָנגעקומען אַן אָפיציעלע מעלדונג פון שטאַב פון דער ליטווישער דיוויזיע, אַז בענציע שוסטער אין געפאַלן ווי אַ העלד קעגן בלוטיקן נאַצישן שונא...

שרהלע איז געבליבן אַ קיילעכדיקע יתומה. איר מאַמע, מיין קוזינע, איז געשטאָרבן נאָך אין 1940 פון טובערקוליאָז.

די מומע העסיע האָט געלעבט מיט אונדז צוזאַמען און געהאָדעוועט אונדזער נחמיהן. אַ דאַנק דעם האָבן מיר געהאַט די מעגלעכקייט צו גיין צו דער אַרבעט. זלאַטען איז געווען באַזונדערש שווער, ווייל זי האָט געדאַרפט איבעררייסן די לעקציעס און גיין צו פוס אָנזייגן נחמיהן. דאָס איז געווען אַ ווייטער וועג. קיין שטאָטישע קאָמוניקאַציע איז נאָך כמעט ווי ניט געווען. דערצו נאָך איז זלאַטע געווען אַ האַלב הונגעריקע, ווייל פון אונדזערע בײדנס געהאַלטן האָט קוים געקלעקט צו לעבן ביז האַלבן חודש... מען האָט שטענדיק געדאַרפט זוכן ווו צו לייען, בכדי צו דערציִען ביזן סוף חודש.

# עליע טייטעלבוים

מיר האָבן באַקומען פּלוצלונג אַ בריוו פון מוזיקער עליע טייטעלבוים, וואָס האָט מיטגעאַרבעט אין „מיידים" אַלס מוזיקער. ער האָט געשריבן, אַז ער קומט פון עוואַקואַציע און וויל אַריינפאָרן צו אונדז. איך האָב זיך דערפרייט מיט זיין קומען. ער איז ביי אונדז אָפּגעווען אַ חודש און דערנאָך אַוועקגעפאָרן אַרבעטן אין מינסקער רוסישן דראַמאַטישן טעאַטער.

קומענדיק צו אונדז האָט ער מיטגעבראַכט אַ גרויסע טעקטורענע קעסטל מיט אַמעריקאַנער קאָנסערוון. דאָס איז אונדז זייער צו ניץ געקומען. מען פלעגט נאָך צו דער שאַכטל קאָנסערוון אויסקאָכן אַ זופּ און אַזוי פלעגט מען פּראַווען מיטאָג.

איך בין בדרך כלל זייער אַ גיכער עסער. האָב איך זיך אָבער אַרומ־געזען, אַז לגבי עליען בין איך גאָר אַ לאַנגזאַמער. מיר פלעגן ניט באַווייזן אָפּצועסן דעם טעלער זופּ, האָט ער שוין לאַנג געוואַרט אויף דער צווייטער שפּייז. דאָס האָט ער זיך אויסגעלערנט אין דעם קאָלכאָז פון קאַרייער, ווו ער איז פאַרוואָגלט געוואָרן אין דער מלחמה־צייט.

די ערשטע צייט אויף עוואַקואַציע האָט ער געהונגערט און ניט געהאַט קיין אַרבעט. צום גליק האָט ער זיך דערוווּסט, אַז אין אַ קאַרעלישן קאָלכאָז אויפן ווייטן מזרח זוכט מען אַ לערער פון מוזיק. ער איז אַוועקגעפאָרן אַהין, האָט אויסגענומען ביי זיי און דערמיט געראַטעוועט זיין לעבן. ווען ניט די דאָזיקע געלעגנהייט, וואָלט ער פּשוט אויסגעגאַנגען פון הונגער. אַגב האָט דער הונגער אים נאָך מער צערויִנירט זיינע אויגן, וואָס זיינען נאָך פאַר דער מלחמה געווען געגנוג שוואַך. ער האָט שוין דאַן געטראָגן ברילן מיט גראָבע גלעזער.

ווען ער איז אַוועקגעפאָרן אויף זיין אַרבעט אין מינסק, האָט ער מצליח געווען ווי אַ מוזיקער, אָבער דער צושטאַנד פון זיינע אויגן האָט זיך נאָך מער פאַרערגערט, ביז ער איז געוואָרן אין גאַנצן בלינד. כ'האָב אים באַזוכט אין זיין קליינער וווינונג אין מינסק. געעפנט די טיר פון זיין צימער און אים געזאָגט גוט־מאָרגן, האָט ער מיך גלייך דערקענט לויט דער שטים. מיר זיינען געוועןביידע צופרידן פון אונדזער טרעפונג נאָך אַזאַ

שווידערלעכער תקופה. ער האָט געלעבט אַליין. אַ פרוי, אַ שכנה, פלעגט אים העלפן אין דער באַלעבאַטישקייט און דער עיקר — אים פירן צו דער אַרבעט און ברענגען צוריק אַהיים. ער האָט מיר דערציילט, אַז ווען זיין טעאַטער פאָרט אַרויס אויף גאַסטראָלן, פאָרט ער מיט זיי מיט. די אָרקעסטראַנטן בלייבן אין מינסק, מען דינגט אַנדערע מוזיקאַנטן אויף די ערטער, ווו מען גאַסטראָלירט.

ער פלעגט באַשטימען אַ פראָבע מיט די נייע מוזיקאַנטן. ער אַליין פלעגט קומען אַ האַלבע שעה פאַר דער אָנגעוויזענער צייט, זיך זעצן ביים קלאַוויר. די אַריינגייענדיקע מוזיקאַנטן פלעגן אָפט מאָל אַפילו ניט באַמערקן, אַז ער איז בלינד. ער פלעגט געבן עמעצן פון זיי צו צעטיילן די נאָטן. דאַן פלעגט ער מיט זיי דורכפירן די פראָבע און דערנאָך אָנפירן מיטן אָרקעסטער בעתן ספּעקטאַקל.

אַזוי איז אַוועק אַ פּאָר יאָר, ביז איך האָב באַקומען די טרויעריקע ידיעה, אַז עליע טייטעלבוים איז געשטאָרבן. פאַר מיר איז עס געווען אַ ריס אין האַרצן...

## דאָס ווייַטערדיקע לעבן

ווי געזאָגט, איז אונדזער דירה אויף העטמאַנסקע געווען אַ נאַסע. אַלץ האָט געשימלט און ס'איז פּשוט געווען אַ מורא צו האַלטן דאָרטן אונדזער קינד. זיינען מיר געווען געצוווּנגען צו זוכן אַ נייע דירה. איך האָב זיך דערוווּסט, אַז אויף רישיו 3, אַ געסל נאָענט צו דער געוועזענער געטאָ, שטייט אַ ליידיקע דירה אויפן דריטן עטאַזש. איך האָב מיט מיי און מאַטערניש, מיט וועגן און אומוועגן, באַקומען די דירה און מיר האָבן זיך אַהין אַריינגעקליבן.

דאָס איז פּאַקטיש געווען איין גרויסער צימער, פונאַנדערגעטיילט אויף צוויי צימערן מיט אַ קיך. פון איין זייט האָט אַ גרויסער נידעריקער וואַנט־אויוון אָפּגעטיילט איין צימער, פון דער אַנדער זייט איז געווען אָפּגעטיילט דער צימער מיט אַ פּשוטן דיכט, וואָס האָט אָפּגעטיילט די קיך. אין קיך איז געווען אַ גרויסער באַקאויוון מיט אַ פּליטע. עס איז נאָך געווען אַ

פאָדער־הויז, ווו מיר האָבן געקענט האַלטן האַלץ אָדער אַנדערע זאַכן. אַ טאַכטע און אַ טיש האָט זלאַטע געבראַכט פון ערגעץ. איך האָב פון ברעטער אויפגעשלאָגן אַ בעט פאַר אונדז ביידן, אויף דעם — אַ שטרויזאַק. פאַר נחמיהן האָבן מיר געקויפט אַ בעטעלע. די מומע העסיע איז נאָך דאָן געווען ביי אונדז, פלעגן מיר אַלע טאָג אַרויסגיין צו דער אַרבעט. דער מומעס בעט איז געשטאַנען אין קיך אין אַ ווינקל הינטערן גרויסן אויוון.

ס'האָט אויסגעזען, אַז מיר האָבן זיך איינגעאָרדנט און מיר האָבן שוין אַ דירה. אָבער אונדזער „גליק" האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. עס האָבן אָנגעהויבן צו קומען פאַרשיידענע פּרעטענדענטן אויף אונדזער דירה. פון פאַרוואַלטער פון הויז האָב איך באַקומען אַ פאַראָרדענונג די דירה צו פאַרלאָזן, ווייל מיר האָבן זי ניט געזעצלעך פאַרנומען.

האָב איך געבעטן אַ בריוו פון פילהאַרמאָניע, אַז מען זאָל מיך לאָזן זיין אין דער דירה. איך האָב אויך אָנגעשריבן אין העכסטן סאָוועט פון ליטע, אַז איך בין אַ געוועזענער פּאַרטיזאַנער מיט אַ פרוי, אַ לערערין, און אַ קליין קינד. סוף־סוף האָב איך באַקומען אַ דערלויבעניש צו בלייבן אין דער דירה. דאָס האָט געקאָסט אַ סך געזונט און נערוון.

## אין פילהאַרמאָניע

איך בין אָנגענומען געוואָרן אויף אַרבעט אין פילהאַרמאָניע ווי אַן אַדמיניסטראַטאָר, אָבער מען האָט מיך באַשטימט צו זיין דער דירעקטאָר פון דזשאַז־אָרקעסטער, מיט וועלכן עס האָט אָנגעפירט דער מוזיקער פון דער באַרימטער ווילנער מוזיקער־משפחה שבתאי. אין אָרקעסטער זיינען געווען ווייניק מוזיקאַנטן, צום גרעסטן טייל ייִדן, וואָס האָבן ניט געוואָלט אַרבעטן צוליבן נידעריקן געהאַלט. פון דעסטוועגן האָט מען מיך געשיקט קיין מאָסקווע זוכן מוזיקאַנטן. שבתאי איז דאָן געווען אין מאָסקווע ביי זיין פרויס משפחה. איך האָב זיך געדאַרפט מיט אים טרעפן און צוזאַמען זוכן מוזיקאַנטן.

די קאָמאַנדיראָווקע קיין מאָסקווע האָב איך אויסגענוצט אויך פאַר

זיך. אזוי ווי מיין חבר, וואָס איז אוועקגעפאָרן קיין פוילן, האָט מיר איבערגעלאָזן אַן אויפגאַבע איינצוקאַסירן פאַר אים אַ חוב און עס אָפּפירן צו זיין שותּף קיין מאָסקווע, האָב איך איינגעקאַסירט דאָס געלט, מיט אַ פּאָר טויזנט רובל וויניקער, און עס מיטגענומען מיט זיך אין מיין קליינער וואַליזקע און עס אָפּגעגעבן אויפן באַשטימטן אַדרעס.

כ׳האָב דאָרטן איבערגענעכטיקט און אויף מאָרגן פרי זיך געטראָפן מיטן דיריגענט שבתאי, און מיר זיינען אוועק זוכן מוזיקאַנטן. מיר האָבן אָבער ניט געפונען אַזעלכע, וואָס זאָלן וועלן פאַרלאָזן מאָסקווע און אַריבערפאָרן קיין ווילנע.

אַזוי ווי איך האָב באַקומען פאַרן איינקאַסירן דאָס געלט פאַר מיין חבר צוויי טויזנט רובל, האָב איך געוואָלט זיך נאָך אַ מאָל איבערצייגן אין מיינע סוחרישע פעיִקייטן (אָדער, בעסער געזאָגט, אומפעיִקייטן), האָב איך זיך געטראָפן מיט אַ ווילנער בחור, וואָס לעבט שוין אַ סך יאָרן אין מאָסקווע, און ער האָט מיר געראָטן צו קויפן אַ ביסל פּאַפּיראָסן און דער עיקר — ברייטע גומע וואָס די פרויען נוצן צום אונטערהאַלטן די זאָקן.

איך בין אוועק אויפן מאַרק, איינגעהאַנדלט די סחורה און זיך אומגעקערט קיין ווילנע אָן מוזיקאַנטן, אָבער מיט סחורה צום פאַרדינען... די פּאַפּיראָסן האָב איך אָן שוועריקייטן פאַרקויפט, אָבער ווילנע איז פּשוט געווען פאַרפלייצט פון דער גומע... קענטיק, אַז אַלע זיינען געווען אַזעלכע חכמים ווי איך, און איך האָב געטיילט מתּנות אויף רעכטס און לינקס, ווייל ווו צו פאַרקויפן די גומע איז ניט געווען. איך האָב זיך צום לעצטן מאָל איבערצייגט, אַז איך טויג ניט פאַר קיין מסחר.

דעם דזשאַז־אָרקעסטער האָט מען אין אַ קורצער צייט אַרום ליקווידירט, ווייל מיטן אָנהייב פון דער רעפּאַטריאַציע קיין פוילן, זיינען אַ סך מוזיקאַנטן פון דזשאַז אוועקגעפאָרן און קיין נייע זיינען ניט צוגעקומען. בין איך געוואָרן אַן אַדמיניסטראַטאָר און אַרומגעפאָרן מיט גרופּעס סאָליסטן פון פילהאַרמאָניע און אויך מיט דער צירק־גרופּע.

דער אָנפירער פון קאָנצערט־אָפּטייל איז געווען איזיע קרעמער, אַן אַקטיאָר פון געוועזענעם קאָוונער יידישן טעאַטער. דאָס אַרומפאָרן מיט די בריגאַדעס איבער ליטע איז געווען גאַנץ שווער. מען פלעגט מיר בלויז

אומקערן די הוצאות, פאַרבונדענע מיטן אַרומפאָרן.ביים באַקומען אַן אָרט אין אַ האָטעל איבערצונעכטיקן האָט מען געדאַרפט ווייזן אַ באַשטעטיקונג, אַז מען איז געווען אין אַ שטאָטישער באָד, און מען האָט געדאַרפט איבערלאָזן אין האָטעל דעם פּאַס. ביים צוריקבאַקומען דעם פּאַס האָט מען געדאַרפט זיי אָפּגעבן אין האַנט די ליילעכער, דאָס ציכל און די קאָלדרע... אַזאַ צוטרוי האָט מען געהאַט צו די געסט פון האָטעל. אין צימער, ווו מען האָט צוגעטיילט אַ בעט, זיינען ביי נאַכט געשלאָפן נאָך אַ דריי־פיר פרעמדע מענטשן און מען האָט זיך געדאַרפט זייער היטן פון גנבים...

מיין געהאַלט און זלאָטעס זייען געווען נישטיקע. פון די אומגעקערטע רייזע־הוצאות פלעג איך עפּעס אָפּשפּאָרן, בכדי צו קויפן אַ שטיקל זייף אָדער אַ ק״ג צוקער, אָבער אויך דאָס איז געווען שווער צו באַקומען אין די קראָמען.

אויף אַ געוויסער רייזע איבער עטלעכע שטעט ביים צוגרייטן די אויפטריטן פון די פילהאַרמאָניע־זינגער, האָב איך געקויפט עטלעכע שטיקלעך זייף צו וועש און אַ פּאָר ק״ג צוקער. דאָס איז געווען אַ גרויסע דערגרייכונג. איך האָב עס פאַרפּאַקט אין אַ פּעקל צוזאַמען מיט די רייזע־דאָקומענטן. אומקערנדיק זיך צוריק קיין ווילנע איז מיר אויסגעקומען צו וואַרטן ביי נאַכט אויף דער סטאַנציע ניי־סווענציאַן עטלעכע שעה, ביזן אָנקומען פון צוג קיין ווילנע.

איך האָב זיך אַרומגעדרייט אויפן פּעראָן און מיט אומגעדולד געוואַרט אויפן צוג. פּלוצלונג איז צו מיר צוגעגאַנגען אַ זעלנער פון באַן־נ.ק.וו.ד. און מיך געפירט צו זיין „נאַטשאַלניק״ ווי אַ פאַרדעכטיקן בירגער. איך האָב זיך אויסלעגיטימירט און מען האָט מיך באַפרייט.

ס׳איז אָנגעקומען דער צוג. אַלע וואַגאָנען זיינען געווען אָנגעפּאַקט מיט מענטשן. קיין באַלויכטונג אין די וואַגאָנען איז ניט געווען. איך האָב זיך אַרויפבאַקומען אויף אַן אייבערשטער פּאָלקע, אַוועקגעלייגט אונטערן קאָפּ מיין פּעקעלע מיט די זייף און דאָקומענטן און זיך אויסגעצויגן אויף דער פּאָלקע. אַ דרעמל געטאָן, און ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, איז

שוין מיין פּעקעלע אונטערן קאָפּ ניט געווען... איך האָב געהאַט אַ חשד, אַז דער וואַגאָן־אויפזעער האָט צוגעלייגט צו דעם אַ האַנט.

איך האָב זיך אומגעקערט קיין ווילנע מיט האַרצווייטיק און כּעס אויף זיך אַליין, וואָס איך בין געשלאָפן. דער עיקר איז מיר געווען אַ שאָד די זייף און דער צוקער, ווייל ס'איז געווען זייער שווער עס צו באַקומען אין די קראָמען. דערצו האָב איך געדאַרפט ווידער פאָרן און רעסטאַווירן אַלע רייזע־דאָקומענטן.

אין פילהאַרמאָניע איז דעמאָלט געווען דירעקטאָר איינער אַ ליטווינער, סאַגייטיס. ניט שטאַרק פּאַסיק צום פּאָסטן, אָבער ער האָט געהאַט אַ פּאַרטיי־ביכל... ער האָט ליב געהאַט בראַנפן און שיקסעס. אויף דער ערשטער מיי־דעמאָנסטראַציע אין 1946, ווען אַלע אַרבעטער פון פילהאַר־מאָניע האָבן געוואַרט אין שטאַטישן פּאַרק, בכדי צו דעמאָנסטרירן, איז צוגעגאַנגען צו מיר סאַגייטיס און געבעטן לייען אים 25 רובל. מסתּמא האָט ער געוואָלט אויסטרינקען לכּבוד אַזאַ גרויסן יום־טוב...

ערשטנס, האָב איך טאַקע ניט געהאַט קיין גראָשן ביי זיך, און צווייטנס, ווען איך האָב יאָ, וואָלט איך אים אויך ניט געליִען, ווייל איך בין געווען זיכער, אַז ער וועט ניט אומקערן. כ'האָב אים געענטפערט, אַז איך האָב ביי זיך ניט קיין געלט.

אויף מאָרגן, ווען איך בין געקומען צו דער אַרבעט, האָב איך דערזען אַ מעלדונג, אויסגעקלעפּט אויף דער וואַנט, אַז צוליבן קירצן דעם בודזשעט פון פילהאַרמאָניע, ווער איך באַפרייט פון דער אַרבעט. אונטערגעשריבן — סאַגייטיס.

איך האָב עס זלאַטען ניט דערציילט, ווייל זי וואָלט זיך צו שטאַרק איבערגענומען פון דעם. איך האָב גלייך אָנגעשריבן אַ בריוו צום קולטור־מיניסטער. אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך באַקומען אַן ענטפער, אַז איך ווער צוריקגעשטעלט אויף דער אַרבעט. אונדזערע אַ שכנה, וואָס האָט געאַרבעט אין פילהאַרמאָניע אַלס קאָנטראָלערין, האָט באַמערקט, אַז איך דריי זיך אַרום אין די ביוראָען און אַרבעט ניט, האָט דערציילט זלאַטען וועגן דעם, אָבער צום גליק האָב איך שוין געהאַט דעם בריוו וועגן צוריקשטעלן מיך אויף דער אַרבעט.

סאַגייטיס פלעגט אָפט אַרויספאָרן קיין קאָוונע אויף אַ קאָנטראָל אין דאָרטיקן אָפּטייל. ער פלעגט צונויפרופן אַ זיצונג פון מיטאַרבעטער פון אָפּטייל, בעיקר די פרויען. בעת דער דיסקוסיע פלעגט ער זיך אַרויס־כאַפּן מיט אַ יונגער מיטאַרבעטערין אין אַ דערבײַיִקן צימער... דערנאָך זיך אומקערן צו דער דיסקוסיע. איך האָב עס עטלעכע מאָל באַמערקט, זייענדיק אויף אייניקע זיצונגען.

אין אַ געוויסער צײַט אַרום האָט מען סאַגייטיסן באַפרייט פון דער אַרבעט, און אַנשטאָט אים איז געקומען באַליס פעדעראַוויטשוס, אַ ליטווינער, וואָס האָט געשפּילט פאַר דער מלחמה אין אָרקעסטער פון יידישן טעאַטער אין קאָוונע אויף אַ טראָמפּייט. ער איז געווען באַהאַוונט אין מוזיק און האָט, אגב, גוט גערעדט יידיש, וואָס ער האָט זיך אויס־געלערנט אין יידישן טעאַטער. ער איז געווען צוגעבונדן, העפלעך צו אַלעמען. זיין פאָרטרעטער איז געבליבן, ווי פריִער, דער מיט וועלכן איך האָב געאַרבעט אין „מיידים".

אָנהייב 1950 איז איזיע קרעמער, דער אָנפירער פון קאָנצערט־אָפּטייל, געשיקט געוואָרן קיין לענינגראַד אויף צוויי יאָר אויף אַ דערגאַנצונגס־קורס פאַר פילהאַרמאָניע־אַרבעטער. ער איז געווען אַ פאַרטייער און מיט זיין מיינונג האָט זיך דער נייער דירעקטאָר זייער גערעכנט. האָט קרעמער פאָרגעלייגט פעדעראַוויטשוסן, ער זאָל מיר איבערגעבן די אַרבעט פון קאָנצערט־אָפּטייל.

דאָס איז געווען אַ בכבודיקער פּאָסטן און דער געהאַלט איז געווען דאָפּלט פון מיינעם. צו דער דיספּאָזיציע פון קאָנצערט־אָפּטייל זיינען געווען אַ 5—6 אַדמיניסטראַטאָרן. מיך באַשטעטיקן האָט געדאַרפט דער בילדונגס־מיניסטער אַליין. און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטילער קאַמף פאַרן דאָזיקן פּאָסטן. דער שטעלפאָרטרעטער פון דירעקטאָר האָט גלייך געמאָלדן וועגן פרייען פּאָסטן זיינעם אַ חבר, וואָס האָט געאַרבעט אַלס אַדמיניס־טראַטאָר אין אַ מינסקער טעאַטער. יענער איז גלייך געקומען אין ווילנע און אָנגעהויבן פּרעטענדירן אויפן דאָזיקן פּאָסטן. דער פילהאַרמאָניע־דירעקטאָר איז געווען דעצידירט איבערצוגעבן מיר די שטעלע, אָבער דער וויצע־דירעקטאָר, מיט זיין חבר (אגב אויך אַ געוועזענער מיטאַרבעטער

פון „מיידים") האָבן געטאָן אַלץ, מיך ניט צו דערלאָזן אויפן דאַזיקן פּאָסטן. פּעדאַראַוויטשוס האָט מיר אין אַ געוויסן טאָג דערציילט, אַז מיינע חברים, ייִדן, זיינען געווען ביים מיניסטער און געבעטן, מען זאָל מיך ניט באַשטימען, און ער האָט מיך געדאַרפט פאַרטיידיקן פון מיינע ייִדן...

צום סוף האָט מען מיך באַשטעטיקט. דער דירעקטאָר האָט אויס־געקלעפּט אין פילהאַרמאָניע אַן אָפיציעלע פאַראָרדענונג וועגן דעם און איך האָב זיך געשטעלט צו דער דאַזיקער אַרבעט. איך האָב גוט געפירט דעם אָפּטייל און דער דירעקטאָר איז געווען פון מיר זייער צופרידן. איך האָב פרייער אָפּגעאָטעמט. די מאַטעריעלע לאַגע אין שטוב האָט זיך פאַרבעסערט.

אַזוי ווי אין דער אַדמיניסטראַציע פון פילהאַרמאָניע זיינען געווען אַ 6—7 ייִדן און אויך צווישן די סאָליסטן זיינען געווען ייִדן, פלעגט פּעדאַראַוויטשוס פון צייט צו צייט אַריינוואַרפן עטלעכע ייִדישע ווערטער. צווישן די ייִדישע סאָליסטן איז געווען דער זינגער בנימין חייטאָווסקי, וואָס האָט נאָך געקענט אונדזער דירעקטאָר פון קאָוונע. ווען זיי פלעגן זיך טרעפן, פלעגן זיי אָפט ריידן צווישן זיך ייִדיש.

אין מיין אָפּטייל האָט געאַרבעט אַ ייִדישער אַדמיניסטראַטאָר קראַוועצקי, אַ געוועזענער אַקטיאָר פון קאָוונער ייִדישן טעאַטער. ער איז געווען אַ פריילעכער און פלעגט אַלע טאָג קומען מיט פאַרשיידענע קונדייסישע שטיק. איין מאָל האָט ער באַקומען פון קאַסע אַ פּעקל פון 20 טויזנט רובל אויף אָפּצושיקן אַן אַנסאַמבל אין זייער שטאָט. ער איז אַריין צו מיר אין קאַבינעט מיטן פּעקל געלט און עס אַריינגעוואָרפן אין מיסטקעסטל... ער האָט געזאָגט, אַז דאָס איז שוין גאָרניט ווערט. אין אַ געוויסן פרימאָרגן איז ער געקומען צו דער אַרבעט און האָט געקרעכצט. אויף מיין פראַגע, האָט ער מיר געזאָגט, אַז מען האָט אים נעכטן אַרויס־געריסן עטלעכע ציין און עס טוט אים זייער ווי. ער האָט גלייך אַרויסגענומען פון קעשענע ציינער און זיי מיר געוויזן — דאָס זיינען געווען ציינער פון אַ קו...

די בוכהאַלטעריע האָט באַקומען אַ גרויסן, לאַנגן דיכטענעם קאַסטן אויף אַריינצולייגן די דאָקומענטן. מען האָט אים אַוועקגעשטעלט אין

צימער פון דער בוכהאַלטעריע. קראַוועצקי איז אַריינגעקראָכן אין קאַסטן און אָנגעהויבן זינגען אַ רוסיש ליד „זיי געזונט מיין ליבע שטאָט". ער האָט זיך אויסגעצויגן אין קאַסטן, די חברה האָבן אים צוגעדעקט מיטן דעק און אַזוי אַרויסגעטראָגן פון צימער. דאָס איז געווען אַ פריילעכע סצענע.

אויף מאָרגן פרי האָט זיין פרוי טעלעפאָנירט, אַז קראַוועצקי איז פּלוצלונג געשטאָרבן...

ווי דער אָנפירער פון קאָנצערט־אָפּטייל איז מיין אויפגאַבע געווען אונטערצושרייבן מיט פאַרשיידענע אַדמיניסטראַטאָרן אָפּמאַכן וועגן אויפ־טריטן אין ליטע. די דאַזיקע אָפּמאַכן פלעגן אָפט דערגיין צו גרעסערע סומעס. די דאַזיקע אָפּמאַכן האָט געדאַרפט באַשטעטיקן און אונטערשרייבן דערנאָך אויך דער דירעקטאָר.

אין אַ געוויסן מאָנטיק פרי בין איך אַריין צום דירעקטאָר אונטער־שרייבן אַן אָפּמאַך פון הונדערט טויזנט רובל. ער איז נאָך ניט געווען אין גאַנצן ניכטער פון זונטיקדיקן טאָג. לעבן זיין טיש איז געזעסן דער קאַדרען־אָנפירער אַדאַמקיאַוויטשוס, אויך בגילופין. ער איז בדרך כּלל געווען אַ גרויסער טרינקער. איין מאָל בין איך געגאַנגען אין שטאָט עפּעס דערליידיקן פאַר דער פילהאַרמאָניע, און דערזען אויפן טראָטואַר אונדזער אַדאַמקיאַוויטשוס, וואָס איז גאַנץ געשמאַק געשלאָפן, אַ שיכּורער...

דער דירעקטאָר מיטן קאַדרען־אָנפירער זיינען געווען פאַרטאָן אין אַ שמועס. איך בין צוגעגאַנגען צום דירעקטאָר, אים געגעבן אונטערשרייבן דעם אָפּמאַך. ער האָט אַפילו ניט געקוקט וואָס, נאָר ריידנדיק מיט יענעם האָט ער אונטערגעשריבן. אַדאַמקיאַוויטשוס איז דערפון ממש נשתּומם געוואָרן און אויפמערקזאַם געמאַכט דעם דירעקטאָר, פאַר וואָס ער קאָנ־טראָלירט ניט וואָס ער שרייבט אונטער. האָט דער דירעקטאָר אים געענטפערט: „אָט דער מענטש, ווען ער וואָלט געקומען צו מיר אין מיטן נאַכט אונטערשרייבן, וואָלט איך ניט געקוקט און גלייך אים אונטערגעשריבן". דאָס איז געווען פאַר מיר אַ גרויסע סאַטיספאַקציע.

צוליב מיין אַרבעט האָב איך אָנגעבונדן אַ פריינדלעכן קאָנטאַקט מיטן דירעקטאָר פון דערביייִקער דרוקעריי „ווייזדאַס", אַ ייִד, און מיט

אַלע אָנפירער פון אַלע אָפּטיילונגען. דאָס האָט מיר געגעבן די מעגלעכקייט אָפּצודרוקן אַלע נייטיקע רעקלאַמעס פאַר די קאָנצערטן פון דער פיל־האַרמאָניע. אַ דאַנק דעם האָב איך געקאָנט העלפן די גאַסטראָלירנדיקע בריגאַדעס מיט אָפּדרוקן פאַר זיי אַפּישן און אַנדערע רעקלאַמע־מאַטעריאַלן.

אַ געוויסע לענינגראַדער עסטראַדע־טרופּע האָט נאָכן ענדיקן אירע קאָנצערטן אין ליטע, זיך געווענדט צו מיר, איך זאָל זיי אָפּדרוקן אַן אַפּיש. זיי האָבן מיר געגעבן אַ טעקסט. איך בין אוועק אין „ווייזדאַס״ צום פאַרוואַלטער פון פּאַפּיר־סקלאַד, געקויפט ביי אים 500 בויגן פּאַפּיר און באַשטעלט דעם אַפּיש. די רעכענונג פאַרן אָפּדרוקן האָב איך באַקומען ביי דער סעקרעטאַרשע פון דרוקעריי. דערנאָך האָב איך אָנגעשריבן אויף אַ בלאַנק פון דער דרוקעריי אַ חשבון פאַרן פּאַפּיר, געשטעלט אַ שטעמפּל, זיך אונטערגעשריבן און אַלץ אָפּגעגעבן דעם אַדמיניסטראַטאָר פון דער בריגאַדע. איך האָב פון זיי באַקומען פאַר מיין טירחה אַ סומע, וואָס איז געווען מער פון מיין חודש־געהאַלט, און אין יענער צייט איז עס געווען אַ גרויסע הילף פאַרן שטוב. איך האָב געהאַט ווי צו דערציִען ביזן סוף פון חודש.

די טרופּע האָט זיך מיט מיר פריינדלעך געזעגנט און אוועקגעפאָרן קיין לענינגראַד. אין איינעם אַ זונטיקדיקן פרימאָרגן, ווען איך בין געזעסן אין שטוב און געלייענט אַ בוך, איז פּלוצלונג אַריינגעקומען דער לענינ־גראַדער אַדמיניסטראַטאָר און דערציילט, אַז אָפּגעבנדיק די רעכענונגען וועגן אָפּדרוקן די אַפּישן, צו זייער בוכהאַלטער, האָט יענער אָפּגעוואָרפן די רעכענונג פאַרן פּאַפּיר און געזאָגט, אַז ער וועט זי שיקן אויף אַ קאָנטראָל אין דרוקעריי. מיר איז געוואָרן פינצטער אין די אויגן און כ׳האָב זיך גלייך פאַרגעשטעלט, ווי מען זעצט מיך אַריין אין טורמע אויף אַ גוטע פאַר יאָר...

דער אדמיניסטראַטאָר האָט מיך אָבער באַרויִקט. ער האָט מיר דערציילט, אַז אַזוי ווי זיינע אַרטיסטן האָבן זיך באַאיינדרוקט פון מיין גוטער באַציִונג צו זיי, האָבן זיי באַשלאָסן צו קויפן דעם בוכהאַלטער זייערן אַ גאַנדז מיט אַ קילאָ פּוטער און ער האָט זיי פאַרזיכערט, אַז ער וועט די רעכענונג אָננעמען און ניט שיקן אויף אַ קאָנטראָל.

איך האָב זיך געגעבן אַ נדר, אַז מער וועל איך אַזעלכע „געשעפטן" ניט מאַכן, אַפילו עס זאָל מיר אויסקומען צו הונגערן...

די „ווייזדאָס"־דרוקעריי איז אַגב געווען פאַר דער מלחמה אַ באַוווּסטע דרוקעריי פון ספרים, די באַרימטע „ראָמס דרוקעריי". ביים פאַרנעמען ווילנע דורך די סאָוועטן אין 1940, האָבן זיי פון דאָרטן אַרויסגעפירט גרויסע קוואַנטומס אָפּגעדרוקטע ספרים.

אין אונדזער פילהאַרמאָניע האָט געאַרבעט ווי אַ זינגער און טענצער אַ בראַזיליאַנישער נעגער, טיטאָ ראַמאַליאָ. ער האָט זיך איינגעבירגערט אין ווילנע נאָך פאַר דער מלחמה. ווי אַזוי האָט ער געלעבט פאַר די דייטשן, ווייס איך ניט. מיט אַלעמען האָט ער גערעדט רוסיש. ער האָט געהאַט אין ווילנע אַ גוטע דירה, האָט חתונה געהאַט, שוין נאָך דער מלחמה, מיט אַ מיידל פון סיביר. זי האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ ייִדישע. ער האָט מיט איר געהאַט צוויי ייִנגעלעך, מולאַטן, איינער שענער פון אַנדערן. זיינע קינסטלערישע פעיִקייטן קען איך ניט פעסטשטעלן, וואָס איז ביי אים געווען בעסער — זיין טאַנצן אָדער זיין זינגען. לויט מיין מיינונג פלעגט ער אויסנעמען מיט זיין נעגערישקייט... ווי אַ נעגער איז ער געווען אַ סענסאַציע צווישן די אַנטיילנעמער פון קאָנצערט.

איך בין אַוועקגעפאָרן מיט אַ גרופּע סאָליסטן־אַרטיסטן פון אונדזער פילהאַרמאָניע קיין מינסק אויף עטלעכע אויפטריטן אויפן טראַקטאָרנעם זאַוואָד. מיטן נעגער ראַמאַליאָ בין איך אַוועק פאַרן אויפטריט באַקוקן די בינע. פּלוצלונג איז אונדז אַנטקעגן געקומען אַ יונגער נעגער־בחור. ער איז צוגעגאַנגען צו ראַמאַליאָן און געוואָלט מיט אים ריידן, אָבער ראַמאַליאַ האָט זיך אָפּגעקערט פון אים. אַ פּנים ער האָט געוואָלט זיין איין נעגער אין ראַטן־פאַרבאַנד...

איין מאָל בין איך אַוועקגעפאָרן מיט אונדזערער אַ בריגאַדע קאָנצער־טאַנטן קיין מאָלאָדעטשנע, אַ גרויסע קנופּ־סטאַנציע און אַ וויכטיקע שטאָט.

ווען מיר זיינען מיטאָגצייט געקומען צו אַ רעסטאָראַציע עסן, האָבן מיר דערזען, אַז זי איז פאַרמאַכט און עס הענגט אַ גרויסע אויפשריפט: „פאַרמאַכט אויף מיטאָג"... ביי אַ צווייטער רעסטאָראַציע — דאָס זעלבע

בילד. ערשט אויפן וואָקזאַל האָבן מיר געפונען עפּעס צוצובייסן. אַזוי האָבן די סאָוועטן באַדינט די אַרבעטנדיקע...

## אַ „חתונה"

ווען מיר האָבן נאָך געלעבט אין דעם איינציקן צימער אויף ווענגלאָווע גאַס, האָבן מיר געפּראַוועט אַ שטוביקע חתונה פון זלאַטעס אַ חבר פון גלובאָק מיט אַ גלובאָקער מיידל, זייער אַן אינטעליגענטע און געבילדעטע. דאָס איז געווען ווינטערצייט. דאָס יונגע פּאָר האָט באַשטימט, אַז נאָך דער חופּה ביים רב, וועלן זיי מאַכן אַן אָונטברויט, צו וועלכן זיי וועלן פאַרבעטן בלויז די געוועזענע גלובאָקער לערער, די ברידער ראַיאַק. מיר האָבן מסכים געווען צו מאַכן עס ביי אונדז אין צימער.

זלאַטע האָט צוגעגרייט אַ שיינעם טיש. איך האָב איר צוגעהאָלפן. צו ערשט זיינען געקומען די געסט, די ברידער ראַיאַק, דערנאָך — חתן־כלה. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ שפּאָגל נייעם דעמיסעזאָן־מאַנטל. ווי נאָר די ראַיאַקס האָבן דערזען דעם מאַנטל, האָט איינער פון זיי געמאָלדן דעם חתן, אַז דער מאַנטל איז זייערער און ער האָט אים כּנראה צוגענומען פון זייער שטוב ביים אַנטלויפן פון די דייטשן, און קאַטעגאָריש געפאָדערט ער זאָל אָפּגעבן דעם מאַנטל...

דער חתן, זלאַטעס חבר, איז צוזאַמען מיט זלאַטען מיט איר מאַן, אַרויסגעפאָרן פון גלובאָקער געטאָ אויף וועלאַסיפּעדן קיין ווילנע. דער חבר האָט געהאַט אַ פאַלשן פּאַס ווי אַ טאָטער. מען האָט אים שפּעטער אַרויסגעפירט ווי אַ פּאָליאַק אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד. ער האָט דאָרטן אָפּגעאַרבעט כּמעט דריי יאָר און נאָך דער באַפרייונג זיך אומגעקערט קיין ווילנע דורך ווין און דאָרטן געקויפט אַ נייעם מאַנטל, וואָס ער טראָגט איצט אויף זיך. ס'איז קלאָר, אַז אויב ער וואָלט אין דעם מאַנטל זיך געוואָלגערט אין די מלחמה־יאָרן אין ווילנע און דערנאָך אין דייטשלאַנד ביי פאַרשיידענע אַרבעטן, וואָלט דער מאַנטל ניט געווען אַזוי ניי, ווי איצט. די ראַיאַקס האָבן אָפּגעוואָרפן די דאָזיקע טענה פון חתן און נאָכן צובייס זיינען זיי דעמאָנסטראַטיוו אַוועק, זייענדיק זיכער, אַז דאָס איז

זייער מאַנטל. איך האָב זיך געפּרוּווט אַריינמישן אויפן זייט פון חתן. אויך זלאַטע האָט זיי געפּרוּווט איבערצייגן אין זייער טעות. ס'האָט גאָרניט געהאָלפן, זיי האָבן נאָך אָראָפּגייענדיק פון די טרעפּ געשריִען, ער זאָל זיי אומקערן זייער מאַנטל...

## טאָג־טעגלעך לעבן

אונדזער מאַטעריִעלע לאַגע איז געווען זייער אַ שווערע. ביידנס חודשלעכע פאַרדינסטן אונדזערע האָבן געסטייעט בלויז אויף אַ האַלבן חודש. מיר האָבן געמוזט האַלטן אַ פּלעגערין פאַר נחמיהן. אמת, נאָכן איבערנעמען דעם העכערן פּאָסטן, איז געוואָרן אביסל לייכטער, אָבער די לאַגע האָט זיך ווייניק פאַרבעסערט.

אין אונדזער הויף האָבן אין פאָדערשטן טייל געלעבט פינף יידישע משפחות. אין הינטערשטן טייל האָבן געלעבט רוסישע משפחות. צווישן זיי איז געווען אַ שכן מיטן נאָמען וואַנקע. ער פלעגט אַרויסגיין יעדן טאָג אויף אַרבעט. אין שטוב פלעגט איבערבלייבן זיין ווייב מיט אַ כאַליאַסטרע קליינע קינדער. ער פלעגט יעדן טאָג קומען פון דער אַרבעט אַ שיכורער. זיין ווייב פלעגט אים דערפאַר „באַצאָלן" מיטן אַראָפּוואַרפן פון די אייזערנע טרעפּ פון זייער וווינונג. ער האָט אָנגעהויבן מורא צו האָבן פאַר איר. קומענדיק פון דער הויפּטגאַס צו אונדז אין געסל אַריין, פלעגן מיר, די פאָדערשטע שכנים, הערן זיינע שיכורע געשרייען, אָבער ווי נאָר ער פלעגט קומען צום טויער פון הויף, פלעגט ער אָנהייבן גיין ווי אַ ניכטערער, אויס מורא פאַר זיין ווייב...

פאַר נאַכט פלעגט ער נעמען אויפן האַנט זיין קלענסטע מיידעלע פון צוויי יאָר, קויפן אין קראָם אַ קליין פלעשעלע בראָנפן פון הונדערט גראַם, פלעגט עס אין וועג אויפעפענען, געבן אַ לעק טאָן פון פלעשל זיין מיידעלע, אַליין אויסטרינקען דאָס איבעריקע און זאָגן: „אָט אַזוי דאַרף מען דערציִען קינדער".

ביי די יידישע שכנים פון פאַרנטיקן מויער זיינען געווען 3—4 יאָריקע קינדער, וואָס פלעגן צווישן זיך ריידן נאָר יידיש.

נחמיה אונדזערער איז געווען אַ שטיפער און זייער אַ פעיִק קינד. איינע פון די פלעגערינס זיינע פלעגט אים אין די זונטיקן מיטנעמען אין דערביייִקן קלויסטער. איין מאָל איז ער געקומען און דערציילט, אַז ער איז געווען אין פוילישן קלויסטער און מיך געבעטן, איך זאָל אים פירן אין יִדישן קלויסטער...

די זומער־וואַקאַציעס אין שול פלעגן געדויערן 3 חדשים. דאַן פלעגן מיר בשותּפות מיט אונדזערער אַ שכנה דינגען ביי אַ פויער לעבן נעמענטשינער וואַלד אַ פּאָר צימערלעך און דאָרטן פלעגט נחמיה מיטן שכנס קינד פאַרברענגען אין וואַלד. די צוגאָב־הוצאה איז דאָ געווען דאָס באַצאָלן פאַרן צימער. דאָס איבעריקע איז געווען אַזוי ווי אין שטוב.

זלאַטע, אַלס לערערין האָט אויך געהאַט פריי דריי חדשים און זי פלעגט דאָרטן זיין מיט נחמיהן די גאַנצע צייט. איך פלעג קומען אַהין שבת נאָך דער אַרבעט און זיך אומקערן מאָנטיק צו דער אַרבעט. איך האָב געדאַרפט מיט זיך שלעפּן פּראָדוקטן אויף אַ גאַנצער וואָך, ווייל דאָרטן, אין נעמענטשין, האָט מען קוים געקאָנט קויפן אַ לעבל ברויט.

קומענדיק אַהין, פלעג איך זיך פאַרנעמען מיט נחמיהן. איך האָב אים אָנגעהויבן לערנען דעם יִדישן אלף־בית און דערנאָך אויך שרייבן קורצע זאַצן. גערעדט האָט ער יִדיש. איך פלעג מיט אים אַרויסגיין אין וואַלד און אויף אַ שטעגל אָנשרייבן צו נחמיהן אַ זאַץ. איך האָב אים אויך געגעבן אין האַנט אַ שטעקל, מיט וועלכן ער האָט געדאַרפט מיר אָנשרייבן אַן ענטפער אויף מיין זאַץ. אַזוי האָט ער זיך אויסגעלערנט שרייבן און לייענען יִדיש. שפּעטער האָט ער שוין גענומען לייענען פון אַ יִדישן ביכל וואָס איז געווען אין שטוב. מיר האָבן פון פאַרשיידענע ערטער אָנגעקליבן אין שטוב אַ גאַנץ היפּשע צאָל יִדישע ביכער.

יעדן יאָר, פאַרן אָנקום פון ווינטער, האָט מען זיך געדאַרפט צוגרייטן מיט באַהייצונג, מיט קאַרטאָפל און אויך שטעלן אַ פאַס מיט געזייערטן קרויט. דאָס איז געווען דער הויפּט־באַזיס אויף איבערצוקומען דעם ווינטער.

אין טיפן האַרבסט פלעג איך אָפּמאַכן מיטן שאָפער פון דער לאָסטמאַשין פון פילהאַרמאָניע, אַ ליטווינער, וואָס זיינע עלטערן האָבן

געלעבט אַן אַכציק ק״מ פון ווילנע, אין אַ קאָלכאָז, לעבן אַ געדיכטן בעריאָזע־וואַלד, פאָרן צו זיי.

אוועקפאָרן פלעגן מיר אַהין פאַר נאַכט. ער פלעגט זיך דעררידן מיט אַ פּאָר פויערים, זיי זאָלן אין דערבייַיקן וואַלד צוגרייטן אַ מאַשין מיט האָלץ, לויט דער לענג פון דער מאַשין. מיר פלעגן דערווייל מיט זיינע שטוביקע זיצן און טרינקען סאַמאָגאָן (בראַנפן פון אייגע־נער פּראָדוקציע). געטרונקען האָבן אַלע — זאַלבע פערט פון איין קענדל. צום פאַרבייסן איז כמעט ניט געווען וואָס, אָבער לויטן „דין" טאָר זיך קיינער ניט אָפּזאָגן פון זיין ריי צו טרינקען. איך האָב קיין ברירה ניט געהאַט, געמוזט מיטהאַלטן. געטרונקען האָבן מיר ביז שפּעט אין דער נאַכט, ביז די פויערים אין וואַלד האָבן צוגעגרייט דאָס האָלץ. כ׳האָב געטרונקען, אָבער שיכור בין איך ניט געווען.

זיך צערעכנט מיט די פויערים פאַר דער אַרבעט, זיינען מיר פאָר טאָג אַרויסגעפאָרן צוריק קיין ווילנע. מען האָט זיך געדאַרפט היטן פאַר די וועג־קאָנטראָלן. געבראַכט דאָס האָלץ צו זיך אויפן הויף, איז געוואָרן פריילעכער אויפן האַרצן. איצט האָב איך געדאַרפט זוכן מיט וועמען צו צעזעגן אויף פּאַסיקע שטיקלעך, זיי זאָלן אַריינגיין אין אייוועלע.

נאָכן צעזעגן דאָס האָלץ, פלעג איך אַליין צעהאַקן און מיט אַ גראָבער שטריק עס ביסלעכווייז אַרויפטראָגן אויפן דריטן גאָרן. ס׳איז געווען אַ שווערע אַרבעט, אָבער כ׳בין געווען יונג און געזונט און געגאַנגען צענדליקער מאָל, בכדי אַרויפצוטראָגן עס און אויסלייגן אין פּאַדערהויז.

אַזוי פלעג איך האָרעווען פון סאַמע פרי ביז גאָר שפּעט אין דער נאַכט, אָבער כ׳בין געווען זיכער, אַז קאַלט וועט שוין אין שטוב ניט זיין!

דערנאָך איז געשטאַנען די פּראָבלעם פון איינקויפן קאַרטאָפל און קרויט. מיר, עטלעכע מיטאַרבעטער פון פילהאַרמאָניע, פלעגן אַוועקפאָרן מיט אונדזער שאָפער אין די דערפער, ווייטער פון שטאָט און איינקויפן פאַר יעדערן אַ 50—60 פּוד קאַרטאָפל און אויך אַ ביסל קרויט אויף צום זייערן, און דער ווינטער איז געווען פאַרגרייט.

מיר האָבן געהאַט אין שטוב אַ קאַץ. נחמיה האָט זיך זייער צוגעוווינט צו איר. ווען מיט די גרעסטע שוועריקייטן פלעגן מיר צוגרייטן פאַר נחמיהן

אַ פליישׁ־קאָטלעט, פלעגט ער זיך בשתיקה טיילן מיט דער קאַץ. דערפאַר פלעגט זי געבוירן קעצלעך און פלעגט זיי איבערטראָגן צו אים אין בעטעלע און באַהאַלטן אונטער דער קאָלדרע... ווען נחמיה האָט שוין געשפילט פיאַנע, האָט זי איין מאָל געבוירן אירע קעצעלעך אויף זיינע נאָטן, וואָס זיינען געלעגן אויף דער טאַכטע...

אין דער פרייער צייט פלעג איך כּמעט יעדן טאָג אַרויסגיין מיט נחמיהן שפּאַצירן אין פאַרשיידענע ערטער פון שטאָט, פּאַרקן און אָפּרו־ערטער. ער האָט געטראָגן זומער אויפן קאָפּ אַ היטעלע, און זעענדיק ווי איך גריס זיך מיט באַקאַנטע און נעם אַראָפּ מיין היטל פון קאָפּ, האָט ער אָנגעהויבן מיך צו קאָפּירן. אין אַ געוויסן טאָג איז פאַרביי־געגאַנגען אַ גלח. נחמיה האָט זייער שיין אַראָפּגענומען פאַר אים דאָס היטל. דער גלח איז נתפּעל געוואָרן, אויסגעדריקט זיין פרייד צו זען אַזאַ דערצויגן קינד און האָט אים אַ קוש געטאָן אין קעפּל...

ביי אונדז אין וווינונג זיינען ניט געווען קיין סאַניטאַרע באַדינגונגען. האָב איך געמוזט זיך באַנוצן מיט אַ שטאָטישער באָד. סיי זומער און סיי ווינטער, אין פראָסט און שניי, פלעג איך שטיין מיט נחמיהן אין דער ריי אויפן גאַס אויף אַריינצוגיין אין באָד. אָבער ס׳איז ניט געווען קיין ברירה.

אונטער אונדז, אויפן צווייטן עטאַזש, האָט געלעבט אַן עלטער פּאָרפאָלק — ער פון ליטע, זי פון פוילן. זיי האָבן געהאַט צוויי יינגלעך — אַבקע און איזקע. ביידע אין נחמיהס עלטער. זייער פאָטער איז געווען אַ גלעזער און האָט ניט שלעכט פאַרדינט ביים אַריינשטעלן שויבן אין דירות. פּסח־צייט פלעגט ער אויסכּשרן זיין גרויסן באַק־אויוון און אין געהיים געבאַקט מצה פון די מעל, וואָס די קליענטן פלעגן ברענגען. מ׳האָט זיך געדאַרפט היטן פאַר ק.ג.ב. אָבער ווו נעמט מען מעל? דאָס איז געווען אַ פּראָבלעם.

ווינטער 1948 האָט מען פּלוצלונג געגעבן אין די קראָמען צו 3 ק״ג מעל אויף אַ פּערזאָן. עס איז אין יענעם טאָג געווען אַ שטאַרקער פראָסט, איך מיט נחמיהן האָבן זיך געשטעלט אויפן גאַס אין דער ריי אויף צו קויפן מעל. כ׳האָב נחמיהן וואַרעם אָנגעטאָן, אים אַרויפגעזעצט אויף

מיין אקסל און אָפּשטייענדיק אַזוי ביי אַ דריי שעה, האָבן מיר ביידע געקויפט צוויי פּעקלעך מעל צו דריי ק״ג אַ פּעקל. ווער איז געווען גלייך צו אונדז?! מיר האָבן איין פּעקל מעל געלאָזן אויף צום באַקן מצה און דעם אַנדערן געניצט אין טאָג־טעגלעבן געברויך.

בדרך כלל פלעגן מיר זיך אויף יעדן פּסח באַזאָרגן מיט מצה און פּראַווען אַ סדר. צום סדר פלעגן מיר איינלאַדן אַ באַקאַנטע עלנטע פּרוי און נאָך עמעצן, לויטן מינהג ווי עס האָט זיך געפירט ביי ייִדן.

אויף וויפל ס׳פלעגט זיין מעגלעך, פלעגט זיין צום סדר, אַחוץ מצה, אויך ווין, געפילטע פיש, קניידלעך פון מצה־מעל, צעשטויסן אויף אַ פּרימיטיוון אופן, און אויך פלייש.

אָבער דעם סדר פלעגן מיר זיין געצוווּנגען צו מאַכן גאַנץ שפּעט ביי נאַכט, ווייל כּמעט צו יעדן סדר פלעגט מען ביי זלאַטען אין דער רוסישער שול באַשטימען אַ פּעדאַגאָגישן־ראַט... צי דאָס איז געווען געמאַכט בכּיוון אָדער ניט, איז שווער צו זאָגן. ביי זלאַטען אין שול האָבן געאַרבעט פיר ייִדישע לערער.

## אָנהייב פון אַ ייִדיש־געזעלשאַפטלער לעבן

גלייך נאָך דער בלוטיקער מלחמה, נאָכן גרויסן חורבן, נאָך אַזאַ צערויִנירונג פון דער ייִדישער קולטור אין ווילנע, האָבן זיך די צוריק־געקערטע און ניצול־געוואָרענע פון די געטאָס, לאַגערן און פאַרשיקונגען זיך געפילט עלנט און פרעמד צווישן די חורבות פון דער גרויסער ייִדישער שטאָט.

דער גרעסטער טייל פון דער שארית־הפליטה איז אַוועקגעפאָרן מיט דער ערשטער רעפּאַטריאַציע פון פּוילישע בירגער אין 1945—1946 קיין פּוילן און פון דאָרטן זיך צעשפּרייט איבער דער פרייער וועלט.

אַ טייל ייִדן איז אָבער געבליבן און איך מיט זלאַטען בתוכם. איך האָב זייער געוואָלט פאָרן, אָבער זלאַטע האָט מורא געהאַט זיך צו לאָזן אַ שוואַנגערע אין אומבאַקאַנטן וועג, ניט וויסנדיק וואָס עס שטייט פאָר.

מיר, די צוריקגעקומענע נאָך דער מלחמה קיין ווילנע, האָבן געמיינט, אַז עס וועט זיין אָפן פאַר אונדז די גאַנצע וועלט. אַז מען וועט אונדז אויפנעמען מיט אָפענע אָרעמס. אָבער ניט אַזוי האָט עס אויסגעזען אויף דער וואָר. ס'איז געווען שווער צו באַקומען אַ דירה, שווער מיט אַרבעט און דער עיקר — ס'איז געווען שווער אויפן האַרצן, צוזעענדיק דעם חורבן פון אונדזער באַליבטער שטאָט. מיר האָבן אויך ניט געפילט קיין פריינדשאַפט מצד די אָרטיקע איינוווינער. אַ סך פון זיי האָבן אויסגעדריקט פאַרוווּנדערונג, וואָס „אַזוי פיל" יידן זיינען געבליבן לעבן...

ניט קוקנדיק אָבער אויף אַלע שטייגערישע שוועריקייטן, איז גרויס געווען דער דראַנג צו גייסטיקער אויסלעבונג. צווישן די צוריקגעקערטע קיין ווילנע און קאָוונע זיינען געווען די דיכטער און שרייבער אַ. סוצקעווער, ש. קאַטשערגינסקי ש. בעליס, ה. אַשעראָוויטש, מ. יעלין, י. יאַסאַדע, י. לאַצמאַן, י. קאַטלאַר. אויך ח. גראַדע האָט באַזוכט ווילנע. מען האָט געעפנט אַ יידישן מוזיי, וואָס האָט געגומען זאַמלען מאַטעריאַלן, וועלכע האָבן אַ שייכות צום יידישן לעבן פאַר דער מלחמה און בעת דער נאַצי־אָקופּאַציע, מאַטעריאַלן וועגן די געטאָס אין ווילנע און קאָוונע און דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג פון די יידן אין ליטע. דער ערשטער דירעקטאָר פון מוזיי איז געווען ש. קאַטשערגינסקי. נאָך זיין רעפּאַטריאַציע קיין פּוילן איז בראש פון מוזיי, ביז זיין שליסן אין 1949, געשטאַנען י. גוטקאָוויטש. אַ סך וויכטיקע עקספּאָנאַטן פאַרן מוזיי האָט געשאַפן אַ. סוצקעווער, וואָס האָט זיי אויסגעבאַהאַלטן אין ווילנער געטאָ. מיטאַרבעטער פון מוזיי זיינען געווען ש. בעליס, אַ. רינדזיונסקי, ג. מאַרקעלעס, דער פאָטאָגראַף ע. גערשאַטער, ס. גינק, רייזעלע סטאָליצקי, ד. צעפּעלעוויטש. דעם מאַטעריאַל וועגן קאָוונער געטאָ, בעיקר וועגן דער פאַרטיזאַנישער באַוועגונג, האָט צוגעשטעלט מ. יעלין. דער מוזיי פלעגט איינאָרדענען אין זיין זאַל אָוונטן, באַגעגענישן מיט שרייבער און שטענדיק ביי געפאַקטע זאַלן, באַזונדערש איינדרוקספול איז געווען די באַגעגעניש מיטן באַוווּסטן שרייבער איליאַ ערענבורג.

ש. קאַטשערגינסקי האָט גלייך פון אָנהייב אָרגאַניזירט אַ פאָר ליטעראַרישע אָוונטן מיט די יידישע שרייבער, איינעם פון זיי אין גרויסן

זאַל פון דער פילהאַרמאָניע. די אָוונטן זיינען דורך מיט אַ קאָלאָסאַלן דערפאָלג ביי פּולגעפּאַקטע זאַלן.

איך דערמאָן זיך אויך אַ באַגעגעניש אין זאַל פון געוועזענעם אָפּערעטע־טעאַטער „לוטניע" אויף מיצקעוויטש־גאַס מיטן דיכטער פּרץ מאַרקיש. ווען ער האָט זיך באַוויזן אויף דער בינע מיט זיין ענערגישן פּנים און געקרויזטער טשופּרינע, האָט דער פאַרזאַמלטער עולם אים שטורמיש באַגריסט. עס איז געווען אַ ספּאָנטאַנע פרייד און גרויסע איבערלעבונג.

די ייִדן פון דער שארית־הפליטה האָבן געלעכצט נאָך ייִדישער קולטור, נאָך ייִדישער געזעלשאַפטלעכקייט.

דער ווילנער אַקטיאָר יצחק דאָגים האָט אויפגעשטעלט אַ דראַמקרייז, אין אים האָט זיך אָנגעשלאָסן אַ גרופּע פעיִקע ליבהאָבער. דער דראַמקרייז האָט גאָר גיך צוגעגרייט די ערשטע פאָרשטעלונג „דער אוצר" (די גאָלדגרעבער) פון שלום־עליכם, רעזשיסירט פון י. דאָגים.

יוסף שיין, דער אַביטוריענט פון מיכאָעלסעס סטודיע אין מאָסקווע, איז אַ געוויסע צייט געווען קאָנסולטאַנט פון דראַמקרייז.

אַז ס׳איז פאַרטיק געוואָרן די ערשטע פאָרשטעלונג איז אויפגעקומען די פראַגע פון באַקומען אַ דערלויבעניש צו שפּילן. דאָ האָט געהאָלפן דער דיכטער ה. אָשעראָוויטש, וועלכער האָט פון ליטווישן שרייבער־פאַריין באַקומען די דערלויבעניש צו שפּילן. איך האָב גענומען אויף זיך די אַדמיניסטראַטיווע זייט. באַקומען דעם זאַל פון פילהאַרמאָניע, ווו איך האָב געאַרבעט, צוגעגרייט בילעטן, וועלכע זיינען אין די ערשטע טעג צעכאַפּט געוואָרן.

די פאָרשטעלונגען זיינען אַדורך מיט גרויס דערפאָלג. דאָס איז געווען אַ יום־טוב פאַר דער שארית־הפליטה.

דער דראַמקרייז האָט דערנאָך צוגעגרייט אַ נייע פאָרשטעלונג, אַ מוזיקאַלישע — „דאָס גרויסע געווינס" פון שלום עליכם מיט אינטער־מעדיעס פון משה בראָדערזאָן. עס זיינען צוגעקומען עטלעכע מוזיקאַנטן. די מוזיקאַלישע לייטונג האָט איבערגענומען דער פאָלקס־מוזיקער מאיראָ־

וויטש. די פֿאַרשטעלונגען פֿון דראַמקרייז זיינען געשפּילט געוואָרן צו עטלעכע מאָל. איך האָב זיי געפּירט אויך קיין קאָוונע און שאַוול.

אַגב, האָט אין יענער צייט עקסיסטירט אַ דראַמקרייז אין קאָוונע אונטער דער לייטונג פֿון אַקטיאָר יעקב בעלצער, וואָס פֿלעגט קומען פֿון צייט צו צייט קיין ווילנע מיט אָוונטן.

די גאַנצע קולטור־טעטיקייט אין ווילנע איז געווען אָפּהענגיק פֿון די געשעענישן אין ראַטן־פֿאַרבאַנד. דאָ איז אַראָפּ ווי אַ שוואַרצע כמאַרע דער מאָרד פֿון מיכאָעלסן, די באַשולדיקונגען פֿון סטאַלינען קעגן ייִדישן אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט אין מאָסקווע און דער אַרעסט פֿון די אָנפֿירנדיקע ייִדישע שרייבערס, די ליקווידאַציע פֿון די ייִדישע אַנשטאַלטן (קינדער־היימען, שולן) אין ווילנע און קאָוונע, דאָס פֿאַרמאַכן דעם ייִדישן מוזיי אין ווילנע, און סוף 1952 — די באַשולדיקונג קעגן די ייִדישע דאָקטוירים.

געראַטעוועט די סיטואַציע האָט סטאַלין אַליין, וואָס איז געשטאָרבן אָנהייב מאַרץ 1953. די געמיינע ליגנס און פֿאַרברעכנס לגבי ייִדן זיינען אויפֿגעדעקט געוואָרן.

אין אונטערערד האָט יעדער ייִד אין ליטע זיך געפֿרייט מיט דער אַנטשטייונג פֿון דער ייִדישער מדינת־ישׂראל אין 1948. רוסישע צייטונגען האָבן פֿון צייט צו צייט אינפֿאָרמירט אין קורצע נאָטיצן וועגן גאַנג פֿון דער באַפֿרייונגס־מלחמה און אַפֿילו אונטערגעשטראָכן די העלדישקייט פֿון די ייִדישע קעמפֿער. דאָס איז געווען אַן אויפֿמונטערונג פֿאַר דער שארית־הפּליטה.

איך דערמאָן זיך ווי עמעצער האָט מיר באַוויזן אַ ישׂראלדיקן זשורנאַל מיט פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון צה״ל־חיילים און פֿון אַרטיקן לעבן. די פֿאָטאָגראַפֿיעס זיינען געווען פֿאַרכאַפּנדיקע און האָבן פֿאַרשאַפֿט גרויס פֿרייד און אַ האָפֿענונג, וואָס האָט זיך ניט געלאָזט קאָנקרעטיזירן, אָבער דאָך איז עס געווען אַ האָפֿענונג אויף „עפּעס״...

נאָך סטאַלינס טויט איז אויפֿגעקומען דער געדאַנק צו שאַפֿן אַ ייִדישן כאָר און דראַמקרייז. געווען אַ שווערע פּראָבלעם צו באַקומען דערצו אַ דערלויבעניש פֿון די געהעריקע אינסטאַנצן. דערצו האָט זיך גענומען אַ ייִדישער יונגער־מאַן מיט אַ פּאַרטיי־בילעט, צעסאַרקאַ, אַ מוזיקער פֿון

ווילנער ראַדיאָ־אָרקעסטער. מיט זיין ענערגיע און עקשנות האָט ער אָנגעשפּאַרט אין אַלע העכערע פּאַרטיי־אינסטאַנצן און סוף־כל־סוף די דערלויבעניש באַקומען.

ס׳האָט זיך אָרגאַניזירט ביי די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אַ יידישער כאָר, אַ טאַנצגרופּע און אַ דראַמקרייז. מיטן כאָר האָט אָנגעפירט דער געוועזענער געזאַנג־לערער און מוזיקער פון די פאַרמלחמהדיקע יידישע שולן אין קאָווגע, שאול בלעכעראָוויטש. עס האָבן זיך צונויפגעקליבן ביי אַ פופציק זינגער און זינגערינס. איך האָב דאָרטן אויך אַ געוויסע צייט געזונגען. גאַנץ אָפט פלעגט בלעכעראָוויטשן פאַרבייטן זיין טאָכטער, עליזה.

שפּעטער איז געקומען פון מאָסקווע דער רעזשיסער א. לוריע, מיכאָעלסעס אַסיסטענט, און איז געוואָרן דער שטענדיקער רעזשיסאָר פון דראַמקרייז. זיין ערשטע שטעלונג איז געווען די מוזיקאַלישע פאָרשטעלונג „פריילעכס״, וואָס איז גלייך נאָך דער מלחמה געשפּילט געוואָרן אין מאָסקווער יידישן מלוכישן טעאַטער.

ווי געזאָגט, האָבן מיר מיט דער צווייטער רעפּאַטריאַציע פאַרלאָזן ווילנע אין 1957, אויפן וועג דורך פּוילן קיין ישראל.

שוין אין פּוילן האָבן מיר זיך דערוווסט, אַז עס שאַפט זיך אין ווילנע אויף דער באַזע פון כאָר, דראַמקרייז און טאַנצגרופּע אַ יידישער געזאַנג און טאַנץ־אַנסאַמבל „מיר זיינען דאָ״. ווי באַוווסט זיינען שפּעטער אַלע חברה פון אַנסאַמבל דורך וועגן און אומוועגן געקומען קיין ישראל און האָבן זיך דאָ אָרגאַניזירט אין אַ געזאַנג־ און טאַנץ־אַנסאַמבל „אנחנו כאן״, וואָס טרעט אויף מיט דערפאָלג אין ישראל און אין אויסלאַנד (אייראָפּע, אַמעריקע) מיט פּרעכטיקע פּראָגראַמען פון יידישער פאָלקס־קונסט.

## זלאַטע געפינט משפּחה

אין 1948, ווען ס׳האָט זיך גערעדט וועגן חורבן פון די יידישע אינסטיטוציעס אין ראַטן־פאַרבאַנד, איז געקומען קיין ווילנע דער מאָסקווער שרייבער און רעציטאַטאָר פון שלום־עליכמס ווערק בער קאָפּאַטקעוויטשער

(שאַפּיראָ). זיך דערוווּסט מיין שטוביקן אַדרעס, איז ער געקומען אַ פאַרנאַכט צו מיר אין שטוב מיט דער בקשה, איך זאָל אים העלפן מאַכן זיינעם אַ קאָנצערט אין פילהאַרמאָניע אויף ייִדיש. איך האָב אים דערקלערט, אַז איצט, ווען עס רעדט זיך וועגן די אַרעסטן פון ייִדישע שרייבער אין מאָסקווע און אַנדערש וווּ, איז זייער שווער צו אָרגאַניזירן אַזאַ אויפטריט.

מיר האָבן אים פאַרבעטן צו עסן מיט אונדז אָוונטברויט און זיצנדיק ביים טיש האָט אים זלאַטע דערציילט, אַז זי האָט ערגעץ אַ טאַטן אין מאָסקווע מיט אַ צווייטער פרוי און קינדער. ווען זלאַטע האָט אים געזאָגט דעם נאָמען פון איר טאַטן, האָט ער זיך אָפּגעקערט צום פענצטער און מיט אַ ציטערדיקער שטים דערציילט, אַז ער האָט געקענט איר טאַטן, וועלכער איז געשטאָרבן אין דער מלחמה פון האַרצקלעמעניש צוליבן טויט פון זיין זון, וואָס איז געפאַלן אין שלאַכט ביי לענינגראַד. עס איז נאָך ביי אים געבליבן אַ צווייטער זון און צוויי מיידלעך — אַ צווילינג — פון 13 יאָר. ער האָט זייער געלויבט איר טאַטן פאַר זיין גוטער, האַרציקער באַציִונג צו מענטשן און האָט פאַרזיכערט, אַז ער וועט איר צושיקן זייער אַדרעס.

ער האָט געהאַלטן וואָרט און גאָר גיך איז אַראָפּגעקומען צו אונדז איינע פון די מיידלעך, סאָניע האָט מען זי גערופן. קומענדיק האָט זי אַפילו ניט געוואָלטריידן מיט זלאַטען, ווייל איר טאַטע איז געשטאָרבן מיט זלאַטעס פאָטאָגראַפיע אייגנענייט אין אַ קעשענע און זלאַטע האָט אויסגעמיטן מיט אים זיך צו טרעפן. ער פלעגט שטענדיק דערציילן וועגן איר און לויבן זי פאַר איר קלוגשאַפט. אַזוי ווי זלאַטעס מאַמע האָט זיך געגט מיט אים, בעת זלאַטע איז געווען צוויי יאָר אַלט, האָט שפּעטער איר טאַטע געוואָלט אָנקניפּן פאַרבינדונגען מיט זלאַטען, זיין געליבטער טאָכטער, אָבער זלאַטע האָט אויסגעמיטן זיך צו טרעפן מיט אים, מיינענדיק, אַז דאָס וועט שעדיקן אירע גוטע באַציִונגען מיטן שטיף־טאַטן, וואָס האָט זי למעשה אויסגעהאָדעוועט און איר געגעבן אַלע מעגלעכקייטן צו ווערן אַ לערערין.

צום סוף זיינעןביידע דורכגעקומען, און אַזוי האָט זלאַטע באַקומען א משפחה אין מאָסקווע.

אין דעצעמבער 1950, עס זיינען דאַן געווען ריזיקע פּרעסט, זיינען מיר זאַלבעדריט אַוועקגעפאָרן קיין מאָסקווע זיך באַקענען מיט דער נייער משפחה. זיי האָבן געלעבט אין אַן אַלטער הילצערנער אָרעמער דירה. עס איז פּלוצלונג געוואָרן אַן אַדליגע, האָט אָנגעהויבן רינען פון דאַך אין ווינקל פון צימער, ווו מיר זיינען געשלאָפן. אין שטוב האָבן געלעבט דער צווילינג מיט זייער קראַנקער מאַמען. די מיידלעך האָבן געאַרבעט אין אַ קנעפּל־פאַבריק און פון זייער פאַרדינסט האָט מען געלעבט. זייער ברודער, מישע, האָט דאַן געלעבט אין קיעוו ביי זיינער אַ מומען. בעת אונדזער באַזוך האָבן זיי איינגעלאַדן דעם רעציטאַטאָר קאַפּאַטקעוויטשער, זייערער אַ שכן. מיר האָבן זיך מיט אים נעענטער באַקענט און ער האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַן אינטערעסאַנטן און אינטעליגענטן מענטש.

✶

די צייט איז געלאָפן. נחמיה איז אונטערגעוואַקסן. זלאַטע האָט געאַרבעט אין דער רוסישער שול מיט גרויס דערפאָלג. איך האָב מצליח געווען אויף מיין אַרבעט. אין שטוב איז שטענדיק געווען אַן אויפּזעערין פאַר נחמיהן. איך פלעג גאַנץ אָפט פאַרלייגן זלאַטען צו גיין מיט מיר אויף אינטערעסאַנטע קאָנצערטן אין פילהאַרמאָניע. זי פלעגט זיך אָפּזאָגן מיטן אויסרייד, אַז מען קען ניט איבערלאָזן נחמיהן אין שטוב, אַפילו מיט דער אויפּזעערין, וואָס האָט געלעבט ביי אונדז אין שטוב.

זלאַטע האָט אויך געדאַרפט אין שטוב איבערקוקן די העפטן פון אירע שילער, אָבער ס׳וואָלט נאָך געסטייעט צייט צו גיין אויף אַן אינטערע־סאַנטן קאָנצערט. זי האָט ניט גערן אָנגענומען מיינע איינלאַדונגען, פלעג איך גיין אַליין אויף קאָנצערטן. די פילהאַרמאָניע איז געווען גאַנץ נאָענט צו אונדזער שטוב.

ביז דער מלחמה און אונדזער גרויסן חורבן האָב איך געאָטעמט מיט טעאַטער, דאָס איז געווען מיין גאַנצע האָפענונג און ציל אין לעבן. כ׳האָב פּלאַנירט צו לערנען טעאַטער־קונסט אין אַ סטודיע. אַכט יאָר האָב

איך אָפּגעאַרבעט אין „מיידים״ אַלס ערשטער אַקטיאָר און קאָנפּעראַנסיע, און פּלוצלונג איז אַלץ פאַרשניטן געוואָרן, אָפּגעהאַקט געוואָרן ווי מיט אַ האַק.

ס׳איז געבליבן אַ טיפער ווייטיק אין האַרצן, אַ טיפע בענקעניש נאָך דער בינע, נאָך אַלע חברים יידישע אַקטיאָרן און מיטאַרבעטער. ס׳האָט זיך געוואָלט אויפשטעלן אויף ס׳ניי, אָבער צום גרויסן באַדויערן האָט מען שוין קיין זאַך ניט געקאָנט רעסטאַוורירן, ס׳איז שוין ניט געוועזן מיט וועמען און אויך ניט קיין באַדינגונגען.

דעריבער האָב איך ניט געקאָנט אײַנזיצן אין שטוב, ס׳האָט מיך געצויגן אַרויסצוגיין כאָטש אויף אַ ווײַלע אויף אַ קאָנצערט אין פילהאַר־מאָניע, בכדי זיך כאָטש אַ ביסל צו דערקוויקן מיט דער קונסט, וואָס לעבט און רייסט מיט. ס׳פלעגן קומען צו אונדז אין פילהאַרמאָניע די בעסטע קינסטלערישע בינע־כּוחות, די גרעסטע סאָליסטן, אַנסאַמבלען, כאָרן, רעווי־אַקטיאָרן. צום באַדויערן איז זלאַטע צו מיר ניט צוגעשטאַנען, מאָטיווירנדיק גאַנץ אָפט, אַז עס שטייט איר פאַר די אויגן דער אומקום פון איר ערשטן קינד און זי ציטערט זייער פאַר נחמיהן. איך האָב אָבער בשום אופן ניט געקאָנט בלייבן אין שטוב און בכדי צו פאַרטרייבן דעם ווייטיק פון האַרצן, די בענקשאַפט נאָך מיין פאַרמלחמהדיקער טעטיקייט, האָב איך געמוזט אַרויסגיין כאָטש אויף אַ קורצער ווײַלע אויף אַ קאָנצערט.

אויף דער דאָזיקער טעמע פלעגן מיר זיך מיט זלאַטען אָפט איבער־ריידן, אָבער איך האָב אַנדערש ניט געקענט...

## נחמה ליפשיץ

אין אונדזער פילהאַרמאָניע האָט געאַרבעט אַלס סאָליסטין נחמה ליפשיץ. זי האָט געענדיקט דעם געזאַנגקלאַס אין דער ווילנער קאָנסער־וואַטאָריע. נאָכן ענדיקן האָט זי געוואָלט אַרבעטן אין דער ליטווישער אָפּערע, אָבער צוליב פאַרשיידענע סיבות (קודם־כּל „יידישע״) האָט מען זי ניט צוגעלאָזן. אין דער קאָוונער אָפּערע האָט זי געהאַט בלויז איין דעביוט־אויפטריט און מיט דעם האָט זיך עס געענדיקט.

האָט זי געאַרבעט אין אונדזער פילהאַרמאָניע אַלס סאָליסטין און געהאַט גרויס דערפאָלג. זי האָט זיך ביי אונדז גערעכנט פון דער ערשטער קאַטעגאָריע.

אין אַ געוויסן טאָג איז זי געקומען צום דירעקטאָר און געמאָלדן, אַז זי גייט איבער צום ייִדישן רעפּערטואַר און זי וועט זינגען נאָר ייִדיש. זי האָט זיך דעררעדט מיט נאָך אַ זינגער — אינאַ טאָפּער — מיט וועלכן זי האָט צוגעגרייט אַ ספּעציעלן פּראָגראַם פון ייִדישע לידער.

נחמה האָט פאַררופן מיך און איזיע קרעמערן, מיר זאָלן הערן זייער רעפּערטואַר. ס'איז געווען אויף אַ ניוואָ, מיר האָבן עס אַקצעפּטירט און אָנגעהויבן קלערן וועגן אַרויסשיקן זיי אויף קאָנצערטן.

נחמה האָט זיך געווענדעט צו אונדזער דירעקטאָר וועגן באַשטימען אַ ספּעציעלן פאָנד, בכדי זיך איינצושאַפן דעם נייטיקן רעפּערטואַר און באַאַרבעטן די אַראַנזשירונגען. פעדעראַוויטשוס האָט זיך וועגן דעם געווענדעט אין מיניסטעריום און ער האָט באַקומען אַ געלטפאָנד צום דאָזיקן צוועק.

דער פאַרטרעטער פון דירעקטאָר, ווי שוין געזאָגט, אַ געוועזענער מיטאַרבעטער פון „מיידים“, איז געווען קעגן פאַרווענדן די באַשטימטע סומע אויף אַ ייִדישן רעפּערטואַר. ער האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף בעסער באַרייכערן דעם ליטווישן רעפּערטואַר. דער ליטווישער דירעקטאָר איז אָבער געווען פאַר אַ ייִדישן רעפּערטואַר...

אַזוי האָט נחמה ליפשיץ אָנגעהויבן איר קאַריערע מיט ייִדיש און איז שפּעטער געוואָרן דאָס שיינדל ביים ייִדישן עולם אין ראַטן־פאַרבאַנד. אגב, האָט זי אין פעברואַר 1958 באַקומען אין מאָסקווע אויפן אַלפאַרבאַנ־דישן קאָנקורס פון עסטראַדע־אַרטיסטן דעם ערשטן פּרייז. נאָר ייִדישע לידער האָט זי דעמאָנסטראַטיוו איינגעשלאָסן אין איר קאָנקורס־פּראָגראַם, און טאַקע זיי האָבן שטאַרק אויסגענומען. מיט איר ייִדישן ליד האָט זי אויפגעמונטערט און געטרייסט די ייִדישע הערצער... ניט אין אַלע שטעט האָט מען איר דערלויבט אויפצוטרעטן. מען האָט איר פּשוט ניט געגעבן קיין זאַל, באַזונדערש איז דאָס געווען אין מינסק און אויף אוקראַיִנע.

## דער אַקטיאָר סעמיאַנאָוו

אין אונדזער פּילהאַרמאָניע פלעגט זיך אַרומדרייען ניט קיין שטאָטנער אַקטיאָר ווסעוואָלאָד סעמיאַנאָוו. געקומען איז ער קיין ווילנע פון לעניני־גראַד, ווו ער האָט איבערגעלאָזן אַ פרוי מיט אַ זון. מיט דער דאָזיקער פרוי האָט ער זיך אין „זאַגס" ניט פאַרשריבן. ער האָט געטענהט, אַז ער איז אַ „מענטש פון דער רעוואָלוציע" און האַלט ניט פון אַזעלכע בירגערלעכע זאַכן ווי אָפיציעל חתונה האָבן. ער האָט מיט זיין פרוי געלעבט „פרייע ליבע", זי פאַרלאָזן און ווידער גענומען אַ צווייטע פרוי לויטן זעלביקן פרינציפּ און געהאַט מיט איר צוויי קינדערלעך. נאָך דער מלחמה האָט ער זיך באַזעצט אין ווילנע. אַגב, האָט ער אויך אָנגעשריבן אַ פּאָר פּיעסעס און אין איינער פון זיי, „דאָרטן, ווו ס'איז ניט געווען קיין פאַרטונקעלונג", פלעגט ער שפּילן אַלע ראָלן אַליין, און האָט זייער אויסגענומען ביים עולם.

ביי אונדז האָט ער ניט געהאַט קיין שטענדיקן געהאַלט און געלעבט פון מאַכן „לינקע" קאָנצערטן, ד"ה אָן דער אָפיציעלער דערלויבעניש פון פּילהאַרמאָניע. ער איז געווען אַ סך עלטער פון מיר, פלעגט אָפט אַריינ־קומען צו מיר אין קאַבינעט און האָט זיך צו מיר „צוגעקלעפּט". ער פלעגט שטענדיק זאָגן, אַז ביי אים שפּילט ניט קיין ראָלע די נאַציאָנאַלע אָנגעהעריקייט פון מענטש, נאָר דער עיקר — אויב דער מענטש געפעלט אים, האָט ער אים ליב און האָט פאַר אים גרויס דרך־ארץ.

מיר האָבן זיך מיט אים באַפריינדט. איך פלעג אים העלפן ביים אָפדרוקן אָן אָפיש, ווייל אָן פּילהאַרמאָניע האָט מען ניט געקאָנט דרוקן. ער פלעגט זיינע קאָנצערטן אַליין אָרגאַניזירן, איבערהויפּט אין מיליטערישע טיילן, און באַקומען אַן אָפּגערעדטע סומע. נאָכן קאָנצערט זיינעם פלעגט ער אַ העלפט פון דער באַקומענער סומע אָפּגעבן זיין ווייב אויף צום לעבן און מיט דער צווייטער העלפט אין קעשענע נעמען נאָענטע חברים און עס פאַרטרינקען. נאָך אַן אויפטריט פלעגט ער אַריינקומען צו מיר אין קאַבינעט און זאָגן, „וואַרף אָוועק דיין אַרבעט און קום בעסער מיט מיר אַראָפּ אין דערביייִקן רעסטאָראַן עפּעס אויסטרינקען און צובייסן".

איך פלעג אָבער מיט אים אַראָפּגיין בלויז אין דער אָפּיציעלער הפסקה. פלעגט ער זיצן און וואַרטן אויף מיר. ווען איך פלעג אים זאָגן, אַז בעסער וואָלט געווען, ווען ער וואָלט דאָס געלט אָפּגעגעבן זיין פרוי מיט די קינדערלעך, פלעגט ער אַביסל מיט רוגזה ענטפערן, אַז זיינע קינדער פעלט גאָרניט.

אין דערבייִיקן רעסטאָראַן זיינען געווען יידישע מאכלים — טשאָלנט און קישקע, מיר פלעגן עס צורעכטמאַכן מיט אַ פלאַש קאָניאַק. דעם רעשט קאָניאַק, וואָס פלעגט בלייבן, פלעגט ער פאַרשטעקן אין קעשענע, זאָגנדיק, אַז יעדער טראָפּן איז טייער. קיין שיכור איז ער אָבער ניט געווען.

מיר האָבן זיך מיט אים געטראָפן אויף אַ קאָנצערט אין פילהאַרמאָניע פון שאָסטאַקאָוויטשעס יידישע לידער. ער איז געשטאַנען לעבן מיר און זייער קריטיקירט שאָסטאַקאָוויטשן. לויט זיין מיינונג, האָט שאָסטאַקאָוויטש פשוט איבערגעדרייט די מעלאָדיעס פון די אַלע לידער. ער האָט געקענט די אַלטע מעלאָדיעס פון די לידער און אויפן אָרט געוואָלט מיר זיי אויפזינגען. ער איז געווען גערעכט...

## „וויטרעזוווילאָוועקע" — אויסניכטערונגס־הויז

אין איינעם אַ זוניקן יולי־טאָג איז געקומען פון ריגער פילהאַרמאָניע צו גאָסט מיינער אַ גוטער פריינד — שפּונגין, וואָס האָט דאָרטן געפירט דעם קאָנצערט־אָפּטייל, אַזוי ווי איך דאָ. ביי טאָג האָט ער דערליידיקט אַלע געשעפטלעכע ענינים און דערנאָך האָבן מיר אָפּגערעדט, אַז מיר טרעפן זיך אין אָוונט אין אַ רעסטאָראַן אויף מיצקעוויטש־גאַס.

זלאַטע מיט נחמיהן זיינען אין יענעם טאָג געווען צופעליק אין שטוב און ניט אין נעמענטשין, ווו זיי האָבן געדאַרפט זיין. מיר זיינען געווען פאַרבעטן צו אונדזערע זייער גוטע פריינד, וועלכע האָבן געלעבט אויף מיצקעוויטש־גאַס, אַנטקעגן דעם רעסטאָראַן, ווו מיר האָבן זיך געדאַרפט טרעפן מיט שפּונגינען.

פון שטוב זיינען מיר אַרויס אַלע דריי. ביים שיידן זיך מיט זלאַטען

האָבן מיר זיך דערערדט, אַז אין עטלעכע שעה אַרום וועל איך קומען זיי אָפּנעמען און צוזאַמען גיין אַהיים.

אין רעסטאָראַן האָבן מיר זיך געטראָפן מיט שפּונגינען. ס׳איז אויך צוגעשטאַנען צו אונדז פּעדעראַוויטשוס און סעמיאַנאָוו. מיר האָבן פאַרנומען אַ טישל, באַשטעלט אַן אָונטברויט און געטראַנקען. מיר האָבן זיך געלאָזט ווילגיין, געשמועסט, זיך דערציילט אַנעקדאָטן. די צייט איז אַוועק גיך. אָט איז שוין צען אַזייגער, אָט איז שוין עלף. איך האָב געוואָלט אַריינגיין צו מיינע פריינד אָפּנעמען זלאַטען מיט נחמיהן, אָבער מיינע מיטטרינקער לאָזן מיך ניט גיין. מיך האָבן באַשטעלט נאָך קאָנסומציע און שאַרפע געטראַנקען. אַזוי איז געוואָרן צוויי ביי נאַכט. דער קעלנער האָט אונדז אָנגעהויבן צו איילן. מען דאַרף שוין פאַרמאַכן דעם רעסטאָראַן און מיר זיינען די לעצטע קליענטן. ער האָט אונדז פאַרגעלייגט דעם שליסל פון רעסטאָראַן, מיר זאָלן אַליין פאַרשליסן... מיר האָבן זיך אָן חשק אויפ־געהויבן און זיינען אַרויס אויפן גאַס.

דאָ האָט זיך סעמיאַנאָוו פּלוצלונג דערמאָנט, אַז ער האָט אין שטוב ביי זיך אַ סך רויטע ראַקעס און אַ פלאַש בראַנפן. האָט ער אונדז איינגעלאַדן צו זיך. מיר זיינען מיט פאַמעלעכע טריט אַוועק צו אים. דער וועג איז געווען אַ גאַנץ ווייטער. אַ זייגער פיר פאַר טאָג זיינען מיר אָנגעקומען צו אים אין זיין וווינונג. סעמיאַנאָוו האָט געגרייט דעם טיש, אַוועקגעשטעלט אַ טעלער מיט ראַקעס און אַ פלאַש בראַנפן און מען האָט אָנגעהויבן אויף ס׳ניי...

ווען ס׳איז געוואָרן זיבן אַ זייגער פרי, האָט מיין דירעקטאָר מיר דערמאָנט, אַז אין אַ שעה אַרום פאָרט אַרויס דער פילהאַרמאָניע־כאָר אויף גאַסטראָלן איבער ליטע און מיר דאַרפן צוגיין צום וואָקזאַל זיי אַרויסבאַגלייטן. מיר זיינען אַוועק אַהין, זיך געזעגנט מיטן כאָר. ווען די באַן איז אָפּגעפאָרן, בין איך אַוועק צו זיך אין שטוב און ער — אין פילהאַרמאָניע.

כ׳האָב זיך אומגעקערט אַהיים אַ זייגער ניין פרי. געטראָפן זלאַטען מיט נחמיהן פאַרוויינטע. זיי האָבן זיך מיט מיר דערפרייט, כאָטש זיי זיינען געווען גאָר שטאַרק אין כעס. איידער איך האָב באַוויזן צו דערציילן

וועגן מיינע „שיינע געשעפטן”, האָב איך אויסגעהערט זלאָטעס ווערסיע: ווען זי האָט געזען, אַז 12 ביי נאַכט בין איך ניטאָ, און אויך ניט איינס אַזייגער, האָט זי פאַרשטאַנען, אַז מיר האָבן זיך אין רעסטאָראַן אַזוי אָנגעטרונקען, אַז מען האָט אונדז פאַרשפאַרט אין אויסניכטערונגס־הויז, ווו מען מאַכט אַן איינשפּריצונג, נאָך דעם אַ קאַלטע וואַנע און מען הייסט נאָך באַצאָלן פאַרן גאַנצן „פאַרגעניגן” 25 רובל...

האָט זי אין מיטן נאַכט אויפגעוועקט אונדזערן אַ שכן, ער זאָל איר העלפן געפינען דעם מאַן. אין שטוב איז קיין טעלעפאָן ניט געווען, האָט זי אים געבעטן צו געפינען אין גאַס אַ טעלעפאָן־ביידל און זיך נאָכפרעגן אין אויסניכטערונגס־הויז, צי אַזאַ ווי איך, געפינט זיך דאָרטן. דער שכן אונדזערער האָט זיך דערקלונגען און מען האָט אים געענטפערט, אַז לויט אַלע סימנים געפינט איך זיך ביי זיי...

ס'איז אַרויס אַ קאָמיש־טראַגישע געשיכטע. איך האָב גענומען נחמיהן און ווי קיין זאַך וואָלט ניט פּאַסירט, אַוועקגעפאָרן אויף אונדזער זומער־דירה קיין נעמענטשין...

## „די רוצחים אין ווייסע כאַלאַטן”...

פּלוצלונג, דעם 13טן יאַנואַר 1953, האָט דער מאָסקווער ראַדיאָ געמאָלדן, אַז עס זיינען אַרעסטירט געוואָרן די קרעמל־דאָקטוירים (אַלע ייִדן), וועלכע ווערן באַשולדיקט אין צוגרייטן אַ פאַרשווערונג אין וועלן פאַרסמען אַלע אָנפירער פון דער סאָוועטן־מאַכט. די צייטונגען און דער ראַדיאָ האָבן טאָג־טעגלעך דערציילט אַלץ נייע און נייע פּרטים וועגן די דאָקטוירים — רוצחים אין ווייסע כאַלאַטן... ביי דער ייִדישער באַפעלקערונג האָט זיך אָנגעהויבן אַ מהומה. אין ווילנע האָבן מיר געהערט קלאַנגען, אַז אין פּאָדבראָדז, ניט ווייט פון ווילנע, שטייען שוין גרייט עשעלאָנען אויף אַרויסצופירן אַלע ייִדן אין סיביר, און ס'איז געווען אַ השערה, אַז אין מיטן וועג דאַרפן די עשעלאָנען מיט די ייִדן אַראָפּגיין פון די רעלסן...

אין פילהאַרמאָניע האָבן געאַרבעט אויף פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָסטנס

ביי אַ צען ייִדן און די שטימונג איז געווען אַ פּאַסקודנע. די דירעקטאָרשע פון זאַל, רעזניטשענקאָ, אַ רוסישע, וואָס האָט געהאַט אַ ייִדישן מאַן, איז אַרומגעגאַנגען פון צימער צו צימער און דערציילט „נייס״ וועגן די דאָקטוירים. אין אַ געוויסן טאָג איז זי אַריין צו מיר אין קאַבינעט און געזאָגט, אַז זי זוכט אַ ייִדן, ביי וועמען צו לייען געלט. האָב איך זי גלייך אָפּגעשיקט צו איר מאַן, וואָס איז אויך אַ ייִד... זי איז אַוועק פון מיר ווי אַן אָפּגעשמיסענע.

נאָך סטאַלינס טויט (דעם 5טן מערץ 1953) האָט זיך אין לאַנד אַ סך געענדערט. אין אַ קורצער צייט אַרום האָבן די צייטונגען און ראַדיאָ געמאָלדן, אַז די באַשולדיקונג קעגן די דאָקטוירים איז געווען אַ פאַלשע און אַז די שולדיקע אין פאַרשפּרייטן די בילבולים וועלן באַשטראָפט ווערן. איך האָב דאַן געפרעגט רעזניטשענקאָ — נו, וואָס זאָגסטו איצט? ס׳איז אַלץ געווען אַ ליגן, און דו ביסט אַרומגעגאַנגען און געטיילט „ליטעראַטור״ וועגן דעם... האָט זי מיר געענטפערט, ווי אַלע אַנטיסעמיטן: „ניטאָ קיין שׂרפה אָן אַ רויך, מסתמא איז דאָ עפּעס יאָ געווען״...

ביי די ייִדן איז געווען אַ צווייטער פּורים. מען האָט אויפגעהויבן די קעפּ און פרייער אָפּגעאָטעמט. מיר האָבן טאַקע אין זעלביקן טאָג פון אָפּרופן די גזירה געמאַכט אַ „באַל״ צוזאַמען מיט אונדזער שכנטע און אויסגעטרונקען פאַר זיך און פאַרן גאַנצן פאָלק ישׂראל!

*

אין דער צייט פון דער העסלעכער פּראָפּאַגאַנדע קעגן די דאָקטוירים, האָט דער מיניסטער פון קולטור און קונסט אַרויסגערופן דעם פילהאַרמאָניע־דירעקטאָר, פעדעראַוויטשוס, און אים געגעבן אָנצוהערן, אַז ער האָט זיך אין פילהאַרמאָניע אַרומגערינגלט מיט צו פיל ייִדן און ס׳איז כּדאַי ער זאָל זיי דערווייטערן. פעדעראַוויטשוס האָט זיך קעגנגעשטעלט און געזאָגט, אַז די ייִדן זיינען ביי אים די בעסטע אַרבעטער, זיינען איבערגעגעבן און ערלעך, און ער זעט ניט קיין סיבה זיי צו באַפרייען. און אַזוי האָט ער טאַקע געהאַנדלט.

בעת דער דייטשער אָקופּאַציע האָט ער אויך געאַרבעט אויף אַ

פאַראַנטוואָרטלעכן פּאָסטן אין פילהאַרמאָניע, און שטילערהייט געהאָלפן און געראַטעוועט ייִדן. אונדזער ביבליאָטעקאַרשע, די ייִדישע פרוי דזימיט־ראָווסקי, פלעגט אונדז אין זיין בייזיין דערציילן, אַז ער, פּעדראָוויטשוס, האָט איר בעת די דייטשן אייגעאָרדנט אַ באַהעלטעניש אין דערבייִיקן אַסטראָבראַם־קלויסטער און זי האָט דאָרטן איבערגעלעבט די שווערע צייט. ער האָט זיך קיין מאָל ניט באַרימט, אַז ער האָט געראַטעוועט ייִדן — אַ סימן פון זיין אָרנטלעכקייט און מענטשלעכקייט.

## נחמיה

אין דער צייט פון דער פּראָפּאַגאַנדע קעגן די ייִדישע דאָקטוירים, האָבן מיר אין שטוב זיך געגרייט, אַז מען קען קודם־כּל אַרעסטירן זלאַטען, ווי אַ געוועזענע ייִדיש־לערערין. מיר האָבן געהאַט אין שטוב אַ גאַנץ גרויסע זאַמלונג פון ייִדישע ביכער. האָבן מיר באַשלאָסן אַ טייל פון זיי צו פאַרברענען. איך פלעג אַראָפּשיקן נחמיהן זיך שפּילן אויפן הויף, פאַרשליסן די טיר און ברענען די ביכער... נחמיה האָט באַמערקט איין מאָל, אַז ס'איז צו פיל אַש אין אייוועלע און האָט אָנגעהויבן שטעלן קשיות.

און אָט איז געקומען דער ערשטער סעפּטעמבער 1953 און מיר האָבן אים געפירט אין ערשטן קלאַס, אָנגעטאָן אין אַ ספּעציעלער אוניפאָרעם און אַ היטל מיט אַ קאָזירעק. ס'איז געווען אַ שטאַרקער רעגן און איך מיט זלאַטען האָבן אים באַהאַלטן אונטער אונדזערע שירעמס. זיין לערערין איז געווען אַ ייִדישע, זלאַטעס אַ חברטע נאָך פון פאַרמלחמהדיקן לערער־סעמינאַר. פאַר נחמיהן איז עס געווען זייער גוט. ער איז געזעסן אויף איין באַנק מיט אַ רוסישן ייִנגל, וואָס זיין טאַטע איז געווען אַ פליִער. נחמיה האָט געזאָגט, אַז קיינער ווייס ניט, אַז ער, נחמיה איז אַ ייִד, אַפילו זיין שול־חבר סאַשקע ווייס ניט... ער האָט געבעטן מיר זאָלן צו אים אויפן גאַס ריידן רוסיש און ניש ייִדיש, ווייל ער וויל ניט זיין קיין ייִד... מיר האָבן געמאַכט אַ סך אָנשטרענגונגען אים צו איבערצייגן, אַז ער איז אַ ייִד און ניט קיין רוס. איבערהויפּט איז עס געווען אין דער צייט פון די „דאָקטוירים".

אַזוי ווי זיין שול האָט זיך געפונען בשכנות פון פילהאַרמאָניע און מיר האָבן געהאַט די אַפּוטרופּסות אויף דער שול, פלעגט גאַנץ אָפט נחמיה אַריינגיין צו מיר אין קאַבינעט נאָך די לעקציעס און אויפן קול מיר מעלדן, אַז ער האָט באַקומען אַ „פינף" — די בעסטע מיינונג פאַרן לערנען זיך גוט. די אַרטיסטן, וואָס פלעגן עס הערן, באַזונדערש נחמה ליפשיץ, פלעגן אַנקוועלן פון אים.

אַזוי ווי איך און זלאַטע זיינען געווען מוזיקאַלישע, האָבן מיר געטראַכט, אַז אונדזער נחמיה איז מסתמא אויך מוזיקאַליש, און מען דאַרף אים אַוועקפירן אין אַ מוזיקשול. צום איינטריט-עקזאַמען האָבן זיך אין אַ זאַל פאַרזאַמלט אַלע מוזיק-לערער און האָבן יעדן קאַנדידאַט אויסגעפּרוווט זיינע פעיִקייטן צו מוזיק — זיין געהער, שטים, ריטעם. צום סוף האָט אים דער פאַרוואַלטער פון שול פאַרגעלייגט, אַז ער זאָל זיך לערנען אויף פידל און ניט אויף פיאַנע. נחמיה האָט אָבער געענטפערט, אַז ער וויל זיין אַ שאָפער... אַלע האָבן זיך צעלאַכט. מען האָט אים אָנגענומען אין קלאַס פון פיאַנע און אין משך פון זיין גאַנצן לערנען אין מוזיקשול האָט מען אים גערופן „דער שאָפער"...

מיר האָבן אָנגעהויבן זוכן אַ פיאַנע. כ'האָב געפונען אין אַן אָרט אַ גרויסן פליגל — אַ „קאָנצערט-פיאַנע" פאַר 500 רובל. דאָס איז געווען אַ גרויסע מציאה. מיר האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון דאָס סאַמע נייטיקסטע פאַרן שטוב און געקויפט די פיאַנע. אַלע מענער פון טעכנישן פערסאָנאַל צוזאַמען מיטן שאָפער, זעקס מאַן, האָבן געהאָרעוועט ביים אַרויפטראָגן די פיאַנע צו אונדז דורך די שמאָלע טרעפּ אויפן דריטן עטאַזש. מיר האָבן פונאַנדערגענומען די דיכטענע וואַנט און אַריינגעשטעלט אין שלאָפצימער די גרויסע כלי. מיר זיינען געווען די גליקלעכסטע. איך ווייס ניט, צי נחמיה איז געווען אַזוי גליקלעך, אָבער ער האָט געהאַט אויף וואָס צו שפּילן. איך האָב גענומען אויף זיך צו מאַכן מיט אים די אויפגאַבעס פאַר דער מוזיק-לערערין. נחמיה איז געגאַנגען אין שפּאַן און געמאַכט גוטע פאָרשריטן, אָבער ער האָט געמוזט קירצן די שפּילערייען אויפן הויף מיט די קינדער...

## נאָך אַ ביסל וועגן פילהאַרמאָניע

ווען איזיע קרעמער האָט זיך צוריקגעקערט פון זיין קורס אין לענינגראַד, האָב איך תיכף אים געמאָלדן, אַז איך טרעט אים אָפּ זיין אָרט. ער האָט זיך פון מיר אויסגעלאַכט און געזאָגט, אַז פאַר אים איז דאָ אַן אַנדער פּאָסטן — אָנפירער פון דער עסטראַדע־גרופּע אין פילהאַרמאָניע. ביז וואַנען דער דאָזיקער סעקטאָר האָט זיך אָרגאַניזירט, פלעגט ער אין אַכט־שעהדיקן אַרבעטסטאָג זיצן און לייענען אַ צייטונג אָדער אַ בוך. ער איז געווען אַ מיטגליד פון דער פּאַרטיי.

בין איך ענדלעך געבליבן אויף מיין פּאָסטן ווי דער אָנפירער מיטן קאָנצערט־אָפּטייל.

אין אַ געוויסן טאָג האָב איך אַרויסגעשיקט אַן עסטראַדע־גרופּע אויף דער גראָדנער ליניע מיט אַ פּאָר קאָנצערטן. אין דער דאָזיקער גרופּע איז אויך געווען אַ צירק־אַרטיסט, אַ רוס, שובין, וואָס האָט אויפן פּנים אויסגעזען ווי אַ ייִד.

ווען די דאָזיקע גרופּע האָט זיך געדאַרפט צוריקקערן קיין ווילנע, זיינען מיט זייער צוג געפאָרן אַ סך רעקרוטן, וואָס האָבן זיך געדאַרפט צושטעלן אין מיליטער. זיי זיינען געווען אַ ביסל בגילופין. דער צוג איז געווען איבערפולט. שובין איז געזעסן אין אַ ווינקל פון אַ וואַגאָן און געלייענט אַ בוך. די רעקרוטן האָבן אים דערזען און אָנגעהויבן צו אים שרייען „זשיד" און געטריבן פון וואַגאָן. ער איז אַריבער אין אַ צווייטן וואַגאָן, און זיי נאָך אים. פּלוצלונג האָבן זיי אים אַ נעם געטאָן און אין גאַנג פון צוג אַרויסגעוואָרפן פון וואַגאָן. צו זיין גליק איז ער געפאַלן אויף ווייכער ערד און איז אָפּגעקומען מיט טרוקענע קלעפּ. ווען די באַן איז געקומען צו דער ווייטערדיקער סטאַנציע, האָט דער קאָנדוקטאָר גערופן פּאָליציי און מען האָט פאַרהאַלטן די כוליגאַנעס.

ווי כ'האָב זיך דערנאָך דערוווּסט, האָט מען די כוליגאַנעס גוט באַשטראָפט. אין אַ געוויסער צייט אַרום האָט מען שובינען געפונען אַ טויטן ביי זיך אין צימער, פאַרקוועטשט די האַלדז מיט אַ דראָט. ער איז געווען אַ זשאָנגליאָר און פלעגט שטיין מיט איין פוס אויף אַ

באַוועגלעכן דראַט און שפּילן אויף אַן אַקאָרדעאָן. ער האָט קענטיק בעתן רעפּעטירן זיך אין זיין צימער זיך פאַרדרייט מיטן דראַט און געענדיקט זיין לעבן...

אויף אַ פאַרזאַמלונג פון די פילהאַרמאָניע-אָנגעשטעלטע האָט עמעצער צווישן אַנדערן באַמערקט, אַז דער שאָפער פון דירעקטאָר, דער ייִד גראַדניקאַס, קומט צו דער אַרבעט ווען ער וויל און לאָזט אַ סך דורך. אַלע האָבן געשוויגן. האָט זיך אָוועקגעשטעלט דער ייִדישער הויפּט-אַדמיניסטראַטאָר און געזאָגט, אַז ער ווייס, פאַר וואָס גראַדניקאַס לאָזט דורך: „אין די ייִדישע יום-טובים קומט ער ניט צו דער אַרבעט". מיר, ייִדן, זיינען נשתּומם געוואָרן פון די דאָזיקע פּראָוואָקאַטיווע רייד. דער ווירטשאַפט-לייטער, אַ ליטווינער, האָט דאַן צו אונדז, ייִדן, געזאָגט, אַז ער וואָלט אונדזער חברהמאַן געמאַכט מיט אַ קאָפּ קירצער, פאַר אַזעלכע דיבורים...

די יערלעכע און אויסערגעוויינלעכע צוזאַמענפאָרן און זיצונגען פון צ.ק. פון דער ליטווישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פלעגן פאָרקומען ביי אונדז אין פילהאַרמאָניע אין גרויסן זאַל. אַ פּאָר וואָכן פאַר אַזאַ צוזאַמענ-פאָר פלעגט ק.ג.ב. רעקווירירן דעם גאַנצן לאָקאַל פון פילהאַרמאָניע, פלעגן בלויז איבערלאָזן אונדזערע ביוראָען מיט אַ באַזונדערן אַריינגאַנג. האַרט פאַרן צוזאַמענפאָר פלעגן זיי קאָנטראָלירן פון דאַך ביז די קעלערן און אויסשטעלן פּאָסטנס אין געוויסע ערטער פון בנין. אין טאָג פון דער זיצונג פלעגן זיי אָוועקשטעלן אַ ריזיקן פּאָרטרעט פון סטאַלינען אויף דער בינע. איין מאָל האָט מען געפונען דעם פּאָרטרעט אַ צעשניטענעם. זיי האָבן נאָך באַוויזן אָוועקצושטעלן אַ נייעם, אָבער ניט געכאַפּט דעם שולדיקן אין צעשניידן דעם פּאָרטרעט.

אויף די גרויסע צוזאַמענפאָרן אין פילהאַרמאָניע-זאַל, פלעגט מען אין פאָיע איינאָרדענען קיאָסקן מיט ישׂראלדיקע פּאָמעראַנצן. פאַר די קיאָסקן פלעגן זיך אויסשטעלן ריזיקע רייען און די פּאָמעראַנצן פלעגן גיך צעכאַפּט ווערן. איך האָב געהאַט גרויס פאַרגעניגן פון דעם שטעמפּל אויף דער פּאַקונג, אַז דאָס זיינען יפו'ער אַפּעלסינען. איך האָב געהאַט אַ דערלויבעניש אַריינצוגיין אין פאָיע, אָבער ניט אין זאַל פון די

זיצונגען און איך פלעג אויך קויפן אַ פעקל פּאַמעראַנצן. נחמיהן האָט מען געדאַרפט שטאַרק צוריידן, ער זאָל עס וועלן עסן...

אין אַ געוויסן טאָג איז אַריין צו מיר אין קאַבינעט דער געוועזענער קאָמאַנדיר פון דעם פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד, ווו איך בין געווען צוגעטיילט פאַר דער בלאָקאַדע, וואָלאָדקע סאָלעוויטש, וועלכער האָט אַרויסגעוויזן כוליגאַנסטווע און אַנטיסעמיטיזם. דערזעענדיק אים, האָט זיך מיר געשטעלט פאַר די אויגן זיין „שיינע״ אויפפירונג, אָבער כ׳האָב זיך איינגעהאַלטן צו זאָגן אים אַ פּאָר גוטע ווערטער. ער איז צו מיר געקומען וועגן אַ קאָנצערט פאַר דער ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע, וואָס ער האָט אָנגעפירט.

אין איינעם אַ פאַרנאַכט בין איך געשטאַנען מיטן דירעקטאָר פון פילהאַרמאָניע לעבן אונדזער בנין. פּלוצלונג איז צוגעקומען אַ רוסישער יונגער־מאַן, אָנגעטאָן אין אַ שיינעם בגד, אָבער מיר האָבן באַמערקט, אַז ער גייט אין די שקאַרפעטן, אָן טופל... ער האָט דערציילט, אַז פאַרנדיק אין באַן, האָט ער אויסגעטאָן די טופל, זיך צוגעלייגט אויף אַ באַנק און איז אַנשלאָפן געוואָרן. ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, זיינען שוין זיינע טופל ניט געווען... ער האָט גערעדט מיט מיין דירעקטאָר וועגן אַרבעט ווי אַ זינגער אין אונדזער פילהאַרמאָניע.

דער פילהאַרמאָנישער סטרונע־קוואַרטעט פלעגט פון צייט צו צייט אויפטרעטן מיט קאָנצערטן אין גרויסן זאַל. דער באַזוך פלעגט שטענדיק זיין אַ גאַר שוואַכער. פלעגן מיר אָנטעלעפאָנירן אין אַ מיליטערישן טייל, זיי זאָלן צושיקן עטלעכע הונדערט סאָלדאַטן און מיר וועלן זיי אַריינלאָזן אויפן קאָנצערט אָן געלט. עס פלעגט טאַקע קומען „פּאָ פּריקאַזו״ אַ גרויסע צאָל סאָלדאַטן, אָבער זיי פלעגן זיצן און שלאָפן. אַנדערע פון זיי פלעגן זאָגן, אַז אין דער רויטער אַרמיי איז ניט שלעכט צו דינען, אָבער ס׳וואָלט געווען נאָך בעסער, ווען מען שיקט ניט אויף אַזעלכע קאָנצערטן...

עטלעכע מאָל אין יאָר פלעגט קומען צו אונדז מיט אַ פּאָר קאָנצערטן דער באַוווסטער יידישער זינגער מישאַ אַלעקסאַנדראָוויטש. די באַזוכערס זיינען ס׳רוב געווען יידן, וואָס פלעגן אויסקויפן די טייערסטע בילעטן. אַלעקסאַנדראָוויטש פלעגט אָנהויבן זיין קאָנצערט מיט נעאַפּאָליטאַנישע לידער, אַ ביסל קלאַסיק, דערנאָך פאָלקסלידער פון פאַרשיידענע פעלקער

און נאָך דעם ווי פון עולם פלעגט מען שרייען: „ייִדיש!״ פלעגט ער קוים-קוים מהנה זיין די ייִדן מיט אַ ייִדיש פאַלקסליד.

געווען ביי מיר אַן אַדמיניסטראַטאָר, דומסקי, אַ ייִד. ער האָט ליב געהאַט דעם ביטערן טראָפּן און געהאַט אַ טבע צו פאַרבייסן מיט קנאָבל. אונדזער ייִדישער בוכהאַלטער וועלכן מען האָט געדאַרפט אָפּגעבן די קאַסע־באַריכטן פון די גאַסטראָלירנדיקע גרופּעס, פלעגט אָפט אָפּוואַרפן פאַרשיידענע רעכענונגען, וואָס זיינען געווען ניט קיין אָריגינעלע. איבער הויפּט פלעגט עס טרעפן מיט דומסקין. האָט זיך דומסקי געכאַפּט, אַז דער בוכהאַלטער קען ניט פאַרטראָגן קיין קנאָבל. פלעגט ער פאַרן גיין צו אים זיך אָנעסן מיט אַ סך קנאָבל. דער בוכהאַלטער פלעגט דערשפּירן דעם ריח פון קנאָבל און מיט רוגזה צונעמען ביי דומסקין דעם באַריכט, נאָר ער זאָל זיך דערווייטערן פון אים...

צווישן די סאָליסטן פון פילהאַרמאָניע איז געווען אַ ייִדישע זינגערין, וואָס פלעגט זינגען אין סטיל פון שולזשענקאָ. זי פלעגט עס מאַכן ניט שלעכט און פלעגט האָבן דערפאָלג אויף די אויפטריטן פון אונדזער עסטראַדנער גרופּע. איר מאַן און זי האָבן געהערט צו דער פאַרטיי.

כמעט יעדן זונטיק פלעגט זי איינלאַדן צו זיך אין שטוב דעם דירעקטאָר, זיין ייִדישן פאַרטרעטער מיטן ווייב, און פאַר זיי צוגרייטן געפילטע פיש, טשאָלנט מיט קישקע און נאָך ייִדישע מאַכלים. מען פלעגט גוט אויסטרינקען, גוט פאַרבייסן און מען איז געוואָרן מיט „באַטשאַלסטווע״ זייער נאָענט.

דער דירעקטאָר פון פילהאַרמאָניע האָט באַשלאָסן פאַר יעדן סאָליסט צו מאַכן אַ באַזונדערן פלאַקאַט מיט אַ פאָרטרעט. די ערשטע איז טאַקע געווען די אויבן דערמאָנטע זינגערין. כ׳האָב אָפּגעדרוקט זייער אַ שיינעם פלאַקאַט און דערנאָך, לויט דער ריי, גענומען מאַכן פלאַקאַטן אויך פאַר די איבעריקע זינגער. נאָך ניט דערגייענדיק לויט דער ריי צום סוף פון דער רשימה, האָט מיר געמאָלדן דער בוכהאַלטער, אַז דער פאָנד אויף די פלאַקאַטן האָט זיך געענדיקט און מען מוז דערווייל אָפּשטעלן זייער דרוקן.

אין יענער צייט איז אַריין צו מיר אין קאַבינעט די זינגערין און

געפאָדערט, אַז איך זאָל איר מאַכן אַן אַנדער פּלאַקאַט, ווייל דער ערשטער געפעלט איר ניט. איך האָב איר געזאָגט, אַז דער פאַנד אויף די פּלאַקאַטן האָט זיך געענדיקט, און אויב דער בוכהאַלטער וועט מסכּים זיין, וועל איך איר מאַכן אַ נייעם פּלאַקאַט. זי האָט זיך צעקאָכט, געוווען תּקיף ביי זיך, האָבנדיק הינטער זיך די גאַנצע „באַטשאַלסטווע”, און געזאָגט צו מיר: „איך ווייס פאַר וואָס דו ווילסט מיר ניט מאַכן אַ פּלאַקאַט, ווייל אַלע גיבן דיר וויזיאַטקעס (שוחד) און איך ניט”.

איך האָב זי כּמעט ווי אַרויסגעטריבן פון קאַבינעט. בין אַוועק צום דירעקטאָר און אים וועגן דעם דערציילט. איך האָב געפאָדערט, מען זאָל רופן אַ פּאַרטיי־זיצונג און אויספאַרשן אירע באַשולדיקונגען קעגן מיר.

דער ענין האָט זיך געצויגן עטלעכע חדשים, ביז מען האָט מיך גערופן צו אַ פּאַרטיי־זיצונג וועגן דער פראַגע. אַריינגייענדיק צום דירעקטאָר אין קאַבינעט האָב איך דערזען דאָרטן דעם קאַדרען־אָנפירער אַדאַמקיאַוויטשוס, איזיע קרעמער, אַ פאַרשטייער פון שטאָטישן פּאַרטיי־קאָמיטעט און די זינגערין.

פעדעראַוויטשוס האָט זיך געווענדעט צו דער זינגערין, זי זאָל זאָגן וועלכע טענות זי האָט צו מיר. זי האָט געענטפערט, אַז זי האָט ניט קיינע טענות. דאַן האָב איך געפאָדערט זי זאָל אָנרופן די, ביי וועמען איך האָב באַקומען כּאַבאַר. האָט זי געענטפערט, אַז זי ווייס ניט קיין נעמען, נאָר זי האָט געהערט, אַז מען רעדט אַזוי... אַלע האָבן זיך איבערגעקוקט מיט אַ שמייכל און מיט דעם האָט זיך געענדיקט דער ענין.

איך האָב אויפגעהערט מיט איר זיך צו גריסן.

דאָס איז געוווען סוף 1956, נאָכן מעלדן וועגן דער באַנייטער רעפּאַטריאַציע קיין פּוילן פון געוועזענע פּוילישע בירגער.

מיר האָבן זיך ענערגיש גענומען גרייטן צום פאָרן. בעת דער ערשטער רעפּאַטריאַציע האָט זלאַטע זיך ניט דעצידירט, אָבער איצט האָט זי באַשלאָסן ענדגילטיק צו פאַרלאָזן ליטע. איך בין געפאָרן קיין מאָסקווע אין פּוילישן קאָנסולאַט, באַקומען אַלע אַרויספאָר־פּאַפּירן און מיר האָבן זיך אָנגעהויבן ענערגיש צו גרייטן. מיר האָבן ניט געהאַט אין שטוב קיין אָפּגעשפּאָרטן רובל, בכדי זיך איינצושאַפן דאָס סאַמע נייטיקסטע צו דער

רייזע. געראַטעוועט האָט אונדז דאָס געלט פון מלוכישער הלוואה („זאַיאָם״), וואָס מען האָט דאַן אויסגעצאָלט לויט די אָבליגאַציעס. מיר האָבן באַקומען 13 טויזנט רובל.

בין איך אָוועקגעפאָרן קיין לענינגראַד, געקויפט אַ קיל־מאַשין און געבעטן זיי זאָלן אָפּשיקן גלייך צום גרענעץ־קאָנטראָל. איך האָב געקויפט נאָך נייטיקע זאַכן. געקויפט זלאָטעס אַ האַנטזייגערל און אויך פאַר מיר. מיר זיינען פון נאָך דער מלחמה אָן געווען אָן זייגערס... מיינע קרובים פון ווילנע האָבן אונדז געקויפט אַ טעפּיך, אַ שטויב־מאַשין און נאָך וואָס, און מיר האָבן אַפילו באַשטעלט אַ פּאָר קאַסטנס צו פאַרפּאַקן אַלע זאַכן.

און דאָ — אַ נייע צרה. עס זיינען געקומען אין מיין אָפּטייל צוויי קאָנטראָלאָרן פון „קרו״ (קאָנטראָל־אַמט) ביי דער ק.ג.ב. און געמאָלדן, אַז זיי זיינען געקומען קאָנטראָלירן אַלע דאָקומענטן, וועלכע איך האָב געגעבן דער בוכהאַלטעריע אויף אויסצוצאָלן די סאָליסטן פאַרן יאָר 1956. מיר איז געוואָרן ביטער אויפן האַרצן, ניט וואָס איך האָב מורא געהאַט, ווייל אַלע דאָקומענטן מיינע זיינען געווען הונדערט פּראָצענט ריכטיקע. אָבער גיי ווייס, צו וואָס זיי קאָנען זיך צוטשעפּען ? און דאָ זיינען געבליבן סך־הכל ביי אַ פינף וואָכן צום אַרויספאָר קיין פּוילן.

איך האָב זלאָטעס וועגן דער דאָזיקער צרה ניט דערציילט. געגאַנגען יעדן טאָג צו דער אַרבעט, ביז זיי האָבן פאַרענדיקט די רעוויזיע. זיי האָבן מיך דאַן פאַררופן צום דירעקטאָר אין קאַבינעט און האָבן אָפיציעל געמאָלדן, אַז זיי האָבן גאָרניט געפונען און זיך אַנטשולדיקט... אויפגעקומען ביי מיר אַ חשד, אַז די מעשה מיטן דער רעוויזיע האָב איך צו פאַרדאַנקען דער זינגערין...

געווען אין פילהאַרמאָניע אַ מוזיקער, דער ליטווישער דיריגענט דוואַריאָנאַס. זייער אַ פעיִקער, אָבער אויך אַ גוטער טרינקער פון בראָנפן. ער פלעגט אונדז לערנען ווי מען דאַרף טרינקען: אָנגיסן אין אַ גלאָז ביז העלפט הייס וואַסער, דערגיסן ביז פול די גלאָז מיט בראָנפן. אויסמישן און טרינקען מיט אַ טיי־לעפעלע... דאַן, פלעגט ער זאָגן, פילט מען דעם טעם פון געטראַנק... ער איז אָבער, געווען אַן אַלקאָהאָליקער און געלעגן עטלעכע מאָל אין שפיטאָל.

ווען ער האָט זיך דערוווּסט אַז איך פֿאָר קיין פּוילן האָט ער מיר אויף ייִדיש גוט צוגעוווּנטשן. ער האָט אויך געקענט שרייבן ייִדיש און האָט זיך אויף איינעם פֿון די קאָנצערט־דאָקומענטן אונטערגעשריבן אויף ייִדיש...

## אונדזער אַרויספֿאָר

פּטור געוואָרן פֿון דער רעוויזיע, האָב איך געמאָלדן מיין דירעקטאָר, אַז איך פֿאָר קיין פּוילן. ער האָט עס זייער באַדויערט. איך האָב כּמעט קיינעם אין פֿילהאַרמאָניע ניט דערציילט וועגן מיין אָפּפֿאָר, אָבער סעמיאָנאָוו איז געקומען צו לויפֿן אַ פֿאַרנאַכט צו מיר אין שטוב און האָט פּשוט געוויינט, וואָס איך פֿאַרלאָז אים. ער האָט געטענהט: „אויף וועמען לאָזסטו מיך איבער?"

מיר האָבן געמאָלדן אונדזער פֿאַרוואַלטער פֿון ראַיאָן, אַז מיר פֿאָרן אַוועק. ס'האָבן אָנגעהויבן צו קומען טאָג־טעגלעך פֿאַרשיידענע קאַנדידאַטן אויף אונדזער דירה. דער פֿאַרוואַלטער האָט באַשטימט איבערצוגעבן די דירה אַ נאַטשאַלניק פֿון ק.ג.ב. דער דאָזיקער פֿאַרשוין פֿלעגט שוין אין די עטלעכע וואָכן פֿאַרן אָפּפֿאָרן, אונדז כּמעט טאָג־טעגלעך באַזוכן און זייער מורא געהאַט, מיר זאָלן די דירה ניט אָפּגעבן קיין אַנדערן... אין אונדזער דירה זיינען ניט געווען קיינע שום באַקוועמלעכקייטן. איך האָב מיט אַ געוויסער צייט צוריק אַריינגעפֿירט אויף מיין חשבון אַ קראַן מיט וואַסער, אָבער דער הויף־פֿאַרוואַלטער האָט אָפּגעשניטן צוריק דאָס וואַסער, ווייל כ'האָב עס געמאַכט אָן זיין וויסן. פֿלעגט מען דאַרפֿן סיי ווינטער, סיי זומער ברענגען פֿון הויף אין אָן עמער וואַסער. אויף צו דערליידיקן די מענטשלעכע באַדערפֿענישן פֿלעגט מען יעדן מאָל דאַרפֿן אַראָפּגיין פֿון דריטן עטאַזש אויפֿן הויף. אויך ווינטער אין שניי און פֿראָסט, אין רעגן און ווינט... און דער ק.ג.ב.־ניק האָט מורא געהאַט, ער זאָל חס וחלילה פֿאַרלירן אַזאַ „פּאַלאַץ", ווייל אויך אַזאַ דירה איז געווען שווער צו באַקומען נאָך דער מלחמה.

מיר האָבן אַלץ פֿאַרפּאַקט אין אַ פּאָר קעסטלעך און אָפּגעשיקט דעם

באַגאַזש. זלאַטע האָט געמאָלדן אין איר רוסישער שול וועגן איר אָפּפאָר. די פּאַרוואַלטערין האָט איר אָפּגערעדט דערפון, אָבער צום סוף אַפילו דערלויבט זיך צו געזעגענען אין איר קלאַס מיט יעדן קינד אינדיווידועל. עס זיינען געקומען זיך געזעגענען זלאַטעס אַ שוועסטער פון מאָסקווע און מיין שוועגערין פון קאַראַגאַנדאַ.

די פאַרבינדונג מיט מיין ברודערס פרוי פעסיע (פון שטוב כץ, פון לאָדזש) האָבן מיר באַקומען פון זלאַטעס אַ קוזינע, וואָס האָט זיך געגרייט מיט אונדז צו פאָרן קיין פּוילן. די קוזינע איז געווען פאַרשפּאַרט אין דעם זעלביקן לאַגער וואָס פעסיע, לעבן קאַראַגאַנדאַ, אין דאָלינקאַיע. זי האָט זיך באַוויזן צו עוואַקויִרן אָנהייב מלחמה פון גלובאָק אין טיף־רוסלאַנד און געוווינט אין אַ צימער ביי אַ ייִדישער פרוי. די דאָזיקע פרוי האָט זיך אינטערעסירט ווי אַזוי איז געווען דאָס לעבן אין פּוילן. האָט איר ליבע, זלאַטעס קוזינע, דערציילט, אַז ס׳איז געווען פּראָדוקטן וויפל מען וויל, און ס׳האָט קיין זאַך ניט געפעלט, נאָר געלט. די אָרטיקע פרוי האָט געהאַלטן, אַז דאָס איז פּראָפּאַגאַנדע און האָט עס דערציילט אין ק.ג.ב. דאַן האָט מען ליבען פאַרשפאַרט אויף אַכט יאָר אין אַ לאַגער. דאָרטן איז אויך פעסיע געווען פאַרשיקט. ליבעס אַרבעט איז געווען פונאַנדערפירן וואַסער פאַר אַלע אָפּטיילונגען פון לאַגער. דאָס וואַסער איז געווען אין אַ ריזיקער פאַס, צוגעפעסטיקט אויף אַ וואָגן מיט אַ פערד.

ליבע איז דאָרטן אָפּגעזעסן פולע אַכט יאָר און נאָך דעם ניט געהאַט קיין רעכט צו פאַרלאָזן דאָס אָרט. האַרט פאַר דער מלחמה האָט מען זי רעהאַביליטירט, און באַצאָלט פאַר צוויי חדשים — אַנטשעדיקונג. זי געפינט זיך איצט אין ישׂראל מיט אַ מאַן און אַ געראָטענער טאָכטער.

ווי געזאָגט, איז פעסיע געקומען פון דער ווייטער קאַראַגאַנדאַ מיט עקספּרעס־צוגן, בכדי זיך מיט אונדז צו באַקענען און זיך געזעגענען. זי איז געווען אין וועג צוויי וואָכן. זי האָט דערציילט אַלע פּרטים וועגן מיין אומגעקומענעם ברודער משה. זי האָט אויך דערציילט וועגן אירע איבערלעבונגען. זי האָט אויף אונדז געמאַכט זייער אַ גוטן איינדרוק און מיר האָבן קעגנזייטיק באַדויערט, וואָס מיר דאַרפן זיך אויף אייביק צעשיידן.

מיר האָבן זיך אין פוילן געטראָפן מיט אירן אַ ברודער, וואָס האָט געלעבט אין דזיערזשאָניוו.

לויטן פּלאַן האָבן מיר געדאַרפט פאָרן דורך לעמבערג. פון דאָרטן אַריבערגיין דעם פּוילישן גרענעץ אין פּשעמיסל. מיר האָבן געמוזט וואַרטן אין לעמבערג אַ טאָג מיט אַ נאַכט, ביז דער פּוילישער צוג וועט גיין צו דעם גרענעץ. אַ דאַנק אַ מיטאַרבעטער פון אונדזער פילהאַרמאָניע האָב איך באַקומען אַ טעלעפאָנישע פאַרבינדונג מיט אַ ייִדישער יונגער פרוי, אַ מיטאַרבעטערין פון דער לעמבערגער פילהאַרמאָניע, און זי האָט מסכּים געווען אונדז לאָזן איבערנעכטיקן ביי איר אין וווינונג, ווו זי וווינט צוזאַמען מיט איר טאַטע־מאַמע. זיינען מיר שוין געווען זיכער, אַז מיר וועלן אין לעמבערג אויפן גאַס ניט בלייבן.

אַ טאָג פאַרן אָפּפאָר פון ווילנע בין איך אַוועק צום וויצע־דירעקטאָר פון דער פילהאַרמאָניע פּ. מענדעלסאָן, זיך געזעגענען. מיר האָבן אויס־געטרונקען צו גלעזלעך, דערמאָנט דעם „מיידים״, די אומפאַרגעסלעכע יונגע יאָרן, חברים און מיטאַרבעטער, און זיך אויסגעוויינט...

געשלאָפן זיינען מיר די לעצטע נאַכט ביי אונדזערע קרובים, ווייל אין שטוב איז שוין געווען כּמעט ליידיק.

סוף־סוף איז געקומען דער מאָמענט פון פאַרלאָזן אונדזער דירה. מיר האָבן גענומען אונדזערע האַנט־פּעקלעך און זיך געלאָזט צום וואָקזאַל.

דאָ האָט זיך פּלוצלונג אונדזער נחמיה דערמאָנט, אַז די קאַץ בלייבט אַליין און ווער וועט זי היטן? האָט זיך אַבקע, זיין חבר, פאַרפּליכטעט צו היטן די קאַץ און געזאָגט צו נחמיהן, אַז ער קען רויִק פאָרן...

מיטן זעלביקן צוג זיינען געפאָרן נאָך ייִדישע רעפּאַטריאַנטן, אָבער ביי אונדזער וואַגאָן האָט זיך אויפגעזאַמלט אַן עולם פון בערך הונדערט באַגלייטער, צווישן זיי אונדזערע קרובים, זלאַטעס שטיף־שוועסטער פון מאָסקווע, פאַלע פון קאַראַגאַנדאַ און אַ סך, אַ סך פריינד און באַקאַנטע. מיין דירעקטאָר פעדעראַוויטשוס איז געשטאַנען ביים טרעפּל פון וואַגאָן אַ פאַרוויינטער און מיר שטילערהייט פאַרטרויט אַ סוד, אַז ער וואָלט מיט מיר אויך געפאָרן...

דער צוג האָט גענומען רירן. געוויין, געשרייען: „פאַרגעסט אונדז ניט!", „מיר וועלן אייך נאָכפאָרן!" און נאָך און נאָך.

פאַרוויינטע און גליקלעכע האָבן מיר זיך איינגעאָרדנט אין אונדזער קופּע. זיך געלאָזט אין אַן אומבאַקאַנטער וועלט מיט דער האָפענונג, אַז ס'וועט נאָך גוט זיין. זיצנדיק אין קופּע זיינען פאַר מיינע אויגן דורכגעפלויגן ווי אין אַ קאַלײדאָסקאָפּ, פאַרשיידענע בילדער פון מיין קינדהייט, מיין יוגנט און מיין לעבן אין דער געליבטער שטאָט ווילנע, מיט וועלכער איך געזעגן זיך אויף אייביק...

## אין פוילן

קיין לעמבערג זיינען מיר אָנגעקומען אין די ערשטע טעג פון מאַרץ 1957. די באַן קיין פּשעמיסל, צום פּוילישן גרענעץ, האָט געדאַרפט גיין ערשט אויף מאָרגן פרי. זיינען מיר מיט די פּעקלעך אַוועק צו דער מיטאַרבעטערין פון דער לעמבערגער פילהאַרמאָניע. מען האָט אונדז שיין אויפגענומען. איר טאַטע, יוסף קאַראַנט, אַ ייִד מיט אַ יאַרמלקע, פון קיִעוו. איר מאַמע איז געלעגן קראַנק. קאַראַנט, זייער אַ סימפּאַטישער ייִד, האָט אונדז געפירט איבער זיין גרויסער וווינונג און געוויזן אַלע תשמישי־קדושה, וואָס ער פאַרמאָגט, אָבער עס פעלט אים אַ טלית. האָב איך אים געגעבן מיין וואָרט, אַז אויב איך קום בשלום קיין ישראל, שיק איך אים אַ טלית. דער ייִד האָט זיך דערפרייט מיטן צוזאָג און אויף מאָרגן האָבן מיר זיך צעזעגנט ווי אַלטע גוטע פריינד. ער איז געווען אַ סימפּאַטישער און האַרציקער ייִד פון די אַמאָליקע צייטן...

זיך אַריינגעפּאַקט אין צוג וואָס גייט צום פּוילישן גרענעץ־פּונקט. אָנגעקומען אַהין, האָבן מיר שוין געפונען אונדזער באַגאַזש, און ס'זיינען געשטאַנען גרייט אויטאָבוסן, וואָס האָבן אונדז געדאַרפט אָפּפירן אויפן רעפּאַטריאַציע־פּונקט אין פּשעמיסל.

צענדליקער פּוילישע יוגנטלעכע האָבן אונדז באַגעגנט, געהאָלפן טראָגן דעם האַנטבאַגאַזש. אין אַ פּאָר טעג אַרום נאָכן אָנקומען אין פּשעמיסל האָט מען אונדז אָפּגעטראַנספּאָרטירט מיטן האַק און פּאַק קיין

טשערוויענסק, אין די געוועזענע קאזארמעס פון די ס.ס. דאָרטן האָבן זיך צונויפגעקליבן עטלעכע טויזנט רעפּאַטריאַנטן, דורכויס ייִדן. פון אָנהייב זיינען מיר אַריינגעפאַלן אין אַ גרויסן צימער פון הונדערט בעטן. שפּעטער האָבן מיר באַקומען אַ קליינעם צימער פאַר אַ צען מאַן און מיר האָבן זיך גענומען צוגעוווינען צום נייעם לעבנס־שטייגער.

## אין טשערוויענסק

מיר האָבן געהאַט מיט זיך די אַדרעסן פון אונדזערע חברים פון פּאַרטיזאַנקע, פון דער ווילנער „פּירקע" און אויפגעשטעלט מיט זיי אַ שריפטלעכן קאָנטאַקט. איינער האָט געלעבט אין ניו־יאָרק מיט זיין פרוי און דער צווייטער מיט זיין פרוי אין קאַנאַדע.

מיר פלעגן באַקומען פון זיי אָפטע בריוו און אין יעדן בריוו — צו עטלעכע דאָלער. אין איינעם פון די בריוו פון קאַנאַדע, האָבן אונדז די חברים געשיקט אַן אָפיציעלע אַרויספאָדערונג צו קומען קיין קאַנאַדע אויף שטענדיק. ווען נחמיה האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם, האָט ער געזאָגט צו אונדז: „אין וועלכן קעסל ווילט איר מיך אַוועקפירן? קיין קאַנאַדע? איך פאָר ניט אַהין! אָדער קיין ישׂראל, אָדער צוריק קיין ווילנע!"

מיר זיינען נשתּומם געוואָרן פון אים, ווייל ער האָט ביזן אַרויספאָר פון ווילנע, בכלל ניט געהערט פון אונדז וועגן ישׂראל. זלאַטע, ווי אַ לערערין, האָט זיך געדאַרפט היטן מיט אַ וואָרט...

פּלוצלונג האָט דער ראַדיאָ געמאָלדן אַז ס'וועט פאָרקומען אַ פוטבאָל־פאַרמעסטונג צווישן ישׂראל און מאָסקווע. אין טאָג פון דער פאַרמעסטונג איז נחמיה מיט זיינעם אַ חבר פון טשערוויענסק געזעסן ביים ראַדיאָ־הילכער און זיך צוגעהערט צום גאַנג פון דער פאַרמעסטונג. ווען זיי האָבן דערהערט, אַז ישׂראל האָט אַריינגעשאָסן אַ גאָל צו די רוסן, האָבן זיך ביידע ייִנגלעך צעקושט. דאָס איז פאַר אונדז געווען אַן אָנגענעמע איבער־ראַשונג.

איך פלעג אָפט פאָרן פון טשערוויענסק קיין וואַרשע. דאָס האָט געהייסן, אַז איך פאָר ווי אַ ייִדישער אַרטיסט זוכן אַרבעט אין וואַרשע.

פּאַקטיש פּלעג איך קודם־כּל צוגיין צום אינערן־מיניסטעריום זיך צו דערוויסן, ווי עס האַלט מיט דער דערלויבעניש אַרויסצופאָרן קיין ישׂראל. דאָרטן פּלעגן זיי גלייך מעלדן, אַז מען זאָל ניט וואַרטן. אויב ס'וועלן זיין דערלויבענישן, וועלן זיי יעדערן מעלדן שריפטלעך. אָבער אַזוי ווי ס'האָט זיך געוואָלט וואָס גיכער פאָרן קיין ישׂראל, פּלעג איך אָפט קומען אַהין זיך דערוויסן ווי עס האַלט. איך פּלעג אויך אַריינגיין אין ישׂראלדיקן קאָנסולאַט. דאָ האָב איך דערציילט וועגן דער געשיכטע מיטן טלית פאַרן קיִעווער ייִדן, און איך האָב באַקומען אַ פּרעכטיקן זיידענעם טלית, וואָס איז ניט געווען צו אים קיין גלייכן...

זלאַטע האָט ניט געוווסט ווו עס געפינט זיך דער פּראָפעסאָר טשעזשאַווסקי מיט זיין פרוי און טעכטערל. בין איך קומענדיק קיין וואַרשע אַוועקגעפאָרן אין אוניווערסיטעט. ס'האָט מיר געדויערט עטלעכע שעה ביז וואַנען איך האָב באַקומען דעם פּראָפעסאָרס אַדרעס.

זיך אומגעקערט קיין טשערוויענסק, האָט זלאַטע גלייך אָנגעשריבן צום פּראָפעסאָר אַ בריוו. זי האָט באַזונדערש אונטערגעשטראָכן, אַז זי וויל זיך זייער זען מיט זייער טעכטערל טערעזאַ. געקומען איז אַ טרויעריקער ענטפער פון זיי. זיי האָבן געשריבן, אַז טערעזאַ איז שוין ניטאָ צווישן די לעבעדיקע. אָבער זיי האָבן זלאַטען איינגעלאַדן צו קומען. זלאַטע האָט זיך גלייך אַרויפגעזעצט אויף דער באַן און איז אַוועקגעפאָרן אַהין. מען האָט זי פריינדלעך אויפגענומען. זיך שטאַרק אויסגעוויינט אויף טערעזעס קבר. דאָס איז געווען פאַר זלאַטען אַ גאַר שווערע איבערלעבעניש. אַרבעטנדיק ביים פּראָפעסאָר פאַר די דייטשן ווי אַ דינסט, האָט זי זיך שטאַרק צוגעבונדן צו טערעזען. ווען זי האָט זיך צום ערשטן מאָל באַקענט מיט דער פּאַני און זיך דעררעדט, אַז זי קען דאָרטן אַרבעטן, האָט די פּאַני דערציילט טערעזען, אַז די דאָזיקע פרוי, זלאַטע, איז אַ ייִדישע און געבעטן טערעזען, זי זאָל זיך גוט באַציִען צו איר, ווייל אויך זי איז אַן איין־איינציקע ביי טאַטע־מאַמע. טערעזאַ איז דאַן צוגעגאַנגען צו זלאַטען און געגעבן איר אַ קוש אין האַנט.

זלאַטע האָט זיך באַפריינדעט מיט טערעזען און האָט זי שטאַרק ליב באַקומען. עס פּלעגט טרעפן ביי נאַכט, ווען טערעזע פּלעגט הערן געשרייען

און אַ שיסעריי, פלעגט זי זאָגן צו איר מאַמען: מען שיסט אַן אומגליקלעכן מענטשן. לאָמיר אים אַריינגעמען צו אונדז אין שטוב.

אין טאָג פון זלאַטעס קומען צו זיי האָט דער פּראָפעסאָר פאַרבעטן צו זיך זיינע נאָענטסטע פריינד אין טאָרון אויף אַן אָוונט־ברויט לכבוד זלאַטען. זלאַטע האָט פאַר די געסט אָנגעהויבן דערציילן וועגן דעם פּראָפעסאָרס גוטהאַרציקייט און גרויסמוט, אָבער ער האָט זי געבעטן איבעררייסן. ער האָט עס מאָטיווירט מיט זיין ענִיוות, אָבער אין דער אמתן איז אין יענער צייט (1957) ניט געווען פּאָפּולער צווישן די פּאַליאַקן דאָס ראַטעווען ייִדן...

נאָכן דריי־טאָגיקן וויזיט האָט דער פּראָפעסאָר באַגלייט זלאַטען צו אַ קנופּ־סטאַנציע, פון וואַנען זי האָט געהאַט אַ דירעקטן באַן קיין טשערוויענסק. אין וועג האָט אים זלאַטע געפרעגט, וואָס אייגנטלעך האָט זיי געצווונגען צו ראַטעווען ייִדן? דער פּראָפעסאָר טשעזשאָווסקי האָט איר געענטפערט, אַז ווען ס'איז אויסגעבראָכן די מלחמה, איז פאַר דער פוילישער אינטעליגענץ געשטאַנען די פראַגע מיט וואָס דאַרף מען זיך פאַרנעמען? מיט ראַטעווען מענטשן! און אַזוי ווי די ייִדן זיינען געווען די אומגליקלעכסטע, האָבן זיי באַשלאָסן צו ראַטעווען ייִדן. און ער האָט צוגעגעבן: „אויב עס וועט דיר אויסקומען צו זיין אין אַן ענלעכער סיטואַציע ווי מיינע, זאָלסטו טאָן אַזוי ווי איך האָב געטאָן און ראַטעווען מענטשן".

## דער אַריבערפאָר קיין ליגניץ

ס'איז געקומען די צייט און מען האָט אָנגעהויבן פונאַנדערשיקן די רעפּאַטריאַנטן אויף שטענדיקע וווינערטער. מיר האָבן אויסגעקליבן ליגניץ (לעגניצאַ), אַ גרויסע דייטשע שטאָט אין נידער־שלעזיע. אַ שיינע שטאָט, געבויט אין דייטשן סטיל, ווייניק צערוּינירט. אין די זייטיקע גאַסן פון שטאָט איז מיר דורכגעגאַנגען אַ ציטער איבערן לייב, ווייל ס'האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז פון יעדן ווינקל קען אַרויסשפּרינגען אַ היטלעריסט.

אין ליגניץ האָבן זיך קאָנצענטרירט אַ סך רעפּאַטריאַנטן. ס'האָט

זיך געעפנט אַ שול וווּ עס האָבן זיך פאַרשריבן ביי אַ 700 קינדער. געלערנט האָט מען אויף פּויליש, מיט ייִדיש ווי אַ שפּראַך. עס זיינען אויך געווען עטלעכע פּוילישע לערער, אָבער די גרעסטע טייל זיינען געווען ייִדישע לערער, די גרעסטע טייל קינדער זיינען געקומען פון דער רוסישער עוואַקואַציע. זיי האָבן קיין ייִדיש ניט געקענט. גערעדט נאָר רוסיש. זייערע עלטערן זיינען געזעסן אויף די טשעמאָדאַנעס און די קינדער האָבן פאַרשטאַנען, אַז מען וועט פון דאַנען פאָרן ווייטער. האָבן זיי ניט געהאַט קיין שטאַרקן חשק צו לערנען ייִדיש.

די לערער וואָס האָבן אין דער שול געלערנט ייִדיש ווי אַ לימוד, איז אויסגעקומען שווער צו אַרבעטן. זלאַטע, ווי אַ לערערין אין שול, האָט אויסגעפונען אַ געהילפס־מעטאָד פון לערנען די קינדער ייִדיש. זי האָט אָרגאַניזירט אַ שולכאָר, האָט מיט זיי געזונגען ייִדישע לידער און אויך אין העברעיִש. דאָס האָט פאַראינטערעסירט די קינדער. אין אַלע ייִדישע יום־טובים און אין אַלגעמיינע יום־טובים פלעגט זי מיט זיי צוגרייטן ספּעציעלע פּראָגראַמען מיט ייִדישע און העברעיִשע לידער און אויפטרעטן מיטן כאָר אין גרויסן טעאַטער־זאַל פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד פאַר די קינדער מיט זייערע עלטערן. די קינדער זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער "שפּיל", פלעגן לויפן צו די רעפּעטיציעס פון כאָר, און אַזוי האָבן זיי דערגאַנצט זייער לערנען ייִדיש. די קינדער האָבן אַפילו אָנגעהויבן צווישן זיך ריידן ייִדיש. מען האָט אָנגעהויבן צו הערן ייִדיש אין גאַס. אונדזער נחמיה האָט געקענט ייִדיש לייענען און שרייבן. גערעדט האָבן מיר מיט אים נאָר ייִדיש, איז דאָס פאַר אים ניט געווען קיין פּראָבלעם. פּויליש האָט ער געלערנט אין די צוויי יאָר, וואָס מיר זיינען געווען אין פּוילן.

זלאַטע איז געוואָרן אַ פּאָפּולערע לערערין אין שול. זי פלעגט אויך צוגרייטן מיט די קינדער פאַרשטעלונגען און זיי ווייזן פאַר די עלטערן אין טעאַטער־זאַל. זי איז געוואָרן געשעצט פון ייִדישן שול־פאַרוואַלטער און פון לערער־פּערסאָנאַל.

דער „דזשאָינט" האָט געשטיצט די שול. מען פלעגט יעדן טאָג געבן די קינדער גוט עסן. אויך די לערער האָבן באַקומען עסן. זלאַטע איז

געוואָרן זייער דיק. די קינדער פלעגן יעדן טאָג באַקומען סמעטענע און פּוטער און אַנדערע גוטע שפּייזן. יעדן טאָג פלעגט מען אַרויסוואַרפן אַ סך עסנוואַרג און דער קריסטלעכער טעכנישער פּערסאָנאַל פלעגט עס צונעמען פאַר זיך און אויך קאָרמענען זייערע חזירים.

אַחוץ דעם פלעגט דער „דזשאָינט" אַריינשיקן יעדע 2 חדשים צו 20 דאָלער פאַר יעדן ייִדישן רעפּאַטריאַנט. די בריוטרעגער האָבן געוווּסט ווען אין אַ בריוו געפינט זיך דאָס געלט, פלעגן זיי בעטן אַ „טיפּ" און מען פלעגט זיי געבן.

אַ צען טעג פאַר פּורים 1957 איז אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז עס קומט קיין ליגניץ אַ מוהל פון אַמעריקע, און וועט אין משך פון צוויי טעג מלע-זיין אַלע ייִנגלעך, וואָס מען האָט זיי ביז איצט ניט געמלט. נחמיה איז אויך געווען צווישן זיי. ער איז שוין דאַן אַלט געווען מער פון עלף יאָר.

דער מוהל האָט באַקומען צו זיין דיספּאָזיציע אַ פּאָר צימערן אין אַ שטאָטישער אַמבולאַטאָריע מיט אַ קראַנקן-שוועסטער, אַ ייִדישע. נחמיה האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם און באַשטימט, אַז ער גייט זיך מל-זיין. זלאַטע איז געווען קעגן און האָט עס זייער איבערגעלעבט.

אין ערשטן טאָג פון דער מילה איז געקומען צו מיר נחמיה אויף דער אַרבעט און געזאָגט: „טאַטע, קום מיט מיר!". מיר זיינען ביידע אַוועק אין דער אַמבולאַטאָריע. זלאַטע האָט פון ווייטן נאָכגעשריִען: „נחמיה, אַנטלויף, לאָז זיך ניט!" אָבער ס'האָט איר ניט געהאָלפן. מיר זיינען אַריין צום מוהל, געוואַרט אַ צען מינוט אין דער ריי (עס האָבן זיך רעגיסטרירט ביי אַכציק ייִנגלעך אין פאַרשיידענעם עלטער. איינער איז אַפילו געווען 18 יאָר אַלט). ס'האָט כּמעט ווי ניט געדויערט און נחמיה איז געוואָרן אַ ייִד כּדת משה וישׂראל. דער מוהל האָט עס געמאַכט מיט אַ ספּעציעלער מאַשינקע, ניט מיט קיין חלף. איך האָב געמאַכט די ברכה. דערנאָך האָבן מיר גענומען אַ טעקסי און זיך אומגעקערט צוריק אַהיים. איך האָב נחמיהן געמוזט אַרויפטראָגן אויפן דריטן עטאַזש. ער איז געווען גליקלעך, און איך בין נאָך גליקלעכער געווען, ווייל מיר זיינען פּטור געוואָרן פון אַזאַ פּראָבלעם.

אין אַ וואָך אַרום האָט שוין נחמיה געשפּילט דעם פּאַיאַץ אין אַ פּורים־שפּיל, וואָס זלאַטע האָט צוגעגרייט מיט די קינדער פון שול. מיר האָבן אים אויפגענייט אַ ספּעציעלן קאָסטיום. ער האָט געטאַנצט און געזונגען און ווי פאַרגעסן וואָס מיט אַ וואָך פריִער איז געווען...

★

איך האָב זיך איינגעאָרדנט אַלס טעכנישער סעקרעטאַר אין ליגניצער קולטור־פאַרבאַנד. דער פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר איז געווען אַ יִידישער פּאַרטיי־מענטש פון פאַרמלחמהדיקן פּוילן, פון פאַך אַ שטעפּער. ער איז אויך געווען אַ מיטגליד פון שטאָט־ראָט אין ליגניץ. ווען ער פלעגט זיך אומקערן פון אַ זיצונג פון שטאָט־ראָט, פלעגט ער אונדז, די מיטאַר־בעטער פון קולטור־פאַרבאַנד, דערציילן וועגן אַנטיסעמיטיזם, וואָס הערשט אין שטאָט־ראָט און צוגעבן: „איך האָב זיי געוואָלט זאָגן, אַז..." — און אָפּהאַלטן פאַר אונדז די גאַנצע רעדע, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן, און ניט געזאָגט. ווען מיר פלעגן אים פרעגן: „נו, פאַר וואָס האָט איר זיי ניט געזאָגט?" פלעגט ער אַ מאַך טאָן מיט דער האַנט און זאָגן — אַה!... און מיט דעם פלעגט זיך ענדיקן זיין רעאַגירן אויפן אַנטיסעמיטיזם.

דעם ערשטן מאַי 1957 זיינען אַ 60 מאַן יִידישע רעפּאַטריאַנטן געקומען אין שטאָטישן גאָרטן, בכדי אָנטיילצונעמען אין דער דעמאָנסטראַציע. אין גאָרטן האָבן זיך אַלע אויפגעקליבן און פון דאָרטן איז מען גרופּעסווייז געגאַנגען צו דער צענטראַלער טריבונע, וווּ עס זיינען געשטאַנען די פּני פון שטאָט און האָבן יעדע גרופּע באַגריסט מיט אַ פּאַסיקן לאָזונג און אויסגעשריי.

וואַרטנדיק אין גאָרטן, האָבן עטלעכע שיכּורע פּוילישע יונגען זיך געוווּנדערט, וואָס עס זיינען נאָך דאָ אַזוי פיל יִידן... איינער פון זיי האָט געוואָלט אָנהויבן צו געבן קלעפּ, אָבער זיין חבר האָט צו אים געשריִען: „לאָז זיי אָפּ! זאָלן זיי לעבן!"

דערגייענדיק נעענטער צו דער טריבונע, האָבן מיר געהערט די באַגריסונגען פון די פּני פאַר די פאַרבייגייענדיקע פּוילישע דעמאָנסטראַנטן, אָבער ווי נאָר אונדזער יִידישע גרופּע איז געקומען, איז געוואָרן שטיל

ווי אויף אַ בית־הקברות... מיר זיינען אַדורך אין דער שטילקייט און די שטייענדיקע אויף די טראָטואַרן פּאַליאַקן, האָבן געשריִען אויף אונדז: „פון וואַנען האָבן זיי זיך גענומען אַזוי פיל?" האָט זיך צו זיי אָפּגערופן די פרוי פון אונדזער סעקרעטאַר: „דאָס זיינען ניט קיין ייִדן, דאָס זיינען מיטגלידער פון ט.ס.ק.זש. (קולטור־פאַרבאַנד)".

אָט אַזוי האָט מען אויפגענומען אונדז, ייִדישע רעפּאַטריאַנטן, דעם ערשטן מאַי 1957...

אין טעאַטער־זאַל פון קולטור־פאַרבאַנד פלעגן אָפט פאַרקומען שטאָטישע אימפּרעזעס, אין וועלכע עס פלעגן אָנטיילנעמען די פּני פון שטאָט און אויך פון ייִדישן אַקטיוו. מען האָט מיך און זלאַטען אויך איינגעלאַדן צו איינער אַזאַ טרעפונג. נאָך די רעדעס האָט זיך דער עולם געלאַנגווייליקט, ווייל קיין ספּעציעלע פּראָגראַם איז ניט געווען צוגע־גרייט. האָט זיך זלאַטע געזעצט ביים פּיאַנע און באַגלייטנדיק זיך אַליין געזונגען אַ רעוואָלוציאָנערע ליד פון פאַר דער מלחמה וועגן לאָדזשער פּראָלעטאַריאַט. די פּני פון שטאָטראַט האָבן מיט באַגייסטערונג אויפ־גענומען איר זינגען.

אויף אַ צוזאַמענטרעף פון ייִדישע האַנטווערקער, ס'רוב פּאַרטייער, האָט זיך אין טעאַטער־זאַל צונויפגעקליבן אַ גאַנץ גרויסע צאָל מענטשן. מען איז געזעסן ביי געדעקטע טישן. לעבן מיר איז געזעסן מיין עלף־יאָריקער נחמיה. אויפן טיש זיינען געווען געוויינלעכע געטראַנקען. פּלוצלונג האָט מען פונאַנדערגעגאָסן אַ פלאַש בראַנפן פאַר מער אַקטיווערע מיטגלידער פון קולטור־פאַרבאַנד. פאַר מיר האָט מען אויך אָנגעגאָסן אַ גלעזל. דאָ האָט עמעצער גענומען אַ וואָרט און באַגריסט ישראל. אַלע האָבן זיך אויפגעשטעלט, ווייל מען האָט פאַרצויגן די „התקווה". ניט אַלע האָבן מסכּים געווען מיטן טאָסט, אָבער מיין נחמיה האָט, איידער וואָס־ווען, אויסגעטרונקען דאָס גלעזל בראַנפן, אויסנוצנדיק דאָס וואָס איך בין געווען פאַרטאָן אין זינגען.

נחמיהס לערערין אין דער מוזיק־שול האָט זיך דערוווּסט, אַז ער קלייבט זיך פאָרן קיין ישראל, האָט זי געדאַגהט, וואָס זי וועט פאַרלירן אַזאַ גוטן שילער. זי האָט פאַררופן צו דער שעה מיט אים דעם דירעקטאָר

פון שול אוןביידע האָבן געגומען אַגיטירן נחמיהן, ער זאָל גיט פאָרן. דאָ, האָבן זיי צו אים געטענהט, זיינען די ייִדישע קינדער די בעסטע שילער אין מוזיק־שול, און דאָרטן, אין ישׂראל, זיינען דאָך אַלע קינדער ייִדישע, וועסטו זיך ניט קאָנען אויסטיילן מיט דיין שפּילן".

מיר האָבן אין ליגניץ געקויפט פאַר נחמיהן אַן אַלטע פּיאַנע, ער זאָל האָבן אויף וואָס צו שפּילן. אויך דאָ פלעג איך אויף אים אויפקוקן ביים מאַכן די לעקציעס. איך האָב, אַגב, מיט אים געמאַכט אַ „קאָנטראַקט", אַז ער וועט מיך באַגלייטן אויפן פּיאַנע, בעת מיינע געזאַנג־אויפטריטן, און פאַר יעדן מאָל אַקאָמפּאַנירן וועט ער באַקומען עטלעכע זלאָטעס. ער האָט מסכּים געווען. פלעגט ער מיך און אויך אַנדערע אַקאָמפּאַנירן און האָט זיך מיט דער צייט ספּעציאַליזירט אויף דעם געביט, מאַכנדיק אַליין דעם אַקאָמפּאַנימענט.

אויף אַן אָוונט אין דער זומער־קאָלאָניע פון קולטור־פאַרבאַנד אין שרודבאָרווו, האָט ער באַגלייט אַ יונגן פידלער אין זיין עלטער. זיי האָבן ביידע געשפּילט אַ קלאַסיש ווערק און האָבן ביים עולם זייער אויס־געגומען.

האַרט פאַר ניי־יאָר 1958 איז זלאָטע אָוועקגעפאָרן קיין וואַרשע אויף אַ דערגאַנצונג־קורס פאַר לערער. זי האָט ניט געהאַט קיין גרויסן חשק צו פאָרן, אָבער ס'איז געווען אָבליגאַטאָריש.

דעם 31סטן דעצעמבער ביי נאַכט בין איך מיט נחמיהן אַוועק באַגעגענען ניי־יאָר ביי באַקאַנטע חברים. מיר האָבן דאָרטן גוט פאַרבראַכט. אויף מאָרגן פרי בין איך אַראָפּ פון אונדזער דירה, פון דריטן עטאַזש, אין קעלער, בכדי אַרויפצוטראָגן אַ פּאָר עמער שטיינקוילן. איך האָב אָנגעשאָטן די עמערס, אויפגעהויבן און כ'האָב פּלוצלונג באַקומען אַ שטאַרקן דריי אין זייט. כ'האָב זיך ניט געקאָנט רירן פון אָרט. מיט די לעצטע כּוחות אַרויפגעטראָגן די פּאָר עמער אין שטוב און געפאַלן אין חלשות. ס'האָט זייער וויי געטאָן די זייט — ניט זיצן, ניט ליגן, ניט שטיין, ניט גיין. אפשר וואָלט געווען גוט צו זיין אין אַ צושטאַנד פון הענגען... אָבער ווי מאַכט מען דאָס ?... כ'האָב אַרויסגערופן גיכע הילף. ס'איז געקומען אַ סאַניטאַר, מיך באַקוקט און געזאָגט, איך זאָל אויסטרינקען אַ גלאָז בראָנפן.

ס'האָט אָבער ניט געהאָלפן. האָב איך אַרויסגערופן אַ דאָקטער פון קראַנקן־קאַסע. ער האָט באַשטימט, אַז מען דאַרף מיר מאַכן אַן איינשפּריצונג. כ'האָב גערופן אַ שוועסטער. ביים מאַכן די איינשפּריצונג האָט זי געטראָפן ניט גוט און ס'איז מיר געוואָרן נאָך ערגער. האָב איך גערופן אַ פּוילישן פּריוואַטן דאָקטער. ער איז געקומען מיט אַ קראַנקן־שוועסטער און געשפּריצט מיר נאָוואָקאַיִן. איך האָב זיך אַזוי אָפּגעמאַטערט אַ חודש צייט, ביז איך בין געוואָרן צוריק אַ מענטש...

זלאַטען האָט זיך דעם ערשטן יאַנואַר געחלומט, אַז מיט מיר איז עפּעס געשען, האָט זי זיך פּשוט אַרויסגעגנבעט פון קורס אין וואַרשע, געקומען אַהיים און מיך טאַקע געפונען אין אַזאַ צושטאַנד...

## גיטע שאַכמייסטער

צו מיר איז געקומען אויף דער אַרבעט אַן אַקטריסע גיטע שאַכמייסטער, איינע פון די בעסטע שילערינס אין מיכאָעלסעס סטודיע אין מאָסקווע, מיטן פאָרשלאָג צו אָרגאַניזירן אַ רעווי־אַנסאַמבל און צוגרייטן אַ פּראָגראַם. זי האָט זיך דערוווּסט, אַז איך בין אַן אַקטיאָר און זי זוכט מיט וועמען אויפצוטרעטן. נאָך עטלעכע טעג איבערטראַכטן האָב איך אָנגענומען איר פאָרשלאָג. למעשה האָט מיך געצויגן און ניט אויפגעהערט צו ציִען צו דער בינע.

מיר האָבן זיך דעררעדט וועגן צוזאַמענשטעל פון אונדזער גרופּע. צו אונדז איז נאָך געווען אַ פידלער — בראָדאָווסקי, און אַ פּיאַניסטקע — בילעט. איך מיט גיטען וועלן אויספירן די גאַנצע פּראָגראַם אין זייער באַגלייטונג.

מיר האָבן אויפגעשטעלט אַ פּראָגראַם אין צוויי טיילן. אין ערשטן טייל — אַ שאַפונג וועגן חורבן, לידער וועגן חורבן, עטלעכע פאָלקס־לידער און אַ מאָנאָלאָג פון טאָלסטויס „אַננאַ קאַרענינאַ". אין צווייטן טייל — אינטערמעדיעס פון מ. בראָדערזאָן צו שלום עליכמס „200.000" און סצענקעס „פּסול־טריף", „דער אַלבאַם" פון „אַררט" מיט אַ ספּעציעלער דעקאָראַציע אין פיר בילדער. צום סוף האָבן מיר געזונגען קופּלעטן,

אָנגעשריבן דורך זלאַטען וועגן רעפּאַטריאַנטן, וואָס האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט אויף דער דערלויבעניש צו פאָרן קיין ישׂראל.

אונדזער פּראָגראַם האָט אויסגענומען. מיר זיינען אויפגעטראָטן אין אַלע פּונקטן, ווו עס האָבן זיך קאָנצענטרירט ייִדן, אויך אין לאָדזש, אָבער אין וואַרשע האָט מען אונדז ניט געגעבן קיין דערלויבעניש צוליב דער קעגנערשאַפט פון אידאַ קאַמינסקאַ, וואָס האָט געהאַלטן, אַז מיר קאָנקורירן מיט איר. אַגב, האָט זי מיך געוואָלט אַנגאַזשירן צו איר אין טעאַטער בתּנאַי, איך זאָל זיך אונטערשרייבן, אַז איך וועל ניט פאָרן קיין ישׂראל. ס׳פאַרשטייט זיך, אַז איך בין ניט מסכּים געווען.

דער בילדונגס־רעפערענט פון וואַרשעווער צענטראַלע פון קולטור־פאַרבאַנד האָט ביים דורכקוקן אונדזער פּראָגראַם (מיר זיינען אַרומגעפאָרן אין זייער נאָמען און באַקומען פון זיי געצאָלט פאַר יעדן אויפטריט) האָט ניט געוואָלט באַשטעטיקן זלאַטעס קופּלעטן, ווייל זיי זיינען געווען פּראָ־ישׂראלדיקע. מיר האָבן מסכּים געווען אויף אייניקע ענדערונגען פון טעקסט, אָבער פאַקטיש פלעגן מיר עס אויספירן לויטן אָריגינאַל.

אונדזער פּראָגראַם האָט געהייסן „לאָמיר זיך דערמאָנען". מיר האָבן מיט דער צייט אויך צוגעצויגן אַ קאָנפעראַנסיע. דער דערפאָלג איז געווען אומעטום אַ גרויסער. מען פלעגט אויף די ערטער מאַכן פאַר אונדז באַנקעטן.

אָט זיינען עטלעכע אָפּרופן־רעצענזיעס וועגן אונדזערע אויפטריטן, פּובליקירט אין דער וואַרשעווער „פאָלקס־שטימע" אין די יאָרן 1957/58:

„...גיטע שאַכמייסטער, דאָס אַדעסער ייִדישע מיידל, וואָס האָט אין איר קינדהייט געטרוימט וועגן ייִדיש טעאַטער, האָט נאָך באַוויזן פאַר דער מלחמה צו לערנען ביי מיכאָעלסן אין סטודיע אין מאָסקווע, ביז מיכאָעלס איז אומגעקומען און די סטודיע איז ליקווידירט געוואָרן. איצט האָט זי זיך אַנטפּלעקט פאַר די ווראָצלאַווער ייִדן מיט איר גאַנצן חן און צוזאַמען מיט בורגינען אויפגעטראָטן מיט אַ רעווי־פּראָגראַם „לאָמיר זיך דערמאָנען". יאָ, די ווראָצלאַווער ייִדן, וואָס זיינען בייגעווען אויף דער ערשטער פאָרשטעלונג פון שאַכמייסטער און בורגין האָבן געגעבן סמיכות: ס׳איז גוט און מען קאָן עס וויזן פאַר לייטן! זאָלן ייִדן זען די פאָר־שטעלונג און הנאה האָבן.

...גיטע שאַכמייסטער און יחיאל בורגין האָבן אין סאָסנאָוויץ אויפֿגעפֿירט אַ רייכן פּראָגראַם א״ג „לאָמיר זיך דערמאָנען״. באַזונדערש האָבן אויסגענומען די סצענעס און בילדער פֿון „בלאַנדזשנדיקע שטערן״ און „צוויי הונדערט טויזנט״ פֿון שלום עליכם.

...אַן אמתער געניוס... יחיאל בורגין, דער אַרטיסט פֿון אַמאָליקן ווילנער מאַריאָנעטן־טעאַטער „מיידים״, איז אין משך פֿון די לעצטע 20 יאָר געווען באַשעפֿטיקט „אַרום טעאַטער״. בעת דער מלחמה געפֿינט ער זיך מיטן ביקס אין האַנט צווישן פּאַרטיזאַנער. און דאָך האָט ער באַוויזן, אַז אמתע טאַלאַנטן ווערן ניט פֿאַרלאָשן. מיט ניט קיין גרויסע שטימ־מעגלעכקייטן זינגט יחיאל בורגין קרישטאָל־ריין, מוזיקאַליש, מיט געשמאַק, וואַרעם און דער עיקר — ייִדישלעך. שטאַרק ווירקט דער מאָנאָלאָג פֿון אַ פּאַרטיזאַנער־מיידל אין דער אויספֿירונג פֿון גיטע שאַכמייסטער.

...אין „סטעמפּעניו״ און אין „די דאָרפֿישע פּאַרטיזאַנקע״ באַווייזט זיך שאַכמייסטער אַלס טאַלאַנטפֿולע רעציטאַטאָרין. יחיאל בורגין פֿילט זיך פֿריי אויף דער בינע, אַ מאָל פּאַסירט, אַז צו פֿריי. אַזוי, למשל, ווען ער האָט גלייכצייטיק אויסגעפֿירט די ראָלן פֿון אַ מגיד און אַ שמש, האָט ער פֿאַרגעסן צו באַהאַלטן דעם האַנט־זייגער. ווו האָט מען עס געזען אַ מגיד מיט אַ האַנט־זייגער? סיידן אין אַמעריקע״...

דער אָפּצאָל פֿאַר יעדן אויפֿטריט איז געווען אַ גאַנץ גוטער צוגאָב צום טעגלעכן בודזשעט פֿון שטוב, כאָטש מיר האָבן זיך ספּעציעל ניט גענייטיקט אין קיין זאַך. איך האָב געהאַט אַ געהאַלט אין קולטור־פֿאַרבאַנד, זלאָטע — אין שול; יעדן צווייטן חודש — 20 דאָלער פֿון „דזשאָינט״, האָבן מיר געלעבט אין ליגניץ אָן זאָרג און אָן דאגות, און ניט ווי אין ווילנע, ווו אונדזערע ביידנס געהעלטער האָבן געסטייעט בלויז צו דערציִען ביזן העלפֿט חודש.

נאָכן אָפּשפּילן דעם ערשטן פּראָגראַם האָבן מיר צוגעגרייט אַ צווייטן, אָבער גיטע האָט באַשטימט, אַז זי מוז מאַכן אַן איבעררייס און פֿאָרן זיך זען מיט אירע עלטערן אין אָדעס. זי האָט פֿאַרן פֿאָרן אָנגעקויפֿט אַ סך פֿאַרשיידענע שטאָפֿן, מתנות און האָט זיך געריכט אין וועג. דאָן האָב איך זי געבעטן מיטנעמען דעם טלית פֿאַר קאַראַנטן אין לעמבערג

און אים דאָס איבערגעבן. זי האָט עס גוט פּאַרפּאַקט צווישן אירע שטאָפן און אַוועקגעפאָרן קיין אָדעס.

## דער טלית

אין אַ געוויסער צייט אַרום האָט זיך גיטעס אומגעקערט פון אָדעס. פאָרנדיק אויף צוריק האָט זי זיך אַרומגעוויקלט מיטן טלית (דאָס איז געווען אַ טריפה סחורה) און אין לעמבערג אים פּערזענלעך איבערגעגעבן יוסף קאַראַנטן.

זי האָט זיך אומגעקערט בשלום קיין ווראָצלאַוו, וווּ זי האָט געלעבט מיט איר משפחה — אַ מאַן מיט צוויי מיידעלעך.

ס'האָט ניט געדויערט קיין וואָך און איך האָב באַקומען פון קאַראַנטן אַ בריוו, וווּ ער דאַנקט מיר פאַרן פּרעכטיקן טלית. ער האָט מיר געשריבן, אַז ער איז איבער גליקלעך און וויפל ס'איז נאָר פאַראַן ברכות אויף דער וועלט, האָט ער מיר זיי געוווּנטשן. כ'האָב אים גלייך געענטפערט, אַז מיך פרייט זייער, וואָס איך האָב געקאָנט דערפילן מיין צוזאָג און ווינטש אים אַ סך געזונט און הנאה פון טלית.

בדרך כלל פלעג איך זיך מיט אים דורכשרייבן רעגולער, אָבער נאָך מיין בריוו צו אים וועגן טלית, זיינען אַריבער עטלעכע חדשים און ער האָט אויפגעהערט צו שרייבן. איך האָב ניט פאַרשטאַנען די סיבה. געפּרוּווט זיך דערטראַכטן אַ סיבה, אָבער זיך ניט דערטראַכט. גייענדיק אין גאַס אין ליגניץ האָב איך באַגעגנט אַ פרוי, וואָס אויך זי איז געווען באַקאַנט מיט קאַראַנטן. האָב איך איר אויסגעדריקט מיין פאַרוווּנדערונג, וואָס קאַראַנט האָט מיר אויפגעהערט צו שרייבן. האָט זי מיר דערציילט אָט־וואָס: קאַראַנט איז געווען דער גליקלעכסטער אין לעמבערג מיטן טלית. דעם ערשטן שבת איז ער אַוועק אין בית־כנסת מיטן טלית. אין אַ געוויסן מאָמענט האָט ער אַראָפּגענומען פון זיך דעם טלית, אים אַוועקגעלייגט אויף זיין סטענדער און איז אַרויס דערליידיקן אַ מענטשלעכע באַדערפעניש. ווען ער האָט זיך אומגעקערט צוריק, האָט ער שוין דעם טלית ניט געפונען.

עמעצער פון די „שיינע” ייִדן האָט אים צוגעגנבעט... יוסף קאַראַנט האָט זיך געשעמט מיר צו שרייבן וועגן זיין פאַרלוסט און איז געבליבן מיט זיין האַרצווייטיק...

## אַרויסגעפאַלן פון וואַגאָן...

דאָס איז געווען ווינטער. זייער אַ סך שניי און אַ שטאַרקער פראָסט. איך מיט גיטען האָבן זיך אומגעקערט פון וואַרשע קיין ליגניץ מיטן רוסישן צוג, וואָס פלעגט גיין יעדן טאָג פון גאָמעל, ווייל אין ליגניצער גאַרניזאָן זיינען געווען ביי אַ פופציק טויזנט סאָוועטישע זעלנער מיט אַן אייגענעם אָפיצירן־הויז, אַ ריזיקע קאַנטינע און נאָך אַנדערע זאַכן. דער צוג איז אַרויס פון וואַרשע ביי נאַכט.

אין מיטן דער נאַכט האָט זיך דער צוג אָפּגעשטעלט אין מיטן אַ פעלד. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַ זעקס־יאָריקער רוסישער ייִנגל האָט זיך אויפגעכאַפּט אין מיטן נאַכט און געוואָלט גיין דערליידיקן אַ מענטשלעכע באַדערפעניש, האָט ער מיט אַ טעות געעפנט די טיר פון וואַגאָן און איז אין פולן גאַנג פון צוג אַרויסגעפאַלן אויפן שניי...

זיין מאַמע האָט זיך געכאַפּט, אַז ער איז ניטאָ ערשט אין אַ פּאָר שעה אַרום און געמאָלדן דעם קאָנדוקטאָר. מען האָט אָפּגעשטעלט דעם צוג. דער צוג איז געפאָרן לאַנגזאַם אויף צוריק און מען האָט געזוכט דאָס ייִנגל.

מיט אַ גרויסער פאַרשפּעטיקונג זיינען מיר אָנגעקומען קיין ליגניץ. מיר האָבן זיך ניט דערוווּסט דעם סוף פון דער טראַגישער געשעעניש.

## מיר פאַרלאָזן פוילן

ענדלעך, נאָכן אָפּלעבן צוויי יאָר אין ליגניץ, האָבן מיר באַקומען אַ דערלויבעניש אַרויסצופאָרן קיין ישראל. דאָס איז געווען די גליקלעכסטע צייט אין ליגניץ! מיר האָבן באַשטעלט אַ גרויסן קאַסטן אויף אַלע שטובּיקע זאַכן, באַזונדערע קאַסטנס פאַר דער פּיאַנע און פאַר דער קילמאַשין. מיר

האָבן נאָך צוגעקויפט אַ סך נייטיקע זאַכן און אָפּגעפירט דעם באַגאַזש צום גרענעץ.

דאָס אָפּגעבן דעם באַגאַזש האָט געקאָסט אַ סך געזונט און נערוון. די צאָל־באַאַמטע האָבן אַריינגענומען אונדזערע קאַסטנס אין אַ גרויסן האָל. געהייסן אַרויסנעמען אַלע זאַכן פון גרויסן קאַסטן און לויט אונדזער רשימה קאָנטראָלירט אַלץ פון אָנהייב ביזן סוף.

אויפן פעראָן אין ליגניץ זיינען אונדז געקומען באַגלייטן אַ סך באַקאַנטע און פריינד. מיר זיינען אין משך פון די צוויי יאָר געוואָרן פּאָפּולער. איך האָב געהאָט אָרגאַניזירט די ווילנער, וואָס זיינען געווען אין ליגניץ, און מיר האָבן געשאַפן אַ קליינעם פאַרבאַנד, רעגיסטרירט אַלעמען, אַרויסגעלאָזן עטלעכע נומערן וואַנט־צייטונג. אויך די ווילנער זיינען געקומען אונדז אַרויסבאַגלייטן.

געפאָרן זיינען מיר פון וואַרשע מיטן עקספּרעס־צוג קיין ווין דורך דער טשעכישער טעריטאָריע. אויך אונדזערע האַנט־וואַליזעס האָט מען אין וואַרשע שטאַרק קאָנטראָלירט און זיך געטשעפּעט צו יעדער קלייניקייט. אָבער אויך דאָס זיינען מיר אַריבערגעקומען.

סוף־סוף האָט דער צוג זיך גערירט פון אָרט. צוקומענדיק צו דער טשעכישער גרענעץ האָבן די וואַגאָן־קאָנדוקטאָרן פאַרשלאָסן אונדזערע וואַגאָנען. אפשר געמיינט, אַז מיר וועלן אַנטלויפן אויף דער טשעכישער טעריטאָריע... די באַן האָט זיך פאַרהאַלטן און מיר זיינען געווען אין איינע שרעק, מען זאָל אונדז אויך דאָ ניט רעווידירן. אָבער דער צוג איז געפאָרן ווייטער. פאַרן עסטרייכישן גרענעץ האָט מען אונדז ווידער רעווידירט.

אַריבערגעפאָרן די עסטרייכישע גרענעץ, האָבן מיר איינער דעם אַנדערן באַגריסט מיט דער פרייהייט! געוואָרן פרייע מענטשן! געענדיקט מיטן טאָטאַליטאַרן רעזשים, וואָס וואַרפט אָן אַן אימה שוין בלויז מיטן נאָמען אַליין...

מיט מזל זיינען מיר אַריינגעפאָרן אויפן ווינער וואָקזאַל, וואָס האָט מיר אויסגעוויזן ווי אַ פּאַלאַץ. אַזאַ ריינקייט, אַזאַ שטילקייט. אַרויסגעזעצט זיך פון וואַגאָן, זיינען אָנגעקומען באַן־באַאַמטע מיט וואַגאָנעטקעס,

צוגענומען אונדזער האַנט-באַגאַזש און עס אָפּגעפּירט אין דער סוכנות, ווו אַלע האָבן זיך פאַרזאַמלט.

אויף מאָרגן זיינען מיר אָפּגעפאָרן פון ווין מיט אַן עקספּרעס־צוג קיין נאַפּאָלי און פון דאָרטן האָבן מיר געדאַרפט מיטן שיף פאָרן קיין חיפה. אין נאַפּאָלי האָט מען אונדז איינגעאָרדנט אין באַן־האָטעל, אַן אַלטער בנין פון פיר עטאַזש אָן אַ ווינדע. אָפּגעריבענע, אַלטע מעבל. מיר זיינען דאָרטן אָפּגעזעסן ניין טעג ביז אונדזער שיף „ארצה" איז געווען גרייט אונדז צו פירן קיין חיפה. מען האָט אונדז געקאָרמעט אַלע טאָג מיט פאַרשיידענע פיש. אָבער ס'איז אַלץ געווען גוט, ווייל מיר פאָרן קיין ישראל.

מיר זיינען געגאַנגען באַקוקן די פּרעכטיקע שטאָט, די געשעפטן און דעם פּאָרט. איך בין מיט זלאַטען אַריין אין אַ געשעפט קויפן אַ פּאָר טופל פאַר איר. אַ שיינער יונגער איטאַליענער האָט געמאַכט אַלע אָנשטרענגונגען צו געפינען פאַר איר אַ גרויסן טופל. ער האָט אויף איר פוס אַרויפגעצויגן כמעט מיט כוח אַ פּאָר שיינע טופל. ער האָט זיי פאַרפּאַקט, מיר זיינען אַוועק. אין האָטעל האָט זלאַטע געוואָלט אָנטאָן די נייע טופל, אָבער זיי זיינען אויף איר פוס ניט אַרויף...

ס'איז געווען קאַטוילישע פּאַסכאַ. זיינען מיר אַוועק באַקוקן אַ קלויסטער. ביים אַריינגאַנג איז געשטאַנען דער גלח, אין קלויסטער איז געווען ליידיק. מיר זיינען אַריין אינעווייניק, באַקוקט און זיך געוווּנדערט, וואָס אין אַזאַ גרויסן קאַטוילישן חגא, איז דער קלויסטער געווען ליידיק...

## אויף דער שיף

נאָך ניין טעג פאַרברענגען אין נאַפּאָלי, האָט מען אונדז ענדלעך אַרויפגעזעצט אויף דער שיף „ארצה". די דאָזיקע שיף, ווי מיר האָבן זיך דערנאָך דערוווסט, איז געווען אַ פראַכט־שיף, וואָס איז אין דער מלחמה דערטרונקען געוואָרן. מען האָט זי אַרויסגעצויגן פון ים, אָפּגערעמאָנטירט און געמאַכט פון איר אַ פּאַסאַזשיר־שיף. מיר זיינען אַריינגעפאַלן אין אַ גרויסן צימער אויפן דעק מיט 30 פּאַסאַזשירן. מען איז דאָרטן געשלאָפן

אויף נאָרעס. געפאָרן זיינען מיר פיר טעג. אויפן צווייטן טאָג האָט אונדז געכאַפּט די ים־קראַנקייט. פרייטיק־צו־נאַכט האָט מען אונדז אַלעמען צונויפגעקליבן אין גרויסן עסזאַל, אָבער דער ים איז דאַן געווען שטורמיש, אַלע כּמעט זיינען געפאַלן פון דער ים־קראַנקייט. די מאַטראָסן האָבן געהייסן אונדז אָנטאָן די רעטונגס־גאַרטלען, אָבער צום סוף פון פערטן טאָג זיינען מיר צוריק געוואָרן „העלדן". דער ים האָט זיך באַרויִקט, עס האָט זיך געוויזן די זון.

איך און זלאַטע זיינען אַרויס אויפן דעק. מיר האָבן זיך פאַרנומען מיטן צולערנען נחמיהן עטלעכע העברעיִשע ווערטער.

אויפן דריטן טאָג, פאַר נאַכט, האָט אַן עלטערער סוכנות־אָנגעשטעלטער צונויפגענומען אויפן שיף אַ גרויסע גרופּע פרויען און זיי אָנגעהויבן דערציילן און דערקלערן, ווי אַזוי וועט עס זיין, ווען זיי וועלן אָנקומען קיין ישׂראל. דאָ, האָט ער צו זיי געזאָגט, איז אייך איצט גוט, איר זייט זאָרגלאָז, אָבער אין ישׂראל וועלן זיך אָנהייבן די דאגות פון אַרבעט, פון אַ וווינונג, פון שפּראַך און נאָך און נאָך... זלאַטע האָט אים געפרעגט, צי זי וועט קאָנען אַרבעטן אַלס לערערין? זי איז געווען אין עלטער פון 40 יאָר בערך. האָט ער איר אָנגעקוקט און געזאָגט: „דו ווילסט אין דיין עלטער זיין אַ לערערין? מיין שנור איז יִינגער פון דיר און פאַר איר איז אַלס לערערין ניטאָ קיין אַרבעט". די פרויען האָבן זיך פאַרטראַכט וועגן זייער לאַגע.

די שיף אונדזערע איז דעם פערטן טאָג אין אָוונט אָנגעקומען קיין חיפה, אָבער אַראָפּגעלאָזן האָט מען אונדז אויף מאָרגן, דעם 8טן אַפּריל 1959. די סוכנות־אָנגעשטעלטע האָבן אונדז פלוצלונג געמאָלדן, אַז אונדזער רייזע קיין חיפה איז געווען אונטערן פּראָטעקטאָראַט פון דער צייטונג „ידיעות אחרונות". די זשורנאַליסטן פון דער צייטונג האָבן זיך געפונען מיט אונדז אויפן שיף. זיי האָבן גענומען אָפּקלייבן אַ פּאָר פּאַסיקע משפחות מיט וועלכע זיי וועלן מאַכן אַן אינטערוויו און וועלן וועגן זיי שרייבן אין צייטונג.

פלוצלונג האָבן מיר דערהערט, אַז מען רופט זלאַטען און מיך אין צימער פון די סוכנות־פירער. זלאַטע האָט זיך זייער דערשראָקן, אָבער

איך האָב זי גלייך באַרויִקט, אַז מיט ק.ג.ב. האָבן מיר שוין געענדיקט! אין אַנגעוויזענעם צימער האָט זיך געפונען אַ קאָרעספּאָנדענט פון דער צייטונג. ער האָט אונדז פאָטאָגראַפירט, צוזאַמען מיט נחמיהן, און אָנגעהויבן שטעלן פאַרשיידענע פראַגעס, האַלב אויף עברית און אויף אַ צעבראָכענעם יידיש. מיר האָבן אים ווי עס איז אַלץ אויסגעדערציילט וועגן זיך. ער האָט געזאָגט, אַז אין פרייטיקדיקן נומער פון „ידיעות אחרונות" וועט זיין אַ גרויסע נאָטיץ וועגן אונדז. ער האָט אויך אינטער־וויויִרט אַ גרויסע מאַראָקאַנער משפחה.

אין אַרטיקל זיינען געווען אַ סך אומפּינקטלעכקייטן וועגן אונדז, אַ ביסל האָט ער צוגעגעבן פון זיין פאַנטאַזיע, אַ ביסל האָט ער ניט דערציילט, אָבער דער אַרטיקל האָט פאַרנומען אַ גאַנצע זייט צוזאַמען מיט אונדזער פאָטאָגראַפיע.

ווען די שיף „ארצה" איז מיט אַן אָוונט פריִער אָנגעקומען קיין חיפה, האָט די שיף באַגעגנט דער חיפהער שטאָט־פּרעזידענט אבא חושי. פון דער שיף האָבן מיר זיך צוגעקוקט, וואָס עס קומט פאָר אין פּאָרט, זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער שיינקייט פון חיפה ביי נאַכט מיט די טויזנטער ליכטער אין די שטאָט־טיילן. פּלוצלונג האָבן מיר דערהערט, אַז עמעצער רופט אויס אונדזער פאַמיליע. זלאַטע האָט געמיינט, אַז דאָס זוכט מיך מיין ברודער. איך האָב זי באַרויִקט און געזאָגט, אַז זי האָט אַ טעות... דאָס איז געווען דער מאַן פון זלאַטעס חברטע פון קיבוץ יגור, וואָס איז געקומען אונדז באַגריסן.

אויף מאָרגן פרי האָט מען אונדז אָנגעהויבן אַראָפּלאָזן פון שיף. נאָכן דערליידיקן אַלע פאָרמאַליטעטן, זיינען מיר מיטן האַנט־באַגאַזש אַרויס פון פּאָרט. ס'האָט אויף אונדז געוואַרט מיין ברודער הענעך מיט זיין משפחה — אַ פרוי, אַ טאָכטער און זון. זיך צעקושט, זיך באַקענט מיט זיין משפחה, זיינען מיר מיט דער באַן אָוועקגעפאָרן קיין תל־אביב, ווו מיין ברודער האָט געלעבט, און פון באַן־וואָקזאַל זיך דערקליבן צו אים.

## מיין ברודער העניך אין ישׂראל

גלייך נאָך דער מלחמה האָב איך פון ווילנע אָנגעשריבן אים אַ בריוו, אַז איך לעב, און וועגן אונדזער משפּחה, וואָס איז אומגעקומען אין דער מלחמה. אויך פון פּוילן האָב איך אים געשריבן. ער האָט מיר געענטפערט, אַז ער וואַרט אויף מיר אין ישׂראל און וועט מיר העלפן זיך איינאָרדענען. איצט זיינען מיר אַריינגעפאָרן פון שיף צו אים אין דירה. ער האָט אונדז אָפּגעגעבן אַ צימער פון זיין גאַנץ גרויסער דירה אויף שלמה המלך אין תּל־אביב.

פון 1929סטן יאָר, ווען ער איז געקומען אין לאַנד, ביז זיין טויט אין 1970, האָט ער געאַרבעט ביי בוי־אַרבעט. ער האָט באַשלאָסן, אַז ער דאַרף העלפן בויען דאָס לאַנד. ער האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט זיך אַליין, אַלס אויטאָדידאַקט, אויסגעלערנט שפּראַכן. ער האָט באַהערשט אַראַביש, פראַנצייזיש, ענגליש, דייטש, רוסיש, פּויליש, עברית, ייִדיש. צו דעם איז ער נאָך געווען אַ מאַטעמאַטיקער. אין די שבתים פלעגט ער זיך פאַרנעמען מיט פאַרגלייכן די איבערזעצונגען פון תּנ״ך אין די שפּראַכן, וואָס ער האָט באַהערשט. ער האָט אַלע איבערזעצונגען געהאַט ביי זיך אין שטוב. אַזוי ווי פריִער, נאָך אין ווילנע, איז ער געבליבן אַ „קאַלטער" ברודער. ער פלעגט אָפט זיך אויסדריקן, אַז „פריינט און משפּחה איז ניט אַראָפּצושלינגען און ניט אויסצושפּייען"... כמעט מיט אַזאַ קאַלטקייט האָט ער זיך אויך צו מיר באַצויגן, נאָך 30 יאָר ניט זען זיך, ניט קוקנדיק וואָס איך מיט זלאַטען האָבן ביי אים געלעבט אַ פּאָר וואָכן, ביז מיר האָבן זיך איינגעאָרדנט אין אולפּן אין פּתח־תּקוה.

העניך האָט געאַרבעט כמעט ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן. ער איז קראַנק געוואָרן אויף דער לעבער, אָפּגעלעגן אין שפּיטאָל אַ פּאָר וואָכן און געשטאָרבן צו 64 יאָר. זיין פרוי איז געווען אַ שטוביקע. ער האָט איבערגעלאָזן זייער אַ גראַטענע טאָכטער, אַ לערערין, און אַ ייִנגערן זון.

## מײַן פעטער אײַזיק פון פּיטסבורג

ווי געזאָגט, האָבן מיר זיך מיט זלאַטען אײַנגעאָרדנט אין אַן אולפּן אין פּתח־תקוה. מיר האָבן דאָרטן אויך געוווינט. נחמיהן האָבן מיר אײַנגעאָרדנט דורך עלית־הנוער אין קיבוץ יגור. דאָרטן האָט אים מקרב געווען זלאַטעס חברטע, פרידע, מיט איר מאַן, אברהמל. ניט קוקנדיק אויף דער אויסערגעוויינלעכער פרײַנדשאַפט פון זלאַטעס חברים, איז נחמיהן געווען זייער שווער זיך צוצוגעוווינען צו די חברים אין קלאַס. מיר פלעגן אויף יעדן שבת קומען צו אים אין יגור, אָבער ער האָט געוואָלט זײַן נאָר מיט אונדז און מיר האָבן זיך געמיט צו באַקומען אַ באַראַק, בכדי אים צו נעמען צו זיך. מיר האָבן שפּעטער באַקומען אַ באַראַק אין פּרדס רובין, צווישן אַ פּרדס פון אַפּעלסינען.

פּלוצלונג איז אָנגעקומען אַ בריוו צו העניכן, אַז אונדזער פעטער אײַזיק, דער מאַמעס לייבלעכער ברודער פון פּיטסבורג, קומט צו גאַסט קיין ישראל. מיר האָבן זיך זייער דערפרייט. געקומען אין לאַנד, האָט ער זיך מיט זײַן פרוי (די צווייטע) אײַנגעאָרדנט אין „אכדיה־האָטעל" אין הרצליה. איך מיט זלאַטען זײַנען שוין געווען אין אולפּן: זלאַטע — אין גבעתיים, און איך בין געבליבן אין פּתח־תקוה. מיר זײַנען, פאַרשטייט זיך, געקומען צו העניכן זיך באַקענען מיטן פעטער. אַ הויכער, מגושמדיקער ייִד, אַ ציוניסטישער עסקן, ווי ער האָט דערציילט, קען זיך זייער גוט מיטן סעקרעטאַר פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע פון אַמעריקאַנער ייִדן אין ישראל, העמלין. האָב איך געבעטן דעם פעטער ריידן מיט העמלינען וועגן אַרבעט פאַר מיר. מיר זײַנען טאַקע ביידע אַוועק צו העמלינען, אָבער ס'איז דערפון גאָרניט אַרויס.

דער פעטער אײַזיק האָט מיך מיט העניכן מיט אונדזערע משפּחות אײַנגעלאַדן צו זיך אין האָטעל אין הרצליה אויף אַן אָוונטברויט. מיר זײַנען אַהין אַוועקגעפאָרן אין אַ שבתדיקן נאָך מיטאָג מיט אַ טעקסי. זײַנען געזעסן ביז אָוונטברויט בײַם ברעג פון ים. די קינדער אונדזערע האָבן שוין געוואָלט עפּעס עסן.

פאַר נאַכט האָט מיך מײַן פעטער געבעטן, איך זאָל גיין מיט אים

צום האָטעל-באַאַמטן זיך נאָכפרעגן דעם ווערט פון דער אָבליגאַציע, וואָס ער פאַרמאָגט פון נאָך ערב דער אַנטשטייונג פון דער מדינה. די אָבליגאַציע איז געווען אין נאָמינעלן ווערט פון איין ישׂראלדיקע לירע פון דער שיפס-געזעלשאַפט „נחשון". דער האָטעל-באַאַמטער האָט אַ קוק געטאָן אויף דער אָבליגאַציע און געזאָגט מיט אַ שמייכלענדיקן פּנים, אַז זי איז ווערט אַ רייזע קיין אַמעריקע אין איין ריכטונג. מיין פעטער האָט געצווייפלט אין דער ריכטיקייט און האָט צו מיר געזאָגט, אַז דאָס איז ווערט אַ סך מערער.

אַזוי ווי איך האָב אויף מאָרגן געדאַרפט פאָרן אין חיפהער פּאָרט אָפּנעמען אונדזער באַגאַזש, האָט מיר מיין פעטער געזאָגט, אַז איך זאָל זיך אין פּאָרט דערוויסן דעם גענויעם ווערט פון דער אָבליגאַציע. דערנאָך זאָל איך אים טעלעפאָנירן און ער וועט קומען אָפּנעמען דאָס געלט, ווייל עס איז אויף זיין נאָמען. דאָס געלט וועט ער זיך מיט מיר טיילן אויף העלפט. דערנאָך זיינען מיר אַוועק זיך דערוויסן, וויפל עס קאָסט אַן אָוונטברויט. מיין פעטער האָט דערהערט דעם פּרייז, האָט ער זיך דער־שראָקן. ער האָט מיר געזאָגט אַז פאַר אונדז אַלעמען וועט קאָסטן דער אָוונטברויט אַ סך געלט. „אויב אַזוי — האָט ער צו מיר געזאָגט — גיי און זאָג דיין ברודער אַז דו ווילסט ניט עסן". איך בין אַוועק צו הענעכן און אים שטילערהייט דערציילט וועגן דעם. הענעך האָט זיך גלייך געשטעלט און געזאָגט, אַז מיר פאָרן אַהיים. אָבער דער פעטער האָט צו אונדז געזאָגט: „וואַרט אויף, ביז איך מיט מיין פרוי וועלן אָפּעסן אָוונטברויט, וועל איך אייך באַגלייטן און געבן פינף פונט אויף אַ טעקסי". מיר האָבן זיך קוים דערוואַרט אויף זייער צוריקקער פון אָוונטברויט און זיך אומגעקערט קיין תּל-אָביב...

אויף מאָרגן פרי בין איך אַוועקגעפאָרן קיין חיפה אין פּאָרט. כ'האָב זיך קודם-כּל דערוווּסט דעם ווערט פון דער אָבליגאַציע. זי האָט געהאַט דעם ווערט פון עפּעס מער ווי אַ פונט... איך האָב אָפּגענומען מיין באַגאַזש, אים געבראַכט מיט אַ לאַסט-אויטאָ אין באַראַק, אין פּרדס רובין, און אָנגעהויבן אויספּאַקן. איך האָב דעם פעטער ניט טעלעפאָנירט. אין אָוונט איז ער געקומען צו מיר מיט אַ טענה, פאַר וואָס איך האָב אים ניט

טעלעפאָנירט. ער איז געבליבן אַן אַנטוישטער. ער האָט געוויס געמיינט, אַז איך בין אַנטלאָפן מיטן געלט... כ׳האָב אים גלייך אָפּגעגעבן די אָבליגאַציע און ער האָט זיך באַרויִקט.

אַזוי ווי נחמיהן איז געוואָרן 13 יאָר, האָבן מיר באַשטימט אָפּצומערקן עס ביי מיין ברודער אין שטוב. מיר האָבן צו דער שמחה בלויז פאַרבעטן מיין פעטער מיט זיין פרוי. איך מיט זלאַטען זיינען געקומען פון די אולפּנים. נחמיהן האָבן מיר געבראַכט פון יגור. מיין שוועגערין האָט צוגעגרייט אַ שיינעם טיש. מען האָט אָפּגעגעסן, אָפּגעטרונקען, געזונגען. ס׳איז געוואָרן שפּעט פאַרן אָפּגיין פון די לעצטע אויטאָס פון תל־אביב קיין פּתח־תקוה און גבעתיים. מיר האָבן פאַרשטייט זיך געקלערט צו נעכטיקן ביים ברודער, אָבער דאָ האָט מיין פעטער געזאָגט, אַז ער פוילט זיך צו פאָרן אין האָטעל קיין הרצליה און ער מיט זיין פרוי וועלן בלייבן דאָ נעכטיקן.

מיין ברודער איז ניט איינגעפאַלן, אַז מיר קענען אַ מאָל צוליב דער שפּעטער צייט ניט דערפאָרן אין אונדזערע אולפּנים און אַפילו ניט פאַרגעלייגט איבערצושלאָפן, כאָטש אויף דר׳ערד. צו אונדזער מזל האָבן מיר נאָך דערכאַפּט דעם לעצטן אויטאָ. איך האָב נחמיהן געבראַכט צו זיך אין אולפּן און געשלאָפן מיט אים אין מיין בעט. זלאַטע האָט באַוויזן צו קומען אין איר אולפּן אין גבעתיים.

אַזוי האָט זיך געענדיקט די בר־מיצווה פון נחמיהן...

דער פעטער אייזיק איז נאָך געבליבן אַ פּאָר וואָכן אין לאַנד און ער האָט באַשטימט, אַז ער מוז קומען אין אולפּן צו זלאַטען אין גבעתיים און זען, ווי זי לערנט זיך דאָרטן.

אין אַ קלאַסן־אַרבעט, וואָס מען האָט זיי אַרויסגעגעבן מיט אַ פּאָר טעג פריִער, האָט זלאַטע געלונגען באַשריבן מיין פעטער מיט דער אָבליגאַציע און דעם אָוונט־ברויט אין „אכדיה”. זי האָט עס געלייענט פאַר איר גאַנצן קלאַס מיט גרויס דערפאָלג. די שילער האָבן זיך געקייכט פון געלעכטער. זיי האָבן געמיינט, אַז ס׳איז אַן אויסגעטראַכטע מעשה. אין אַ פּאָר טעג אַרום איז דער פעטער אייזיק געקומען אין אולפּן און

אַריין צו זלאַטען אין איר קלאַס. די שילער האָבן אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער...

איך האָב געבעטן דעם פּעטער אייזיק, אַז אַזוי ווי ער איז אַ זינגער, זאָל ער מיר צושיקן אַ ביסל יידישע פאָלקס-לידער מיט נאָטן. כ׳האָב דערנאָך פון אים באַקומען אַ בריוו, וווּ ער גיט מיר אָן אַן אַדרעס פון אַן אָרגאַניזאַציע וואָס גיט אַרויס לידער מיט נאָטן. איך זאָל זיי שרייבן, היות איך בין געקומען אַ הונגעריקער פון רוסלאַנד, זאָלן זיי מיר עס שיקן אָן געלט... איך האָב פאַרשטייט זיך צו זיי ניט געשריבן און מיט דעם האָט זיך געענדיקט מיין קאָנטאַקט מיטן פעטער אייזיק.

## זלאַטע אין שול אין גבעת-שמואל

ס׳איז געקומען אַ סוף צו די אולפּנים. מיר האָבן אָנגעהויבן זוכן אַרבעט. ביי מיר איז עס צוגעגאַנגען זייער שווער. אויך זלאַטע האָט ניט געהאַט קיין באַזונדערע אויסזיכטן צו געפינען אַרבעט. איז זי אַוועק צום דיכטער סוצקעווער אַהיים. אים דערציילט אין וואָס עס גייט. סוצקעווער איז אויף מאָרגן אַוועק מיט זלאַטען צום הויפּט-אינספּעקטאָר פון בילדונגס-מיניסטעריום, פרישמאַן, פאַרגעשטעלט זלאַטען ווי אַ גלענצנדיקע לערערין. פרישמאַן האָט זיך גלייך פאַרבונדן טעלעפאָניש מיט עטלעכע שולן, ביז וואַנען ער האָט געפונען אָן אָרט פאַר זלאַטען אין דער שול פון גבעת-שמואל, האַרט לעבן אונדזער באַראַק אין פּרדס רוביץ. דאָס איז געווען אַ גרויסער גליק. זי האָט זיך פאַרגעשטעלט דעם פאַרוואַלטער פון שול, און ער האָט איר באַשטימט צו לערנען דעם פינפטן קלאַס. דעם אמת געזאָגט, האָט זיך זלאַטע דערשראָקן אָנצוהויבן מיטן פינפטן קלאַס מיט איר שוואַכן עברית. דער פאַרוואַלטער האָט זי אַריינגעפירט אין קלאַס, פאַרגעשטעלט זי ווי אַ גוטע לערערין, אַז זי מאַכט שיינע שול-פאַרשטעלונגען, דעריבער זאָל מען איר העלפן און זיין דיסציפּלינירט.

זלאַטע איז געבליבן אַליין אין קלאַס מיט די קינדער. זי האָט זיך צו זיי געווענדט, אַז אַזוי ווי זי איז אַ נייע עולה און קען נאָך ניט ריידן עברית פליסיק, זאָלן זיי איר אַרויסהעלפן, ווען עס וועט איר פעלן אַ

וואָרט. די קינדער זיינען געזעסן שטיל, און דער ערשטער טאָג אין שול איז דורך בסדר.

אויף מאָרגן האָט זי אין קלאַס אויסגעזונגען אַ ליד, און זיך באַגלייט מיט דער מאַנדאָלינע. זי האָט גאַר שטאַרק אויסגענומען ביי די קינדער. ביסלעכווייז, ביסלעכווייז האָט זי באַהערשט דעם קלאַס, זיי געלערנט, געזונגען מיט זיי, אָנגעהויבן גרייטן אַ פאָרשטעלונג. צום סוף לערניאָר האָט זי געפונען דעם פולסטן חן און צוטרוי ביי די קינדער און זיי האָבן זי ליב באַקומען.

פון אָנהייב נייעם לערניאָר האָט זי באַקומען אַן ערשטן קלאַס, געגאַנגען מיט אים ביזן פערטן, איינשליסלעך, און ווידער פון ערשטן קלאַס. זי איז געוואָרן באַליבט ביי די קינדער מיט איר ליבשאַפט צו זיי, מיט איר זינגען און שפּילן אויף דער מאַנדאָלינע און מיט אירע שיינע פאָרשטעלונגען, וואָס זי פלעגט מיט זיי צוגרייטן. אויך האָט זי געפונען חן ביים לערער־פּערסאָנאַל. זי האָט פון אָנהייב געצווייפלט, צי זי וועט מצליח זיין. איך האָב זי געמונטערט, קענענדיק אירע מעגלעכקייטן און פּעדאַגאָגישע כּוחות.

אין 1980 איז זלאַטע נאָכן אָפּלערנען 20 יאָר אין גבעת־שמואל אַרויס אויף פּענסיע. צום גרויסן באַדויערן און ווייטיק האָט זי צוליב איר אומהיילבאַרער קראַנקייט ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו געניסן פון דער פרייהייט, נאָכן אָפּלערנען 45 יאָר מיט קינדער אין פאַרשיידענע שולן, ביי פאַרשיידענע רעזשימען, אויף פאַרשיידענע שפּראַכן. די קראַנקייט האָט זי אויסגעמאַטערט און דעם 7טן יאַנואַר 1981 איז זי אַוועק אין דער אייביקייט...

דאָס איז געווען אַ מוראדיקער פאַרלוסט און געוואַלדיקער ווייטיק פאַר מיר, נחמיהן, פאַר דער משפחה און פאַר אַלע לערער און פּעדאַגאָגן, וואָס האָבן מיט זלאַטען מיטגעאַרבעט, ווי אויך פאַר די קינדער פון אירע קלאַסן.

און אָט ווי זיי האָבן זלאַטען כאַראַקטעריזירט:

„זלאַטע האָט ליב געהאַט די קינדער, וועלכע זי האָט געלערנט און דערצויגן. זי האָט געוווּסט דעם סוד ווי זיך צו באַגיין מיטן קינד, צו שעצן

אים און מקרב זיין. זי איז געווען צווישן די קינדער די טרייבקראַפט — זיי דערציִען אין גייסט פון צוזאַמענאַרבעט און קעגנזייטיקער אחריות".

„זלאַטע האָט איינגעזאַפּט אין זיך אַלע ניואַנסן פון דער יידישער פאָלקסטימלעכקייט. איר שפּראַך, איר הומאָר, איר שיינער יידישער שמייכל, דער גלאַנץ פון אירע גרויסע שיינע יידישע אויגן איז געווען אַ בפירושער אויסדרוק פון יידישער געמיטלעכקייט. זי האָט פאַרמאָגט אַ פּאָעטישע נשמה. מיט איר זיסער שטים, מיט אַ סך געשמאַק און חן האָט זי געזונגען יידישע פאָלקסלידער. זלאַטע איז געווען לויט איר מענטאַליטעט אַ פאָלקס־לערערין. זי האָט פון קינדוויַיז אָן געשטרעבט צו פּעדאַגאָגישער אַרבעט. זלאַטע איז געווען דער סינטעז פון איינגעבאָרענע פּעדאַגאָגישע פעיִקייטן, פון אַ יידיש הארץ, וואָס האָט אַזוי פיל ליבע געשאָנקען די קינדער, און דערצו — אַ פאַרוואָרצלטע אין דער יידישער טראַדיציע און פּאָעזיע".

„זלאַטע איז געווען פאַרגעטערט פון די קינדער צוליב אירע אויסער־געוויינלעכע פּעדאַגאָגישע פעיִקייטן. זי האָט געפּאַנגען די הערצער ניט נאָר פון די קינדער, נאָר אויך פון די אַלע, מיט וועמען זי איז געקומען אין קאָנטאַקט. זלאַטע האָט שטענדיק געהאַט אַ שמייכל אויפן פּנים, זיך איידל באַצויגן צו די קינדער, קיין מאָל ניט אויפגעהויבן די שטים, דערקלערט די לעקציע מיט אַן אויסערגעוויינלעכער פּשוטקייט".

„אירע שילער זיינען געווען די גליקלעכסטע אין שול. הינטער דער טיר פון איר קלאַס האָט זיך שטענדיק געהערט אַ געזאַנג פון קינדער, אָדער דאָס שפּילן פון אַ מאַנדאָלינע. אירע אַ לעקציע איז שטענדיק געווען ווי אַ פאַרשטעלונג, ווו אַלע זיינען אַרטיסטן און די לערערין די רעזשיסערין. און אַזוי האָבן די קינדער איינגעזאַפּט דעם לערן־מאַטעריאַל אין זיך. זלאַטע האָט שטענדיק אויף אַ זיצונג פון לערער־פּערסאָנאַל געקאָנט צו נישט מאַכן די שפּאַנונג ביי די לערער בעתן אָננעמען אַ וויכטיקן באַשלוס, מיטן דערציילן אַ פריילעכע מעשהלע".

„מיט זלאַטעס אַוועקגיין אין דער אייביקייט האָבן מיר פאַרלאָרן אַ פּעדאַגאָגין, וואָס מיט אירע פאַרשיידנאַרטיקע וועגן פון דערציִונג איז זי דערגאַנגען צו שלמות".

„ס'איז צו באַוווּנדערן זלאַטעס אָפּטימיזם, ווען זי האָט אין עלטער פון 45 יאָר נאָכן איבערלעבן אַזאַ שווערן חורבן אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, אָנגעהויבן אויף ס'ניי איר פּעדאַגאָגישע טעטיקייט. מיטן שטענדיקן שמייכל און שפּאַס, מיטן יידישן טראַדיציאָנעלן ניגון, וואָס האָט באַגלייט די אייראָפּעישע יידן אין אַלע דורות. מיר האָבן געפילט די רייכע קולטור־ירושה אויף וועלכער זלאַטע האָט זיך דערצויגן און געוואַקסן — דער יידישער הומאָר, איר ניגון און געזאַנג".

„זלאַטעס אַ לעקציע איז געווען זייער אינטערעסאַנט ווי אַ שפּרודלדיקער קוואַל. די אייגעלעך פון די קינדער גלאַנצן פול מיט ליבע און פאַרגעטערונג צו איר. זי האָט געהאַט אַ ספּעציעלן צוגאַנג צו יעדן פון די קינדער, האָט ליב געהאַט אַלעמען, האָט זיי געגעבן אַ סך ליבע און געפאָדערט ליבע".

„ס'איז געווען שוין איין מאָל אַ זלאַטע! יאָ, געווען און ניטאָ מער"...

*

אויפן אָוונט צום סיום פון זלאַטעס אַרבעט ביים אַרויסגיין אויף פּענסיע, האָט זי צווישן אַנדערן געזאָגט: „איך בין גליקלעך, וואָס כ'האָב אויסגעקליבן די שענסטע פּראָפעסיע אויף דער גאַנצער וועלט — פּעדאַגאָגיק. כ'האָב געלערנט קינדער אין פאַרשיידענע לענדער אין פאַרשיידענע שפּראַכן, דער לערן־מאַטעריאַל איז געווען אין יעדן לאַנד אַ פאַרשיידענער, אָבער די קינדער זיינען די זעלביקע אויף דער גאַנצער וועלט. ס'איז ניט שיין מקנא צו זיין, אָבער איך בין אייך, לערער, שוין מקנא, וואָס איר וועט הערן דעם גלעקל דעם 1טן סעפּטעמבער... וואָס איז ווערט אַ לערערין, ווען זי זעט ניט יעדן פרימאָרגן אירע שילער? און אַזוי האָט מיך גאָט באַשאַפן, אַז כ'האָב נאָך ניט גענוג געלעבט, ניט גענוג דערציילט, ניט גענוג געאַרבעט. ווער האָט עס בכלל אויסגעטראַכט דאָס וואָרט ,גענוג' ?.."

און ווי האָבן אירע שילער אָפּגעשאַצט זייער לערערין זלאַטע?

„איך האָב ליב געהאַט זהבהס פאַרכאַפּנדיקע דערציילונגען וועגן אויפקום פון ישראל, וועגן דער שואה. די יאָרן וואָס זהבה האָט אונדז געלערנט זיינען געווען וווּנדערלעכע, אויף אייביק אומפאַרגעסלעכע".

„זהבה האָט איינגעפלאַנצט אין אונדז ליבע. זי האָט געוווּסט ווי צו רעאַגירן און ווי זיך צו באַציִען צו יעדן שילער באַזונדער. זי האָט געקענט יעדן שילער בעסער ווי מיר אַליין האָבן זיך געקענט".

„איך האָב געהאַט ביז אייך דריי לערערינס. אָבער אייך האָב איך ליב. איר מאַכט אונדז שטענדיק לאַכן, דערציילט אונדז מעשהלעך, איר שפּילט און זינגט מיט אונדז. קיינער האָט אונדז ניט געקאָנט באַרויִקן, נאָר איר... הלוואי וואָלט איר געבליבן מיט אונדז אויף שטענדיק"...

★

אין סך־הכּל איז זלאַטע געווען אַ ליכטיקע געשטאַלט. ווי אַלע מענטשן, האָבן איך און אויך זי געהאַט שוואַכקייטן, וואָס אין משפּחה־לעבן האָבן זיי זיך אָפּגעשפּיגלט ביי פאַרשיידענע סיטואַציעס.

איצט, ווען איך מאַך דעם סך־הכּל פון 7 יאָר אָן זלאַטען, ווען איך טראַכט זיך אַריין וועגן מיין אויפפירונג כּלפּי איר אין אונדזער 36־יאָריקן צוזאַמענלעבן, קום איך צום אויספיר, אַז מיין אַקטיווע געזעלשאַפטלעכע אַרבעט פאַרן ווילנער פאַרבאַנד אין תּל־אביב, האָב איך געטאָן קעגן זלאַטעס ווילן, האָב פאַרנאַכלעסיקט אונדזער פאַמיליע־לעבן און נאָר אַ דאַנק זלאַטען האָב איך אויך געקאָנט אויפטאָן אויפן געזעלשאַפטלעכן געביט.

זלאַטע איז געווען געצוווּנגען צוליב מיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט צו בלייבן כּמעט שטענדיק אַליין אין שטוב, מיט זיך אַליין. איך האָב טאַקע געהאָלפן אויפבויען אין ישׂראל אַ ווילנער כאָר, אַ ווילנער קלוב, אַ מאַנדאָלינע־אָרקעסטער, אַ ביבליאָטעק, געזאָרגט פאַרן ווילנער הויז, אָבער כ׳האָב גלייכצייטיק פאַרנאַכלעסיקט זלאַטען... און ווען איך שטעל מיך איצט די פראַגע — וואָס איז בילכער, וואָס איז וויכטיקער: מיין 25־יאָריקע געזעלשאַפטלעכע אַרבעט פאַר די ווילנער אָדער משפּחה־לעבן, פיל איך זיך שולדיק כּלפּי זלאַטען. און נאָר אַ דאַנק איר אויסדויער האָב איך געקאָנט אָנגיין מיט מיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, ווייל זי האָט פאַרשטאַנען, אַז איך טו אַ וויכטיקע אַרבעט. איצט האָב איך דערזען, אַז איך האָב דער דאָזיקער אַרבעט אוועקגעגעבן צו פיל צייט, געזונט און כּוחות.

איצט פאַרשטיי איך עס, אָבער ס'איז שוין צו שפּעט, איך האָב פאַרלאָרן אַזאַ טייערע, זעלטענע לעבנס־באַגלייטערין...

## איך הייב אָן אַרבעטן

איך קער זיך אום צו מיינע ערשטע טריט אין ישׂראל.

זיבן חדשים האָב איך קיין אַרבעט ניט געקאָנט געפינען. אַ דאַנק אונדזערער אַ שכנה אין באַראַק אין פּרדס רובין, האָב איך געפונען אַ פאַרבינדונג מיט אירן אַ גוטן פריינד, און האָב פון אים באַקומען אַ רעקאָמענדאַציע אין ביטוח לאומי, און אין נאָוועמבער 1959 האָב איך געקראָגן אַרבעט אַלס קאָנטראָליאָר ביי די אַרבעט־געבער, צי זיי צאָלן ריכטיק פאַרן ביטוח לאומי און מס־הכנסה.

גלייך נאָכן קומען אין לאַנד האָב איך זיך פאַרשריבן אין אַן אולפּן צו לערנען עברית אין פּתח־תקוה. דאָ אויך געהאַט אַן אָרט צום שלאָפן און באַשפּייזונג. פון אָנהייב איז זלאַטע דאָרטן אויך געווען אין אַ העכערן קלאַס. שפּעטער, ווי שוין געזאָגט, איז זי אַריבער אין אולפּן פאַר לערער אין גבעתיים. איך האָב געהאַט אַ גוטע לערערין. בין באַוווּסט געוואָרן אין אולפּן מיט מיין זינגען. צום סיום האָב איך צוגעגרייט דאָס ליד „השיקמים", אָבער דער עיקר האָב איך זיך געשטעלט פאַר אַ ציל אויסצולערנען אויסווייניק אויף עברית דעם קאַפּיטל פון „מאָטל פּייסי דעם חזנס" וועגן דעם קוואַס. כ'פלעג אויסניצן יעדע געלעגנהייט דאָס אויס צולערנען. פאַרנדיק יעדן פרייטיק צו נחמיהן קיין יגור פלעג איך זיצנדיק אין אויטאָ לערנען אויף אויסווייניק.

נאָך $3\frac{1}{2}$ חדשים לערנען אין אולפּן האָב איך אויף דער סיום־פייערונג געזאָגט אויף אויסווייניק דעם קאַפּיטל מיטן קוואַס. מיין לערערין האָט מורא געהאַט, איך זאָל זיך ניט צעטומלען אָבער כ'האָב זיך ניט צעטומלט, און ס'איז דורך מיט אַ גרויסן דערפאָלג. איך האָב באַקומען אַ צייגעניש מיט אַן אויסצייכענונג, נאָר דאָס האָט מיר ניט געהאָלפן צו באַקומען אַרבעט...

אָבער דעם 15טן נאָוועמבער 1959 האָב איך צום ערשטן מאָל אָנגע־

הויבן אַרבעטן אין ישראל. כ׳פלעג יעדן טאָג באַקומען אַ געוויסע צאָל פּאַפּקעס מיט דאָקומענטן פון די אַרבעט־געבער און לויט די אַדרעסן גיין קאָנטראָלירן, ווי זיי צאָלן פאַר זייערע אָנגעשטעלטע. כ׳האָב אָנגעהויבן ריידן עברית, אָפט מאָל „געהאַקט אַ טשייניק״, אָבער מען פלעגט אומעטום פאַרריכטן מיין עברית. כ׳פלעג אַפילו באַקומען קאָמפּלימענטן פאַר מיין ריידן, אָבער אַליין איז מיר געווען שווער אויסצוקומען מיט דער אַרבעט. האָט מען מיר געגעבן אַ שותף, וואָס קען גוט די דאָזיקע מלאכה.

מיר זיינעןביידע אַוועק אין יפו קאָנטראָלירן אַ שוך־פאַבריקל. ווי נאָר מיר זיינען אַריין אַהין האָבן מיר דערזען, אַז אַלע אַרבעטער צעלויפן זיך, ווער דורך אַ זייטיקער טיר, ווער דורכן פענצטער... עס איז פאַר אונדז געבליבן אַ גרויסער ליידיקער זאַל מיט מאַשינעס. דער באַלעבאָס — אַן איראַקער, אין די מיטעלע יאָרן, האָט געבעטן, אַז מיר זאָלן אַוועקגיין, ווייל ער איז זייער דענערווירט און ער איז פאַר זיך ניט פאַראַנטוואָרטלעך. מיר זיינען גלייך אַרויס. ביי דער טיר, אויפן גאַס, איז געשטאַנען זיינער אַן אַרבעטער און האָט אונדז איבערגעגעבן אַלע נייטיקע פּרטים וועגן זיינע אַלע אַרבעטער, פּערצן לויט דער ריי. מיר האָבן עס פאַרשריבן און אַוועק.

אין עטלעכע טעג אַרום איז מיין שותף ווידער אַוועק אַהין, שוין אָן מיר. ער האָט פון באַלעבאָס באַקומען גאָר אַנדערע געגעבענע, וואָס האָבן ניט געשטימט מיט אונדזערע. אונדזער אָנפירער (פקיד שומה) האָט אים פאַררופן צו זיך און אים באַשטראָפט מיט 3000 פונט. דאָס איז דאַן געווען זייער אַ גרויסע שטראָף.

איך האָב ווייטער אָנגעהויבן צו גיין אַליין. אין אַ געוויסן אָרט האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף אומפּינקטלעכקייטן. איך האָב אָנגעשריבן אַ פּראָטאָקאָל און איבערגעגעבן מיין ממונה. מען האָט אונדז מיטן אַרבעט־געבער קאָנפראָנטירט, און ער איז באַשטראָפט געוואָרן מיט אַ גרויסער געלט־שטראָף. כ׳בין זייער ניט געווען צופרידן פון מיין אַרבעט, אָבער כ׳האָב ניט געהאַט קיין אויסזיכטן צו באַקומען אַן אַנדערע.

סוף מערץ, ס׳הייסט, אין אַ האַלבן יאָר אַרום, האָט מען מיך אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט, נאָר אויף מאָרגן ווידער גערופן. זיי זיינען געווען

פון מיר צופרידן. אָבער איך האָב באַקומען אַ מעגלעכקייט אַריבערצוגיין אַרבעטן אַנדערש ווו — אין ביטוח לאומי. און איך בין טאַקע אַוועק אַהין. דאָ איז שוין די אַרבעט געווען נאָר אין ביוראָ. איך האָב געמאַכט גרויסע פאָרשריטן, ביז איך האָב לויט אַ קאָנקורס באַקומען אַ מער פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט — אַן אָנפירער פון אַן אָפּטייל ביים אויסמאָנען די צאָלונגען פון די אַרבעט־געבער. אין עברית האָט מיר זייער אַ סך געהאָלפן מיינער אַ מיטאַרבעטער, גערוויץ. אַגב, איז ער דורך ווי אַ סאָוועטישער סאָלדאַט די גאַנצע מלחמה ביז בערלין און קומענדיק אַהער אין ישראל אויך געקעמפט מיטן ביקס אין דער אָנטשטייונג־מלחמה פון דער מדינה.

אַזוי האָב איך אָפּגעאַרבעט אין ביטוח לאומי 26 יאָר און בין אַרויס אויף מלוכישער פענסיע.

✶

יעדן יאָר, זומערצייט, פלעגן פאָרקומען די יערלעכע מאַרשן איבערן לאַנד. אַזוי ווי איך בין אַ גרויסער ליבהאָבער פון מאַרשירן, האָב איך אָנגעהויבן אָנטייל צו נעמען. עס פלעגט יעדן יאָר גיין אַ גרופּע פון ביטוח לאומי. פון אָנהייב פלעגט מען גיין פיר טעג, ביי 140 ק״מ. שפּעטער האָט מען געקירצט דעם מרחק. מיר פלעגן זיך איינאָרדענען אין מיליטערישע ברעזענטענע ביידלעך אויף שטרוי. די מאַרשן זיינען געווען צוציִענדיקע, ווייל מען האָט זיך געפילט פריי ווי יונגע מענטשן, אָן זאָרג און אָן דאגות. אויף דעם ערשטן מאַרש האָב איך זיך צוגעהערט צו אַ דיאַלאָג פון צוויי עלטערע מענטשן. זאָגט איינער: „חיים, דו ווייסט ניט צו וואָס האָב איך עס געדאַרפט? זיך קומען אַהער וואַלגערן? כ׳האָב דאָך געקאָנט שלאָפן אין שטוב אין אַ ווייכער בעט!״ אָבער צום סוף איז ער מסכים געווען מיט זיין חבר, וואָס האָט אים דערקלערט, אַז ס׳איז גוט אויף דער עלטער אַ ביסל זיך צו וואַלגערן, בכדי צו זען דעם אונטערשייד פון אַ ווייכער בעט ביז ווייליונגערישקייט און מאַרשירן צענדליקער קילאָמעטער.

איך האָב אַזוי אָפּגעמאַרשירט 16 מאָל און באַקומען צווישן אַנדערן

א זילבערנעם מעדאַל פאַר צען מאַרשן און אַ גאָלדענעם פאַר 15 מאַרשן. קומענדיק איין מאָל פון אַזאַ מאַרש האָב איך געטראָפן זלאַטען מיט אַ קראַנקן פוס. זי האָט מיר דאַן געזאָגט — דו גייסט אויף די מאַרשן און איך רייב אָן מיינע פיס...

## אין באַראַק אין פרדס רובין

נאָכן ענדיקן דעם אולפן זיינען מיר אַריבער וווינען אין אַ באַראַק. דאָרטן זיינען געווען דריי צימערלעך מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן, בעסער ווי אונדזער שטענדיקע דירה אין ווילנע.

זלאַטע האָט, ווי געזאָגט, אָנגעהויבן אַרבעטן אין דער דערביייִקער שול אין גבעת־שמואל. נחמיהן האָבן מיר געבראַכט פון יגור און אַריינגעגעבן לערנען אין דער זעלבער שול. פון אָנהייב האָט ער געהאַט שוועריקייטן מיט דער שפּראַך, אָבער דערנאָך איז אים אַוועק זייער גוט און ער האָט באַהערשט די שפּראַך אַזוי ווי אַלע סאַברעס. מער ווי אַ יאָר האָבן מיר אָפּגעלעבט אין הילצערנעם באַראַק. אונדז האָט צוגעטוליעט די משפחה קוקער פון גבעת־שמואל. די מאַמע פון דער דאָזיקער וווּנדערלעכער משפחה האָט געאַרבעט אין דער שול ווו זלאַטע, אַלס סעקרעטאַרין. אין אַ סך שבתים און אויך יום־טובים זיינען מיר געווען פאַרבעטן צו זייער טיש, וואָס האָט אַליין געציילט פינף פּערזאָן. נאָך ביז היינטיקן טאָג קען איך ניט פאַרגעסן זייער האַרציקייט און אויפריכטיקע פריינדלעכקייט.

דאָס לעבן האָט זיך נאָרמאַליזירט. נחמיה האָט זיך געלערנט גוט, מיר ביידע האָבן געאַרבעט און האָבן שוין אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אַ שטענדיקער וווינונג.

נחמיה איז אויך אַוועק לערנען ווייטער מוזיק. מיר האָבן אים פאַרשריבן אין תל־אביבער קאָנסערוואַטאָריע און ער האָט מצליח געווען. נאָכן ענדיקן די פאָלקשול איז ער אַוועק לערנען אין גימנאַזיע אין בני־ברק. ער האָט געענדיקט די קאָנסערוואַטאָריע און איז אַוועק לערנען אין דער מוזיק־אַקאַדעמיע, וואָס ביים תל־אביבער אוניווערסיטעט.

אין מיטלשול האָט ער זיך געלערנט גוט, באַזונדערש זיך אויסגעצייכנט אויפן געשיכטע־לימוד. ער האָט זיך גענומען אינטערעסירן מיט גראַפאָ־לאָגיע. געקויפט 2 ביכער אין ענגליש, זיי גלייך אויסגעשטודירט און אָנגעהויבן זיך אַליין עקזאַמענירן. מיר האָבן באַקומען אַ פּאָסטקאַרטל פון אַ באַקאַנטער פרוי. האָט ער עס איבערגעלייענט און כאַראַקטעריזירט די פרוי מיט אַלע פּיטשעווקעס. ער האָט אונדז געזאָגט, אַז די פרוי איז זייער אַ דיקע און האָט ליב אַ סך צו עסן... ער האָט געטראָפן אין פּינטל! ער האָט דערנאָך אויך אויסגעלערנט פון ביכער די אַסטראָלאָגישע תורה און זי באַהערשט. אויך האָט ער אויסגעלערנט אַ כינעזישע סיסטעם־לערע, וואָס זאָגט, אַז לויט ציפער קען מען דערקענען אַ מענטשן, ווייל יעדע ציפער האָט אַ ספּעציעלע באַדייטונג. אין לעצטן קלאַס פון גימנאַזיע האָט ער אַ סך געדאַרפט אַרבעטן איבער די לימודים און גלייכצייטיק שפּילן אויפן פּיאַנע, זיך גרייטן צום ענדיקן די אַקאַדעמיע. ווען איך האָב אים פאַרגעלייגט, ער זאָל צייטווייליק איבעררייסן די מוזיק, האָט ער געזאָגט, אַז די מוזיק איז אים שווין אַריין אין די בלוטן און ס׳איז אים שווער איבערצורייסן. ער האָט פאַרגעזעצט זיינע לימודים אין ביידע לערן־אַנשטאַלטן און געענדיקט די גימנאַזיע זייער גוט. ער האָט זיך גענומען גרייטן צום מיליטער.

זיך אויסגעדינט פון צה״ל, איז ער אַוועק ענדיקן די אַקאַדעמיע און אויך געלערנט אויפן עקאָנאָמישן פאַקולטעט.

מיטן אויסבראָך פון דער זעקס־טאָגיקער מלחמה האָט מען אים אַלס בן־יחיד ניט מאָביליזירט, אָבער ער איז אַוועק פרייוויליק און אָנטייל גענומען אין דער מלחמה.

✶

ס׳איז געקומען די צייט און מיר האָבן באַקומען אַ באַקוועמע דירה אין בני־ברק פון $2\frac{1}{2}$ צימערן. מען האָט געדאַרפט אַריינטראָגן אַ געוויסע סומע געלט פאַר דער דירה. מיר האָבן עס ניט געהאַט. האָבן מיר אַנגעלייען אין בענק און אויך ביי אונדזערע נאָענטע חברים און פריינד. מיר האָבן פאַרלאָזן דעם באַראַק און זיך אַריינגעקליבן אויף שטענדיק אין דער נייער

דירה מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן. נאָך אונדזער ווילנער דירה און בשותּפותדיקער דירה אין פּוילן, האָבן מיר ענדלעך געלעבט אין אַן אייגענער דירה!

## מיינע געזאַנג־אויפטריטן

נאָך אַלעמען האָט מיך געצויגן צו דער בינע. איך האָב זיך דערוווּסט, אַז אין זאַל פון ועד־הפּועל, אין תּל־אביב, דאַרף פּאַרקומען אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון ייִדישע אַקטיאָרן. האָב איך זיך אויסגעפּוצט אין אַ שיינעם, העלן אַנצוג, מיט אַ זומערדיקן מאַנטל איבערן האַנט און אַוועק צו דער פאַרזאַמלונג. דאָרטן האָב איך געזען אַ סך באַקאַנטע, מיט וועלכע איך האָב פאַר דער מלחמה געשפּילט אין ווילנע און אויך סתּם באַקאַנטע אַקטיאָרן. דער פאַרזיצער האָט מיך געפרעגט ווער איך בין. איך האָב אים געזאָגט. ער האָט געפרעגט ביי די אַנטיילנעמער ווער עס קען מיך. איך האָב דערזען אין דער ערשטער ריי זיצן יוסף ווידעצקי, מיט וועלכן איך בין אַ סך מאָל אויפגעטראָטן אין ווילנע. עס זיינען געווען דאָרטן נאָך אַקטיאָרן וואָס האָבן מיך געקענט, אָבער אַלע האָבן געשוויגן... די איינציקע וואָס האָט מיך דערקענט איז געווען בערטע קאַפּלאַן. זי האָט זיך אַוועק־געשטעלט און געזאָגט, אַז זי קען מיך ווי אַן אַקטיאָר פון ווילנע.

דער פאַרזיצער האָט מיך געבעטן צו פאַרלאָזן די פאַרזאַמלונג, און איך בין אַוועק. אין עטלעכע טעג אַרום איז געקומען צו מיר אין באַראַק יוסף ווידעצקי, וואָס האָט מיך דאָרטן ניט דערקענט, און געבעטן ביי מיר איך זאָל אים געבן רעוויו־מאַטעריאַל, וואָס איך האָב געבראַכט מיט זיך... איך האָב אים פאַרשטייט זיך זייער שיין אָפּגעזאָגט. אויף אַזאַ חוצפּה האָב איך זיך ניט געריכט!

איך האָב נאָך דעם אַנגעגעבן אַ בקשה צום אַלגעמיינעם אַרטיסטן־פאַראיין וועגן אַנעמען מיך אַלס מיטגליד. מען האָט מיך גערופן אויף אַן איינטריט־עקזאַמען אין אַ זאַל פון קאָנסערוואַטאָריע „רון". עס איז געזעסן אַ קאָמיסיע פון פינף מאַן. איך האָב פאַר זיי אויסגעפירט בראָדער־זאַנס אינטערמעדיעס צו שלום־עליכמס „דאָס גרויסע געווינס" לויט דער

מוזיק פון הענעך קאָן. נחמיה האָט מיך באַגלייט אויף דער פּיאַנע. איך האָב מצליח געווען און בין געוואָרן אַ מיטגליד פון אַלגעמיינעם אַרטיסטן־פאַראיין.

בעטי סעגאַל, וואָס האָט אַ קורצע צייט מיטגעאַרבעט מיט מיר אין ווילנער „מיידים״, האָט מיר פאָרגעלייגט צו שפּילן אין „אהל״, ווו זי האָט געשפּילט. כ׳האָב ניט געהאַט קיין גרויסן חשק צו שפּילן אויף עברית און איר אָפּגעזאָגט.

איך האָב אָנגעהויבן אויפטרעטן אין פאַרשיידענע ערטער מיט געזאַנג. קודם־כל האָב איך געמאַכט אַן אייגענעם קאָנצערט אין נחמיהס באַגלייטונג אין „בית־תבורי״, אין תל־אביב. ס׳איז געקומען אַ גאַנץ גרויסער עולם און איך האָב מצליח געווען. כ׳האָב אַליין געגעבן אַ פּראָגראַם פון ייִדישע לידער אין צוויי טיילן.

אָנהייב 60ער יאָרן האָב איך אַקטיוו אָנטייל גענומען אין די פאָרשטעלונגען פון אַן אַרטיסטן־גרופּע אין ייִדיש, אָרגאַניזירט דורך דער רוטינירטער און באַקאַנטער אַקטריסע פון די ייִדישע טעאַטערן אין פּוילן פון פאַר דער מלחמה, גאָלדע אַמזעל.

אַמזעל האָט דאָ אין ישׂראל געלעבט אַליין אין אַ קליינער דירהלע אין בני־ברק. איר מאַן, אויך אַן אַקטיאָר, איז אומגעקומען פון די נאַצישע רוצחים. פינאַנסיעל האָט זי זיך זייער געמאַטערט, ווייל צוליב איר עלטער האָבן איר די ייִדישע טרופּעס אין ישׂראל ניט אַנגאַזשירט.

האָבן מיר, אַקטיאָרן, אויף איר בקשה, אָנטייל גענומען אין פאַרשיידענע פאָרשטעלונגען, וואָס זי פלעגט אָרגאַניזירן און רעזשיסירן. צוזאַמען מיט מיר האָבן געשפּילט דער אַקטיאָר כאַמיידעס, די אַרטיסטין רחל שפּאַן און די שוועסטער פאָלע און דאָרע מאַגער. יעדערער פון אונדז האָט אָנטיילגענומען, בכדי צו העלפן די אַמזעל אין איר שווערער מאַטעריעלער לאַגע און מיר פלעגן באַקומען דערפאַר אַ סימבאָלישן אָפּצאָל. די גאַנצע הכנסה פון די פאָרשטעלונגען פלעגן מיר איר אָוועקגעבן.

אין די פּראָגראַמען פון די פאָרשטעלונגען פלעגן אַריינגיין אַקטן פון גאָלדפאַדענס פּיעסעס „שולמית״ און „בר־כוכבא״, איינאַקטערס פון

שלום־עליכם און פֿאַרשיידענע רעווי־נומערן, באַגלייט דורך אַ פּיאַניסט. אויך מיין נחמיה האָט איין מאָל באַגלייט אַזאַ פֿאַרשטעלונג.

אָמזעל פֿלעגט מיט גרויסע שוועריקייטן באַקומען אַ דערלויבעניש צו שפּילן און נאָך שווערער באַקומען אַ זאַל. עס פֿלעגט קומען אַ גאַנץ גרויסער עולם, מיר פֿלעגן אויפֿטרעטן מיט דערפֿאָלג.

אַזוי האָט זיך עס געצויגן ביז דער 6־טאָגיקער מלחמה.

זיך דערוווּסט, אַז אליהו יאָנאַס, מיין יוגנט־חבר, פֿירט אָן מיטן ייִדישן אָפּטייל אין ראַדיאָ, האָב איך זיך מיט אים פֿאַרבונדן און אַריינגעזונגען עטלעכע צענדליק לידער פֿון מיין רעפּערטואַר, וועלכע מען גיט אָן נאָך ביז היינטיקן טאָג. מיין באַגלייטער איז געווען נחמיה.

איך האָב אַ גאַנץ לאַנגע צייט אויפֿגעטראָטן מיט סאָלאָ־אויפֿטריטן אין פֿאַרשיידענע ערטער אין לאַנד. וויפֿל נחמיה איז געווען פֿריי, איז ער מיט מיר מיטגעפֿאָרן ווי אַ באַגלייטער. שפּעטער האָב איך געהאַט אַנדערע אַקאָמפּאַניאַטאָרן. איינער אַזאַ, קוגעל, אַ גוטער שפּילער, פֿלעגט קומענדיק מיט מיר אויף אַן אויפֿטריט, קודם־כּל אויפֿעסן אַ געבראָטן הינדל פֿון זיין טאַש, ער פֿלעגט פֿאַרטרינקען מיטן פֿלעשל וואַסער, וואָס איז געווען גרייט פֿאַר מיר און דערנאָך פֿלעגט ער זיך נעמען דורכקוקן די נאָטן...

★

ביי עטלעכע דערציִער און לערער פֿון ייִדישן קינדערהיים אין ווילנע וואָס האָבן זיך געפֿונען אין לאַנד, איז אויפֿגעקומען אַ געדאַנק פֿון אָרגאַניזירן אַ צוזאַמענפֿאָר פֿון אַלע דערצויגלינגען, וואָס געפֿינען זיך אין לאַנד. איך האָב גענומען אויף זיך די איניציאַטיוו עס צו אָרגאַניזירן. אויפֿגעזאַמלט ביי 60 אַדרעסן, פֿונאַנדערגעשיקט בריוו און אַלע זיינען געקומען צום אָנגעוויזענעם טאָג. ס'איז געווען אַ געלונגענע באַגעגעניש. מען האָט זיך געפֿרייט, געוויינט, זיך אויסגעדערציילט וועגן זיך און אַנדערע. איך האָב אויך אָנטייל גענומען אין קינסטלערישן טייל פֿון אָוונט. דאָס איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכע באַגעגעניש וואָס איז פֿאַרפֿיקסירט געוואָרן אין אַן אַלגעמיינער פֿאָטאָגראַפֿיע.

★

נחמה ליפשיץ, די באַוווּסטע זינגערין, האָט קומענדיק ווי אַ נייע עולה אין לאַנד געגעבן עטלעכע קאָנצערטן אין דער באַגלייטונג פון אַ גרויסן אָרקעסטער אין היכל־התרבות. דאָס זיינען געווען אומפאַרגעסלעכע קאָנ־צערטן וואָס האָבן באַצויבערט די צושויער. נאָך די דאָזיקע אָפיציעלע קאָנצערטן האָט זי זיך פאַרבונדן מיט נחמיהן און ער איז געוואָרן כמעט איר שטענדיקער באַגלייטער אויף אירע פאַרשיידענע אויפטריטן אין לאַנד. זי האָט אים נאָך געדענקט פון דער ווילנער פילהאַרמאָניע, ווען ער פלעגט צו מיר אַריינגיין נאָך די לימודים אין ערשטן קלאַס און זיך באַרימען מיט זיינע באַקומענע מיינונגען...

## פּראָפעסאָר טשעזשאָווסקי אין ישׂראל

פרילינג 1963 האָבן מיר אָראָפּגעבראַכט דעם פּראָפ. טשעזשאָווסקי מיט זיין פרוי און אַדאָפּטירטן טעכטערל קיין ישׂראל צו גאַסט.

פּראָפ. טשעזשאָווסקי האָט געראַטעוועט אַחוץ זלאַטען, וואָס איז געווען ביי אים אין וווינונג $1\frac{1}{2}$ יאָר אַלס דינסט, נאָך 18 ייִדן. ער האָט זיי איינגעאָרדנט ביי באַקאַנטע, אַלס אָרגאַניסט אין אַ קלויסטער און אין אַנדערע ערטער. ביי אים אין וווינונג האָבן די דאָזיקע ייִדן איבערגעלאָזן זייערע בעסטע קליידער און ווערטפולע זאַכן. ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס ביי אים איז די מאַטעריעלע לאַגע געווען זייער אַ שווערע, האָט ער זיך ניט צוגערירט צו די דאָזיקע, ביי אים איבערגעלאָזענע זאַכן, בכדי זיי צו פאַרקויפן און פאַרן געלט איינשאַפן שפּייז־פּראָדוקטן פאַר זיין משפחה. ער האָט געגלייבט אין צוריקקער פון די ייִדן.

דאָ, אין ישׂראל האָבן מיר געשאַפן אַ קאָמיטעט אים אויפצונעמען. בראש פון קאָמיטעט איז געשטאַנען ד"ר פעסעל, אויך אַ געראַטעוועטער דורכן פּראָפעסאָר. מיר האָבן אַלץ געטאָן, בכדי דער באַזוך זאָל אויסקומען וואָס בעסער און אינטערעסאַנטער. „אל על" האָט געגעבן אַ הנחה פון 50%; קרן קיימת האָט געשטעלט צו זיין דיספּאָזיציע אַ לייכטע מאַשין מיט אַ שאָפער צו פאָרן אין נגב, און אויך אַנדערע הנחות האָבן מיר

באַקומען. מיר האָבן זיך באַשטייערט מיט געלט און ס׳האָט זיך אָנגעקליבן אַ באַדייטנדיקע סומע.

די ערשטע צוויי וואָכן זײַנען זיי געווען בײַ אונדז אין שטוב אין בני־ברק. זיי האָבן געהאַט גרויס פאַרגעניגן בײַיצוזײַין אויף אַ סימפאָנישן קאָנצערט אין היכל־התרבות. מיר האָבן זיי געפירט קיין ירושלים אָנקוקן דעם צה״ל־פּאַראַד אין יום־העצמאות. אין ירושלים זײַנען זיי געווען געסט פון ד״ר פעסעל. מיר האָבן יעדן טאָג זיי געוויזן כאַראַקטעריסטישע זאַכן פון לאַנד. זיי זײַנען געקומען צו זלאַטען אין שול, ווו מען האָט זיי האַרציק באַגריסט. מיר האָבן אָרגאַניזירט אַן אָפיציעלן אויפנעם אין בית־סוקולוב. עס איז געקומען אַ גרויסער עולם זיי צו באַגריסן. עס איז אויך געקומען אַן אָפיציעלער פאַרשטייער פון פּוילישן קאָנסולאַט. דער פּראָפעסאָר האָט דאָרטן רעפערירט אין פּויליש וועגן פילאָלאָגיע. עס איז פאַרגעקומען אַ באַגעגעניש בײַ געדעקטע טישן מיט זשורנאַליסטן און וויכטיקע פערזענ־לעכקייטן. מיר האָבן אויך בײַ אונדז אין שטוב פאַרבעטן געוועזענע שילער פון פּראָפעסאָר אין ווילנער אוניווערסיטעט. צווישן אַנדערע האָב איך פאַר זיי געזונגען עטלעכע פּוילישע לידער.

אין באַשטימטן טאָג איז געקומען די מאַשין פון קרן קיימת. די צייט פון אַרויספאָר אין נגב איז געווען באַשטימט אויף זיבן פרי. אין דעם טאָג זײַנען זיי אויפגעשטאַנען בײַ אונדז פריִער, אָפּגעגעסן און זיך געגרייט צום אַרויספאָר. פּונקט 7 האָט זיך געהערט אַ פייף פון שאָפער. דער פּראָפעסאָר איז נשתּומם געוואָרן פון אַזאַ פּינקטלעכקייט און געזאָגט, אַז דאָס איז שוין ניט די באַוווסטע „יִדישע פּינקטלעכקייט״ פון פּוילן...

איך האָב זיי באַגלייט אין נגב. אַריינפאָרנדיק אין באר־שבע האָט די פּאַני מיך געבעטן זיך צו פאַרבינדן מיטן גלח רופּאייזען. זי האָט זיך געוואָלט מיט אים באַראַטן וועגן אַריינגעבן איר אַדאָפּטירטע טאָכטער אין אַ קלויסטער פאַר מאָנאַשקעס. זי האָט טאַקע מיט אים זיך באַראַטן און ער האָט איר געזאָגט, אַז די טאָכטער אירע איז ניט פּאַסיק פאַר אַזאַ אַנשטאַלט. די קליינע איז געווען זייער צופרידן פון דער תּשובה. זי פלעגט זיך, אַגב, שפּילן מיט נחמיהן און אַנדערע קינדער אויף אונדזער הויף

און אָנגעהויבן צו ריידן עברית. זי האָט פאַרן אומקערן זיך צוריק קיין פוילן געזאָגט, אַז זי האָט דאָ געפּטרט די פּוילישע שפּראַך...

מיר זיינען נאָך געפאָרן מיט זיי אָנקוקן פאַרשיידענע אָביעקטן אין נגב, זיי האָבן זיך זייער באַאיינדרוקט.

ס'איז געקומען צו רייד מיטן פּראָפעסאָר וועגן אונדזערע באַציִונגען מיט די אַראַבער. ער האָט אַריינגעוואָרפן אַ פראַזע, אַז אייגנטלעך האָט אַברהם אָבינו אַרויסגעטריבן הגרן מיט איר קינד פון שטוב. צי דען איז עס מענטשלעך? דאָס איז אַ סיבה פאַר קעגנזאַצן צווישן ייִדן און אַראַבער... די גרויסע פריינדלעכקייט צו זלאַטען האָט ניט געשטערט דער פאַני טשעזשאָווסקי צו פרעגן ביי זלאַטען דעם אמת וועגן באַנוצן דורך ייִדן בלוט אויף פּסח אין די מצות. זלאַטע איז בשעתו צוליב דער דאָזיקער פראַגע פון זיי אַנטלאָפן אין איר געדונגענעם צימער, וואָס זי האָט געהאַט אַלס קריסטין. זי האָט זיך אָבער צוריקגעקערט צו זיי, ווייל קיין בעסערן אָרט וואָלט זי ניט געפונען...

האַרט פאַרן אומקערן זיך קיין פוילן האָבן מיר זיי געגעבן אַ מתּנה צוויי שילדקרעטן לויט זייער בקשה. אַזוי ווי עס איז געבליבן אַן עודף פון די געלטער פון קרן פאַר זיי, האָבן מיר פאַרן פּראָפעסאָר געקויפט אַן אָנצוג, פאַר דער פאַני שיינע קליידער. זייער טעכטערל האָבן מיר גלייך געקויפט שיינע זאַכן. מיר האָבן אויך געקויפט פאַר יעדערן אַ האַנט־זייגערל פון גאָלד „שאַפּהאַוזען", שיך און נאָך פאַרשיידענע זאַכן. אויפן פליפּלאַץ, ביים געזעגענען זיך, האָבן מיר זיי אָנגעזאָגט, אַז וואָס עס זאָל ביי זיי ניט געשען, זאָלן זיי געדענקען, אַז דאָ, אין ישׂראל האָבן זיי אַ צווייטע היים און צו יעדער צייט וועלן מיר זיי אויפנעמען מיט אָפענע אָרעמס.

„יד ושם" האָט זיי אָנערקענט אַלס חסידי אומות העולם און געפלאַנצט אויף זייער נאָמען אַ בוים אין דער אַלייע פאַר אַזעלכע מענטשן. עס איז דערביי פאָרגעקומען אַ פייערלעכע פּראָצעדור און אַ קליינע אויפנאַמע אין ביוראָ פון „יד ושם".

זייער ווייִלן אין לאַנד במשך פון איבער זעקס וואָכן האָט אונדז

און זיי פֿאַרשאַפֿט אַ סך פֿאַרגעניגן און גרויס פֿרייד. זיי זייַנען אָפּגעפֿלויגן צוריק קיין טאָרון מיט די בעסטע איינדרוקן.

זלאַטע האָט די גאַנצע צייַט אָנגעהאַלטן מיט זיי אַ שריפֿטלעכן קאָנטאַקט. איך האָב זיך געמיט צו שיקן זיי דורך פּ.ק.אָ. יעדן דריטן חודש אַ ביסל געלט, דאָלאַרן. די פֿאַני האָט אין איר קאָרעספּאָנדענץ מיט זלאַטען אַרויסגעוויזן גרויס האַרציקייט. יעדער בריוו פֿלעגט זיך אָנהייבן מיט „מייַן טייערע זלאַטעלע"... זיי פֿלעגן זיך אויסשרייבן וועגן אַלע צרות און פֿרייד. די פֿאַני פֿלעגט שרייבן אירע בריוו מיט מאַמישער זאָרג און טרייסט. איך פֿלעג בדרך־כּלל צושרייבן עטלעכע שורות. אויך דער פּראָפֿעסאָר פֿלעגט צושרייבן. אין איינעם פֿון מייַנע צושריפֿטן האָב איך געשריבן דער פֿאַני, אַז אין מייַן קינדהייט האָב איך קיין מאָל ניט געפֿילט די וואַרעמקייט און ליבשאַפֿט פֿון מייַן מאַמען, צוליב איר קראַנקהייט און פֿריִען טויט. איצט פֿיל איך עס פֿון אירע בריוו צו זלאַטען. דאָס איז איר זייער געפֿעלן געוואָרן. נאָך דער 6־טאָגיקער מלחמה האָט די פֿאַני פֿאַרשטעלטערהייט געשריבן, אַז מיר זאָלן ניט אָפּגעבן אַפֿילו קיין איין שפּאַן — דאָס איז ישׂראלדיקע ערד...

אַזוי האָבן מיר זיך מיט זיי דורכגעשריבן רעגולער, ביז מיר האָבן אין 1980 באַקומען די טרויעריקע ידיעה, אַז די פֿאַני איז געשטאָרבן אין עלטער פֿון 68 יאָר. מיר האָבן זייער באַוויינט איר פּריצייטיקן טויט און געשיקט אַ קאָנדאָלענץ־טעלעגראַמע. זלאַטע אַליין איז שוין דאַן געווען זייער קראַנק און האָט עס שווער איבערגעלעבט.

אין אַ יאָר נאָך זלאַטעס טויט איז געקומען צו מיר צו גאַסט זייער אַדאָפּטירטע טאָכטער, עלאַ. זי האָט געבראַכט די טרויעריקע ידיעה, אַז אויך דער פּראָפֿעסאָר איז געשטאָרבן אין עלטער פֿון 91 יאָר. דאָס איז געווען פֿאַר אַלע גערעטעוועטע דורכן פּראָפֿעסאָר און פֿאַר זייַנע נאָענטע פֿרייַנד אין ישׂראל אַ גרויסער ווייטיק.

עלאַ האָט פֿאַרבראַכט אין לאַנד אַ פּאָר חדשים. איבערהויפּט איז זי געווען בייַ מיר. איך האָב זי פֿאַרבונדן מיט אַ יונגער פֿרוי אין איר עלטער, וואָס רעדט פּערפֿעקט פּויליש. יענע האָט איר אַרויסגעוויזן אַ סך פֿרייַנדשאַפֿט. זי איז אויך געווען בייַם פּראָפֿעסאָרס גוטע פֿרייַנד און דורך

אים גרעסטעוועטע ייִדן אין ירושלים און אין אַנדערע ערטער פון לאַנד. אומעטום האָט מען איר אַרויסגעוויזן פריינדשאַפט און זאָרג. מען האָט איר געקויפט אַ סך נייטיקע זאַכן און געגעבן געלט. מיט וואָס נאָר איך האָב געקענט איר פאַרשאַפן אינטערעס און פרייד, האָב איך עס געטאָן. אַנגעקויפט איר נייטיקע פּראָדוקטן אויף מיטצונעמען קיין פּוילן. זי האָט וויפל מאָל מיך געפרעגט וועגן דער מיינונג פון די ישראלים וועגן די פּאָליאַקן. איך האָב איר איידל דערקלערט וועגן גאַנצן פּראָבלעם פון דער שואה, ווייל זי האָט בכלל ווייניק געוווּסט פון דעם. זי איז געבאָרן געוואָרן אַ סך שפּעטער נאָך דער גרויליקער מלחמה. איך האָב איר דערקלערט וועגן פּראָפעסאָר טשעזשאָווסקין, און זיין אויסערגעוויינלעכער אָפּפערווילקייט פאַר זיינע דורך אים געראַטעוועטע ייִדן. זי איז געווען זיכער, אַז דאָס גאַנצע פּוילישע פאָלק איז געווען אַזוי ווי ער. איך האָב איר דערציילט עטלעכע איבערצייגנדיקע פאַקטן וועגן דער אויפפירונג פון די פּאָליאַקן כלפּי ייִדן אין דער מלחמה, אָבער איך האָב געפילט, אַז זי איבערצייגט זיך ניט פון מיינע רייד. כאָטש זי איז אַ מיטגליד אין וואַלענסאַס „סאָלידאַרנאָשץ״, האָט זי אין דער ייִדן־פראַגע זיך ווייניק אָריענטירט.

זי האָט זיך אומגעקערט אַהיים מיטן געפיל, אַז דאָ האָט מען ניט אַזוי ליב אירע פּאָליאַקן...

## נחמיה האָט חתונה

אין 1974 האָט זיך נחמיה צוגעקליבן אַ פּאַסיק מיידל פון זייער אינטעליגענטע עלטערן און האָט באַשלאָסן מיט איר חתונה צו האָבן. דאָס מיידל — אַ פּסיכאָלאָגין מיט צוויי טיטלען פון בר־אילן־אוניווער־סיטעט. די חתונה־צערעמאָניע האָבן מיר לויטן ווילן פון דעם יונגן פּאָר געפּראַוועט אויף אַ באַשיידענעם אופן אין הולונער ראַבינאַט. מיר האָבן געוואָלט פאַרבעטן אַלע אונדזערע פריינד און חברים, אָבער מיר זיינען געווען געצוווּנגען צו קירצן די רשימה ביז אַ מינימום.

אין נאָוועמבער 1975 איז געבאָרן געוואָרן ביי זיי אַ מיידעלע —

גלית, אַן אויסערגעוויינלעך שיין קינד. דאָס איז געווען פאַר אונדז אַ גרויסע פרייד. מען זאָגט, אַז מען האָט ליב קינדער, אָבער אַן אייניקל האָט מען אַ סך מער ליב! דאָס ווייסן אַלע באָבעס און זיידעס.

אין עטלעכע יאָר אַרום איז צוגעקומען אויך אַ יִנגעלע און אַזוי זיינען ביי נחמיהן מיט זיין אויסדערוויילטער רותי צוויי גוטע קינדערלעך. גלית שפּילט שוין פּיאַנע מיט אַ זעלטענעם חשק. דער ברודערל, ירון, שפּילט אויך פּיאַנע, אָבער ער האָט מער פעיִקייטן צו טעכניק. לויט אַלע געגעבענע איז ער אַ טאַלענטירטער, און איז דער בעסטער שילער אין קלאַס. גלית איז זייער אייפערזיכטיק אויף איר ברודער און ביי זיין געבוירן ווערן האָט זי געזאָגט צו איר מאַמען, אַז זי האָט אים געדאַרפט איבערלאָזן ביי איר אין בויך...

זייענדיק אַלט פינף יאָר האָט זי מיר אין איינעם אַן אָוונט אָנגעקלונגען אין טעלעפאָן און זיך באַקלאָגט אויף אירע טאַטע־מאַמע, וואָס זיצן אַרומגענומען און קושן זיך. זי וויל אַריינקריכן אין מיטן צווישן זיי, אָבער זיי לאָזן ניט...

אַט ווערט שוין באַלד גלית בת־מצווה! ס'איז פאַר מיר די גרעסטע פרייד דאָס צו דערלעבן. אָבער גלייכצייטיק ווערט אויך קאַלעמוטנע אויפן הארצן — אַט אַקערשט האָב איך זיך מיט איר געניאַנטשעט, געטראָגן אויף די הענט, געזונגען איר לידעלעך, געפירט פאַר אַ הענטעלע אין גאָרטן — און באַלד דאַרף זי מיך שוין ניט האָבן... זי ווערט שוין באַלד אַ גאַנצע פריילין. הייב איך אָן פילן איינזאַמקייט. אָבער ניטאָ קיין ברירה, די צייט לויפט און קיינער קען עס ניט איבערמאַכן...

מיר זעען זיך אָפט, מיר האָבן זיך זייער ליב, אויך מיט ירונען, און דאָס האַלט מיך אויף אין מיין איינזאַמען לעבן צווישן די פיר ווענט פון מיין דירה. ווען כ'האָב ביי אַ געלעגנהייט געזאָגט גליתן, אַז מיין דירה וועט נאָך מיין אוועקגיין פון דער וועלט געהערן צו איר, האָט זי זיך צעוויינט און געזאָגט, אַז זי וועט פריִער שטאַרבן און ניט איך...

# מיין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט

קומענדיק אין לאַנד האָב איך זיך דערוווּסט, אַז ס'עקסיסטירט אַ פאַרבאַנד פון די ווילנער אין ישׂראל. איך האָב זיך אָנגעשלאָסן צום פאַרבאַנד, און מיין ערשטער דעביוט אין ישׂראל איז טאַקע געווען אויפן יערלעכן קאָנצערט פון די ווילנער אין גאָרטן פון בית־ציוני אַמריקה. איך בין אויפגעטראָטן מיט עטלעכע לידער און געהאַט גרויס דערפאָלג. ס'האָט אויך אָנטייל גענומען דער הבימה־אַקטיאָר ש. פינקעל און האָט מיך געלויבט.

אויף אַ טרעפונג פון עטלעכע חברים, זינגער פון די געוועזענע אין ווילנע כאָרן „ווילביג״־סלעפּ און גערשטיין־כאָר, האָבן מיר באַשלאָסן צו שאַפן אין תל־אביב אַ כאָר „ווילנע״ מיט אַן אָפּטייל אין ירושלים. די גרינדער זיינען געווען זשיסלין, געלער, מילאַקאָווסקי, סקורקאָוויטש און איך. מיר האָבן זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו זינגען יידישע פאָלקס־לידער, בכדי צו דערמאָנען און ניט לאָזן פאַרגעסן דאָס יידישע ליד, וואָס איז דורך היטלערן פאַרשניטן געוואָרן צוזאַמען מיטן פאָלק. איך האָב אויך זיך גענומען די אַדמיניסטראַטיווע אָנפירונג און גלייכצייטיק בין איך געוואָרן דער סאָליסט פון כאָר. אַלס דיריגענט האָבן מיר איינ־געלאַדן דעם ווילנער חזן און זינגער פון געוועזענעם ווילנער סלעפּ־כאָר, מוזיקער יעקב סאָלאָגאַיַץ. ער איז אָבער אין אַ פּאָר חדשים אַרום פּלוצלונג געשטאָרבן און זיין אָרט האָט איבערגענומען ברוך זשיסלין.

אונדזער כאָר „ווילנע״ האָט זיך איינגעשאַפן אַ גרויסן רעפּערטואַר, זיך דערוואָרבן אַ גוטן נאָמען. מיר האָבן מיט דער צייט אַרויסגעלאָזן צוויי פּלאַטן פון אונדזערע לידער. אין 1984 האָבן מיר געפייערט אונדזער 20סטן יאָרטאָג מיט אַ גראַנדיעזן קאָנצערט, באַגלייט טיילווייז מיט אַ סימפאָנישן אָרקעסטער. איך האָב אויך אָרגאַניזירט פייערלעכע קאָנצערטן אין ירושלים, חיפה און באר־שבע. די פינאַנסיעלע זייט האָבן מיר געדעקט מיט באַשטייערונגען פון די ווילנער אָרגאַניזאַציעס און יחידים אין דער גאַנצער וועלט.

ערב דער 6־טאָגיקער מלחמה האָב איך אויף אַ זיצונג ביים ד״ר

ליבאַ אין הויז פאַרגעלייגט צו שאַפן אַ קלוב, ווו מען וועט רעפערירן אויף פאַרשיידענע טעמעס מיט אַ צולאָג פון אַ קינסטלערישן טייל. מיין פאַרשלאָג איז אָנגענומען געוואָרן. איך האָב פאַרגעלייגט אַז לייבל קאַריסקי זאָל זיין פאַרזיצער פון קולטור־קלוב. מיר האָבן אים געעפנט גלייך נאָך דער 6־טאָגיקער מלחמה. ניט קוקנדיק וואָס איך בין געווען פאַרנומען מיטן כאָר און נאָך געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעטן, האָב איך גלייך פון ערשטן טאָג אָן מיטגעאַרבעט אין קלובביים אויפשטעלן די פּראָגראַמען פון די אָוונטן און זייער קינסטלערישן טייל.

די ערשטע צייט פלעגן מיר זיך טרעפן אין קלוב יעדע וואָך אין משך פון עטלעכע יאָר. אַזוי ווי מיר האָבן ניט געהאַט קיין אייגענעם לאָקאַל, זיינען מיר געווען געצוווּנגען זיך אַריבערצוטראָגן אין פאַרשיידענע זאַלן, אָבער דער עולם ווילנער און אויך ניט־ווילנער פלעגן אומעטום באַזוכן מיט אינטערעס די אימפּרעזעס פון קלוב. עס האָט אונדז, מיך מיט קאַריסקין, געהאָלפן טעכניש יאַסקע ראַדזעלי, פּייוול זאַגאָרין, בערע שליט, און אַבראַשע אַראָנסאָן.

אַ פּאָר יאָר האָב איך אַליין אויפגעשטעלט די פּראָגראַמען און געפירט דעם קלוב.

אַזוי האָבן מיר געפירט דעם קלוב כּמעט 20 יאָר. איך פלעג גאַנץ אָפט פירן די אָוונטן און אויך אַליין אויפטרעטן. דער קלוב איז געוואָרן זייער פּאָפּולער אין לאַנד.

## דער אָוונט וועגן געטאָ אין ווילנער קלוב

וועגן דאָזיקן אָוונט אין קלוב וויל איך ספּעציעל דערציילן: סוף זיבעציקער יאָרן איז אַבא קאָוונער, דער קאָמאַנדיר פון פ.פ.אָ. נאָך וויטנבערגס טויט, געקומען צו גאַסט אין אויסטראַליע און זיך דאָרטן געטראָפן מיטן ד״ר אַ. וויינריב, געוועזענער פּראָוואַלטער פון געטאָ־שפּיטאָל אין ווילנע. צווישן אַנדערן האָבן זיי געשמועסט וועגן דער ראָל פון גענסן ווי דער פירער פון דער געטאָ־פּאָליציי און פאַרזיצער פון יודנראַט. זיי האָבן דעם שמועס ניט געענדיקט און ד״ר וויינריב האָט

צוגעזאָגט אבא קאָוונערן אָנצושרייבן אים אין אַ בריוו זיין מיינונג וועגן גענסן.

ד״ר וויינריב האָט געהאַלטן וואָרט און אָנגעשריבן אַ „בריוו״ אויף 60 זייטן, וואָס מיט דער הסכמה פון אבאַן און ד״ר וויינריב, האָט דער זשורנאַל „מורשת״ אים אָפּגעדרוקט אין אַפּריל־נומער 1979.

איבערלייענענדיק דעם דאָזיקן „בריוו״ אין „מורשת״ האָב איך באַשלאָסן מיט מיינע קלוב־מיטאַרבעטער צו מאַכן אין ווילנער קלוב אַ דיסקוסיע־אָוונט וועגן גענסן. אין דאָזיקן אָוונט האָבן אָנטיילגענומען געוועזענע פּאַרטיזאַנער און געבליבענע פון דער שארית־הפליטה, וואָס האָבן זיך אַרויסגעזאָגט פאַר און קעגן. עס האָט אויך אָנטיילגענומען דער ווילנער לערער לייב־אריה שעפּטעל, וואָס האָט נאָך דער מלחמה אָנגעפירט מיטן ביוראָ פון דער „בריחה״ אין לאָדזש. שעפּטעל האָט רעזיומירט די דיסקוסיע און געזאָגט, אַז לויט זיין מיינונג איז נאָך ניט געקומען די צייט צו מישפּטן גענסן. דאָס וועלן טאָן די היסטאָריקער וואָס וועלן קומען נאָך דער שואה־תקופה. שליסנדיק דעם אָוונט האָט שעפּטעל אונדז דערציילט אַ סוד, וואָס האָט מיך פּערזענלעך אויפגעטרייסלט. אַרבעטנדיק אין זיין ביוראָ אין לאָדזש, איז אין אַ געוויסן פאַרנאַכט אַריין צו אים זיין סעקרעטאַרשע און געמאָלדן, אַז עס איז געקומען די פרוי פון גענסן (אַ ליטווישע) און וויל איבערגעבן שעפּטעלן דעם טאָגבוך פון גענסן, געשריבן אין געטאָ. ער, שעפּטעל, האָט זי ניט אויפגענומען, ווייל ער האָט געמיינט, אַז דאָס קען שאַטן ברענגען דער בריחה...

גענס׳ פרוי איז דאַן געוועזן אויפן וועג קיין דרום־אַמעריקע, ווי זי האָט דערקלערט דער סעקרעטאַרין, און איז אַוועקגעפאָרן מיטן טאָגבוך וואָס וואָלט זייער אַ סך צוגעגעבן ביים כאַראַקטעריזירן די פּערזאָן פון גענסן. אויך דער גאַנצער עולם אין קלוב איז נשתומם געוואָרן פון שעפּטעלס דערציילונג. זיין תירוץ ניט צו נעמען דעם טאָגבוך האָט דאַן קיינעם ניט איבערצייגט.

דער עפּילאָג פון דאָזיקן ענין איז פאָלגנדיקער: לויטן שריפטלעכן ענטפער פון גענס׳ טאָכטער אויף דער פראַגע ווו עס געפינט זיך דער טאָגבוך (לויט מיין איניציאַטיוו), האָט די געפרעגטע דערציילט, אין אַ

בריוו, אַז איר מאַמע, ד״ה געגנס׳ פרוי, האָט געוווינט באַזונדער פון דער טאָכטער אין אַ הילצערן הויז, ביים ברעג פון ים. אין אַ פּלוצלונגדיקן ציקלאָן־ווינט, בעת איר מאַמע איז ניט געווען אין איר שטיבל, האָט דער ים פאַרפלייצט דאָס שטיבל און אַלץ וואָס איז געווען אינעווייניק איז פאַרטראָגן געוואָרן דורך די כוואַלעס פון ים. און אַזוי איז אויך דער טאָגבוך פאַרפאַלן געוואָרן אויף אייביק...

## „ווילנער הויז" — בית־וילנה

דער פאַרבאַנד אונדזערער האָט באַשלאָסן אויפצושטעלן אַן אייגן הויז. עס האָט זיך געשאַפן אַ קאָמיטעט. איך בין געווען אַקטיוו אין זאַמלען געלט ביי אונדזערע ווילנער. דעם לאָקאַל האָבן מיר אויפגעשטעלט אויף שד׳ יהודית 30 אין מאָנטיפיאָרער שטאָטטייל פון תל־אביב. אַן שום כוונה האָט זיך צופעליק באַקומען, אַז מיר האָנאָרירן מאָנטיפיאָריס נאָמען. ווען מאָנטיפיאָרי האָט בשעתו מיט זיין פרוי יהודית באַזוכט ווילנע, איז זי פּלוצלונג קראַנק געוואָרן אויף טיפוס. די ווילנער ייִדן האָבן אין די קלויזן געזאָגט תהילים זי זאָל געזונט ווערן. זי האָט זיך אויסגעהיילט, און איצט שטייט דאָס „ווילנער הויז" אויף אַ גאַס וואָס טראָגט איר נאָמען אין שטאָטטייל אויף מאָנטיפיאָריס נאָמען...

די פייערלעכע עפענונג פון „ווילנער הויז" איז פאָרגעקומען אין היכל־התרבות ביים בייזיין פון דעלעגאַטן — ווילנער פון דער גאַנצער וועלט. מיר האָבן צוגעגרייט ליכטבילדער פון ווילנע פאַרן חורבן און נאָכן חורבן און האָבן זיי געוויזן אין היכל־התרבות און אויך אין נייעם בנין — בית־וילנה. די פייערונג איז אַדורך אימפּאָזאַנט און זיך געשלאָסן מיט אַ גרויסן באַנקעט מיטן אָנטייל פון 1.500 ווילנער ייִדן.

איך האָב גענומען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן הויז. געטאָן אַלץ, דאָס הויז זאָל אויסזען וואָס שענער. איך האָב געשאַפן אַ ביבליאָטעק פון עטלעכע טויזנט ביכער אין עטלעכע שפּראַכן, צונויפגעקליבענע אין פאַרשיידענע ערטער און ביי פּריוואַטע פּערזאָנען. די ביבליאָטעק איז אויפגעקומען א״נ פון פאַרשטאָרבענעם פאָרזיצער פון

פאַרבאַנד, ד״ר מ. דוואָרזשעצקי. שפּעטער האָב איך לויט מיין איניציאַטיוו אויפגעשטעלט צוזאַמען מיט עטלעכע מאַנדאָליניסטן א מאַנדאָלינע־אָרקעסטער.

צו פינאַנסירן דעם אויפבוי פון אונדזער הויז זיינען צוגעשטאַנען די גלובאָקער לאַנדסלייט (א שטעטל אַרום ווילנע). זיי האָבן געדעקט אַ דריטל פון די הוצאות און פירן אין הויז זייער טעטיקייט.

די ווילנער לאַנדסמאַנשאַפט מיט איר קולטור־טעטיקייט האָט זיך דערוואָרבן א נאָמען ווי די איינציקע וואָס פירט די קולטור־אַרבעט מיט אַזאַ פאַרנעם.

נאָך עטלעכע און צוואַנציק יאָר אַקטיווער טעטיקייט אין ווילנער פאַרבאַנד אין תל־אביב האָב איך פאַרלאָזן אַלע אינסטאַנצן, וואָס כ׳האָב געבויט אָדער געהאָלפן מיטבויען — כאָר „ווילנע״, ווילנער קלוב, מאַנדאָלינע־אָרקעסטער, ביבליאָטעק א״אַנד. איך בין געווען געצוווּנגען דאָס צו טאָן, ווייל כ׳האָב ניט געפילט קיין געהעריקע באַציִונג צו מיר מצד דער פאַרוואַלטונג פון פאַרבאַנד. איך האָב ניט געזוכט קיין כבוד, ווייל אין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט דאַרף מען קיין כבוד ניט זוכן, אָבער איגנאָרירונג האָב איך זיכער ניט פאַרדינט. מיין אַקטיווע טעטיקייט אין פאַרבאַנד האָט מיר געקאָסט א סך געזונט, נערוון און גאָר א סך צייט. כ׳האָב עס געטאָן קעגן ווילן פון זלאַטען, ווייל מיט מיין טעטיקייט אין פאַרבאַנד האָב איך זי פאַרנאַכלעסיקט.

מיט טיפן ווייטיק אין האַרצן האָב איך אַלץ פאַרלאָזן, אָבער מיט דער סאַטיספאַקציע, אַז כ׳האָב א סך אויפגעטאָן פאַרן פאַרבאַנד.

## מיין באַזוך אין אַמעריקע און קאַנאַדע

אין אַפּריל—מאַי 1980 האָב איך באַזוכט אייניקע שטעט אין אַמעריקע און קאַנאַדע לויט דער פאַרבעטונג פון מיינע חברים פּאַלעווסקי און אויגענפעלד. אויך זלאַטע האָט געדאַרפט פאָרן מיט מיר, אָבער זי האָט מורא געהאַט צו פאָרן צוליב איר שוואַכן געזונט. דאָס איז געווען מיין ערשטער אַרויספאָר קיין אויסלאַנד. מען האָט מיך אומעטום אויפגענומען

מיט פריינדשאַפט און חברישקייט. אין ניו־יאָרק האָב איך זיך געטראָפן מיט אַ הונדערט ווילנער אין אַטראַן־הויז, ווו איך האָב זיי דערציילט וועגן דער טעטיקייט פון ווילנער פאַרבאַנד אין ישׂראל און דערנאָך האָב איך געזונגען אַ ריי לידער, באַגלייט פון אַ פּיאַניסטין. דאָס איז געווען אַן אומפאַרגעסלעכער צוזאַמענטרעף מיט חברים־ווילנער. איך בין אויך געווען אין לאָס־אַנדזשעלעס, אין סילווער־ספּרינג, אין וואַשינגטאָן, געזען אַ סך אינטערעסאַנטע מוזייען און אינסטיטוציעס, זיך געשיפט אויפן האָדסאָן־טייך. איך בין אויך געווען אין פילאַדעלפיע ביי מיינע דריי קוזינעס, דאָרטן געבאָרענע, וועלכע איך האָב צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן באַקענט. זיי זיינען טעכטער פון מיין מאַמעס אַ שוועסטער. זיי ריידן אַלע יידיש און יעדערע פון זיי האָט אַ גרויסע משפחה. איך האָב זיך באַאיינדרוקט פון זייער הארציקייט און פריינדשאַפט.

אין קאַנאַדע בין איך געווען עטלעכע טעג אין טאָראָנטאָ ביי מיינע חברים, ראַזמאַוו. באַקוקט אינטערעסאַנטע אָביעקטן פון שטאָט. מיר זיינען געפאָרן זען דעם ניאַגאַראַ־וואַסערפאַל, וואָס איז דער וווּנדער פון דער נאַטור. פון טאָראָנטאָ בין איך מיט דער באַן געפאָרן קיין מאָנטרעאָל. דאָס איז שוין די פראַנצייזישע פּראָווינץ פון קאַנאַדע. אין צוג זיינען אין איין קופּע מיט מיר געפאָרן אַ פּאָר פרויען און גערעדט צווישן זיך פראַנצייזיש. ווען איך האָב זיי געפרעגט אויף ענגליש, צי ס'איז נאָך ווייט מאָנטרעאָל, האָבן זיי דעמאָנסטראַטיוו געענטפערט אַז זיי ריידן בלויז פראַנצייזיש. אויך דער קאָנדוקטאָר פון וואַגאָן האָט מיר כמעט ניט געענטפערט אויף מיין פראַגע צוליב מיין ענגליש...

איך בין אָבער גוט דערפאָרן. מיינע חברים — גאַסטגעבער — האָבן מיך אָפּגעוואַרט אויפן וואָקזאַל. איך האָב ביי זיי פאַרבראַכט איבער אַ וואָך צייט. אַ דאַנק זיי געזען אַ סך אָביעקטן, געווען אין אָרטיקן יידישן טעאַטער אויף אַ פאַרשטעלונג. געווען אין דער יידישער ביבליאָטעק, וואָס איז אַ וווּנדערלעכע אינסטיטוציע אין היינטיקער צייט. זיי האָבן מיך אויך מיטגענומען אין דער הויפּטשטאָט פון דער פראַנצייזישער פּראָווינץ קוועבעק, אַן אַלטע היסטאָרישע שטאָט מיט זייער שמאָלע גאַסן, ווו אַ טעקסי קען קוים דורכפאָרן אין איין ריכטונג. מיר האָבן דאָרטן געזען

אַלטערטימלעכקייטן און פּרעכטיקע ערטער. די דאָזיקע קליינע שטאָט ווערט רעסטאַווּרירט לויטן סטיל פון פאַר דריי הונדערט יאָר צוריק. ס'איז שווער צו פאַרגעסן די דאָזיקע ווונדערלעך שיינע שטאָט!

## זלאַטעס קרענק

סוף יוני 1980 האָב איך זיך צוריקגעקערט אַהיים. מיר האָבן איצט געלעבט אין חולון, אין זייער אַ גוטער דירה. צוליב נחמיהן זיינען מיר אַריבער אַהין.

איך האָב זלאַטען געפונען ניט אין קיין גוטן צושטאַנד. בין מיט איר עטלעכע מאָל געפאָרן אויף אונטערזוכונגען אין שפּיטאָל, נאָך וועלכע מען האָט זי צוגענומען אין דער לונגען־אָפּטיילונג פון מאיר־שפּיטאָל אין כפר־סבא. קיין אויספירלעכע אינפאָרמאַציע וועגן איר קראַנקהייט האָט זיך מיר דערוויייל ניט איינגעגעבן צו באַקומען. די דאָקטוירים האָבן דערלויבט זי צו נעמען אין די פרייטיקן אַהיים, און זונטיק פרי פלעגט זי מיט אונדזער שנורס פאָטער, וואָס אַרבעט אין דאָרטיקן שפּיטאָל אַלס כירורג אין פרויען־אָפּטייל, זיך אומקערן צוריק אין שפּיטאָל. אַזוי האָט זיך עס געצויגן ביי אַ פּאָר חדשים ביז אין אַ געוויסן טאָג איז אַריין צו איר אַ יונגע דאָקטערין, די פאַראַנטוואָרטלעכע אין איר צימער, און גאַנץ גלייכגילטיק געמאָלדן זלאַטען, אַז ביי איר איז אַ ראַק...

מיר זיינען געוואָרן אויסער זיך פון דער דאָזיקער ידיעה. זלאַטע האָט אַ גאַנצן טאָג אָפּגעוויינט.

אונדזער שנור, רותי, פלעגט אָפט קומען צו זלאַטען אין שפּיטאָל, אומקערנדיק זיך פון איר אַרבעט אין לעווינשטיין־שפּיטאָל אין רעננה. רותי פלעגט אַריינקריכן צו זלאַטען אין בעט, זי קושן, אָנקאָרמען, אַרומוואַשן, אַזוי ווי אַן אייגענער מאַמען. מען קען זיך פאָרשטעלן וואָס פאַר אַ שוויגער זלאַטע איז געווען, אַז די שנור האָט זי אַזוי ליב געהאַט...

נאָך צוויי חדשים האָט מען זלאַטען געהייסן גיין אַהיים. ניטאָ מער מיט איר וואָס צו טאָן.

געפאָרן בין איך מיט איר אין אַסותא־שפּיטאָל צו אַ ספּעציאַליסט. געווען מיט אים אין קאָנטאַקט אַ געוויסע צייט. געפאָרן מיט איר אין „הדסה"־שפּיטאָל, אין ירושלים, צום בעסטן פּראָפעסאָר. ער האָט באַטראַכט זלאַטען און געזאָגט, אַז מען דאַרף האָפן אויף גאָט... איך האָב זי ניט געהאַט מיט וואָס צו טרייסטן, ווייל זי האָט שוין געוווסט וואָס איר איז...

די צייט האָט געטאָן דאָס איריקע. זלאַטע האָט זיך געלייגט אין בעט. רפואות פון אַלערליי סאָרטן האָבן פאַרפּלייצט די שטוב. עס זיינען געקומען דאָקטוירים, און מיר זיינען געפאָרן צום ד"ר אין „אסותא" אויף קאָנטראָל. איך האָב געקירצט מיין אַרבעטסטאָג ביז 12 אַ זייגער און ביז מיין צוריקקער פון דער אַרבעט גענומען אַ פרוי פאַר זלאַטען, זי צו באַדינען, אויך אונדזערע נאָענטע חברטעס פלעגן קומען און באַהילפיק זיין. קומענדיק אַהיים פון דער אַרבעט בין איך ניט אָפּגעטראָטן טאָג און נאַכט פון איר בעט. עסן פלעגט זי נאָר פון מיינע הענט.

איז אַ געוויסן טאָג נאָך דער אַרבעט, גייענדיק אַהיים דורכן שטאָט־גאָרטן האָב איך צופעליק מיט איין פוס אַרויפגעטראָטן אויפן צודעק פון אַ גרוב, וווּ עס געפינען זיך די באַוואַסערונג־קראַנען. דער צודעק האָט זיך איבערגעקערט און איך בין מיטן פוס אַריינגעפאַלן צווישן די קראַנען אין גרוב, און שטאַרק צוריבן אַ פוס. איך האָב זיך געפונען נאָענט פון קופּת־חולים און געדאַרפט אַריינגיין אַהין — כדי צו באַקומען די ערשטע הילף, אָבער כ'האָב עס ניט געטאָן, ווייל איך האָב זיך געאיילט אַהיים צו זלאַטען.

נאָך מיטאָג בין איך אָוועק צו אַ באַקאַנטן אַפּטייקער און באַקומען אַ רפואה צוצולייגן צום פוס. ס'האָט מיר אַ ביסל געהאָלפן, אָבער פרייטיק ביי נאַכט האָב איך באַקומען שטאַרקע ווייטיקן אין פוס. האָב ניט געשלאָפן די גאַנצע נאַכט פון ווייטיק. איך האָב זלאַטען וועגן דעם ניט דערציילט.

שבת פרי האָב איך זיך טעלעפאָניש פאַרבונדן מיט אונדזער מחותן, דאָקטער נ. לעבעל. ער איז גלייך געקומען, באַקוקט דעם פוס און געהייסן נעמען אַ דאָפּלטע דאָזע אַנטיביאָטיקס. ער האָט מיר געבראַכט די רפואה און אָנגעזאָגט, אַז מאָרגן פרי זאָל איך גיין צו אַ כירורג. איך האָב אַזוי געטאָן. אָפּגעמאַטערט האָב איך זיך מיטן פוס ביי אַ חודש צייט.

זלאַטע האָט זיך זייער איבערגענומען מיט מיין אָוואַריע. די קרענק ביי איר האָט אָנגעהויבן פּראָגרעסירן. יעדן טאָג האָט זי געשפּירט אַלץ גרעסערע ווייטיקן אין די לונגען. די דאָקטוירים האָבן מיט קיין זאַך ניט געקענט העלפן. סוף דעצעמבער 1980 איז די לאַגע געוואָרן קריטיש.

אין זלאַטעס געבוירן־טאָג, דעם 23סטן דעצעמבער, האָב איך איר געבראַכט צום בעט בלומען. מיר האָבן זיך ביידע גוט אויסגעוויינט... דאָס איז שוין געווען זלאַטעס לעצטער פרילינג פון איר אינטערעסאַנטן און פול מיט דראַמאַטישע איבערלעבונגען לעבן.

זי האָט מיט אַ געוויסער צייט צוריק מייסטערהאַפט אָנגעשריבן זכרונות פון איר לעבן, אָנהייבנדיק פון געבורט ביז דער רעפּאַטריאַציע קיין פּוילן. האַרט פאַר ניי־יאָר 1981 בין איך געווען געצוווּנגען זי צו פירן אין תל־השומר־שפּיטאָל. דער דאָקטער פון „אַסותא" וואָס האָט זי די גאַנצע צייט געהיילט, איז געווען אויך דאָ דער ממונה אויף דער אָפּטיילונג, און האָט געוווּסט וועגן זלאַטעס צושטאַנד. מען האָט איר 2 טעג געגעבן אַ כעמישע באַהאַנדלונג. זלאַטע איז געווען אין אָנשטרענגונג און זייער נערוועז. זי האָט מיך ניט אָפּגעלאָזן פון זיך אויף אַ רגע. זיבן טעג האָט מען זיך מטפּל געווען מיט איר. ס'האָט קיין זאַך ניט געהאָלפן. דעם 7טן יאַנואַר 1981 איז זי ביים פולן באַוווסטזיין אַוועק אין דער אייביקייט...

צו איר יאָרצייט האָב איך אַרויסגעלאָזן אַן אָנדענק־בוך מיט אירע „בלעטלעך פון מיין לעבן", וואָס נחמיה האָט איבערגעזעצט פון יידיש אויף עברית, אַרטיקלען געשריבן דורך איר און וועגן איר, אירע איבערזעצונגען פון לידער פון פּויליש, רוסיש, עברית און יידיש, ווי אויך פאָטאָגראַפיעס. דאָס בוך איז אַרויס אונטערן נאָמען „כזאת היתה המורה זהבה" אין עברית און יידיש — „אַזאַ איז געווען די לערערין זלאַטע".

כ'האָב געשאַפן אַן אָנדענק־קרן ביים גלובאָקער פאַרבאַנד, אָבער זיי האָבן זיך ווייניק אינטערעסירט מיט דעם. איך האָב בלויז צוויי מאָל צעטיילט געלט־פּרעמיעס אויף זלאַטעס נאָמען פאַר קינדער, וואָס האָבן געשריבן וועגן דער שואה.

איצט האָב איך געשאַפן אַ קרן פון סטיפּענדיעס פאַר קינדער וואָס לערנען יידיש אין די גימנאַזיעס פון לאַנד. דער וועלט־פאַרבאַנד פאַר יידיש וועט סוף לערניאָר צעטיילן די סטיפּענדיעס צווישן די שילער.

אין דער שול פון גבעת־שמואל, ווו זלאַטע האָט געאַרבעט, האָב איך געהאָלפן אויפשטעלן אַ מוזיק־צימער אויף איר נאָמען און אַ מאַנדאָלינע־אָרקעסטער. די ערשטע צוויי יאָר נאָך זלאַטעס טויט האָב איך אָרגאַניזירט אין דער שול און אין בית־וילנה איינדרוקספולע געדענק־אָוונטן.

איך בין געבליבן אַליין אין מיינע פיר ווענט. ס׳לעבן גייט מאַנאָטאָן, אָן ענדערונגען. זלאַטע פעלט מיר אויף יעדן טריט און שריט. און אויב מיר פלעגן זיך פון צייט צו צייט איבערריידן, ווי עס געשעט אין יעדן פאַמיליע־לעבן, האָט דאָס ניט געמינערט די ליבשאַפט צווישן אונדז. זי האָט געקאָנט די ערשטע מוחל זיין, האָט געהאַט אַ זייער דינעם הומאָר און ליב געהאַט מענטשן. זי פלעגט זיך שטענדיק קעגנשטעלן, ווען איך האָב געוואָלט עמעצן זאָגן דעם אמת די אויגן. זייער אַ קלוגע, שטענדיק געווען נאָכגיביק. ווי נאָר זי פלעגט זיך באַווייזן צווישן חברים, פריינד, באַקאַנטע, פלעגט ווערן אַ הייטערקייט צווישן די פאַרזאַמלטע...

נאָכן אַרויסגעבן דאָס בוך וועגן זלאַטען האָב איך אויך געמאַכט מיינע אַ געזאַנג־פּלאַטע מיט 13 לידער אין יידיש, באַגלייט פון אַ קליינעם אָרקעסטער. איין ליד, שמערקע קאַטשערגינסקיס „פרילינג", האָב איך געווידמעט זלאַטען, ווייל זי האָט עס אין געטאָ די ערשטע געזונגען. דער גרעסטער טייל לידער זיינען צום אָנדענק פון ווילנער יונגע שרייבער און מוזיקער, וואָס זיינען טראַגיש פאַרשניטן געוואָרן אין דער צייט פון גרויסן חורבן. קיינער איז ניט געבליבן, וואָס זאָל זיי פאַראייביקן, האָב איך עס געפּרוווט טאָן.

✶

דער מאַטעריאַל וואָס איז אַריין אין דאָזיקן זכרונות־בוך איז ניט פון קיין טאָגבוך, נאָר גענומען פון זכרון, פון דערמאָנונגען וועגן געשעענישן אין מיין פּערזענלעכן לעבן, און פּרעטענדירט ניט צו געבן אַ פול בילד פון פּילפּאַרביקן, שטורעמדיקן יידישן געזעלשאַפטלעבן און

קולטור־לעבן אין ווילנע, ירושלים דליטא, צווישןביידע וועלט־מלחמות און בעת דער נאַצי־אָקופּאַציע. איך האָב זיך געמיט אַריינצוגעבן אין בוך פאַקטן, איבערלעבונגען, וואָס קאָנען, ווי איך מיין, זיין באַלערנדיק און אינטערעסאַנט. כ׳האָב ניט געמאַכט אין בוך קיינע אויספירן. כ׳לאָז עס איבער פאַרן לייענער.